STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07616

# ETIKETE

Y. Y. Zevin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# עטיקעטע

א וועג ווייזער פון לייטישע אויפפיהרונג, העפליכקייט און שעהנע מאניערען פאר מענער און פרויען.

צוזאמענגעשטעלט לויט די בעסטע אויטאָריטעטען

— פון —


## תשר״ק.

מיט די מיטווירקונג פון

א. טאַנענבוים, ד. מ. הערמאַלין און אַנדערע.



ניו יאָרק:

היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני

85-83 קאַנאל סטריט

1912.

# ETIQUETTE

**Compiled by TASHRAK.**

---

Copyright 1912 by the Hebrew Publishing Co., New York.

# אינהאלט פערצייכניס:

## ערשטער טהייל

### אַ מענש צווישען לייטען.

דער אומגאַנג מיט מענשען. וואָס איז עטיקעטע און וואָס לערנט זי אונז ........................... 5—8

העפליכקייט ביי די אַלטע פעלקער. העפליכקייט די עלטעסטע טאָכטער פון רעליגיאָן. — העפליכקייטס צערעמאָניען ביי די ווילדע שבטים אין אַפריקאַ, ביי די אינדיאַנער א. ז. וו. — בעגריסונגס צערעמאָניען אין אַלטע צייטען.......... 8—14

די עטיקעטע פון תלמוד. עטהיק און עטיקעטע, דער אונטערשיעד צווישען דיעזעביידע לעהרען, וועלכע שטאַמען פון איין קוואַל. — די אויסערליכע פאָרמען פון מענשליכע אויפ־פיהרונג און די פרינציפען פון מאָראַל. — אַ קצור פון מסכת דרך ארץ רבה און מסכת דרך ארץ זוטא............. 14—26

דזשאָרדזש וואשינגטאָנס רעגעלן פון העפליכען אומגאַנג מיט מענשען. קלוגע און פראַקטישע רעגעלן, געשריעבען פון דעם „פאָטער פון זיין לאַנד“, וועלכע גילטען נאָך היינט...... 26—30

וואָס איז אַ דזשענטלמאַן און וואָס איז אַ ליידי. אַ אידישער לאָרד טשעסטערפיעלד. — ליעבע און רעספעקט פאַר מענ־שען. — אַ משל מיט אַ ברענענדער ליכט. — „קליידער מאַכען

ליוט צום נאַרען". — די קאַראַקטער שטריכען פון אַ דזשענטל־
מאַן. — „די בעסערע העלפט". — וויכטיגע רעגעלן וועגען
ריינליכקייט .............................. 36—30

דער חצוף און דער שעהמעדיגער. אַ קאַראַקטעריסטיק פון דעם
חצוף וואָס וויל שפּיעלען די ראָלע פון חכם. — די מעלות און
די חסרונות פון דעם שעמעדיגען. — איבערטריבענע בושה
און פון וואַנען דאָס נעהמט זיך. — ווי אַזוי דער שעמעדיגער
קען ברעכען זיין שוואַכקייט...................... 41—36

די עטיקעטע פון קליידונג. קליידונג פאַר פרויען — האַרמאָניע
פון קאָלירען. — דיימאַנדס און דזשועלרי. — דער איבערטרי־
בענער פּוץ. — די היסטאָריע פון קליידער. — קליידונג פאַר
יונגע מיידלעך. — קליידונג פאַר עלטערע פרויען. — עקאָ־
נאָמיע אין קליידער. — קליידונג פאַר מענער. — דער געזעץ־
געבער פון דער מענער מאָדע און די יעצטיגע „רעוואָלוציאָן" 64—41

שלום עליכם און זייט געזונד. ווי און ווען מען דאַרף פאַר־
שטעלען. — צופעליגע בעקאַנטשאַפט און צודרינגליכע פריינד־
שאַפט. — דריקען די האַנד, בעגריסען בעקאַנטע. — דער
העפליכער האַנדדרוק. — אַ גוט וואָרט פון דזשאָרדזש וואַ־
שינגטאָן ................................ 68—64

די קונסט פון ריידען. שווייגען איז די מאַסקע פון נאַראָנים. —
ווי צו מאַכען אַ שווייגענדיגען מענשען רעדעוודיג. — קאָנ־
ווערזאַציאָן איז אַ שעהנע קונסט. — די פפליכט פון צוהערען
זיך מיט אַ סבר פנים יפות. — וואָס מען דאַרף אויסמיידען
אין אַ געזעלשאַפטליכען געשפרעך. — אַלגעמיינע רעגלען.... 76—68

ביים טיש. ווי צו גרייטען צום טיש און ווי צו סערווירען די
געסט. — פפליכטען פון ווירטה, ווירטהין און דיענסט. —
אָוועקזעצען די דאַמען. — אויסמישען פּאָרלאַך. — קינדער
ביים טיש. — פפליכטען פון יעדען גאַסט צו די אַנדערע

געסט. — הלכות גאפעל, לעפעל און מעסער. — די נעפקין און די „פינגער באול“ (מים אחרונים). — רעגעלן וועגען פרוכט עסען און אנדערע טיש רעגעלן.................76—87

**אין אפערא און אין טהעאטער.** א ביסעלע הארטע רייד. — וואָרום פערגלייכט מען א אידישען טהעאטער מיט א אידישע חתונה ? — די פפליכט פון קומען פריה. — ארויסגעהן צווי־שען די אקטען. — עסען אין טהעאטער. — אלגעמיינע אָרד־נונג. — אפלאָדירען אין מיטען אקט.................87—89

**אויף א באל.** זאָל א מיידעל געהן אליין צו א באָל ? — די מאָ־דערנע פרויען. — א בעגלייטער און א שאפעראָן. — רעגעלן וועגען אננעהמען א פארטנער צום טאנץ. — די אויפפיהרונג פון מיידלעך אויף א באל.......................89..93

**די עטיקעטע פון רויכערען.** מעגען פרויען רויכערען ? — עטי־קעטע פון רויכערען אין פערשיעדענע לענדער. — איז רוי־כערען געזונד אָדער אונגעזונד ? — אלגעמיינע רעגעלן וועגען רויכערען ................................93—98

**די עטיקעטע פון טרינקען.** זאָלען פרויען טרינקען ? — ווען און וואָס עס איז פאסענד צו טרינקען. — די שטראָף פון א שכור. — „משקה“ און „כיבוד“...................98—103

**ביים קארטען שפיעל.** די שפיעל פון טייפעל. — אידען זיינען ליידענשאפטליכע קארטען שפיעלער. — מיט וועמען מען דארף ניט שפיעלען און מיט וועמען מען קען יא. — דער מענש זעהט זיך ארויס פון זיין שפיעלען. — איינגעהאלטענקייט און העפליכקייט ביים קארטען טיש.................103—107

**אויף מיטינגען און פערזאמלונגען.** א פעראיין אָדער א לאדזש אלס ערציהונגס אנשטאלט. — די פפליכט זיך צוהערען צו אנ־

דערע. — לאנגע רעדען זיינען אַ לאַסט פאַר מענשען. — עהרע און עמטער. — פפליכטען פון אַ פרעזידענט............. 114—107

---

אין שוהלען און בתי מדרשים. אַ ביסעלע שטראָף רייד צו אונזערע ליעבע אידען. — די אידישע שוהל אַ מאָל. — די שעהנע אָרדנונג ביי די רעפאָרמער. — וואו עס פעהלט דיסציפּלין. — ווען אַ פריידענקער קומט אין שוהל. — רייניליכקייט און געטליכקייט .............................. 118—114

---

ערהאָלונג און פערגניגען אין זומער צייט. אַ וועקיישאָן איז אַ נויטהווענדיגקייט. — געהן אויף אַ פאַרם. — באָרדינג הייזער געזעלשאַפט. — די פרוי וואָס איהר מאַן איז פערבליעבען אין שטאָדט. — טיש עטיקעטע אין אַ זומער האָטעל. — צופעליגע בעקאַנטשאַפט מיט פרעמדע מענשען.................. 124—118

---

אויף דער רייזע. די דאַמע וואָס רייזט אַליין. — די רייזע עטיקעטע פון אַמעריקאַ און איראָפּא און אין וואָס זיי אונטערשיידען זיך. — עטיקעטע אין וואַגאָן. — עטיקעטע אויף קאַרס א. ד. ג. — ליעבע צו מענשען איז העכער פון אַלעס...... 131—124

---

עטיקעטע אין גאַס. העפליכקייט אין גאַס. — שטעהן, שמועסען, און פארשטעלען דעם וועג. — בירגערליכע פעראַנטוואָרטליכקייט. — געהט אימער רעכטס. — די געוואוינהייט פון טראָגען אַ רעגענשירם. — נודניקעס אין גאַס. — בעגעגענען בעקאַנטע אין גאַס. — העפליכקייט צו אונבעקאַנטע........ 136—131

---

עטיקעטע אין פּאַרק. פון וואַנען נעהמט זיך דער צערשטערונגס גייסט. — אַ פּסיכאָלאָגישע ערקלעהרונג. — דער איד וואָס האָט אויסגעריסען זיין „חלק“ פּאַרק. — „טרעט ניט אויף דעם גראָז“. — רעספּעקט פאַר קהל'שען אייגענטהום. — פּיקניקס אין פּאַרק. — אנשטענדיגקייט צווישען יונגע פּאָרלעך.... 141—136

# צווייטער טהייל

## ליעבע, הייראטה און פאמיליען לעבען.

ליעבע. וואס מיר ווייסען און וואס מיר ווייסען ניט פון ליעבע. — די נאטור אלס שדכן. — „א מאנ'ס הארץ דערגרייכט מען דורכ'ן מאגען“. — ווי אזוי אנצוהאלטען די געגענזייטיגע ליעבע. — צוויי קערפערס מיט איין נשמה............145—151

די בליץ־ליעבע. ליעבע ביים ערשטען אנבליק. — א פילאזאפישע ערקלעהרונג, וועלכע ערקלעהרט ניט. — בליץ־ליעבע ביי על־טערע מענשען. — געפאהרען פון דער בליץ־ליעבע ווי עס איז בעוויזען אין ביכער און אין לעבען...............151—155

די מעלות וואס א פרוי זוכט אין א מאן. מענער וואס קענען זיך פערשטעלען. — די מייסטע פרויען זוכען שטארקע מענער, גבורים. — געזונדע, שטארקע פרויען זוכען גייסטיגע מעלות. — דעם מאנ'ס קליידונג איז די ערשטע זאך וואס א פרוי בעמערקט. — בענעהמונג און מאניערען די וויכטיגסטע מעלות וואס א פרוי קען שעטצען. — די פפליכט פון מענער צו פיהרען א ריינעם לעבען........................155—162

די מעלות וואס א מאן דארף זוכען אין א פרוי. זויבערקייט און בריה'שאפט די הויפט מעלות, נעקסט קומט געזונדהייט. — פרויען וואס „פיעסצען“ זיך. — קאקעטעריי איז א שלעכטער וואפען. — א היים זיצערין אלס דער אידעאל פון מאן....162—168

די ריכטיגע צייט חתונה צו האבען. די פיזיאלאגישע זייט פון דער פראגע און די מאטעריעלע. — ווען פאנגען מיר אן צו ליעבען? — די ערשטע ליעבע. — די „צובראכענע“ הארץ..168—172

אורזאכען וואס פיהרען צו „פערזיטצען“. שעהמעדיגקייט א

גרויסע שטערונג. — די שפּראַך פון ליעבע. — אַנדערע אורזאַכען. — גרויסע ליוט וואָס האָבען קיינמאָל געהייראַט.... 172—176

---

זיך שפּיעלען מיט ליעבע. די קאָקעטקע און דער פוסטער פראַנט. — קאָקעטע דאַמען פון אַלטע צייטען. — דאָס רעכט אויף „פלוירטען" און מיט וועמען. — ריינע פריינדשאַפט צווישען מענער און פרויען. — האַלטען אויפ'ן שטריקעל........ 176—181

---

די שווייגענדע ליעבע. ווען די ליפּען קענען ניט זאָגען וואָס דאָס האַרץ פיהלט. — שעהמעדיגע פערליעבטע. — פערשיעדענע פאָרמען פון ליעבעס ערקלעהרונגען דורך בריעף...... 181—187

---

די פפליכטען פון א פרויענצימער און דאָס רעכט פון עלטערן. — ווי אנצונעהמען אַ הייראַטס אנטראג און ווי צו ענטזאגען. — פאָרמען פון אננעהמען און ענטזאגען אַ פאָרשלאג. — די פפליכט פון קינדער צו בעראטהען זיך מיט עלטערן...... 187—192

---

די אויפפיהרונג פון אַזעלכע וואָס קענען זיך ניט פעראייניגען. די אויפיהרונג פון דעם „ענטזאַגטען". — ווי זאָל די דאַמע בעהאַנדלען דעם אונגעווינשטען פערליעבטען? — טרייסט פאר דעם וואָס קען די ליעבע ניט געווינען............... 192—196

---

די פערלאָבונג. די וויכטיגקייט פון צערעמאָניע. — דער רינג. — ווי די אָרימע זוכען צו איבערשטייגען די רייכע. — דער פערלאָבונגס „דינער" אָדער רעסעפּשאָן. — די אונאָפיציעלע פערלאָבונג ............................. 196—201

---

די אויפלעזונג פון א פערלאָבונג. די „תנאים צייט" אַלס אַ „טרייעל מעררידזש", אָדער פּראָבע הייראטה. — צוליעב וועלכע זאַכען אַ שידוך דאַרף אויפגעלעזט ווערען. — ווען איז פריהער בעסער ווי שפּעטער. — אבשיקען פּרעזענטען..... 201—206

---

די געגענזייטיגע בענעהמונג פון חתן כלה. די פפליכט פון זיין

אויפריכטיג איינער מיט'ן אנדערען. — סודות פון דער פער־
גאנגענהייט — זאכען וואס מען דארף דערצעהלען און זאכען
וואס מען דארף פערשוויייגען. — רעליגיעזע געזינונגען....206—211

צווישען תנאים און חתונה. א העראליכע פעריאדע אין מענשענ'ס
לעבען. — זאלא'ס עצה צו א חתן. — אויפפיהרונג פון חתן־
כלה אין געגענווארט פון פרעמדע און אין דרויסען. — ווי
אפט דארף א חתן בעזוכען זיין כלה ? — די עטיקעטע פון
פרעזענטען. — וויפיעל צייט דארף זיך ציהען פון די תנאים
ביז צו דער חתונה ?..........................211—218

די צערעמאניע פון דער חתונה. ווי די ארימע זוכען צו איבער־
שטייגען די רייכע אין פוץ. — פערשיעדענע צערעמאניעס און
שמחות. — פראקטישע פלענער פאר שעהנע און פראקטישע
חתונות ..............................218—222

פפליכטען פון מחותנים און האנדלונגען פון פריידענקער. די
אפיציעלע פערטרעטער פון א חתונה. — א פעראייניגונג פון א
פריידענקער מיט א רעליגיעזען. — ווי זאל מען האנדלען ? —
פערשיעדענע „וועדדינג אנייווערזארים“..............222—228

מאן און פרוי. וואס א מאן דארף זיין צו זיין פרוי און וואס זי
דארף זיין צו איהם. — זייערע רעכטע און פריווילעגיען. —
פארשריפטען צו פערהיטען דעם שלום בית. — זאכען אין
וועלכע דער מאן דארף פאלגען זיין פרוי..............228—238

אייפערזוכט. אייפערזוכט א רעזולטאט פון ליעבע. — פערשיע־
דענע זארטען אייפערזוכט. — פון וואנען שטאמען א בעזונ־
דערע מאראל פאר מענער און א בעזונדערע מאראל פאר
פרויען ? — די גרעסטע פעראנטווארטליכקייט ליעגט אויף
דער פרוי ..........................238—245

שוואנגערשאפט. דער נאטירליכער געפיהל פון בושה. — דאס

רעכט פון א שוואנגערע פרוי אין געזעלשאפט. — כבודה בת מלך פנימה. — קליידונג פאר א שוואנגערע פרוי........245—249

קינדער ערציהונג. ריינליכקייט. — קינדער שפיעלע. — עטיקעטע צווישען עלטערען און קינדער. — לערנען זאגען דעם אמת. — זאל מען געבען געלד צו קליינע קינדער ?............249—259

# דריטער טהייל

## פערשיעדענע ארטיקלען.

די שיידונג. צוליעב וואס מען האט איינגעפיהרט די שיידונג. — אורזאכען וואס פיהרען צו שיידונג און צוליעב וועלכע עס איז א פפליכט זיך צו שיידען. — די פרויע שיידונג......263—271

טרויער. טרויער ביי ווילדע — דער שטילער טרויער פון ציוויליזירטע מענשען. — די פיקניקס אויף אידישע לויות. — עטיקעטע פון נחום אבלים. — קליידונג אין צייט פון טרויער. — ווי לאנג דויערט די צייט פון טרויער.............271—277

טעלעפאן העפליכקייט. צוויי מענשליכע קאנטראסטען. — די צרות פון „סענטראל“. — „נאמבער פליעז !“ — פרייגדליכקייט און העפליכקייט דער גרונד פרינציפ. — אנדערע כללים פון טעלעפאן עטיקעטע.........................277—279

אויף וויזיטען. מאכען אן אפאינטמענט. — קומען פינקטליך צו דער צייט. — עטיקעטע פאר א פערשפעטיגטען. — ווי אפט דארף מען בעזוכען א פריינד ? — א פירוש אויף אן איינלאדונג. — ווי לאנג דארף מען א גאסט פערבלייבען. — מיט וואס איז מען מכבד ?...........................279—284

לשון הרע. וואָס יונגע לייט ריידען צווישען זיך און וואָס זיי דארפען נים ריידען ........................ 287—284

זאַכען וואָס איהר דארפט געדענקען. קורצע כללים וועגען עטי־קעטע. — גרויסע קלייניגקייטען וואָס יעדער מענש וואָס קומט צווישען לייטען דארף זיך איינשטודירען און זיי אָבהיטען.. 294—287

בילדונג די שעהנסטע ציערונג אין געזעלשאַפט. וואָס איז ביל־דונג ? וואָרום עלטערען ווערען ענטוישט פון געבילדעטע קינדער. — צעהן כללים. — קאַראַקטער בילדונג איז די הויפּטזאַך. .............................. 298—294

העפליכקייט צווישען פריינד. פאַמיליאַריטעט ברענגט צו פער־אַכטונג. — צו פיעל „גוט ברודערשאַפט“ ברענגט צו שנאה. — גראָבע רייד „בדרך חיבה“.................... 301—298

נבול פה. דער אונשולדיגער צווישען די וואוילע יונגען. — רוצחים וואָס מערדערען די אונשולד................ 303—301

זאָל זיך אַ פרוי פוצען ? פאַרב און פּודער. — די קאָרסעטען פראַגע. — די ערקלעהרונגען פון אַ פרוי וואָס איז נים שעהן. — פרויען וואָס האָבען פיינד פוטץ. — די ערצעהלונג פון אַ פערהייראַטהען מאַן. — זאָל אַ פרוי זיך פוצען ?.... 307—303

„מעשען“ אָדער „פלוירטען“. דריי זיידענע יונגע לייט. — די שעפּען זיך צו פרעמדע פרויען אַלס אַ „ספּאָרט“. .. די שטראָף פון אַ „מעשער“ ...................... 310—307

# ערשטער טהייל

## א מענש צווישען לייטען

# דער אומגאנג מיט מענשען

## וואָס איז עטיקעט און וואָס לערנט זי אונז ?

עטיקעטע איז די לעהרע פון העפליכקייט, די לעהרע פון דעם אומגאנג מיט מענשען, פון העפליכקייט, שעהנע מאַניערען און גוטע זיטען, דרך ארץ, ווי די אַלטע אידישע קלוגע מענער האָבען עס גערופען. דאָס איז אַ וויכטיגער טהייל פון וויסען און קענען, וועלכער איז נאָטהווענדיג פאַר יעדען, וועלכער לעבט אין אַ ציוויליזירטער מענשליכער געזעלשאַפט. גרויס אָדער קליין, רייך אָדער אָרים, יעדער, ווער עס לעבט צווישען מענשען, יעדער, ווער עס דאַרף זיך צונויפקומען מיט מענשען, יעדער, ווער עס דאַרף רעדען און זיך אונטערהאַלטען מיט מענשען, מוז וויסען, ווי אַזוי אומצוגעהן מיט מענשען, ווי אַזוי זיך צו מאַכען בעליעבט און ווי אַזוי זיך צו מאַכען אַנגענעהם ביי מענשען.

עטיקעטע אָדער דער אומגאַנג מיט מענשען איז אַ פילאָזאָפיע און אַ וויסענשאַפט. עס איז אַ פילאָזאָפיע, ווייל זי לערנט, ווי עלטערן זאָלען זיך בענעהמען מיט זייערע קינדער, ווי אַזוי זיי זאָלען ערציעהען און ארומגעהן ארום זייערע קינדער און ווי אַזוי זיי זאָלען מאַכען פון זייערע קינדער גוטע, העפליכע, אנשטענדיגע, אנגענעהמע מענשען. עס איז אַ פילאָזאָפיע, ווייל זי לערנט, ווי מאַן און פרוי זאָלען זיך בענעהמען אין דער היים און צווישען מענשען, ווי זיי זאָלען האנדלען פערנינפטיג איינער געגען דעם אנדערן און ווי זיי זאָלען שעצען און אכטען און רעספּעקטירען איינער דעם אַנדערן. עס איז אַ פילאָזאָפיע, ווייל עס לערנט יעדען, ווי ער זאָל זיך אויפפיהרען, ווי ער זאָל זיך בענעהמען, ווי ער זאָל רעספּעקטירען זיך אַליין און אַנדערע מענשען, ווי ער זאָל זיך מאַכען בעליעבט ביי מענשען, מיט וועלכע ער דאַרף זיך צונויפקומען וועגען זיין בערוף אָדער וועגען אונטערהאַלטונג, וועגען געזעלשאַפטליכע ציעלע און צוועקע.

„איזהו מכובד ? המכבד את הבריות". ווער ווערט גערהרט ? — ווער עס עהרט אנדערע מענשען, איז די ערהאבענע פילאזאפיע פון די אלטע לעהרער פון דעם אידישען פאלק. דאס איז אבער א פילאזאפיע, אויסגעשפראכען אין גאנץ קורצע ווערטער. אום עס צו פערשטעהען, אום עס אויסצואיבען, אום צו ווערן געשעצט און געאכטעט פון מענשען, מוז מען קענען די רעגעלן, פארשריפטען און די געזעלשאפטליכע פארמען פון העפליכקייט.

דער אומגאנג מיט מענשען אדער עטיקעטע איז אויך א וויסענשאפט און זאגאר א שטרענגע וויסענשאפט, ווי די כעמיע. דער כעמיקער האט פאר זיך פערשיעדענע שטאפען, אלערליי סארטען מעטאלען און מינעראלען, וועלכע פאסען ניט איינער צום אנדערן, וועלכע מען קען, דאכט זיך, אויף קיין פאל ניט פעראייניגען, ניט פערבינדען און ניט האלטען צוזאמען, די כעמיע האט אבער אויסגעפונען און געפינט אוים יעדען טאג מיטעל און וועגען, ווי אזוי צו פעראייניגען שטאפען און מאטעריאלען, וועלכע געהערן גאר ניט איינער צום אנדערן.

מענשען זיינען אויך פערשיעדענע מאטעריאלען. יעדער מענש האט אנאנדער כאראקטער, אנדערע געוואהנהייטען, אנדערע נייגונגען, זיינע אייגענטהימליכע סימפאטהיען און אנטיפאטהיען. יעדער מענש איז אן „עולם קטן", א קליינע וועלט פאר זיך.

מענשען קענען ניט גלייך זיין. יעדער מענש האט אין זיך פון דער נאטור געוויסע שארפע קאנטען, געוויסע אונאנגענעהמע שפיצען און קניפלעך, ווי די קנאטען (סוקעס) פון א בוים. ווען ער קומט זיך צונויף מיט מענשען, ווייזט ער ערשט ארויס זיינע אונאנגענעהמע זייטען, זיינע שארפע קאנטען, זיינע הארטע קניפלעך. די וויסענשאפט פון דעם אומגאנג מיט מענשען אדער העפליכקייט זוכט און פארשט די מיטעל און די וועגען, ווי אזוי אפצוהובלען דיזע קאנטען, ווי אזוי אפצונלעטען די שארפע שפיצען פון זיין כאראקטער, ווי אזוי איהם צו פערפיינערן, צו פערבעסערן צו פערעדלערן, ער זאל קענען זיך צונויפקומען מיט אלערליי מענשען און זאל זיך מאכען בעליעבט און אנגענעהם.

דאס דייטשע ווארט „העפליכקייט" בעדייטעט אייגענטליך די

מאַניערן, זיטען, געברויכע און געוואָהנהייטען, וועלכע ווערן געברויכט און געפאָדערט אין א הויף פון א קעניג אָדער א פירסט, וואו עס קומען זיך צונויף די בעסטע, די געבילדעטסטע און די עדעלסטע מענער און פרויען פון דעם לאַנד. דאָס איז אָבער געווען אמאָל, ווען דאָס פאָלק איז ווירקליך געווען גראָב און פערווילדעט. היינט הייסט העפליכקייט דאָס בענעהמען פון יעדען מענשען געגען דעם אנדערן. פיעל ריכטיגער זיינען די אויסדריקע פון העפליכקייט אויף ענגליש און פראַנצויזיש, פּאָליטנעס אויף ענגליש און „פּאָליטעסס" אויף פראַנ־צויזיש בעדייטען פיינהייט, געשליפענהייט, אָפּלאַקירט און פּאָלירט. דער מענש, וועלכער ווייס און פערשטעהט, ווי זיך צו בענעהמען מיט מענשען, ווי ארומצוגעהן מיט מענשען און ווי זיך צו מאַכען אנגע־נעהם ביי מענשען, איז ווירקליך געשליפען, ווי א דיאַמאַנט, און פּאָ־לירט (געוואַרנישט), ווי א טהייער שטיק מעבעל.

עטיקעטע איז אן אונגעהויער גרויסע און רייכע וויסענשאַפט. זי אומפאַסט דאָס גאַנצע לעבען פון דעם מענשען, פון דעם וויעגעלע ביז צו די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען. מען דערצעהלט פון דעם ענגלישען קעניג קאַרל דעם 2טען, אז איינינע מינוט פאַר זיין טויט זיינען געשטאַנען לעבען זיין בעט זיינע מיניסטאָרען און די קעניגליכע פּרינצען. קעניג קאַרל האָט געפיהלט, אז ער שטאַרבט. ער האָט זיך געווענדעט צו זיינע מיניסטאָרען און האָט געזאָגט: „ענטשולדיגט מיר, מיינע הערען, איך קען מעהר ניט רעדען". דאָס איז אן אַקט פון העפליכקייט אין די לעצטע מינוטען פון לעבען. העפליכקייט אומפאַסט דאָס בענעהמען פון א מענשען אלס קינד, אלס יונגער־מאַן, אלס פערליעבטער, אלס פערהייראַטהעטער מאַן, אלס פאָטער פון קינדער, אלס געשעפטס־מאַן און אלס מענש אין יעדער לאַגע פון לעבען. העפליכקייט אומפאַסט די אויפפיהרונג און דאָס בענעה־מען פון יעדען מענשען פון פריה מאָרגען, ווען ער שטעהט אויף פון בעט און דאַרף זיך בעגעגענען מיט זיין פרוי, מיט זיינע קינדער, מיט זיין הויז־געזינד און מיט אַנדערע מענשען, ביז שפּעט ביי נאַכט, ווען ער דאַרף זיך לעגען שלאָפען.

א מענש, וועלכער ווייס ניט, ווי זיך צו בענעהמען, ווי אומצו־געהן מיט מענשען, איז העסליך, אבשטויסענד און פעראַכטענס־ווערטה. מיר קענען ניט זיצען אין א געזעלשאַפט לעבען א גראָבען

מענשען, וועלכער האט קיינע מאניערען, קיין געפיהל פון אנשטענדיג־קייט און קיין בעגריף פון העפליכקייט.

עטיקעטע מוז מען לערנען און דארום האבען אויך אלע ציווילי־זירטע פעלקער גאנצע ביכער איבער דעם אומגאנג מיט מענשען און איבער די העפליכקייטס רעגעלן און פארמען, וועלכע זיינען אזוי נע־טהיג פאר יעדען. די גאנץ אלטע אידישע געלערנטע האבען געפונען פאר נעטהיג אנצושרייבען דאריבער צוויי ביכער: „מסכת דרך ארץ רבה" און „מסכת דרך ארץ זוטא". אידען זיינען אמאל געווען דאס העפליכסטע פאלק אין דער וועלט, ווי מיר וועלען עס שפעטער בע־שרייבען אויספיהרליכער. לײדער, האבען אידען אין דער לעצטער צייט אין גאנצען פערגעסען די ערהאבענע לעהרע פון העפליכקייט, וועלכע זייערע גרויסע לעהרער האבען זיי געלערנט.

אויף אידיש, די געוועהנליכע שפראכע פון אידען אין אונזער צייט, געפינט זיך קיין איינציגעס בוך איבער דעם אומגאנג מיט מענ־שען און דארום האבען מיר זיך ענטשלאסען ארויסצוגעבען אויף אידיש א בוך איבער עטיקעטע.

---

## העפליכקייט ביי די אלטע פעלקער

**העפליכקייט די עלטסטע טאכטער פון רעליגיאן. — העפליכ־קייטס צערעמאניען ביי די ווילדע שבטים אין אפריקא, ביי די אינדיאנער א. ז. וו. — בעגריסונגס צערעמאניען אין אלטע צייטען.**

---

העפליכקייט איז די עלטסטע טאכטער פון רעליגיאן. ווי אונ־וויסענד און ווי ווילד א פאלק איז האט עס א געוויסע פארם פון רעליגיאן. עס האט מורא פאר די נאטור־קרעפטע, עס האט מורא פאר דעם גרויסען גייסט, עס האט מורא פאר בייזע גייסטער. עס געפינט פאר נעטהיג צו עהרען, אפצוגעבען כבוד, דעם גאט אדער דעם גייסט, וועלכער קען איהם נוצען אדער שאדען. מען געוועהנט זיך צו שטעהן פאר א גאט מיט אן אנגעבויגענעם קאפ. מען ווערט געוואהר, אז איין מענש קען גיכער צוקומען צו דיעזען גאט און מען גיט אפ כבוד אויף

דיעזען מענשען. ער ווערט א פריעסטער, א גייסטליכער, א מעדיצין־מאן, וועמען מען דארף האבען פאר א פריינד און מען פערבייגט זיך פאר איהם, ווי פאר דעם גאט.

פון דעם פריעסטער איז דער רעספעקט און דאס אבגעבען איינעם עהרע איבערגעגאנגען צום פאטער פון דער פאמיליע. אזוי ווי דער גאט גיט דעם מענשען אלעס גוטע, אזוי גיט דער פאטער זיינע קינדער אלעס גוטע און מען דארף איהם עהרען. פון דעם פאטער איז דער רע־ספעקט און דאס אבגעבען כבוד איבערגעגאנגען צום קעניג אדער צום העלד, צום הויפטלינג פון דעם פאלק.

וואס מעהר א רעליגיאן אדער גלויבען אדער, לאמיר זאגען אן אבערגלויבען האט זיך ענטוויקעלט אין א פאלק, אלץ מעהר פארמען פון העפליכקייט, פון געוויסע צערעמאניען און פון געוויסע פארמאלי־טעטען האבען זיך ענטוויקעלט אין דיעזען פאלק.

די ניאם־ניאם, א זעהר ווילדעס פאלק אין אפריקא, האבען העפליכקייטס צערעמאניען, וועלכע האבען איבערראשט די ערשטע אייראפעער, וועלכע האבען בערייזט זייער לאנד. ווען עטליכע מענ־שען זעצען זיך טרינקען און זיי מוזען אלע טרינקען פון איין כלי, גע־וועהנליך א לעהמענע טאפ אדער די שאלעכץ פון א קאקאס־נוס, ווישט יעדער אפ דעם זוים פון דעם קאקאס־ניס, ווען ער האט אפגעטרונקען און גיט איהם דעם אנדערן צו טרינקען. זיי ווייסען ניט פון היגיענא, עס איז ביי זיי אן אקט פון העפליכקייט, ווייל ווען זיי ברענגען א טאפ מיט וואסער אדער מיט האניג צו זייער גאט, דארף דער זוים זיין גאנץ ריין.

די אהטים, א צווייטעס זעהר ווילדעס פאלק אין אפריקא, האל־טען זייער גאט פאר גאנץ אלט, און דארום ווען א יונגער מאן דער־זעהט אן אלטען מאן, בייגט ער אן דעם קאפ און בלייבט שטעהן. דאס איז א רעליגיעזע העפליכקייט.

ווען די איינוואוינער פון די טאנגא אינזלען האלטען א פייערטאג, געוועהנליך איז עס, ווען זיי האבען געכאפט פיעל פיש אדער ווען זיי נעהמען אראפ די פריכטע פון זייערע בוימער, שטעלט זיך אויף דער הויפטלינג אדער דער עלטסטער פון דער אינזעל און האלט א רעדע פאר די יונגע־לייט, אז זיי זאלען אפגעבען כבוד זייערע עלטערן און

אלע מענשען, אז זיי זאָלען ניט לאַכען, ווען זיי זעהן אן אונגליקלי־כען אָדער א פערקריפּעלטען מענשען.

ביי די אַלטע אינדיאַנער פון אַמעריקא איז געווען אויסגעארבייט א גאַנצער קאָדעקס, א גאַנצע תורה, פון העפליכקייטען, צערעמאָ־ניען און פאָרמאַליטעטען. ווען אַלטע מענשען זיינען געזעסען ארום א פייער, האָבען די יונגע־לייט געמוזט שטעהן. ווען אַלטע מענשען האָבען גערעדט, האָט א יונגער־מאַן ניט געטאָרט זיך אריינמישען אין זייער געשפּרעך.

אין דעם גאַנץ אַלטען עגיפּטען, וועלכעס איז געווען דאָס רעלי־גיעזעסטע לאַנד אין דער וועלט, זיינען אויסגעארבייטעט געוואָרען רעגעלן און פאָרמען פון העפליכקייט, פון וועלכע מיר קענען יעצט קוים האָבען א בעגריף. דער קעניג פלעגט זיין אזוי געשעצט און גע־עהרט, אז קיינער האָט ניט געטאָרט ארויסזאָגען זיין נאָמען. מען פלעגט איהם רופען פּרעה אָדער פּי־רא, דאָס הויכע הויז, דער אדון הגדול. נאָך דעם קעניג פלעגט מען אָפּגעבען כבוד די פּריעסטער און נאָך די פּריעסטער — דעם פאָטער פון דער פאַמיליע. פרויען און קינדער פלעגען ניט עסען אין דער געגענוואַרט פון דעם פאָטער. דער קעניג אָבער פלעגט עסען גאַנץ אַליין. קיין מענש, זאָגאַר זיינע נאָ־הענטסטע קרובים, פלעגט ניט טאָרען זעהן, ווי ער עסט.

דיעזע צערעמאָניע ווערט נאָך יעצט שטרענג אָבגעהיט אין דעם הויף פון קעניג מענעליק פון אביסיניען.

די אַלטע גריעכען און רוימער, וועלכע האָבען געהאַט א גוט אויסגעארבייטעטע רעליגיאָן, האָבען אויך געהאַט א גוט אויסגעאר־בייטעטע עטיקעטע און העפליכקייטס צערעמאָניען צווישען עלטערן און קינדער, מענער און פרויען, בעאַמטע און פאָלק, סאָלדאַטען און זייערע אָפיציערן און זאָגאַר אין דער געשעפטס־וועלט.

## בעגריסונגס צערעמאָניען אין אַלטע צייטען.

זייט מענשען געדענקען, זייט מענשען זיינען געקומען צו זייער פערשטאַנד און האָבען אָנגעהויבען צו וואוינען אין געזעלשאַפטען האָט זיך אויסגעארבייטעט א זיטע, א מנהג, א העפליכקייטס פאָרמאַלי־טעט, אז ווען מען קומט זיך צונויף, ווען מען בעגעגענט איינער

דעם אנדערן אָדער ווען מען צוגעהט זיך, מען נעהמט אבשיעד פון דעם אנדערן, זאָל מען זיך בעגריסען, זאָל מען זאָגען איינער דעם אנדערן א פריינדליכעס וואָרט אָדער מען זאָל ארויסווייזען יענעם פריינד־ליכקייט און אז ער איז אונז ליעב דורך זיך ארומנעהמען, זיך קו־שען, ווען מען בעגעגענט א גאַנץ גאָהענטען מענשען, אָדער דורך דריקען די הענד, זיך פערנייגען, אראָפּנעהמען דעם הוט אָדער ארויפ־לעגען די האנד אויפ'ן הארצען.

דיעזע העפליכקייטס פאָרמאַליטעט געפינען מיר ביי די ווילדעסטע פעלקער אין דעם דונקעלסטען אפריקא, ווי ביי די עסקימאסען ארום דעם קאַלטען נאָרד־פּאָל, ווי אין דעם סאלאָן פון א פראנצויזישען גראף אָדער אן ענגלישען לאָרד. די צערעמאָניען זיינען פערשיעדען, אָבער זייער בעדייטונג, זייער זינן, בלייבט דערזעלבער: פריינד־ליכקייט און העפליכקייט.

מיר מעגען לאַכען, ווען רייזענדע דערצעהלען אונז, אז ווען צוויי עסקימאָסען, וועלכע האָבען זיך לאַנג ניט געזעהן, בעגעגענען זיך ענדליך, לעגען זיי צו איין נאָז צום אנדערן און רייבען זיך די נעזער. דאָס איז אזא העפליכע בעגריסונג, ווי צוויי איירא‏ָפּעער אָדער אמערי־קאנער, וועלכע בעגעגענען זיך און זיי דריקען איינער דעם אנדערן די האנד, „שייקינג הענדס", ווי דער ענגלענדער רופט עס. מיט וואָס איז א האנד בעסער פון א נאָז?

דער גרוס אָדער די פאָרם, ווי אזוי צו בעגעגענען א פריינד, א בעקאַנטען, אן עלטערן אָדער העכערן מענשען פון זיך, איז די וואה־רע פּאָעזיע פון יעדעם פאָלק. דער גרוס כאראקטעריזירט א פאָלק און ער כאראקטעריזירט יעדען איינציגען מענשען. נאָך זיין בעגריסען א פריינד אָדער א בעקאַנטען קען מען אורטהיילען איבער דעם מענשען. א געבילדעטער מענש וויים, ווי אזוי צו בעגריסען א פריינד אָדער א פרעמדען.

ביי די אידען אין די גאַנץ אַלטע צייטען איז די צערעמאָניע פון בעגריסען זיך געווען גענוי אויסגעארבייטעט און די רעגעלן גענוי בע־שטימט און פעסטגעזעצט. פאר א קעניג פלעגט מען פאלען מיט'ן געזיכט צו דער ערד. דאָס האָט געהייסען אויף העברעאיש „השתחויה". א קעניג האָט מען אָבגעגעבען די זעלבע עהרע, וואָס א גאָט. אין טעמ־פּעל, אין בית המקדש אָדער פאר דעם ארון הקודש פלעגט מען פאלען

אויף די קניע און אָנבויגען דעם געזיכט צו דער ערד. פאַר אַ גרויסען מאַן פלעגט מען פאַלען אויף די קניע. דאָס האָט געהייסען „קידה". נאָהענטע פערוואַנדטע פלעגען זיך ארומנעהמען און זיך קושען. אַ בעקאַנטען אָדער פרעמדען מענשען פלעגט מען בעגריסען אין נאָמען פון גאָט. רעליגיאָן איז די מוטער פון העפליכקייט.

מיר געפינען אין דער ביבעל, ווען בועז איז ארויסגעגאַנגען אויף זיינע פעלדער און האָט דערזעהען זיינע ארבייטער, האָט ער געזאָגט צו זיי: „ד' עמכם!" גאָט מיט אייך! און זיי האָבען איהם געענטפערט: „יברכך ד'!" גאָט זאָל דיך בענשען! דאָ האָבען מיר דעם גאַנץ אַלטען אידישען גרוס אָדער העפליכקייטס פאָרם צווישען ארבייטער און ארבייט געבער. פון דריקען די האַנד האָט מען ניט געוואוסט אין די אַלטע צייטען. שפּעטער האָט זיך אויסגעארבייט די פאָרם פון דעם גרוס מיט שלום. „השלום לך?" איז ביי דיר אַלעס אין פריעדען? ווען עס פלעגט קומען אַ גאַסט, פלעגט מען איהם בעגריסען מיט די ווערטער: „שלום בואך!" דיין קומען זאָל זיין מיט פריעדען. דיעזער גרוס איז שפּעטער איבערגעמאַכט געוואָרען אויף „שלום עליכם!" וועלכער ווערט נאָך היינט געברויכט ביי אידען. דעם גרוס פון „צפרא דמרא טב!" אָדער גוט מאָרגען! האָבען די אידען איבערגענומען פון די רוימער, וועלכע האָבען געגלויבט, אַז עס זיינען דאָ גוטע און שלעכטע טעג און דארום פלעגען זיי בעגריסען איינער דעם אַנדערן מיט „גוט מאָרגען!" אָדער מיט „אַ גוטען יאָהר!" דערפון האָט זיך אויך אויסגעבילדעט ביי אידען דער נאָמען „יום טוב", „ימים טובים" אָנשטאָט חג, פייערטאָג.

דער גרוס איז געוואָרען ביי אידען אַ געבאָט, אַ מצוה. „אמרו על ר' יוחנן בן זכאי, שלא הקדימו אדם שלום מעולם, אפילו גוי בשוק". פון דעם גרויסען אידישען געלעהרענטען רבי יוחנן בן זכאי דערצעהלט מען, אַז זיין לעבען לאַנג האָט איהם פריהער קיינער ניט בעגריסט. ער פלעגט דער ערשטער בעגריסען יעדען מענשען, וועלכען ער האָט בעגעגענט, זאָגאַר אַ גוי אויף דער גאַס.

„מרגלא בפומי דאבא: לעולם יהי אדם מענה רך ומשיב חמה ומדבר שלום עם כל אדם, אפילו עם גוי בשוק". אבא פלעגט שטענדיג זאָגען: אַ מענש דאַרף זיין פריינדליך, ענטפערן העפליך, ניט ארויסרופען יענעמס צאָרן און ניט ארויסווייזען זיין אונצופריעדענהייט. ער

דארף בעגריסען יעדען פריינדליך, זאגאר א גוי אויף דער גאס.

אכטונג פאר מענשען, העפליכקייט געגען יעדען, „כבוד הבריות", ווי דער תלמוד רופט עס, איז געווען ניט נור א טוגענד, זאנדערן א הייליגע פפליכט פאר יעדען אידען אין די אלטע צייטען. תורה אליין, „קענען לערנען", איז געווען נאך ניט גענוג פאר דעם אידען, ער האט אויך געמוזט קענען די געזעצע פון העפליכקייט. „כל מי שיש בידו תורה, משנה ודרך ארץ, לא במהרה חוטא". ווער עס בעזיצט וויסען, קענען און העפליכקייט, דער קען ניט אזוי לייכט בעגעהן א זינד, א פערברעכען.

די געזעצע, פארשריפטען און רעגולאציאנען פון העפליכקייט ביי אידען אין די אלטע צייטען האבען זיך אויסגעשפרייט אויף יעדע טהעטיגקייט, אויף יעדע בעוועגונג, אויף יעדען שריט און טריט פון דעם אידען. אן אנשטענדיגער מענש דארף ארויסגעהן אויף דער גאס ניט צו רייך און ניט צו ארים געקליידעט," לעהרענט אונז דער תלמוד. מיט אנדערע ווערטער, אן אנשטענדיגער מענש דארף זיך קליידען אזוי, אז ער זאל ניט ציהען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון אנדערע מענשען. דורך די רייכע אדער צו ארעמע קליידער מאכט מען זיך אונאנגענעהם ביי מענשען.

„הוי מקבל את כל אדם בסבר פנים יפות", מען דארף אויפנעהמען יעדען מענשען רעכט פריינדליך. „אל תפרוש מחבירך לא מתוך צחוק וקלות ראש, אלא בדברי תורה." ווען מען נעהמט אבשיעד איינער פון דעם אנדערן, ווען מען צוגעהט זיך, זאל מען ניט לאכען, ניט שפאטען און ניט מאכען דומע, פלאכע וויצען, זאנדערן זיך אונטערהאלטען איבער א בעלעהרענדען געגענשטאנד.

ביים רעדען מיט מענשען זאל מען קיין מאל ניט ארויסשטעלען זיין „איך", קיין מאל ניט וועלען ווייזען, אז „איך" בין עס דער חכם, דער קענער, דער וויסער, דער בעפעהלענדער. משה רבינו זאגט צו זיין דיענער יהושע: „בחר לנו אנשים", וועהל אוים מענשען פאר אונז, ניט פאר מיר.

דיעזע העפליכקייטס לעהרע פון דעם תלמוד איז היינט אנגענומען ביי אלע געבילדעטע מענשען. קוים הויבט אן א מענש צו זאגען: „איך" און „איך", ווייכט מען איהם אוים.

א צווייטע, זעהר וויכטיגע לעהרע פון דעם תלמוד איז: „למד

לשונך לאמר, איני יודע". געוועהן זיך צו זאָגען: „איך ווייס ניט." שעהם זיך ניט צו זאָגען: „דאָס ווייס איך ניט." א מענש קען ניט אַלעם וויסען. א מענש קען א מאָל פערגעסען, וואָס ער ווייס. ווען ער וויל ערקלעהרען א זאַך, וועלכע ער ווייס ניט אָדער וועלכע ער פערשטעהט ניט, מאַכט ער זיך לעכערליך.

מיר האָבען אין תלמוד א גאנצעס לעהרבוך, א גאנצע תורה איבער דעם אומגאַנג מיט מענשען, אָבער ווענען דעם אין נעכסטען קאַפּיטעל.

---

# די עטיקעטע פון תלמוד

**עטהיק און עטיקעטע, דער אונטערשיעד צווישען דיעזע ביידע לעהרען וועלכע שטאַמען ביידע פון איין קוואל. — די אויסערליכע פאָרמען פון מענשליכע אויפפיהרונג און די פּרינציפּען פון מאָראל. — א קצור פון מסכת דרך ארץ רבה און מסכת דרך ארץ זוטא.**

---

א קצור פון מסכת דרך ארץ רבה און מסכת דרך ארץ זוטא.

אין דעם פאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר אָנגעדייטעט אויף די צוויי מסכתות דרך ארץ רבה און דרך ארץ זוטא וועלכע ענטהאַלטען אַלע רעגעלען פון עטיקעטע וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען ביי די חכמי התלמוד. אזוי ווי דיעזע רעגעלען עקזיסטירען שוין נאָהענט צו צוויי טויזענד יאָהר קען מען דורך זיי זעהן דייטליך ווי הויך עס איז דאַן געוועזען דער קולטורעלער צושטאַנד פון אונזער פאָלק.

דער תלמוד איז פול מיט רעגעלען פון העפליכע בענעהמונג, מיט שעהנע שפּריכע ווענען דעם אומגאַנג מיט מענשען, פיינע, פּאָלירטע מאַניערען, איידעלקייט און זיטליכקייט. אין מסכת כלה רבתי זיינען דאָ א גרויסע צאָהל פון דיעזע רעגעלען, כמעט אזוי פיעל ווי אין איינע פון די מסכתות דרך ארץ. און ווען מען זאָל דיעזע אַלע רעגעלען צוזאַמענקלייבען פון גאַנץ תלמוד און מדרשים וואָלטען זיי אָנגעפילען א פיעל גרעסערען בוך ווי דיעזער. די תלמודיסטען האָבען גע־

מישט די עטיקעטע צוזאַמען מיט דער עטהיק. עטיקעטע לעהרנט אונז הויפּטזעכליך די אויסערע פאָרמען פון העפליכקייט, ווי צו רעדען מיט מענשען אין געזעלשאַפט, ווי זיי צו בעגריסען, ווי זיך צו פערהאַלטען ביי׳ם טיש, וועלכע קליידער זיינען פּאַסענד פאַר געוויסע געלעגענ־הייטען, ווי זיך צו פערהאַלטען אויף דער רייזע און אזוי ווייטער, — דאָס זיינען אַלע אויסערליכע פאָרמען פון שעהנע בענעהמונג. די עטהיק לעהרענט אונז, מאָראַלישע פּרינציפּען, וואָס איז רעכט און וואָס איז אונרעכט, ניט פון רעליגיאָנס שטאַנדפּונקט און ניט ווייל אזוי פיהרט זיך די „וועלט”, ניט ווייל עס איז א דין אָדער א מנהג, ניין, די עטהיק האָט מיט דעם גאָר ניט צו טהאָן, ווייל די עטהיק האָט נור צו טהאָן מיט „דברים שבלב”, מיט דעם מענשענס הארץ, מיט זיין ריינעם געוויסען, רעגולירט פון זיין פערשטאַנד.

היינטיגע צייטען האָט מען דיעזע צוויי וויסענשאַפטען אָבגעע־טהיילט, אָבגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, און דארום זעהען מיר א סך מענשען וואָס האָבען איינס און עס פעהלט דאָס אַנדערע. מיר זעהען מענשען וואָס וויסען קלאָהר און ריכטיג ווי צו רייכען די האַנד, ווי זיך קאָרעקט א נייג צו טהאָן, ווי צו זיצען ביי אַ טיש מאַניערליך, ווי צו פערברענגען אין אַ געזעלשאַפט, אָבער זייער געוויסען איז זעהר פערדאָרבען. ווען זיי זיינען ניט אין געזעלשאַפט פיהר׳ען זיי זיך אויף ווי ווילדע מענשען. זיי זיינען גראָב צו זייערע אייגענע פרויען און צו זייערע קינדער. דאגעגען זעהען מיר גאַנץ אָרענטליכע מענשען, מיט נאָבעלע זעעלען, מיט אָפענע הענד, ליעבענסווירדיג און גאַסט־פריינד־ליך, און דאָך איז ניט אַנגענעהם צו טרעפען זיך מיט זיי אין געזעל־שאַפט, ווייל זיי וויסען ניט וואָס צו זאָגען און וואָס צו ריידען, ווי צו זיצען, ווי צו שטעהן, זיי פערליערען זיך צווישען אַ סך מענשען, וויסען ניט וואָס צו טהאָן מיט זייערע הענד, זיינען א לאַסט פאַר זיך און א לאַסט פאַר זייערע פריינד.

די עטיקעטע מוז געהן צוזאַמען מיט דער עטהיק, ווייל די עטיקעטע איז אַ טאָכטער פון דער מאָראַל־לעהרע דער הויפּט צוועק פון דער עטיקעטע איז „טהו קיין זאַך ניט וואָס זאָל דעם צווייטען מאַכען אונ־בעקוועם, אָדער וואָס זאָל פערלעטצען זיינע געפיהלען”. דער הויפּט פּרינציפּ פון דער עטהיק איז „טהו דיין מיטמענשען קיין זאַך וואָס דו ווילסט ניט מען זאָל דיר טהאָן”. אוןביידע פּרינציפּען שטאַמען פון

איין אָרט, פון איין קוועלע „ואהבת לרעך כמוך”. (ליעב דיין מיט־מענשען ווי זיך זעלבסט).

מיר װעלען יעצט איבערגעבען די עטיקעטע פון תלמוד ווי מיר געפינען זי אין דיעזער גרויסער ענציקלאָפּעדיע פון אידישע וויסענשאַפט.

---

ווער עס נעהמט א פּאַסענדע פרוי, דער פערדיענט א קוס פון אליהו הנביא און גאָט אליין האָט איהם ליעב.

* * *

ווער עס מאַכט זיין זוהן חתונה ווען ער איז נאָך צו יונג, ווער עס פערהייראטה זיין טאָכטער צו אַן אַלטען מאַן און ווער עס טהוט א טובה צו אַן אידיאָט איז איהם גאָט ניט מוחל.

* * *

ווער עס ליעבט זיין פרוי ווי זיך אליין, און עהרט זי מעהר ווי זיך זעלבסט און גיט זיינע קינדער אַן אָרענטליכע ערציהונג, און מאַכט זיין זוהן חתונה אין דער צייט — דער לעבט אין פריעדען.

* * *

די ארימע, די שעהמעדיגע, די וואָס האַלטען זיך קליין, די וואָס רעספּעקטירען אפילו א יונגען מענשען און די וואָס האַלטען זייער וואָרט, יענע בעלייכט גאָט דעם וועג.

* * *

אימער האַלט זיך שעהן ביי דיין אריינקומען און האַלט זיך שעהן ביי דיין ארויסגעהן.

* * *

עס האָט א מאָל פּאַסירט א געשיכטע מיט ר׳ שמעון בן אלעזר וועלכער איז געפאָהרען רייטענדיג אויף זיין אייזעל ביי׳ם ברעג ים און עס האָט איהם בעגעגענט א מענש וועלכער איז געװען זעהר א מיאוס׳ער, האָט ר׳ שמעון צו איהם געזאָגט: „פּוסטער מענש! וואָס פאר א העסליכע בעשעפעניסען עס געפינען זיך צווישען אברהם׳ס קינדער!” האָט יענער געענטפערט: „וואָס קען איך העלפען? זאָג עס צום מייסטער וואָס האָט מיך בעשאַפען”. הערענדיג דיעזע ווערטער

איז ר׳ שמעון בן אלעזר ארונטער פון זיין אייזעל, האט זיך אויסגע־צויגען פאר דעם מיאוס׳ען מענשען אויף דער ערד און געזאגט: „איך געשטעה אז איך האב בעגאנגען אן אונרעכט געגען דיר, זיי מיר מוחל״. אבער דער מיאוס׳ער מענש האט זיך איינגעשפארט און גע־זאגט: „איך וועל דיר ניט מוחל זיין ביז דו וועסט געהען צו דעם מייסטער און איהם ערקלעהרען וואס פאר א מיאוס׳ע כלי ער האט בע־שאפען״. ר׳ שמעון איז איהם נאכגעגאנגען א האלב מייל. די מענשען פון זיין שטאדט האבען געהערט אז ער קומט און זיינען זיי ארויס איהם אנטקעגען מקבל פנים זיין און איהם בעגריסען מיט די ווער־טער: „שלום עליכם, רבי!״ ווען דער מיאוס׳ער מענש האט דאס געהערט, האט ער געפרעגט די שטאדט־לייט „וועמען רופט איהר רבי?״ האבען זיי געענטפערט: „אט דעם וואס געהט הינטער דיר״. האט דער מיאוס׳ער, געזאגט: אויב דאס איז א רבי דאן הלואי זאלען אי־דען אבגעהיט ווערען פון נאך אזעלכע ווי ער״. האבען די שטאדט־לייט געפרעגט: „חס ושלום, וואס רעדט איהר? וואס האט אייך דער רבי געטהאן פאר א בייז?״ דער מיאוס׳ער האט זיי דאן דער־צעהלט די גאנצע געשיכטע. די שטאדט־לייט האבען איהם גענומען בעטען ער זאל מוחל זיין, האט ער דאן געזאגט: „איך בין איהם מוחל, ער זאל זיך אבער אבגעוועהנען פון זאגען אזעלכע זאכען״.

* * *

יענעם טאג איז ר׳ שמעון געזעסען אין בית המדרש און אליין ער־קלעהרט דעם מאראל פון דער פאסירונג און ער האט געזאגט: „אי־מער זאלסטו זיין ווייך ווי א דינער בוים און זאלסט ניט זיין שטייף אזוי ווי א צעדער־בוים. דער דינער בוים ווען עס קומען ווינטען פון אלע פיער עקען פון דער וועלט, בויגט זיך דער בוים מיט זיי און ווען די ווינטען הערען אויף בלייבט דער בוים שטעהען אויף זיין ארט. דער צעדער־בוים איז שוין ניט אזוי, יעדער שטארקער ווינד רייסט איהם אויס פון ווארצעל״.

* * *

קיין מאל זאל א מענש פערלאזען זיין לעהרער אדער זיין פריינד, וואו ער בעט ביי איהם ניט צו ערשט ערלויבנים און נעהמט פון איהם אבשיעד.

* * *

קיינמאָל זאָל אַ מענש אַריינגעהען פּלוצלונג אין דער הויז פון זיין פריינד. ר' גמליאל, ר' יהושע, ר' אלעזר בן עזריה און רבי עקיבא זיינען געגאַנגען בעזוכען זייערען אַ פריינד, אַ פילאָזאָף. קומענדיג האָט ר' יהושע אָנגעקלאַפּט אין טהיר. האָט דער פילאָזאָף געטראַכט און געזאָגט: „דאָס מוז זיין ניט אַנדערש ווי דער מאַניער פון געלעהרטע מענשען. ביי'ם צווייטען קלאַפּ אין טהיר האָט דער פילאָזאָף אָבגעוואשען זיין געזיכט, הענד און פיס. ביי'ם דריטען קלאַפּ האָט ער די טהיר געעפענט.

* * *

אימער זאָלסטו קוקען אויף פרעמדע מענשען ווי אויף גזלנים, אָבער צו דער זעלבער צייט זאָלסטו זיי עהרען ווי אַ גרויסען תנא. עס האָט אַ מאָל פּאַסירט מיט ר' יהושע אַז אַ פרעמדער מענש איז ביי איהם איינגעשטאַנען. ר' יהושע האָט איהם ארויפגעפיהרט אויפ'ן דאַך נעכטיגען, אָבער ער האָט צוגענומען דעם לייטער. וואָס האָט יענער מענש געטהאָן? ער איז אויפגעשטאַנען האַלבע נאַכט, האָט גענומען אַלע כלים וואָס ער האָט געפונען אויפ'ן דאַך, האָט זיי איינגעוויקעלט אין זיין מאַנטעל, און ווי ער האָט געוואָלט ארונטערגעהן איז ער אַראָבגעפאַלען און זיך געבראָכען דעם גניק. פריהמאָרגענס האָט ר' יהושע געפונען דעם מאַן ליגען אַ געפאַלענעם. האָט ער צו איהם געזאָגט: „פוסטער מענש! האָסטו ניט פערשטאַנען דאָס נאָך נעכטען האָב איך זיך געהיט פון דיר?"

* * *

די מאָדע איז אַז פאַר אַ כלה דאַרף מען טאַנצען און זינגען. וואָס זינגט מען? בית שמאי זאָגט מען זינגט פּשוט „כלה". בית הלל זאָגט מען זינגט „די שעהנע כלה, די פיינע כלה". האָט בית שמאי געזאָגט צו בית הלל: „נאָך אייערע רייד דאַרף מען דאָס אויך אַזוי זינגען ווען די כלה איז הינקעדיג, אָדער בלינד, און די תורה האָט דאָך פערבאָטען ליגען צו זאָגען". האָט בית הלל געענטפערט: „ווען אַ מענש האָט איינגעהאַנדעלט אַ שלעכטע סחורה אין מאַרק, זאָל מען דאָס פאַר איהם לויבען, אָדער מיאוס מאַכען? געוועהנליך דאַרף מען דאָס לויבען פאַר איהם". דארום זאָגען די חכמים, אַז אַ מענש

דארף אין זיינע אידעען שטימען מיט לייטען און אויסקומען מיט אלע־מען אמבעסטען.

* * *

דער וואס בייסט אב גרויסע ביסענס און דער וואס טרינקט אוים זיין כוס מיט איין מאל איז א פרעסער און א זויפער. ווי פיעל זאל א מענש זיך נעהמען צייט צו טרינקען ? אין צוויי מאל. אויב אין דריי מאל איז ער א גרויסהאלטער. (עס הייסט איבערטרייבען די עטיקעט איז אויך ניט גוט).

* * *

ביי׳ם עסען דארף מען ניט זיין אונגעדולדיג. הלל הזקן האט איין מאל איינגעלאדען זיינעם א פריינד אויף א מאהלצייט. ווערהענד זיי זיינען געזעסען ביי׳ם טיש און געווארט אויף דעם עסען, איז אריינ־געקומען אין קיך אן ארימאן און האט צו הלל׳ס פרוי דערצעהלט אזא נעשיכטע : „איך דארף היינט נעהמען א פרוי און איך האב ניט פון וואס צו ערנעהרען זיך". האט גענומען הלל׳ס פרוי און האט דעם ארי־מאן אוועקגעגעבען דעם גאנצען מאהלצייט וואס זי האט אנגעגרייט פאר דעם גאסט. נאכדעם האט זי איינגעקנאטען אן אנדער ברויט און פערקאכט אן אנדער געקעכטס. הלל האט זיך געוואונדערט ווארום עס נעהמט אזוי לאנג, אבער ער האט געשוויעגען און קייןווארט געזאגט. ענדליך, ווען עס איז פערטיג געווארען און זיין פרוי האט דעם מאהל־צייט געבראכט אויפ׳ן טיש. האט הלל איהר געפרעגט אין א ווייכען טאן ווארום זי האט דעם מאהלצייט ניט געבראכט א ביסעל פריהער. דאן האט זי איהם דערצעהלט די גאנצע געשיכטע. האט הלל צו איהר געזאגט : „מיין טאכטער ! איך האב פריהער געוואוסט אז דו האסט רעכט און אלעס וואס דו טהוסט איז אין גאט׳ס נאמען ווענען".

* * *

ווען איינער וויל איינלאדען א פריינד אויף א מאהלצייט, זאל ער ניט זאגען „איך האב ביי דיר געגעסען, יעצט קום דו און עס ביי מיר צוריק". ווייל דאס זעהט אוים ווי צאהלען פראצענט.

אבצוטהאן איינעם א שפיטצעל איז אפט פערבונדען מיט געפאהר. א מענש טהאר ניט שיקען זיין פריינד א פעסעל וויין און אנגיסען פון אויבען בוימאויל, ווייל דאס קען ברענגען דעם טוידט. עס האט אמאל פאסירט, אז איינער האט געהאט ביי זיך געסט, האט ער זיי

געוואָלט טראַקטירען מיט אַ פעסעל ווייז וואָס זיינער אַ פריינד האָט איהם געשיקט. ווען ער איז ארונטער אין קעלער, האָט ער געפענט די פעסעל און האָט געפונען פון אויבען בוימאויל. ער האָט געמיינט אַז זיין פריינד האָט איהם אָבגענארט און איהם געשיקט אַ פעסעל בוימאויל אָנשטאָט ווייז. ער האָט זיך אַזוי געשעהמט ארויפצוגעהן צוריק צו זיינע פריינד. דאָס ער האָט ליעבערשט זיך דערוואָרגען אין קעלער און איז דאָרט געשטאָרבען.

* * *

אַ מענש דאַרף ניט אָפּברעכען אַ שטיקעל ברויט איבער'ן טעלער, אויך ניט אויסווישען דעם טעלער מיט אַ שטיקעל ברויט, אויך ניט קלייבען ברעקלאך פון טיש, אויך ניט לעגען אין טעלער אַן אָבגעביסענעם שטיקעל ברויט, אויך זאָל ער ניט אָפּבייסען עטוואָס און דאָס דערלאַנגען צו זיין פריינד. ווייל ניט אַלע מענשען האָבען וועגען דיעזע זאכען גלייכע מיינונגען און פיעלע וועט דאָס אָבעקלען. קיינער זאָל ניט טרינקען פון אַ כוס און דאָס געבען צו זיין פריינד, ווייל דאָס איז פערבונדען מיט לעבענס געפאהר. עס האָט אַ מאָל פּאסירט מיט ר' עקיבא. אַז ער האָט קווארטירט ביי אַ מענשען, האָט יענער איהם געגעבען אַ בעכער ווייז, אָבער צו ערשט האָט ער דאָס אַליין פערזוכט, זאָגט צו איהם ר' עקיבא : „טרינק דאָס אַליין". האָט דער בעל הבית איהם גענעבען אַן אַנדער כוס, אָבער צו ערשט האָט ער עס ווידער אַליין פערזוכט. האָט איהם ר' עקיבא ווידער געזאָגט : „טרינק דאָס אַליין". האָט איהם דער בעל הבית גענעבען אַ דריטען כוס און אויך צו ערשט אַליין פערזוכט. דאָ איז ר' עקיבא ארויס פון געדולד און האָט געזאָגט : „ווי לאַנג וועסטו מיר טראַקטירען מיט אַזעלכע כוסות פון וועלכע דו האָסט אַליין פערזוכט ?"

* * *

עס האָט פּאסירט נאָך אַזאַ געשיכטע מיט ר' עקיבא, ער האָט געהאַט אַ גאַסט ביי'ם טיש. האָט דער גאַסט גענומען אַ שטיקעל ברויט און דערמיט אונטערגעשפּאַרט דעם טעלער, האָט ר' עקיבא ארויסגעכאַפּט דאָס שטיקעל ברויט, און דאָס אויפגעגעסען. האָט דער גאַסט געפרעגט : רבי ! איהר האָט גאָר קיין אַנדער שטיקעל ברויט צו עסען נור דעם מיט וועלכען איך שפּאַר אונטער מיין טעלער ?" האָט ר' עקיבא געענטפערט : „איך האָב געמיינט אַז דו וועסט זיך אָבבריהען

מיט לעבליכע וואסער, אָבער ווי איך זעה יעצט בריהסטו זיך ניט אָב
אפילו מיט זודיגע".

* * *

געסט וואָס זיינען איינגעלאַדען ביי'ם טיש, טהאָרען גאָר נישט
געבען ניט צו די דיענער און ניט צו די קינדער פון דעם בעל הבית.
עס האָט אַ מאָל פּאַסירט אַז אַ מאַן האָט איינגעלאַדען צו זיך דריי
געסט אין אַ הונגער יאָהר, האָט ער אוועקגעלעגט פאר די געסט דריי
אייער, און איז אליין אַרויס אויף אַ ווײַלע פון צימער. איז געקומען
דער זוהן פון דעם בעל הבית און זיך געשטעלט נעבען טיש. האָט איי-
נער פון די געסט בעקומען מיטלייד אויף איהם און איהם אוועקגע-
בען זיין איי. אַזוי האָט געטהאָן דער צווייטער און אויך דער דריטער.
ווען דער בעל הבית איז צוריק אַריין, האָט ער געזעהען זיין זוהן שטעהט
מיט איין איי אין מויל און צו איין איי אין יעדער האַנד. דער פאָטער
איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען און ניט וואַרטענדיג אויף אַן ער-
קלעהרונג האָט ער אויפגעהויבען זיין זוהן אין דער הויך און האָט איהם
דערנאָך אַ שטאַרקען שלײַדער געטהאָן צו דער ערד. דער זוהן איז גע-
שטאָרבען. ווען זיין מוטער האָט דערזעהען אַז איהר זוהן איז טוידט.
איז זי אַרויף אויפ'ן דאַך, האָט זיך פון דאָרט אַרונטערגעוואָרפען און
איז געשטאָרבען. ווען דער פאָטער האָט דערזעהען די טראַגעדיע וואָס
ער האָט געבראַכט, איז ער אויך אַרויף אויפ'ן דאַך און האָט בעגאַנגען
זעלבסטמאָרד. די דריי אייער האָבען געקאָסט דריי מענשענלעבענס.

* * *

דער וואָס האָט בערויבט די געזעלשאַפט וואָס זאָל ער טהאָן אום
צו פעררריכטען זיין פעהלער ? ער זאָל געהן גראָבען ברונענס און
הייהלען, פעררריכטען וועגען און טראָטוארען און דאַן, ווען ער ברענגט
פיעל נוצען דער געזעלשאַפט, וועט איהם זיין זינד פערגעבען ווערען.

* * *

ווער עס פערקויפט זיינעם אַ ספר, אפילו ווען ער דאַרף איהם
ניט האָבען און ווער עס גיט אויס זיין טאָכטער בלויז דערפאַר ווייל
עס איז איהם זי שווער צו ערנעהרען, דיעזע האָבען קיין גליק אויף
דער וועלט.

* * *

ווער עס האָט פיינד זיין מיטמענשען איז גלייך ווי ער האָט פערגאָסען זיין בלוט.

* * *

אָט דאָס איז דער שטייגער פון א תלמיד חכם: (אן אינטעליגענטער מענש) ער האַלט זיך קליין, שטיל, פינקטליך, איז פול מיט גוטע זיטען און בעליעבט ביי יעדען מענשען. ער האַלט זיך קליין אפילו פאר זיין אייגענע הויזגעזינד היט זיך אָפּ פון זינד און אורטהיילט יעדען מענשען ניט נאָך יענעמס רייכטהום אָדער שטאַנד, נאָר נאָך זיינע טהאַטען.

* * *

אויב אַנדערע זאָגען אויף דיר א שלעכטע זאַך ענטפער זיי ניט. אויב זיי האָבען אויף דיר געזאָגט א גרויסע זאַך זאָל דאָס ביי דיר זיין פעררעכענט פאר א קלייניגקייט, אָבער אויב דו האָסט געזאָגט אויף אַנדערע עפּעס א שלעכטע זאַך, אפילו א קלייניגקייט זאָל ביי דיר זיין פעררעכענט פאר א גרויסע זאַך, ביז דו וועסט געהן און יענעם איבערבעטען.

* * *

בעסער שעהם זיך פאר זיך אליין איידער שעהמען זיך פאר אַנדערע.

* * *

בעטראַכט גוט אין זינען איידער דו לאָזט עפּעס ארויס פון מויל. בעטראַכט אַלע דיינע טהאַטען און רעכען אויס דיין יעדען שריט. עמפּפאַנג דיין שיקזאַל ווי דו האָסט פערדיענט און האָב קיין טעות אויף דער וועלט. אורטהייל יעדען מענשען פון דער גערעכטער זייט און ניט פון דער שולדיגער זייט. פרעה זיך מיט דיין חלק אין דער וועלט. זיי צופריעדען מיט דער ביסעל וואָס דו האָסט, און האָב ניט פיינד דעם וואָס מוסר'ט דיך.

* * *

דיין אויג זאָל זיין גוט און דיין נשמה זאַט.

* * *

דער שעהמעדיגער קען נישט לעהרנען, א בייזער מענש קען ניט זיין א לעהרער. אן אונוויסענדער קען קיין אָרעלמאַן ניט זיין און א גראָבער יונג קען ניט זיין אָרענטליך.

* * *

א תלמיד חכם האט אויף פאלגענדע מעלות:

ער איז אנשטענדיג ווען ער קומט אריין.
ער איז בעשיידען ווען ער זיצט.
ער איז קלוג אין זיין פרומקייט.
ער איז קלוג אין זיין אורטהיילען.
ער איז קלוג אין זיינע וועגען.
ער נעהמט אריין זאכען אין זיין מח און געדענקט זיי.
ער גיט פיעל צו ערקלעהרען.
ער פרעגט צום פונקט און ענטפערט צום פונקט.
ער געהט לערנען צו קליענערע פון איהם.
ער לעהרנט אום צו לעהרנען אנדערע.
ער לעהרנט אום צו פראקטיצירען אין לעבען.

* * *

אימער זאל א מענש האבען אין זינען ביי וועמען ער זיצט, ביי וועמען ער שטעהט, ביי וועמען ער זיצט צום טיש און מיט וועמען ער האט געשעפטען.

א מענש דארף ניט זיין א וואכעדיגער צווישען שלאפענדע און ניט שלאפען צווישען וואכענדע, ניט וויינען צווישען לאכענדע און ניט לאכען צווישען וויינענדע, ניט זיצען צווישען שטעהענדע און ניט שטעהען צווישען זיצענדע, — מיט אייןווארט ער טהאר זיך ניט פיהרען אנדערש ווי מען פיהרט זיך ביי לייטען.

* * *

זיעבען זאכען ברענגען צו זינד:

די ערשטע זאך, און דאס איז דער אנפאנג פון יעדע זינד, איז אונרייינע געדאנקען.

די צווייטע זאך איז פוסטער וויטץ.
די דריטע זאך איז גרויסהאלטען זיך.
די פיערטע זאך איז שלעכטסקייט.
די פינפטע זאך איז ארומגעהן לעדיג און פוילענצען.
די זעקסטע זאך איז שנאת חנם.
די זיעבעטע זאך איז א בייזע אויג וואס פערגינט ניט.

* * *

א חכם און א גולם דערקענט מען דורך זיעבען זאכען :

א קלוגער רעדט ניט אין געגענוואַרט פון דעם וואָס איז פון איהם גרעסער אין וויסענשאַפט און אין יאָהרען.

ער קריכט קיינעם אריין אין די רייד.

ער איילט זיך ניט צו פערענטפערען א פראגע אָהנע זיך ערשט גוט צו בעדענקען.

ער פרעגט לאָגישע פראגען און ענטפערט ווי געהעריג איז.

ער פערענטפערט די ערשטע פראגע צו ערשט און די לעצטע צו לעצט.

אויף וואָס ער האָט ניט געהערט שעהמט ער זיך צו זאָגען אז ער האָט געהערט.

ער זאָגט אימער דעם אמת.

ביי דעם גולם זיינען די זיעבען זאכען פונקט פערקעהרט.

* * *

א תלמיד חכם דארף בעהאַלטען זיינע צדקות, אָבער ער דארף זיין בעריהמט מיט זיין גוטע אויפפיהרונג.

ער דארף זיך יאָגען נאָך אמת און ניט נאָך שקר.

נאָך עהרליכקייט און ניט נאָך רויב.

נאָך עניוות און ניט נאָך גאוה.

נאָך פריעדען און ניט נאָך קריעג.

נאָך דעם ראטה פון אַלטע לייט און ניט נאָך דעם ראטה פון קינדער.

נאָך א לייב איידער נאָך א פרוי.

* * *

די וויסענשאַפט פון דער תורה איז פערגליכען צו וואסער. אזוי ווי וואסער געהט ניט ארויף צו א הויכען אָרט, נור עס געהט ארונטער ניעדעריג. אזוי קען די וויסענשאַפט זיך האַלטען נור אין דעם וועלכער האַלט זיך ניעדעריג.

* * *

היט זיך פון האָבען קריוודעס אויף לייט, וואָס מעהר דו וועסט זיך בייזערען אויף אַנדערע אַלץ גרעסער ווערען דיינע אייגענע אונ־רעכטען.

* * *

צייג א פרעהליכען פנים ביי'ם טיש ווען דו גיסט עסען צו הונ־געריגע.

* * *

איינער נעהמט א פרוי אום צופריעדענשטעלען זיין ליידענשאפט.
איינער נעהמט א פרוי צוליעב געלד.
איינער נעהמט א פרוי צוליעב איהר יחוס.
איינער נעהמט א פרוי ווייל גאָט האָט אזוי געהייסען.

* * *

גרויס איז דער פריעדען, ווייל דער פריעדען איז פאר די וועלט ווי הוייוען פאר א טייג. אָהן פריעדען וואָלט דער שווערד פערניכטען די וועלט.

* * *

אויף דריי זאכען בעשטעהט די וועלט: אויף גערעכטיגקייט, אויף וואהרהייט און אויף פריעדען.

ר' יונה האָט געזאָגט, אז דיעזע אלע דריי זאכען זיינען איין זאך. ווען עס איז דאָ גערעכטיגקייט, איז דאָ וואהרהייט און עס איז דאָ פריעדען.

* * *

ר' יהושע האָט געזאָגט:

גרויס איז דער שלום, דען גאָט אליין רופט זיך מיט'ן נאָמען „שלום".

ר' יהושע בן לוי האָט געזאָגט:

ווער עס ליעבט פריעדען, און יאָגט זיך נאָך פריעדען, איז דער ערשטער צו בעגריסען זיין פריינד מיט פריעדען און ענטפערען מיט פריעדען, — האָט ער אי די וועלט אי יענע וועלט.

# דזשארזש וואשינגטאָן'ס רעגעלען פון העפליכען אומגאנג מיט מענשען.

## קלוגע און פראקטישע רעגעלען געשריעבען פון דעם „פאָטער פון זיין לאנד" וועלכע גילטען נאָך היינט.

---

ווען דזשאָרדזש וואשינגטאָן איז נאָך געווען א יונגער מאַן האָט ער אויפגעשריעבען א צאָהל „רעגעלען פון העפליכקייט און אנשטענדיגע אויפפיהרונג אין געזעלשאפט", וועלכע מיר גיבען דאָ איבער. זייט יענער צייט זיינען פאָרגעקומען א סך ענדערונגען אין געוויסע רעגעלען פון עטיקעטע, אָבער דיעזע קלוגע און פראקטישע רעגעלען פון דעם „פאטער פון זיין לאנד" זיינען אויף א האָאר ניט געענדערט געוואָרען, און זיי דארפען געלעזען ווערען מיט אויפמערקזאמקייט פון אלעמען, איבערהויפט פון די יוגענד.

אָט דאָס זיינען די רעגעלען פון דזשאָרדזש וואשינגטאָן.

יעדע זאַך וואָס דו טהוסט אין א געזעלשאפט דארף אויסדריקען רעספעקט צו די אנוועזענדע.

אין דער געגענוואָרט פון אַנדערע מענשען זינג ניט צו זיך אליין אונטער'ן נאָז, אויך קלאפּ ניט מיט די פיס, אָדער מיט די פינגער.

רייד ניט אין דער צייט ווען אנדערע ריידען, זיץ ניט ווען אנדערע שטעהען, און געה ניט ווען אנדערע מענשען וואָס געהען מיט דיר שטעלען זיך אָב.

שטעה ניט, אָדער זיץ ניט מיט דיין רוקען צו אַנדערע, איבערהויפּט ווען דו רעדסט ; בעוועג ניט דעם טיש אויף וועלכען איינער לעזט אָדער שרייבט ; לעהן זיך ניט אָהן אויף קיינעם.

זיי ניט קיין חונף (שמייכלער) ; אויך זוך ניט די געזעלשאפט פון איינעם וואָס האָט קיין חשק מיט דיר צו פערברענגען.

לעז קיין בריעף, ביכער אָדער צייטונגען אין געזעלשאפט ; אָבער ווען א נויטהווענדיגקייט פאָדערט דו זאָלסט עס יא טהאָן, דארפסטו צוליעב דעם ניט פערלאָזען דעם צימער. (עס איז גענוג ווען מען בעט די אנוועזענדע אום ערלויבניס) געה ניט צו נאָהענט צו א מאַן בעת ער

לעזט, אָדער שרייבט, בעפאָר דו פרעגסט איהם אום ערלויבניס. קוק ניט צו נאָהענט ווען איינער שרייבט א בריעף.

זאָל דער אויסדרוק פון דיין פנים אימער זיין גוטמוטהיג, אנ־געגעהם, אָבער ווען מען רעדט וועגען ערנסטע זאכען זאָלסטו אויס־זעהען ערנסט.

צייג ניט ארויס דיין פרייד איבער דעם אונגליק פון אן אנדערען, אפילו ווען יענער איז דיין שונא.

העפליכקייט פאָדערט אז מיר זאָלען לאָזען מעהר ריידען די מענ־שען מיט וועלכע מיר פיהרען א געשפרעך, איבערהויפט ווען זיי זיינען עלטער פון אונז, אָדער העכער פון אונז.

זאָל דיין געשפרעך מיט געשעפטסלייטע זיין קורץ און דייטליך.

ווען דו שרייבסט א בריעף גיעב אָב יעדען מענשען דעם כבוד וואָס איהם קומט.

היץ זיך ניט אין דעבאַטען מיט מענשען וואָס שטעהען העכער פון דיר, נור זאָג ארויס דיין מיינונג מיט בעשיידענהייט.

ווען א מאן טהוט אלעס וואָס ער קען און עס געלינגט איהם דאָך ניט, זאָלסטו וועגען איהם דענקען אזוי ווי עס וואָלט איהם געלונגען.

אויב עס קומט דיר אויס דאָס דו דארפסט א מענשען פירהאַל־טען, אָדער אויס'מוסר'ען, זאָלסטו פריהער בערעכנען אויב דו דארפסט עס טהאָן אין געגענוואַרט פון זייטיגע מענשען אָדער פריוואַט, אויב שוין אָדער שפּעטער, אויך אין וואָס פאר א ווערטער דו זאָלסט דאָס איהם ארויסזאָגען; און ווען דו האָלסט שוין ביי זאָגען איהם צייג ניט ארויס קיין צייכען פון כעס, נור זאָלען דיינע ווערטער זיין איידעל און אנגענעהם.

שפּאָס ניט און שפּאָט ניט פון קיין וויכטיגע זאך ווען אפילו דו גלויבסט ניט אין דעם; זאָג ניט קיין וויצען וואָס שטעכען אָדער בייי־סען; און אויב דו זאָגסט עפּעס א וויטץ אָדער א גלייך ווערטל דארפ־סטו אליין דערביי ניט לאכען.

ווען דו זאָגסט איינעם מוסר זיי צוערשט זיכער אז דו אליין ביזט אויך ריין פון דעם. ווייל דער ביישפּיעל פון פראקטישען לעבען ווירקט בעסער ווי מוסר זאָגען.

ברויך ניט קיין קריגערישע שפּראך געגען קיינעם. שילט ניט, זידעל ניט.

אייל זיך ניט צו גלויבען שלעכטע קלאנגען וועגען קיינעם.

זיי בעשיידען אין דיין קליידונג, און שטרעב צו נאטירליכע בעק־וועמליכקייט איידער ארויסצורופען בעוואונדערונג.

זיי ניט קיין פראנט וועלכער קוקט זיך אימער ארום אויב די קליידער ליעגען ריכטיג אויף איהם אויב די שיך פאסען זיך, און אויב די זאקען זיינען שעהן.

חבר זיך אימער מיט גוטע מענשען אויב דיין אייגענע רעפוטא־ציאן איז ביי דיר טהייער, דען עס איז בעסער צו זיין אליין איידער אין שלעכטע קאמפאניע.

זאלען דיינע רייד זיין פריי פון שנאה אדער קנאה און ביי יעדער געלעגענהייט זאל דיין פערשטאנד הערשען איבער דיין אויפרעגונג.

זעטץ זיך ניט אן אויף דיין פריינד ער זאל דיר אויסזאגען א זאך וואס ער דארף האלטען בסוד.

פלוידער ניט וועגען פוסטע זאכען אין דער געגענווארט פון גע־לעהרטע מענשען, אויך זאלסטו ניט ריידען וועגען וויכטיגע טיעפזי־ניגע פראגען אין דעם געגענווארט פון אונוויסענדע, אויך זאלסטו ניט דערצעהלען זאכען וואס איז שווער צו גלויבען.

רייד ניט וועגען אומעדיגע זאכען ביי א שמחה, אדער ביי א טיש ; רייד ניט פון אזעלכע טרויעריגע זאכען ווי דער טוידט, אדער קראנקהייטען ; און אויב אנדערע ריידען וועגען דעם זעה אויב דו קענסט ענדערן דעם געשפרעך אויף אן אנדער ענין. דערצעהל דיינע חלומות בלויז צו דיינע נאהענטסטע פריינד.

בראק ניט אריין קיין וויטץ ווען קיינער האט ניט די שטימונג צו לאכען. לאך ניט הויך און קיינמאל ניט אהן אן אורזאכע. שפאס ניט פון קיינעמ׳ס אונגליק, ווען אפילו עס איז דא פון וואס שפאס צו מאכען.

רייד ניט ארויס אזעלכע ווערטער וואס קענען מאכען ברענגען שאדען, סאי אין ערנסט און סאי אין שפאס.

זיי ניט צופיעל היימיש מיט נייע בעקאנטע, נור פריינדליך און העפליך, זיי דער ערשטער צו בעגריסען, הער זיך צו אויפמערקזאם און ענטפער , און זיי ניט קיין שעהמעדיגער ווען עס איז צייט צו רעדען.

שפאר זיך מיט קיינעם אין א געשפרעך, אבער זיי אויך ניט צו־פיעל נאכגעביג.

געה ניט אַהין וואו דו ווייסט ניט אויף זיכער אויב דו ביזט ווילקאָמען אָדער ניט. גיעב ניט קיין עצה ווען מען בעט דיך ניט; און ווען מען בעט דיך מאַך עס בקיצור.

אויב צוויי מענשען שפּארען זיך קענסטו אָננעהמען איינעם פון די צדדים אָבער דו דארפסט ניט ארויסצייגען פּארטייליכקייט און ניט עקשנות. אין זאכען וואָס זיינען ניט זעהר וויכטיג קענסטו דיין מיינונג פערשוויינען און האַלטען מיט דער מאַיאָריטעט.

קוק ניט אויף קערפּערליכע פעהלערען פון מענשען און פרעג זיי ניט פון וואנען דאָס איז זיי געקומען. דאָס וואָס דו מעגסט זאָגען בשתיקה צו דיין פריינד דארפסטו ניט ריידען פון דעם פאַר פרעמדע.

רייד ניט אין אַ שפּראַך וואָס איז אונפערשטענדליך צו מענשען אין דיין געזעלשאַפט.

טראַכט בעפאָר דו רעדסט; רייד ניט מיט קיין אונקלאָהרע אויסשפּראַכע, אויך רייד ניט צו שנעל, נור דייטליך און אין אָרדנונג.

ווען איינער רעדט אָדער דערצעהלט עפּעס, זיי אַליין אויפמערקזאם, און שטער ניט די אַנוועזענדע. אויב מאַנכע צווייפלען אין זיינע ווערטער פערטהיידיג איהם ניט, העלף איהם ניט דערצעהלען סיידען ער בעט דיך; האַק איהם ניט איבער זיינע רייד, אויך ענטפער איהם ניט ביז ער ענדיגט.

רייד וועגען ביזנעס נור אין דער פּאַסענדער צייט און זאָג ניט קיינעם אַ סוד אין אויער אין דער געגענווארט פון אַנדערע.

מאַך ניט קיין פערגלייכענס; און אויב איינער ווערט אין דיין געגענווארט געלויבט פאר אַ גוטע טהאַט זאָג ניט אז דו קענסט נאָך אַ מאַן וואָס האָט אזא זאך געטהאָן.

דערצעהל ניט קיינע נייעס אויב דו ביזט ניט זיכער מיט זייער וואהרהייט. ווען דו רעדסט וועגען זאכען וואָס דו האָסט געהערט דארפסטו ניט יעדען מאָל אָנגעבען דעם נאָמען פון וועמען דו האָסט עס געהערט. אַ זאך וואָס איז דיר דערצעהלט געוואָרען בסוד זאָלסטו עס ניט אויסזאָגען.

זיי ניט נייגיעריג צו דערגעהן פרעמדע זאכען, געה ניט צו נאָהענט צו מענשען וואָס ריידען צווישען זיך פּריוואט.

נעהם זיך ניט אונטער צו טהאָן דאָס וואָס דו קענסט ניט בעוויזען; אָבער זיי פאָרזיכטיג צו האַלטען דיין פערשפּרעכען.

ווען עלטערע אָדער קליגערע מענשען פון דיר ריידען הער זיך צו און זאָלסט בעת מעשה ניט ריידען, אָדער לאַכען.

ווען דו דעבאַטירסט מיט מענשען זאָלסטו ניט ארויסציינען דיין חשק צו בעזיעגען דורכדעם וואָס דו שטערסט די פרייהייט פון די אנדערע מענשען צו ריידען, און גיעב זיך אונטער צו דעם אורטהייל פון דער מאַיאָריטעט, איבערהויפט אויב זיי זיינען די ריכטער אין דעם דיספּוט.

רייד ניט צו לאַנגזאַם, אויך וויעדערהאָל ניט די זעלבע זאַך אין דיין געשפּרעך.

רייד ניט קיין שלעכטס וועגען די וואָס זיינען דערביי ניטאָ. די וואָס זיינען אַנוועזענד קענען זיך פון דיינע רייד פאָרשטעלען וואָס דו קענסט זאָגען וועגען זיי ווען זיי זיינען דערביי ניטאָ.

זאָלען דיינע פערגעניגענס זיין אזעלכע וואָס קרעפטיגען דיך און ניט דורך וועלכע דו פערליערסט דיינע קרעפטען.

זאָלסט שטרעבען אז אין דיין הארצען זאָל אימער ברענען יענער קליינער פונק פון הימלישען פייער וועלכער ווערט גערופען „געוויסען".

ווער ניט אין כעס ביי'ם טיש, עס מאַכט ניט וואָס עס פּאַסירט; און אויב דו ווערסט יא אין כעס, צייג דאָס ניט ארויס; זאָל דיין פּנים זיין מונטער, איבערהויפּט ווען עס זיינען דאָ פרעמדע מענשען, ווייל אַ גוטער הומאָר פערוואַנדעלט די אָרימסטע שפּייז אין אַ באַנקעט.

---

## וואָס איז אַ דזשענטלמאַן און וואָס איז אַ ליידי?

אַ אידישער לאָרד טשעסטערפיעלד. — ליעבע און רעספּעקט פאַר מענשען. — אַ משל מיט אַ ברענענדער ליכט. — „קליידער מאַכען לייט, צום נאַרען". — די קאַראַקטער שטריכען פון אַ דזשענטלמאַן. — „די בעסערע העלפט". — וויכטיגע רע־געלען וועגען ריינליכקייט.

---

די צייטען ווען אַ דזשענטלמאַן אָדער אַ ליידי האָט געקענט זיין נור אַזאַ פּערזאָן וואָס שטאַמט פון יחוס און וואָס טראָגט אַ טיטעל, דיעזע צייטען זיינען שוין אריבער. דער טיטעל דזשענטלמאַן און אויך

דער טיטעל ליידי געהען ניט מעהר אריבער בירושה. יעדער מענש מוז זיך אליין ערווערבען דאס רעכט אויף דיזע טיטלען. און ערווערבען קען מען דאס ניט דורך געלד, אויך ניט דורך שעהנע קליידער, אדער רייכע דזשולערי, נור דורך העפליכע בענעהמונג און ליימישע אויפפיהרונג.

דעם גרעסטען דזשענטלמאן וואס דער שרייבער האט אין זיין לעבען געקענט איז געווען אן ארימער, קליין שטעדטלדיגער מלמד. דאס איז געווען א אידישער לארד טשעסטערפיעלד*), אן אדעלמאן פון דער נאטור. זיין אויסערליכער אויסזעהן אליין האט געמוזט ארויסרופען רעספעקט. אויף זיין ארימען, אבגעריבענעם רעקעל האט מען קיין מאל דעם מינדעסטען פלעק ניט געזעהן. ער איז געווען א מוסטער פון ריינקייט. זיין העפליכקייט איז געווען גלייך צו אלע מענשען, צום ארימאן אזוי ווי צום רייכען. ער האט געהאט א „גוט מארגען" און א „גוט אבענד" פאר יעדערן, אפילו פאר אן אונוויסענדען פויער, און ניט איין מוזשיק פלעגט פאר איהם אראבנעהמען דאס היטעל ווערענדיג געריהרט פון דעם אידענ'ס העפליכע בעגריסונג. קיינמאל האט מען איהם געזעהן אין כעס, און קיינמאל האט ער ארויסגעבראכט אויף זיינע ליפען א ווארט וואס זאל איינעם ערגערען, אדער פערשעהמען. פלעגט ער זיטצען ביי א טיש, אויף א חתונה, אדער אזוי א סעודת מצוה, האט מען געזעהן פון זיין האלטונג אז דאס איז אן איידעל מענש. ער האט געגעסען ניט געכאפט, געטרונקען ניט געזופט, מיט ישוב הדעת, מיט איבערלייגונג פאר די וואס זיצען ארום איהם. איינעם האט ער צוגערוקט די חלה, אן אנדערען האט ער געהאלפען דערלאנגען די חריין, און ניט אלס א סארווער, אדער עפעס אזוי אן אונטערטהעניגער קליין מענשעלע, נור אויס ריינער העפליכקייט און פריינדשאפט צו מענשען. אין זיינע אויגען איז געווען אזוי פיעל גוטסקייט, אזוי פיעל אויפמערקזאמקייט פאר אנדערע און אזוי פיעל

*) לארד טשעסטערפיעלד איז א בעריהמטע פערזענליכקייט אין דער ענגלישער ליטעראטור און א גרויסער אויטאריטעט אויף עטיקעטע. זיינע בריעף וואס ער האט געשריעבען צו זיין זוהן וועגען לייטישע אויפפיהרונג פערנעהמען צוויי דיקע בענדער און ווערען בעטראכט אלס א קלאסישע ווערק.

רעספעקט, דאָס מען האָט געמוזט פערזעהן זיינע אָרימע קליידער, זיין צוריבענעם רעקל און זיינע לעבערדיגע שיך. מען האָט איהם רעספעקטירט נאָך מעהר ווי די גבירים פון שטאָדט.

איך האָב שפּעטער, אין מיין לעבען געטראָפען אַנדערע, אויך אמת'ע דזשענטללייט, מיט פּאָלירטע מאַנירען, מיט דעם גאַנצען „שיק" פון דער „הויכער געזעלשאַפט", אָבער קיינער פון זיי האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ טיעפען, לעבענסלענגליכען איינדרוק ווי יענער אָרימער מלמד. ס'איז אמת אַז דיעזע דזשענטללייט זיינען געווען מענשען פון דער גרויסער וועלט, האָבען געוואוסט די ריכטיגע ווערטער וואָס צו זאָגען ביי יעדער געלעגענהייט; זייערע קליידער זיינען געווען ריכטיג צוגעפּאַסט צו יעדער זאָרט אַפעיר, זייער יעדער קעהר, זייער יעדער ריהר, זייער שמייכעל, זייער נייג מיט'ן קאָפּ, זייער דריק מיט'ן האַנד די אויסשפּראַכע און דער טאָן פון זייער יעדען וואָרט זיינען געווען די מאַניערען פון געאיבטע וועלט מענשען, אָבער דיעזע מענשען האָבען דאָך געהאַט פון וועמען צו לעהרנען, פון וועמען צו נעהמען אַ ביישפּיעל און זיי זיינען אימער געווען אין אַזאַ געזעלשאַפט וואו זיי האָבען געהאַט די בעסטע געלעגענהייט זייערע מאַניערען צו איבען און צו פּאָלירען; ווערענד יענער אָרימער, קליין שטעדטלדי־גער מלמד האָט נור געהאַט איין וועג־ווייזער, איין לעהרער, און — דאָס איז געווען זיין ליעבע צו מענשען און זיין רעספּעקט פאַר זיי.

ל י ע ב ע און ר ע ס פּ ע ק ט פאַר מענשען אָט דאָס זיינען די צוויי הויפּט איינגעשאַפטען פון דעם דזשענטלמאַן אָדער די ליידי. אויף די צוויי געפיהלען זיינען געבויט אַלע אנגענומענע רעגעלען פון לייטישע אויפפיהרונג. ניט געלד, ניט בילדונג, ניט שעהנע קליידער און דזשועלערי, און ניט אפילו די טרוקענע איינגעלערענטע רעגעלען פון דער עטיקעטע קענען אונז מאַכען פאַר דזשענטללייט אָדער ליידיס, ווען מיר בעזיטצען ניט דעם הויפּט פונדאַמענט: ל י ע ב ע און ר ע ס פּ ע ק ט פאַר אונזערע מיטמענשען.

אַ מענש האַלט אין האַנד אַ ברענענדע ליכט. עס קומט צו איהם איינער און צינדט אָן זיין ליכט דורך דעם פייער פון דער ברענענדער ליכט וואָס איז אין האַנד פון דעם ערשטען. דער ערשטער פערלירט דורך דעם גאָר ניט. זיין ליכט ברענט מיט דער זעלבער ליכטיגקייט ווי פריהער. עס קומט אַ דריטער, אַ פערטער און אַ פינפטער און

צינדען אויף אָן זייערע ליכט פון דער ערשטער ליכט. און די ערשטע ליכט ברענט אַלץ מיט די זעלבע ליכטיגקייט. אָט אזוי איז אויך די העפליכקייט. דער מענש פערלירט גאָרנישט דורך זיין העפליכע בענעהמונג צו אַ צווייטען. פערקעהרט, דיעזע העפליכקייט איז אזוי ווי דער פייער פון איין ליכט וואָס קען אָנפילען אַ גאַנצע וועלט מיט ליכטיגקייט. העפליכקייט רופט אַרויס העפליכקייט.

עס טרעפט אַמאָל אַז מיר פאָהרען אין א קאר, אין אבענד צייט, און עס קומען אריין אַ פּאָאָר פּאָלק, ביידע געקליידעט אין „איוונינג דרעס", פערטיג פאר אַ חתונה, אָדער אַ באָל. ביידע זיינען געקליידעט מיט אַלע פּינקטליכקייטען, לויט אַלע פאָדערונגען פון דער מאָדע און זיי מאַכען דעם איינדרוק פון א לײדי מיט אַ דזשענטעלמאַן. אַזוי אורטיילען מיר פון זייער קליידונג, ווייל דאָס איז די ערשטע רעקאָמענדאַציאָן פאר אן אונבעקאַנטען מענשען. אָבער פּלוצלונג גיט די לײדי אַ הויכען לאַך, אויפ'ן קוויטש, אָדער זי הויבט אָן עפּעס צו דערצעהלען אין אַ הויכער שטימע וועלכע מען קען הערען איבער דער גאַנצער קאַר. אָט דאָ זעהען מיר איין באַלד אַז די קליידער האָבען אונז אָבגענאַרט. די לײדי איז קיין לײדי, נור אַ פּראָסטע יענטע. דאַן קוקען מיר זיך צו וואָס דער דזשענטעלמאַן טהוט. ער פערכאַפּט אַ ליידיגען פּלאַץ וואָס ער האָט על פּי יושר געדאַרפט אָבגעבען צו אַן עלטערער פרוי וועלכע שטעהט אויף די פיס און האַלט זיך אָן פאר אַ סטראַפּ. דאַן ווייסען מיר אַז דאָס איז ניט אַ דזשענטעלמאַן, נור אַ דבר אחר אין אַ פראַק מיט האַנדשוה. וועגען אַזאַ זאָרט בעגעגעניס קען מען זאָגען אַז „קליידער מאַכען לייט — צום נאַרען".

די קאַראַקטער שטריכען פון אַ ריכטיגען דזשענטלמאַן קען מען איבערגעבען ווי פאָלגט :

אַ ריינער קערפּער און אַ ריינע נשמה. ער איז אימער מוטהיג ווייל זיין געוויסען איז ריין. ער האַלט זיך אימער מיט זעלבסט רעספּעקט, אָבער קיינמאָל מיט חוצפּה און ער איז טאָלעראַנט צו מענשען וואָס האָבען אַנדערע מיינונגען, אָדער אנדערע געוואָהנהייטען ווי זיינע. ער פערנאַכלעסיגט ניט די „גרויסע קלייניגקייטען" פון לעבען. ער האָט אַ פריינדליכען „גוט מאָרגען" און „גוט אבענד", פאר יעדערן, סאַי אָרים סאַי רייך, סאַי ער דאַרף האָבען יענעמ'ס פריינדשאַפט, אָדער ניט. צו העכערע מענשען פון איהם איז ער העפליך אָהן

אונטערטהעניגקייט, אָהן חניפה ; מיט גלייכע מענשען איז ער ברוי־דערליך ; און צו מענשען וואָס שטעהען נידריגער פון איהם איז ער גוטהערציג, ניט לאָזענדיג זיי פיהלען אַז זיי שטעהען נידריגער פון איהם.

אזא מאַן איז אַן אידעאלער דזשענטלמאַן און מיר גלויבען אַז מיר האָבען זיי אַ סך, אָבוואָהל זיי ווערען פערלאָרען אין דער גרויסער מאַיאָריטעט. אָבער אויב אַ מאַנסביל דאַרף האָבען אַט די אַלע מעלות ווי פיעל דאַרף שוין האָבען אַ פרוי, וועלכע איז „די בעסערע העלפט" פון דעם מאַן ! אַ פרוי וואָס לאַכט און רעדט הויך איז אַ פלעק אויף דער מענשליכער געזעלשאַפט, און זי ווערט אבשטויסענד ווען זי איז אפילו שעהן און אויסגעפוצט „אין עסיג און אין האָניג". אַ פרוי וועל־כע וויל פערדינען דעם נאָמען „לײדי" דאַרף זיין זעהר שטיל אין איהר אויפפיהרונג און אין איהר שפּראַך. זי דאַרף וועגען קיינעם קיין שלעכטס ניט ריידען, אויף קיינעם קיין פעהלערען ניט אויסזוכען, נור זיין פריינדליך און גוט צו אַלעמען. קיינעם פּאַסט זיך אַזוי די מדה פון רחמנות ווי פאַר דער פרוי. עס איז אַ גאָלדענע קרוין וואָס איז געמאַכט איהר צו מאָאָס.

פערזענליכע ריינקייט איז איינע פון די וויכטיגסטע זאַכען וואָס זיינען נוגע צו עטיקעטע. ווי אָפט קומט אונז צו בעגעגענען אַ מענשען, וואָס איז גאַנץ גוט אָב, און דאָך געהט ער ארום זעהר שמוציג. זיינע קליידער זיינען פון גוטען מאַטעריאַל, אָבער זיי זיינען פול מיט שטויב און מיט פלעקען. זיין ווייסע העמד איז פערשוואַרצט, און נעבען אַ גרויסען דיימאַנט וואָס שטעקט אין דער העמד ציהט זיך אַ צייכען פון אַ געלבעל פון אַן איי. רעדט מיט איהם וועט ער זיך פאַר אייך מיט שטאָלץ בעריהמען אַז זיין דיימאַנטענע שפּילקע קאָסט צוויי הונדערט, אָדער דריי הונדערט דאָלער, און עס פאַלט איהם גאָר ניט איין אַז עס איז פיעל בעסער צו טראָגען אַ ריינע העמד אָהן אַ דיימאַנט, איידער אַ פערפלעקטע העמד מיט אַ דריי הונדערט דאָלערדיגען שטיין אין דעם.

און ווי אָפט בעגעגענט מען „לײדים", אָנגעטהאָן אין סאַמעט און אין זיידענס, אָנגעפּודערט און פּערפומירט, און אין זייערע נעגעל איז דאָ אַ בארג מיט שמוץ. די האַלז איז בעצייכענט מיט אַ שוואַרצען ציי־כען ארום און ארום וואָס צייגט אָן דעם גרעניץ פון ריינקייט : ער פּה — אַט ביז דאַנען, ביז'ן האַלז, איז זי געוואַשען, און ווייטער ניט.

עס איז ניט אנגענעהם צו ריידען וועגען אזא געגענשטאנד, אבער דעם אמת מוז מען ארויסזאגען.

זאגאר דער ארימסטער מענש קען קויפען א שטיקעל זייף, און וואסער איז דאך א לוקסוס וואס יעדער איינער קען זיך פערשאפען. אין גרויסע שטעדט זיינען דא וואנעס כמעט אין יעדער הויז און דאך אין א סך הייזער ווערען די וואנעס בענוצט זעהר זעלטען. מען האלט אין זיי קאהלען, אלטע וועש, אלטע קליידער און אלערליי שמאטעס און שמוץ. פאר זייער ריכטיגען צוועק ווערען די וואנעס בענוצט זעהר זעלטען. א סך מענשען וואלטען זיך געשעצט גליקליך מיט אזא בעקוועמליכקייט אין הויז וועלכע איז זעהר וויכטיג פאר'ן געזונד און פערלענגערט דעם מענשענ'ס יאהרען. אבער אפילו די וואס האבען קיין וואנעס אין הויז קענען זיך לייכט איינריכטען א וואנע. היינטיגע צייטען קאסט עס ניט פיעל. און אויב ניט א וואנע קען מען גאנץ גוט אויסקומען מיט א גרויסע שיסעל וואסער, א שטיקעל זייף און א שטיקעל טוך, אדער א ספאנדזש. ריינליכקייט פון קערפער ער־וועקט אין א מענשען זעלבסט רעספעקט און א שטרעבען צו א מאראלי־שען, גייסטרייכען לעבען.

דער ארימסטער פון די ארימע איז אימשטאנדע צו האבען איין קליידער בערשטעל אין הויז און א צווייטע ביי דער ארבייט. קיין מענש זאל פערלאזען זיין הויז, אדער זיין ארבייטס פלאטץ בעפאר ער פוצט אב זיינע קליידער. דאס איז אן ארבייט פון א מינוט, אבער עס איז ווערטה די ארבייט פון א שטונדע. ווי מיאוס עס איז צו זעהן אמאל אן אנשטענדיגען מענשען מיט א הוט וועלכער איז פול מיט שטויב, אדער מיט פעדערען אויף זיינע קליידער, אדער מיט בלאטע אויף די שיך. ניט די סטיילס און ניט די רייכע שטאף פון וועלכע די קליידער זיינען געמאכט זיינען דער עיקר, נור דער צושטאנד פון ריינקייט און ציכטיגקייט אין וועלכע די קליידער ווערען געהאלטען.

א צייהן־בערשטעל קאסט ניט פיעל אבער דעם נוטצען וואס מען קען האבען פון דעם איז ניט אבצושאטצען. ריינע צייהן זיינען דער צייכען פון א ריינעם מענשען און פאר דעם געזונד איז דאס איינע פון די וויכטיגסטע זאכען. ווי אבשטויסענד עס איז א מאן, אדער א פרוי וואס האט שווארצע, שמוציגע צייהן. עס איז אומגעזונד און עס גיט ארויס אן עקעלהאפטען גערוך. מיט א צייהן בערשטעל און א ביסעל

צייהן־פּוידער קען מען די צייהנער האַלטען ריין און אין אַ געזונדען צו־שטאַנד.

אָפטמאָל טרעפען מיר אַן מענשען וועמעס מאַטעריעלער צושטאַנד, אָדער זייער קנאַפּע ערפאַהרונג, אָדער ביידע זאַכען צוזאַמען, ערלוי־בען זיי ניט נאָכצוקומען אַלע רעגעלען פון דער מאָדע און וועלטליכע מאַניערען; און דאָך, מיט זייער ריינליכקייט און ציכטיגקייט, מיט זייער איינגעבוירענעם רעספּעקט צו מענשען, מיט זייער אויפמערק־זאַמקייט און איבערלייגונג פאַר דעם אַנדערנס בעקוועמליכקייט, פאַר פרויען און עלטערע מענשען, איבערהויפּט, מאַכען זיי אויף אונז אַזאַ גוטען איינדרוק דאָס מיר מוזען זיי אַנערקענען אַלס ריכטיגע דזשענטלמענער און ריכטיגע ליידים אָבוואָהל זייערע מאַניערען זיי־נען ניט אַזוי פּאָלירט. ווען זיי וואָלטען געוואוסט וואָלטען זיי געוויס בעסער געטהאָן.

אָט דיעזע קלאַסע מענשען וועלען געפינען אין דיעזען בוך אַ הילף און אַ לעהרער צו פיהרען זיי אויף דעם ריכטיגען וועג, אַז זיי זאָלען ניט דאַרפען בלאָנדזשען און ניט קומען אין אַ פערלעגענהייט.

---

## דער חצוף און דער שעמעדיגער

**אַ קאַראַקטעריסטיק פון דעם חצוף וואָס וויל שפּיעלען די ראָלע פון חכם. — די מעלות און די חסרונות פון דעם שעמעדיגען. — איבערטריבענע בושה און פון וואַנען דאָס נעהמט זיך. — ווי אַזוי דער שעמעדיגער קען ברעכען זיין שוואַכקייט.**

---

דער חצוף און דער שעמעדיגער, ביידע זיינען אַ לאַסט אויף אַ געזעלשאַפט, ביידע פערשטערען אונזערע שמחות. דער חצוף ווערט אונז דערעסען דורך זיין צופיעל וואַרפען זיך אין די אויגען, דורך זיין אונאויפהערליכע פּלוידעריי, דורך זיין שטענדיגען חכמה'נען זיך. דער שעמעדיגער — דורך זיין צופיעל שווייגען, דורך זיין לאָזען זיך בעטען, דורך זיין אומגעלומפּערטקייט, דורך דער מרה־שחורה וואָס ער וואַרפט אָן אויף אונז.

דער חצוף זוכט אימער צו שפּיעלען די ראָלע פון אַ חכם. ער איז

פון דער נאַטור אַ קליין מענשעלע, ער פיהלט ביי זיך זיין קליינליכ־קייט, און ער זוכט דאָס צו פאַרדעקען דורך חוצפה. עס דאַכט זיך איהם אימער אַז די וועלט האָט זיך פערשוואָרען געגען איהם, אַז אַלע פיהלען זיין קליינליכקייט און ווילען איהם איגנאָרירען, פערשטופּען אָן אַ זייט, זיך מאַכען ניט וויסען פון איהם, און דארום נוצט ער אויס אַלע מיטלען צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון מענשען אויף זיין פּערזאָן, צו צייגען אַז ער איז דאָ ! ער שפּרינגט אַריין יענעם אין מיטען די רייד, ברעכט אונטער אַן ערנסטען געשפּרעך מיט אַ נאַרישען וויטץ, האַלט אימער אין בעריהמען זיך, אין דערצעהלען וועגען זיך זאַכען וואָס קיינעם אינטערעסירט ניט. ער שוינט ניט קיין עלטערע, קיין מענשען וואָס שטעהען העכער פון איהם אין בילדונג און וועלט־קענטניס. ווען ער רעדט, רעדט ער הויך אַזוי ווי ער וואָלט וועלען וועמען אַריבערשרייען. זיין אָנקומען אין אַ געזעלשאַפט ווערט בעטראַכט אַלס אַן אנשיקעניס, אַלס אַ שטראָף אויף דער וועלט. אויף דעם חצוף ווירקען ניט קיין גוטע רייד און קיין מוסר. איהם קען מען ניט רעפאָרמירען. דער איינציגער מיטעל פון איהם ניט צו ליידען איז איהם אויסצואויסצואוייכען.

דער שעמעדיגער אָבער פערדיענט אונזער סימפּאַטיע. בושה איז גראַדע אַ מעלה וואָס מען דאַרף רעספּעקטירען. אַ פעהלער איז דאָס ווען עס איז איבערטריבען, ווען די בושה מאַכט דעם מענשען אַזוי הילפלאָז דאָס ער פערלירט זיך אין גאַנצען ווען ער קומט אַריין אין אַ געזעלשאַפט.

דער שעמעדיגער האָט אימער מורא טאָמער וועט ער בעגעהן עפּעס אַ פעהלער פון וועלכען מען וועט לאַכען. אַז ער קומט אַריין אין אַ געזעלשאַפט דאַכט זיך איהם אַז אַלעמענס אויגען זיינען געריכטעט אויף איהם. ווערט נערוועז און דורך דעם מאַכט ער טאַקי פעהלערען. ענטוועדער ער טרעט אַרויף אויף דער קלייד פון אַ דאַמע, אָדער אויף איהר פוס, אָדער ער וואַרפט אום אַ גלאָז וואַסער ביים טיש, אָדער ער פאַרגיסט זיך זיין העמד מיט זופּ, אָדער עס טרעפען זיך איהם ערגערע סבות. ווען מען שטעלט איהם פאָר אַ דאַמע ווערט ער רויט, הויבט אָן צו שטאַמלען און זאָגט ניט דאָס וואָס ער דאַרף זאָגען. קומט איהם אויס צו זיצען מיט אַן אונבעקאַנטע דאַמע, אָדער פריילין, ביי אַ טיש, ציהען זיך ביי איהם די ווערטער ווי פעך, אָדער

ער זיצט שטום, ווי צוגעפּראָרען צום אָרט.

אָבער דעם שעמעדיגען קען מען רעפאָרמירען. ער קען זיך אַליין בעסערן. ער קען אַליין ביסלעך־ווייז בייקומען זיין איבערטריבענע בושה און זיין אומגעלומפּערטקייט.

ווי אַזוי ?

צוערשט זאָל ער זיך נעהמען אין זינען אַז זיין שעמעדיגקייט קומט פון דעם וואָס ער גהעט ווייניג אין געזעלשאַפט. זיין ערציהונג איז וואהרשיינליך געווען אַזא וואָס האָט איהם אָבגעשניטען פון אַלער־ליי געזעלשאַפטליכע צוזאַמענקומעניסען. ער האָט ענטוועדער פער־בראַכט זיין גאַנצע צייט אין לערנען, אָדער אין ביזנעס. ער קען זיך גוט מיט הונדערטע מענשען. מיט פיעלע פון זיי איז ער אינטים בע־פריינדעט. ער קען מיט זיי זיצען און ריידען אין די ארבייטס שטונ־דען פון טאָג וועגען ליטעראַטור אָדער מאַטהעמאַטיקס, וועגען געשעפט אָדער מאַנופעקטור, אָבער קוים קומט ער זיך צוזאַמען מיט די זעלבע מענשען אין אַבענד, ווען זיי נעהמען אַראָב פון זיך די וואָכעדיגע קליי־דער און ערשיינען פאַר איהם אין אַ פראַק, אָדער „פול דרעס", און ווער רעדט שוין אויב עס זיינען עטליכע דאַמען דערביי, צו וועלכע עס פאָדערט זיך צו ריידען עפּעס אנגענעהמע ווערטער, — דאַן פער־לירט ער זיך, דאַן געפינט ער קיין לשון ניט, קען אפילו רעכט ניט זיטצען, און זיינע אייגענע הענד ווערען איהם ווי אַ שווערע לאַסט און ער ווייס ניט וואָס צו טהאָן מיט זיי.

עס בלייבט פאַר איהם דארום קיין אַנדער זאַך ווי צו פּאַסען ביי זיך אַ פעסטען בעשלוס צו געהן וואָס אָפטער אין געזעלשאַפט. די ערשטע פּאָאָר מאָל וועט איהם זיין שווער, אָבער וואָס ווייטער וועט ער זיך פיהלען לייכטער און בעקוועמער. דאַן זאָל ער גוט איינשטודי־רען די רעגעלען פון עטיקעטע, אָבער ער זאָל זיך צופיעל ניט נעהמען צום הארצען ווען ער מאַכט אַמאָל אַ פעהלער. דען די עטיקעטע פאָדערט אויך פון מענשען אַז זיי זאָלען ניט מאַכען קיין ווזען פון דעם ווען איינער מאַכט אַ טעות אין די רעגעלען פון דעם אומגאַנג מיט מענשען.

מיר ריידען אַלץ וועגען „איהם" און ניט וועגען „איהר" און דאָס איז דארום ווייל פרויען, אָדער מיידלעך זיינען מעהר געזעלשאַפטליך ווי די מענער. פון קינדהייט אָן לערנען זיי זיך טאַנצען, פּיאַנאָ־שפּיעלען און ווערען פאָרבערייטעט צו קומען צווישען לייטען. עס

איז זעהר זעלטען צו געפינען א מיידעל וואָס זאָל זיך שעהמען צו קו־מען אין געזעלשאפט, אדרבה, זיי שטרעבען וואָס מעהר צו קומען און צו פערברייננגען צווישען מענשען. בעטראכט די אנוועזענדע אויף א חתונה, א באל, אָדער אן אנדער שמחה און איהר וועט זעהן אז עס זיינען דאָ א סך יונגע לייט וואָס בעהאלטען זיך אין א ווינקעל און מייַדען אויס די געזעלשאפט פון די דאמען, פשוט ווייל זיי פיהלען אז זיי קענען אַ מויל ניט עפענען אין דער נעגענווארט פון א יונגע פרויענצי־מער. און די מיידלעך, וועט איהר בעמערקען, זיינען דוקא אין גע־גענטייל, זיי דערפרעהען זיך ווען א יונגער מאן קומט צו זיי און פער־פיהרט מיט זיי א געשפרעך.

עס איז דארום נויטיג פאר דעם שעמעדיגען אז ער זאָל אליין זיך שטופען אין געזעלשאפט. עס איז די פפליכט פון יעדען יונגען מאן ער זאָל קענען א ביסעל טאנצען, ער זאָל בעזוכען א דזשימנייזיום, מאכען עקסערסייז, קערפער איבונג. און עס איז פיעל בעסער, שעה־נער און געזינדער צו שפּיעלען אין באָל און אין טענים, איידער אין קארטען. דיעזע זאכען העלפען צו מאכען דעם קערפער בעוועגליך, גראַציעז. זיי לערנען ווי צו שטעהן, ווי צו זיטצען און ווי צו געהן מאַ־ניערליך, מעשה־מענש.

אום איבערצוקומען זיין נערוועזיטעט, זיין שטענדיגע מורא טאָ־מער וועט ער מאכען עפּעס א פעהלער, טאָמער וועט זיך איהם אויס־ריידען א נארישקייט, אָדער עס וועט איהם עפּעס טרעפען א צופאל וואָס וועט מאכען מענשען צו לאכען פון איהם — אום פטור צו ווערען פון אזא מורא דארף ער וואָס ווייניגער טראכטען פון זיך. ער דארף גאָר פערגעסען אז ער עקזיסטירט אויף דער וועלט, אָדער צום ווע־ניגסטען דארף ער זיך ארויסנעהמען פון קאָפּ אז אלע קוקען אויף איהם, צעהלען זיינע טריט און וועגען זיין יעדעס וואָרט. טראכטען פון זיך אליין מאכט א מענשען זעהר אונבעקוועם אין געזעלשאפט. וואָס ווייניגער ער בעטראכט זיך אליין און וואָס ווייניגער ער קימערט זיך אויב דער נעקטיי ליעגט איהם אויפ'ן אָרט, אָדער די ברילען שטע־העז פעסט אויפ'ן נאָז, אלץ פרייער און בעקוועמער וועט ער זיך פיהלען.

שעמעדיגקייט קומט מאנכעסמאָל ניט אויס ענוות, אָדער אויס בעשיידענהייט, נור גראדע פון א שטארקען עגאאיזם. פונקט ווי דער

חצוף וואָס פיהלט ביי זיך אַז ער איז אַ קליין מענשעלע און דאָרום זוכט ער אויפצורייסען יעדערענס אויגען אום צו ציהען צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאמקייט, אַזוי טרעפט עס דאָס דער בישן, דער שעמעדיגער, איז אין גאַנצען געגענטהייל, אַ מענש וואָס פיהלט ביי זיך צופיעל זיין אייגענע ווערדע ער האַלט פון זיך זעהר, ער איז זעהר שטאָלץ ביי זיך, זעהר וויכטיג, און דאָרום דענקט ער אַז יעדער איינער פון דער געזעלשאַפט נעהמט פון איהם קיין אויג ניט אַראָב, הערט זיך צו אויפמערקזאַם צו זיין יעדעס וואָרט, טאָמער וועט ער מאַכען עפּעס אַ פעהלער. עס זיינען דאָ אַ היבשע ביסעל אַזעלכע וואָס זייער שעמעדיגקייט נעהמט זיך גראָדע פון גאווה, ניט פון ענוות.

זאָל זיך דאָרום יעדער שעמעדיגער בעטראַכטען אַז ער איז בלויז אַ קערנדעל פון די פיעלע זאַמד וואָס ליעגט ביים גרויסען ים פון לעבען. ער איז ניט בעסער און ניט ערגער פון די אַנדערע. ער האָט מעלות און אויך חסרונות אַזוי ווי די אַנדערע. ער דאַרף ניט שטאָלצירען מיט זיינע מעלות, פּונקט ווי ער דאַרף ביי זיך ניט אַראָבפאַלען מיט זיינע פעהלערען.

זאָל דער שעמעדיגער נעהמען אַן אינטערעסע אין אַלעס וואָס געהט אָן אַרום איהם. זאָל ער זיך גוט צוהערען צום געשפּרעך פון די אַנוועזענדע, און ווען איינער רעדט, זינגט, אָדער שפּיעלט אין דער געזעלשאַפט זאָל ער זיך גוט צוהערען און זיינע אַלע געדאַנקען איבערגעבען צום רעדנער, זינגער, אָדער שפּיעלער. דאָס וועט העלפען איהם אָבצוגעוואוינען פון טראַכטען וועגען זיך אַליין.

זאָל דער שעמעדיגער האָבען אין זינען, דאָס די אַנדערע מענשען אין דער געזעלשאַפט האָבען גענוג אַנדערע זאַכען וועגען וואָס צו טראַכטען, אַלס פון איהם. און זאָל ער ניט זוכען צו בעהאַלטען זיין נערווען צושטאַנד דורך שפּיעלען זיך מיט זיין זייגער קייטעלע, אָדער מיט זיין הוט, אָדער מיט זיין שטעקען. אויב דער שעמעדיגער קען זיך אויסלערנען איינמאָל פאַר אַלע מאָל צו זיטצען שטיל און רוהיג, האָט ער שוין בעזיעגט זיין שעמעדיגקייט. מיט דעם וואָרט „רוהיג" מיינען מיר ניט די אויסערליכע רוהע, צו זיצען אַזוי ווי אַ סטאַטוע, נור מיר מיינען אַז דיעזע רוהיגקייט זאָל זיך געפינען ביי איהם אינווענינ, אין האַרצען, אַז ווען ער עפענט אַ מויל, ווען ער זאָגט אַרום

א וואָרט אין געזעלשאַפט זאָל ער ביי זיך פיהלען גאַנץ זיכער אַזוי ווי ער רעדט מיט אַן אייגענעם מענשען, ביי זיך צו הויז.

„זיך פיהלען היימליך און האַנדלען מיט רעספּעקט" — דאָס איז דער קצור שולחן ערוך פאַר אַ שעמעדיגען.

---

# די עטיקעטע פון קליידונג

קליידונג פאַר פרויען. — האַרמאָניע פון קאָלירען. — דיימאַנדס און דזשולערי. — דער איבערטריבענער פוץ. — די היסטאָריע פון קליידער. — קליידונג פאַר יונגע מיידלעך. — קליידונג פאַר עלטערע פרויען. — עקאָנאָמיע אין קליידער. — קליידונג פאַר מענער. — דער געזעטץ־געבער פון דער מענער מאָדע און די יעצטיגע „רעוואָלוציאָן".

---

## קליידונג פאַר פרויען.

קליידונג איז אַ קונסט און קליידען זיך פאָדערט טאַלענט, סיי ביי פרויען סיי ביי מענער. דאָס איז אָבער אַ טאַלענט וואָס מען מוז ניט זיין דוקא געבוירען מיט דעם. דער טאַלענט פון קליידען קען אין זיך אַ יעדע פרוי אָדער יעדער מאַן ענטוויקלען, בעאָבאַכטענדיג און שטודירענדיג די קליידונג פון אנדערע פערזאָנען, און מיט אַ קריטישער אויג בעטראַכטענדיג וואָס עס פּאַסט פאַר איינעם און וואָס עס פּאַסט פאַר אַן אַנדערען.

עס איז די פליכט פון יעדען מענשען צו זיין נעט געקליידעט און מיט געשמאַק. אָבער זעהר ווייניג זיינען דאָ וואָס האָבען געשמאַק. זיי נעהען נאָך בלינד די מאָדע, די טיראַנישע הערשערין פון אַלטע און נייע צייטען, וועלכע מאַכט איין פאַסאָן, איין געזעטץ פאַר אַלעמען גלייך און דאָ קומט אַרויס די גרויסע טראַגי־קאָמעדיע.

אין דיעזען פאַל זיינען די מענער בעסער אָב ווי די פרויען. זייערע מאָדעס בייטען זיך ניט אַזוי אָפט, די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין די קליידונג פון מענער זיינען אַזוי אונבעדייטענד קליין, דאָס אַ

מאַן קען מיט זיכערהייט טראָגען אַ פּול דרעס סוט 20 יאָהר כסדר און עס וועט קיינעם ניט זיין אויפפאלענד, אַז עס איז אַלטמאָדיש. אַנדערש איז אָבער מיט פרויען קליידער. די מאָדע ענדערט איהרע געזעטצע זעהר שנעל. אַ פרוי וואָס וויל לעבען נאָך דער מאָדע מוז אַ העלפּט פון איהר צייט פערברייגגען ביי די דרעס־מייקערס. און איידער זי האָט צייט אנצוטהאָן די קלייד עטליכע מאָל ווערט עס שוין אוים מאָדע.

אַ חוץ די קליידער איז ביי פרויען דאָ נאָך אַ וויכטיגע זאַך — דער הוט. די מאָדע רעגיערט איבער דעם הוט מיט די זעלבע טיראַניי ווי איבער די קליידער. און וויל אַ פרוי זיין כאָטש אַ ביסעלע סטייליש מוז זי קויפען צום וועניגסטען פיער העטס אַ יאָהר, פאר פריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער. ווייל אויב די פרוי וויל און קען דאָס בעווייזען איז איין הוט גאָר ניט גענוג פאר איין סעזאָן. פאר יעדען טייל פון מעת לעת מוזען זיין פערשיעדענע היטע. פאר פריה־מאָרגענס איינס, פאר אַ מיטאָג בעזוך אַן אנדער הוט, פאר אַ נאכמיטאג אפעיר (אַ מאטינעע, אָדער אַ וויסט פּאַרטי) ווידער אַן אנדער הוט, פאר אבענד איז איינע גאָר ניט גענוג, נור זי מוז טאַקי האָבען אַ צוויי דריי פערשיעדענע. בקצור, אַ סטיילישע דאמע קען זיך אָהן דרייסיג העטס אַ יאָהר גאָר ניט בעגעהן.

עס איז צו בעמערקען אַז גראדע די אָרימערע קלאסען פרויען זיינען מעהר בעהערשט פון דער מאָדע ווי די רייכע. עס איז אַ בעוואוסטער פאקט אַז די רייכערע אמעריקאַנער פרויען האָבען ליעב צו ווייזען זיך אין גאנץ איינפאכע קליידער, פון גוטען מאטעריאל, אמת, אָבער קיינמאָל זיינען זיי די ערסטע אָנצוכאַפּען זיך אַן אַ נייער מאָדע. די אַמעריקאַנער פרויען זיינען בעריהמט אין דער גאַנצער וועלט פאר זייער גוטען געשמאַק אין קליידען זיך, און דארום כאַפּען זיי זיך ניט אָן גלייך אַן יעדען נייעם סטייל. זיי האָבען אַ ווערטעל, „זיי ניט פון די ערשטע אָנצונעהמען דאָס נייע און ניט פון די לעצטע אוועקצוּוואַרפען דאָס אַלטע". דאָס איז דער מיטעלוועג. ווען עס קומען ארוים די „ספּרינג סטיילס", די פריהלינגס מאָדעס, וואו זעהט מען זיי צוערשט ? אויף פינפטע עוועניו ? אויף בראָדוויי ? אויף ריווערסייד דרייוו ? ניין, ניט אין דיעזע אריסטאָקראַטישע גאַסען, נור דוקא אין די געדיכטע קווארטאַלען פון דער איסט סייד. ווען די מערץ

ווינטען האַלטען נאָך אין בלאָזען זייער קאַלטען אָטהעם, ווען דער שנעע ליעגט נאָך אויף די דעכער, בעוויזען זיך שוין אידישע אָר־בייטער מיידלעך אין די העל פאַרביגע קאַלירען פון די נייעסטע פריה־לינגס קליידער און פריהלינגס העטס. זיי שטעלען זיך ניט אָב צו בע־טראַכטען אויב די קאַלירען, אָדער דער פאַסאָן פון די קליידער פּאַסט זיך צו זייער געזיכט, צו דעם געבוי אָדער פאָרמע פון זייער קערפּער, זיי פרעגען זיך ניט אויב די קליידער מאַכען זיי שעהנער אָדער מיאוס'ער, נור קוים איז עס די מאָדע, אָדער ריכטיגער געזאָגט, קוים ווערט עס באַלד ווערען די מאָדע, דענקען זיי אז זיי דאַרפען זיין פון די ערשטע דאָס צו פערכאַפּען. זיי עסען ניט, לעבען אויף אַ בענענע מיט אַ זעמעל, הונגערען זיך בוכשטעבליך אויס, אום אָבצושפּאָרען אויף אַ ספּרינג העט און אַ ספּרינג דרעס, אָדער ווי איינער, אַן אמע־ריקאַנער שריפטשטעלער, האָט זיך אויסגעדריקט : זיי רייסען אָב פון מאָגען און לייגען ארויף אויפ'ן קערפּער.

אַזאַ שלעכטען געשמאַק אין קליידונג ווי די מייסטע פון אונזערע אידישע טעכטער האָבען איז שוידערליך. בעטראַכט די שרייענדע קאַ־לירען פון אַלערליי העלע פאַרבען וואָס מען זעהט אום שבת, אָדער אום יום טוב אין די אידישע גאַסען. אַ מענש מיט אַ ברעקעל געשמאַק מוז שוידערען צוזעהענדיג ווי מיידלעך און ווייבלעך, וועלכע זיינען פון דער נאַטור גאַנץ שעהן, מאַכען פון זיך אַפען מיט דעם וואָס זיי פאָל־גען בלינדערהייד די מאָדע. אויב די מאָדע זאָגט אז דיעזען סעזאָן זאָלען פרויען טראָגען גרויסע העטס זאָל דעריבער אַ קליין געוויקסיגע איידעל געבויטע פרוי אָנטהאָן אַזאַ העט וואָס זאָל זי מאַכען אויסזעהן ווי „אַ פּייג אונטער אַ דעכעלע" ? אויב די מאָדע גיט אַרויס אַן אוקאַז אַז פרויען זאָלען טראָגען קליידער פון אַ דונקעל רויטע פאַרב, זאָל אַ פרוי וואָס האָט רויטע האָאַר און זומערשפּרינקלעך אויפ'ן פּנים טראָ־גען אַזאַ קאַליר וואָס מאַכט זי אויסזעהן ווי אַ סטראַשידלע ?

ניין ! צוערשט קומט געשמאַק, די מאָדע קומט נאָכדעם. אַ פרוי וואָס איז דאַר, מאַגער און איינגעצויגען קען קיין דעקאָלטירטע קלייד ניט טראָגען. עס איז בעסער פאַר איהר אַז זי זאָל איהרע ביינער פאַרדעקען און טראָגען אַ צניעות'דיגע קלייד וואָס וועט זי מאַכען אויסזעהן פולער און שעהנער. אַ פעשע פרוי וואָס וועגט איהרע 200 פונט אָדער מעהר, דאַרף ניט טראָגען קיין רויכוואַרג, קיין מופטע,

קיין אַנדערע פוטער וואַרען, קיין גרויסען קאָלנער, אָדער מאַנטעל־קאָלנער, (קייפּ) אָדער אירגענד װעלכע זאַך װאָס לייגט זיך אָן אויף איהר קערפּער און מאַכט איהר אויסזעהן פיעל דיקער װי זי איז, איז־בערהויפּט װען די פרוי איז נאָך קורץ געװאַקסען. אַזאַ פרוי דאַרף אויך ניט טראָגען קיין קליידער פון װייסע שטאָף, װייל װייס האָט די טבע צו מאַכען יעדע זאַך אויסזעהן גרעסער. אַ פרוי װאָס איז קורץ געװאַקסען דאַרף אימער טראָגען אַ װייסט און סקאַירט פון דעם זעלבען קאָליר, װייל אויב פון פערשיעדענע קאָלירען מאַכט עס איהר אויס־זעהן קירצער. זי דאַרף אויך ניט טראָגען קיין קליידער פון געקעסטעל־טען שטאָף, אין װעלכע די שטרייפען לויפען אין דער ליינג און אין דער ברייט.

גראַדע אַזוי װי װייס האָט די טבע צו מאַכען יעדע זאַך גרעסער װי דאָס איז, אַזוי איז שװאַרץ פונקט דער געגענזאַטץ — עס איז אַ פּאַסענדער קאָליר פאַר אַ פרוי װאָס איז אַ ביסעל איבער די געװויג־ליכע מאָאָס און װאָג, עס מאַכט איהר אויסזעהן קלענער, איידעלער.

מיט געשטרייפטע װאַרע דאַרף מען זיך זעהר היטען. אַ קלייד אין װעלכע די שטרייפען געהען אין דער לענג, פון אויבען אַרונטער, האָט די טבע צו מאַכען אַ פיגור אויסזעהן לענגער. אַ פעטע פרוי דאַרף קיינמאָל טראָגען קליידער אין װעלכע די שטרייפען געהען אין דער ברייט. שטרייפען װאָס געהען אין דער ברייט מאַכען די פיגור אויסזעהן ברייטער.

אַ שװאַרצע קלייד איז פּאַסענד פאַר אַלע פרויען, יונג און אַלט, הויך און קורץ, פאַר יעדער צייט און פאַר יעדער געלעגענהייט.

עס איז דאַרום זעהר עקאָנאָמיש צו האָבען אַ גוטע שװאַרצע דרעס. אין די הייסע װעטערען איז עס ניט אַנגענעהם צוליעב דעם װייל שװאַרץ האָט אַ טבע צוציהען די היץ פון דער זונן. װייסע קליידער קענען טראַגען נור יונגע, שעהנע און איידעל־געבויטע פרויען. אַ בלאַסע פרוי זעהט ניט אויס גוט אין װייסען.

## האַרמאָניע פון קאָלירען.

פרויען דאַרפען זיין זעהר פּאַרזיכטיג אין צופּאַסען קאָלירען פון פערשיעדענע פאַרבען. עס דאַרף זיין אַ געװיסע האַרמאָניע אין די

קאָלירען, און די האַרמאָניע בעשטעהט אין דעם אַז די קאָלירען זאָלען האָבען אַ געוויסע שטימונג, אַז זיי זאָלען ניט האָבען אין זיך די טבע פון אויפרייסען די אויגען, פון צוציהען צופיעל אויפמערקזאַמקייט. עס זיינען דאָ פרויען וואָס טראָגען אַלעס פון איין קאָליר, זייער הוט, זייער קלייד, זייערע שיך און זאָגאר זייער זאָנענשירם איז פון דעם זעלבען קאָליר. דאָס איז אָבער אויך מאָנכעסמאָל אויפפאַלענד. מיר וועלען דארום געבען אַ ליסטע פון קאָלירען וואָס האַרמאָנירען צווישען זיך ווען אַ פרוי קען זיי טראָגען מיט פולער זיכערהייט.

בלוי און שוואַרץ.
בלוי און ווייס.
בלוי און ברוין.
בלוי און אַראַנדזש.
בלוי און שטרוי קאָליר.
בלוי און געלב־גרוי (דרעב).
בלוי און דונקעל־ברוין.
בלוי און גאָלד.
בלוי, שאַרלאַך־רויטה און פורפעל.
בלוי, אַראַנדזש און שוואַרץ.
בלוי, אַראַנדזש און גרין.
בלוי, ברוין, טיעף־רויטה און גאָלד.
בלוי, אַראַנדזש, ווייס און שוואַרץ.

שוואַרץ און ווייס.
שוואַרץ און אַראַנדזש.
שוואַרץ און שאַרלאַך־רויטה.
שוואַרץ און לילאַס־פאַרביג (ליילאַק).
שוואַרץ און בלאַס־רויטה (פינק).
שוואַרץ און דונקעל גרוי.
שוואַרץ, געלב און טיעף־רויטה.
שוואַרץ, אַראַנדזש, בלוי און שאַרלאַך־רויטה.

רויטה און גאָלד.
רויטה און ווייס.

רויטה און גרוי.
רויטה, אראנדזש און גרין.
רויטה, געלב און שווארץ.
רויטה, גאָלד, שווארץ און ווייס.

ווייס און שארלאך־רויטה.
ווייס און טיעף־רויטה.
ווייס און קארשען־קאָליר.
ווייס און בלאַס־רויטה.
ווייס און ברוין.

## דיימאָנדס און דזשולערי

די מאָדע פון טראָגען אוירינגלאך איז שוין לאנג אָבגעשטאָרבען. לעבערען א ביי געבוירענעם קינדס אויערען ווערט יעצט בעטראכט אלס א ווילדע טהאט וואָס פאסט זיך נור פאר בארבארען. א פרוי וואָס טראָגט אוירינגלאך ווערט יעצט אפילו ביי אידען בעטראכט אלס א „יענטע", כאָטש אונזערע אידען האָבען ליעב דזשולערי מעהר ווי אנ־דערע פעלקער אויף דער וועלט.

בכלל ווערט יעצט דזשולערי ווייניגער געטראָגען ווי א מאָל. די רייכע לייט קלייבען דאָס אזוי ווי מען קלייבט אנטיקען וואארען, אָבער עס ווערט גאנץ ווייניג געטראָגען. עס איז א שטרענגער רעגעל פון דער עטיקעט דאָס דיימאָנדס, פערל און אנדערע דזשולערי זאָלען גע־טראָגען ווערען נור אויף בעלער, אָדער חתונות, אָבער קיינמאָל ניט ביי טאָג. אויך איז ניט שעהן צו טראָגען דזשולערי אויף די באדע פלע־צער ביי'ם ים, אָדער אויף די בערג, זומער צייט וואו מענשען קומען זיך צו ערהאלען. דזשולערי איז איבערהויפט קיין זומערדיגער ארטי־קעל, ווייל עס הארמאָנירט ניט מיט די קליידער וואָס ווערען געטרא־גען אין דער פרייער, לייכטער זומער צייט.

מיר ווייסען אז מאנכע לעזערינס וועלען דאָ פרעגען א קשיא: אויב די עטיקעטע לעהרענט אונז אז דזשולערי דארף מען ניט טראָגען ביי טאָג און קיינמאָל ניט אין די זומער פלעצער, טאָ פארוואָס געהט מרס. שניפישאָקאָוויטש אין גראָסערי מיט אפשר א פינף טויזענד דאָלאר

דזשולערי אויף זיך ? פארוואָס זיצען מיסעס יעהופעץ, מיסעס גלופסק און מיסעס פופיקאָוויץ אויף דער וואָרענדאַ אין אַ זומער האָטעל אין טאָנערסוויל בעלאַדען מיט דיימאָנטען, ברילּיאַנטען, פערל און גאָלד און צו פיערצעהן רינגען אויף די פינגער ? אַזעלכע רייכע לײדים וואָס פערמעגען אַזוי פיעל סטיילּישע דרעסעס, זיי מוזען געווים וויסען וואָס עס פּאַסט, אָדער וואָס עס פּאַסט ניט.

יאָ, ליעבע לעזערינס, מיר האָבען שוין פריהער געהערט אַזעלכע קשיות. אָבער, געעהערטע לײדים ! מיינט ניט אַז ווייל יענע דאַמען וועלכע איהר צייגט אַלס ביישפּיעל זיינען רייך ווייסען זיי וואָס זיי טהוען. דער פאַקט אַז זייערע מענער האָבען געמאַכט געלד איז נאָך קיין בעווייז אַז זיי האָבען זיך אויסגעלעהרענט ריכטיג צו לעבען. זיי זיינען געבליעבען די זעלבע יענטעס. זיי זיינען געוואָרען נאָך גרע־סערע יענטעס, אָט צוליעב דעם : ווען זיי זיינען געווען אָרעם האָ־בען זיי געטראָגען איינפאַכע קליידער און האָבען זיך קיינעם אין די אויגען ניט געוואָרפען. יעצט, האָבענדיג געלד שלעפּען זיי אויף זיך אַרויף אַלע זאָרטען קליידער פון שרייענדע קאָלירען, מיט טרימינגס, און פּאַטשערקעס, וועלכע רייסען אויף יעדערענס אויגען. זיי קליידען זיך ניט מיט דעם צוועק אויסצוזעהען נעט און וואָס מען רופט אין ענגליש „ריפאינד", ניין, אויף דעם האָבען זיי קיין געשמאַק. זיי קליידען און פוצען זיך נור אום צו צייגען ווי פיעל זיי קענען בע־הויפּטען צו ספּענדען, ווי רייך זייערע מענער זיינען, אָבער זיי האָבען קיין פעהיגקייט צו אורטהיילען וואָס עס פּאַסט זיך פאַר זייער גע־זיכטס־קאָליר, פאַר זייער עלטער, פאַר זייער קערפּער־געבוי, אָדער פאַר זייער וואוקס. און דארום, צו אַ מענשען מיט אַ גוט ענטוויקעלטען גע־שמאַק זעהען זיי אויס זעהר לעבערליך.

פון דיעזע אויפגעקומענע מיסעס פופיקאָוויצעס איז געווים ניטאָ וואָס צו נעהמען אַ ביישפּיעל.

האָט איהר ווען בעמערקט אין אַ נעזעלשאַפט, אָדער אויף אַ שמחה, וואו מען זעהט אַ סך פון דיעזע מיסעס פופיקאָוויצעס מיט זייער איבערטריבענעם פוץ, ווען עס בעווייזט זיך צווישען די פערזאָ־מעלטע אַ פרוי אָדער אַ מיידעל וואָס איז געקליידעט איינפאַך אָבער נעט, וואָס איהר קלייד (אָהן איבריגע טרימינגס און פּאַטשערקעס) ליעגט אויף איהר ווי אויסגעגאָסען, און זי פיהלט זיך אין דעם פריי,

זון בעוועגט זיך לייכט, און ווי די מיסעס פּופּיקאָוויצעס קוקען אויף זיהר און וואונדערען זיך : וואָס איז דער מעהר מיט איהר ?

וואָס איז דער מעהר מיט דער פרוי אָדער מיידעל וועלכע בע־ וויזט זיך זומער אין אן איינפאַך געמאַכטער קלייד מיט אן איינפאַ־ כען סיילאָר העט, דאָס זי זעהט אויס אַנציהענדער און ליעבליכער פון דער פרוי וואָס טראָגט א סילק דרעס מיט א גרויסען הוט פון וועלכען די צוויי פעדערען אליין קאָסטען א פופציגער ?

וואָס איז דער מעהר ווען אידישע ארבייטער מיידלאַך געהען ארוים אין א שבת, אָדער א זאָנטאָג, שפּאַציערען אין גאַס, אָנגעטהאָן אין דרעסעס וואָס פּאַסען זיך נור פאַר א באָל, אָדער א חתונה, אין וועלכע קיין דאַמע דאַרף זיך בעווייזען אין גאַס, — וואָס איז דער מעהר ווען צווישען זיי בעגעגענט איהר איינע וואָס איז געקליידעט אין אן איינפאַכען, אָדער געטען סוט, פון א שטילען פּאַסענדען קאָליר, פאַלט אייך גלייך אין קאָפּ א געדאַנק אז דאָס איז ניט א אידישע קינד ?

די הארץ זאָגט אייך אז איהר זעהט א פרוי אָדער א מיידעל וואָס איז געקליידעט איינפאַך און מיט געשמאַק איז זי ערצויגען געוואָרען צווישען מענשען וואָס האַלטען געשמאַק העכער פון פּוץ. עס איז א וועהטאָג אין הארצען אַזוי צו ריידען, אָבער מען מוז זאָגען דעם אמת.

קליידער פון שרייענדע קאָלירען, דיאמאַנטען, בריליאַנטען, אַלער־ ליי זאַרטען פּוץ וואָס רייסען אויף די אויגען, וואָס ציהען צו צופיעל אויפמערקזאַמקייט בעצייכענען דעם מענשען אַלס אונענטוויקעלט, רויה און ווייט פון קולטור. דזשולערי איז דער ערשטער צייכען פון אן אויפ־ געקומענער גבירה, אָדער פון א פרוי אָהן אינטעליגענץ. ביי די ווילדע פעלקער איז דער פּוץ די הויפּט זאַך און קליידונג איז ביי זיי א נעבען זאַך. דאַרום, אויב דיעזע ווילדע שבטים טראָגען גאָר קיין קליי־ דער בעציערען זיי זייערע קעפּ מיט פעדערען און לאָזען זיך אויסקריי־ צען אויף זייערע קערפּער קאָלירטע פיגורען פון אַלערליי חיות. די כּלאָמר׳שט ציוויליזירטע פרויען וואָס בעטראַכטען דעם פּוץ די הויפּט זאַך זיינען ניט בעסער ווי יענע ווילדע.

מיר טראָגען קליידער, ערשטענס, אום צו בעשיצען זיך פון קעלט, און צווייטענס, אויס בעשיידענהייט. אדם און חוה האָבען געלעבט אין דעם גן עדן אין אונוויסענהייט, ווי צוויי אונשולדיגע קינדער. עס איז דאָרט געווען אימער ווארם און זייערע קערפּער האָבען קיין שוטץ

געדארפט האָבען. אין אַ רעגענדיגעם וועטער האָבען זיי זיך בעהאַלטען אין אַ הייהל, אָדער הינטער אַ פעלז. אָבער ווי זיי האָבען פערזוכט פון עץ הדעת האָבען זיי זיך אָנגעהויבען שעהמען און זיי האָבען זיך אויפ־געגעהט גארטלען פון פייגענבוימער אום זיך צו קענען ווייזען איינער פאר די אַנדערע און זיך ניט פיהלען אונבעקוועם. דער הויפט צוועק פון קליידער איז בעקוועמליכקייט. נור אז די מענשען האָבען זיך ענטוויי־קעלט האָבען זיי פון קליידער געמאכט אַ קונסט. די גריעכען האָבען דיע־זע קונסט געבראכט צו פאָלקאָמענהייט — קליידער זיינען געווען בעק־וועם, גערואם און מיט אַ שניט וואָס האָט דעם קערפער צוגעגעבען אַ מאיעסטעטישע פאָזע און אַ חן פון די בני אלהים. שפּעטער איז די קונסט פערדאָרבען געוואָרען. מענשען האָבען אויסגעטראכט אַלערליי מאָדעס, אַלערליי זאָרטען פוץ און צאצקעס, ביז קליידער זיינען גע־וואָרען אַ לאסט אַנשטאָט אַ בעקוועמליכקייט, און ניין טהייל פון דיעזע צעהן מאָאס פון דער לאסט זיינען געפאלען אויף די פרויען.

יעדער פרוי פיהלט די שווערע לאסט וואָס די מאָדע לעגט אויף איהר ארויף, און יעדע פרוי פערשטעהט גוט אַז איינפאכע, נעטע און בעקוועמע קליידער זיינען פאסענדער און אַנציהענדער, אָבער עס זיינען דאָ ווענינ פרויען וואָס בעזיצען דעם קוראזש צו לעבען נאָך זייער אייגענעם ווילען און נאָך זייער אייגענעם פערשטאַנד.

## קליידונג פאר יונגע מיידלאך

ווען אַ מיידעל קומט אין עלטער פון פופצעהן יאָהר אָדער זעכ־צעהן יאָהר בעקומט זי אַן אַמביציע פון קליידען זיך אַזוי ווי אַן ער־וואַקסענע. ביי מאַנכע מיידלאך קומט דיעזע אַמביציע נאָך פריהער. אין פיעלע פעלע איז עס דער מוטער'ס ווילען אַזוי. די מוטער וויל זעהען אַז איהר טאָכטער, וועלכע איז קוים פופצעהן יאָהר אַלט, זאָל שוין אויסזעהען ווי אַ כלה מויד, אום זי זאָל קענען וואָס פריהער האָבען „קאָמפּאַניע". דער רעזולטאַט דערפון איז אַז אין די גרויסע שטעדט, און ביי דער אָרימער קלאַסע איבערהויפּט, זעהט מען קליינע מיידלאך, אין עלטער פון דרייצעהן און פיערצעהן יאָהר וואָס מאַכען נאָך די קליידונג פון די ערוואַקסענע, און וואָס אַנבעטרעפט קאָקעטריי און חוצפ'עריי איבערטרייבען זיי נאָך די גרויסע. עס איז קיין נאָווינע

ניט צו בעגעגענען אין גאַס, אָדער אין די פּאַרקס דרייצעהן יעהריגע מיידלאַך אין קליידער מיט ענטבלויזטע אָרמען און העלזער און מיט אן אונגעהויער גרויסע קוואַנטיטעט פאַרב און פּודער אויף די פּנים'ער. עס איז אַ שרעק צו בעטראַכטען די ביליגע שעדליכע פאַרב אויף די יונגע קינדערשע בעקלעך. און צוזאַמען מיט דיעזען זאַרט קליידען און גרימירען זיך נעהמען אַן דיעזע יונגע קינדער אַ האַלטונג וואָס איז אין קיין פאַל אַ בעשיידענע. זיי ווילען אויסזעהען ווי גרויסע מיידלאַך — אין זייערע מאַניערען אַזוי ווי אין זייער קליידונג, אַט דאָס איז זייער ווילען און דער ווילען פון זייערע מוטערס.

די אונוויסענהייט פון די קינדער איז נאָך ווי עס איז צו פערצייהען. זיי זיינען דאָך ניט מעהר ווי קינדער. אָבער די אונוויסענהייט פון די מוטערס איז שוין יאָ אונפערצייהליך. דורך דיעזע אונוויסענהייט ברענגען זיי זייערע קינדער צו גרונד.

ניט לאַנג צוריק האָט אַ פּאָליסמאַן אין ניו יאָרק אַרעסטירט צוויי קליינע מיידלאַך ווייל זיי האָבען צו איהם גערעדט זעהר חוצפּה'דיג, פרעך. ווען די צוויי מיידלאַך, איינע פיערצעהן יאָהר און די אַנדערע עטוואָס עלטער, זיינען געבראַכט געוואָרען אין געריכט, האָט דער ריכטער מיט ערשטוינען בעטראַכט די גרויסע אונבעשיידענהייט פון די מיידלאַך אין זייער קליידונג אין זייערע מאַניערען. „איך וויל אַז יעדע מוטער זאָל עס וויסען", האָט דער ריכטער געזאָגט אַז ווען זי ערלויבט אַ טאָכטער אין דיעזען עלטער צו טראָגען דורכזיכטיגע וויסטלאַך און צו פאַרבען די בעקלאַך, איז גליך ווי זי וואָלט איהר טאָכטער ערציהען פאַר דעם ווייסען שקלאַפען האַנדעל. קליינע מיידלאַך וואָס געהען אַרוים אין אַזאַ זאַרט קליידונג ערוועקען אונריינע געדאַנקען ביי געוויסע זאָרטען מענשען און דער סוף איז אַ ביטערער". מוטער'ס וואָס ריידען צו זייערע יונגע טעכטער צו קליידען זיך עלטער ווי זיי זיינען, צו פאַרבען זיך, צו טראָגען פּאָפּס א.ז.וו. אום צוציהען „קאָמפּאַניע" מיינען נאַטירליך אַז זיי טהוען דערמיט זייער פּפליכט אַלס מוטערס צו בעזאָרגען זייערע טעכטער מיט אַ „תכלית". זיי האָבען געזעהען דעם לעסאָן פון אַרבייטער מיידלאַך וואָס זיינען „פערזעסען" געוואָרען צוליעב דעם וואָס זיי האָבען ניט אָנגעפאַנגען צו זאָרגען וועגען אַ „תכלית" ווען זיי זיינען נאָך געווען יונג. די מאַמעס אַליין ווילען זעהן זייערע טעכטער גליקליך. זיי פּרעהען זיך

ווען זיי זעהען ענדליך אז זייער טאָכטער געהט ארום מיט א מאַנספּער־זאָן און זעלטען, אז אַזעלכע מוטערס נעהמען זיך די מיה נאָכצופרעגען ווער דיעזער מאַנספּערזאָן איז און וואָס ער האָט פאר זיינע אויס־זיכטען.

יונגע מיידלאך, בעפאָר זיי קומען אין עלטער פון אכטצעהן יאָהר דארפען זיך קליידען זעהר בעשיידען, און זעהר איינפאך. זייער יוגענד איז אליין א ציערונג און זיי דארפען ניט האָבען קיין איבריגען פוץ, קיין איבריגע „טרימינגס". א מיידעל פון פיערצעהן אָדער פופצעהן יאָהר אין א הוט מיט גרויסע פעדערען מאכט זעהר ניט אן אנגענעה־מען איינדרוק. אויב זי פארבט זיך ווערט זי אבשייליך. מיידלאך וואָס געהען אויס ארבייטען, אין פעקטאָריס אָדער אין אָפיסעס, דארפען אי־בערהויפּט קיין איבערטריבענעם פוץ, ווען זיי זיינען אפילו פון פולען עלטער. פאר א מיידעל וואָס געהט ארבייטען איז די פאסענדעסטע קליידונג א האלב מענערישע „שווירט ווייסט" מיט א פאקעט, א קאָלער מיט א טאַי, און א סקאָירט, וואָס זאָל הארמאָנירען מיט דעם קאָליר פון דער ווייסט.

מוטער'ס פערלאנגט ניט פון אייערע יונגע קינדער אז זיי זאָלען זיך קליידען ווי ערוואקסענע. פערלאנגט פון זיי ניט דאָס וואָס הארמאָנירט ניט מיט זייער עלטער און וועקט אין זיי אויף געפיהלען וועלכע זיי־נען נאָך אונצייטיג.

## קליידונג פאר עלטערע פרויען.

ווי געזאָגט, דארפען קליידער הארמאָנירען מיט דער עלטער, און פונקט ווי עס פאסט ניט פאר א קליינע מיידעלע זיך צו קליידען ווי אן ערוואקסענע פריילין אזוי פאסט עס זיך ניט פאר אן עלטערע פרוי צו קליידען זיך ווי א יונגע ווייבעל.

אָבער ניט אלע עלטערע פרויען ווילען צוגעבען אז זיי זיינען שוין ניט מעהר יונגע ווייבלאך. אָה, די עלטער. ווער וויל זיך דאָס אונטער־געבען צו דיעזען שרעקליכען פיינד אָהן א קאמפף? אפילו מענער קעמפפען געגען דיעזען שונא — און פשיטא שוין די פרויען וואָס זייער גאנצע מאכט ליעגט אין זייער אויסזעהען, אין זייער שעהנקייט. וואָס פאר א קאמפף עס ווייזט ארויס די פרוי ביי דעם ערשטען

סיגנאַל אַז דער גרויסער שונא, די עלטער קומט אָן ! וואָס פאַר אַ שרעק עס וואַרפט אַרויף אויף איהר דער ערשטער קנייטש, די ערשטע גרויע האָאַר ! וואָס פאַר אַ וואָלקען עס קלייבט זיך אָן אויף איהר פּנים ווען זי בעמערקט אַז דער קאָליר פון איהר פּנים הויבט אָן צו נגייזען אַ געלקייט, די פרישקייט פערשווינדעט און עס בעווייזט זיך דער הערבסט פון לעבען.

זיי נעהמען זיך צו די אַלטע וואַפען : צו פאַרבען די האָאַר, דעם פּנים, פערשמירען די קנייטשען מיט געפאַרבטע לעהם, אָבפּרישען דעם גלאַנץ פון די אויגען מיט בעלאַדאָנאַ טראָפּענס, און נאָך אַנדערע קאָס־מעטישע מיטלען, וועלכע זיינען דאָ אין די פיעלע הונדערטע. אָבער זעלטענס אַז זיי ערררייכען עפּעס מיט אַזעלכע קאָמפּפּס מיטלען. זיי ווערען נאָך אָפטמאָל מיאוס'ער און זעהר לעכערליך דורך די אוננאַ־טירליכע בעפּוצונג. אַ פרוי אין די זעכציגער וואָס טהוט אָן אַ גרויסען הוט מיט העלע קאָלירען מאַכט פון זיך אַ קאַריקאַטורע. די פרוי וועל־כע זוכט צו בעקעמפּפען איהר עלטער פערליערט בלויז צייט און מיה.

דער בעסטער וועג ניט צו פיהלען די אונבעקוועמליכקייט פון עלטער איז ניט צו קימערען זיך וועגען דעם. אַ פרוי דאַרף האָבען אין זינען דעם ווערטעל אַז, „אַז אַ פרוי איז אַזוי אַלט ווי זי פיהלט". דאַ־רום זאָל זי ניט זוכען אויסערליכע מיטלען, ווי א ו י ס צ ו ז ע ה ן יונג, נור זי זאָל זיך געוואָהנען צו פ י ה ל ע ן יונג. זאָל זי ניט פער־ליערען קיין צייט צו בעקעמפּפען די אויסערליכע סמנים פון עלטער, נור פערקעהרט, שטאָלציערען מיט זיי און בעטראַכטען גרויע האָאַר אַלס אַ ציערדע, אַלס אַ זאַך מיט וועלכע זי דאַרף שטאָלציערען. אַ פרוי וואָס איז אַלט פופציג יאָהר דאַרף זיך פעררעכענען אַלס אַ פרוי וואָס פאַנגט אָן די קאַריערע פון אַן עלטערע דאַמע. און אַ פרוי פון זעכציג דאַרף בעטראַכטען איהרע גרויע האָאַר אַלס די קרוין פון אַ נאָבעלען לעבען. דער פריהלינג איז שעהן, דער זומער איז אויך שעהן, אָבער דער ווייסער ווינטער האָט אויך זיינע שעהנהייטען. אַ בכבוד אויסזעהענדע, ריינע ציכטיגע גראָסמוטער איז פאַר איהר עלטער אַזוי שעהן ווי אַ כלה מויד אין איהר מיידעלשען חן.

פאַר עלטערע פרויען פּאַסען זיך בעסער קליידער פון שווערען זייד, סאַמעטס, רייכע בראַקיידס (זיידען שטאָפען מיט אויסגעוועבטע בלו־מען) און נאָך אַזעלכע זאָרטען שטאָפען וואָס הענגען לויז אויפ'ן קער־

פער און צייגען ניט ארויס די קאנטינגקייט און די אונגלייכהייט פון גליעדער, אַ צושטאַנד וואָס קומט געוועהנליך מיט די עלטערע יאָהרען. אָבער קיין עלטערע פרוי דאַרף זיך צייגען אין ווייסען, אָדער אין אַנדערע העלע קאָלירען, אָדער אין אַ העלע הוט מיט צאַצקעדיגע בלומען, ווייל דאָס מאַכט איהר אויסזעהען זעהר לעכערליך אין די אויגען פון מענשען. דיעזע העלע קאָלירען האָבען די טבע נאָך שאַרפער ארויסצוצייגען איהר עלטער. דאָס בעסטע איז ווי מיר האָבען פריהער געזאָגט: זאָל די עלטערע פרוי שטאָלצירען מיט איהר עלטער, און זאָל זי פ י ה ל ע ן יונג ביי זיך אין הארצען און קליידען זיך נאָך איהר עלטער, און נאָך בעסער איז ווען זי קליידעט זיך אַ ביסעלע עלטער ווי איהרע יאָהרען.

## עקאָנאָמיע אין קליידער

עס זיינען דאָ פרויען וואָס זעהען אימער אויס זעהר נעט געקליידעט, אַלעס וואָס זיי טראָגען אויף זיך איז אַזוי פּאַסענד, מיט געשמאַק, און דאָך קאָסטען זייערע קליידער ניט פיעל אין פערגלייך מיט אַנדערע פרויען וואָס בעזיצען מעהר געלד, אָבער ווייניגער געשמאַק.

ניט אין דעם געשמאַק אַליין ליעגט דער סוד פון דיעזען ערפאָלג, זאָנדערן אויך אין דעם פּראַקטישען שכל, אין דעם „ביזנעס אינסטינקט" פון דיעזע פרויען.

דער שרייבער האָט אַ מאָל געפרעגט אַזאַ פּראַקטישע פרוי, וועלכע — אָבוואָהל זי איז ניט רייך — איז זי אימער נעט און געשמאַקפאָל אין איהר קליידונג, ווי אַזוי זי פיהרט עס דורך אַז אין יעדער געזעלשאַפט זעהט זי אויס שעהנער און בעסער געקליידעט פון די אַנדערע.

„ערשטענס", האָט די פרוי ערקלעהרט, „קויף איך קיינמאָל אַזאַ קלייד וואָס איז פון אַ שוואַכען מאַטריאַל, בלויז דערפאַר ווייל עס איז ביליג. איך האַלט עס פאַר ארויסגעוואָרפענע געלד. איך קויף גוטע שטאָף, דאָס בעסטע וואָס איך קען בעהויפּטען, און איך שפּאָר איין אויף „טרימינגס". עס פערשטעהט זיך אַז אַ דרעס אָהן איבריגע טרימינגס קען מען טראָגען צוויי אָדער דריי סיזאָנס, ווייל די סטיילס ענדערען זיך הויפּטזעכליך אין די טרימינגס.

„זומער האָב איך אימער אַן איינפאַכעס סיילאָר העט וועלכע

קאָסט מיך ווייניגער ווי א דאָלאר, און דיעזע העט טראָג איך אין פייכ־
טע אָדער רעגענדיגע וועטער. אזא העט האַלט זיך ביי מיר דריי אָדער
פיער זומערען, און צוליעב דעם האָב איך פערהיט מיינע גוטע העטס
פון פערדאָרבען ווערען דורך שלעכטעס וועטער.

„ווינטער האָב איך פאר דעם זעלבען צוועק א פעלצענעם (פעלט)
סיילאָר העט וועלכע איך טראָג אין שלעכטען וועטער.

„איך האָב אימער א גוטען רעגען מאַנטעל און טראָג עס ווען
עס רעגענט, אָדער ווען עס צייגט אויף א רעגען. קליידער ווערען שנעל
פערדאָרבען ווען זיי ווייקען זיך אוים איינמאָל אין רעגען.

„איך האָב אימער צוויי, אָדער דריי פּאָאר שיך און טראָג יעדע
וואָך אן אנדער פּאָאר פון דיעזע דריי. אנדערע מיינען אז צו האָבען דריי
פּאָאר שיך איז בלויז א לוקסוס, עס איז אָבער אויך א גרויסע עקאָ־
נאָמיע. ווען מען טראָגט כסדר די זעלבע פּאָאר שיך ווערט די לעדער
אויפגעגעסען פון די היץ פון דער מענשליכער פוס. אָבער ווען די
שיך קענען זיך אָברוהען און אָבקיהלען, קענען זיי דיענען לענגער. אַנ־
שטאָט צו קויפען יעדען האַלב יאָהר אן אנדער פּאָאר שיך ווי מיין גע־
וואָהנהייט איז געווען, האָב איך יעצט די זעלבע דריי פּאָאר שיך שוין
איבער צוויי יאָהר און זיי זיינען נאָך גוט פאר נאָך א יאָהר. זאָקען
דויערען אויך לענגער ווען מען בייט זיי צוויי דריי מאָל א וואָך.

„איך פערגעס קיינמאָל אָבצופוצען א קלייד אָדער א העט ווען
איך נעהם עס אראָב פון זיך אום אויפצוהענגען אין קליידער שראַנק.
אנדערע מיינען אז אָבפוטצען א קלייד דאַרף מען נור ווען מען טהוט
עס אָן. ווען מען לאָזט קליידער אויפהענגען מיט'ן שטויב צוזאַמען
ווערט דער שטויב איינגעגעסען אין דעם שטאָף און מאַכט עס אַלט.

„איך פוץ מיינע שיך דריי מאָל א וואָך. דאָס האַלט דעם לעדער
אין א ווייכען און גוטען צושטאַנד. איך געה קיינמאָל ארוים אָהן ראַ־
בער שיך אין א רעגענדיגען טאָג, אָדער ווען עס איז בלאָטיג.

„אַט אזוי פיהר איך זיך. עס איז זעהר לייכט אויסצופיהרען, עס
איז עקאָנאָמיש און איך האָב הנאה פון מיין לעבען".

אזוי האָט די פרוי ערקלעהרט און דיעזע ערקלעהרונג קען דיענען
אַלס עצה צו פיעלע פרויען וועלכע ווילען זיין עקאָנאָמיש און שעהן
געקליידעט.

## קליידונג פאר ביזנעס פרויען

אין דער לעצטער צייט האָט די פרוי אָנגעהויבען צו נעהמען אַ גרויסען אנטהייל אין ביזנעס. אין די גרויסע שטעדט בעטרעפט די צאָהל פון פרויען און מיידלאך וואָס זיינען בעשעפטיגט אַלס סיילסלײדיס, סטענאָגראפערס, בוקקיפערס און דאָס גלייכען כמעט אזוי ווי די צאָהל פון די וואָס ארבייטען אין די פאבריקען.

אַמעריקא, דאָס לאַנד וואו געלעגענהייטען זיינען פריי און אָפען פאר יעדען וואָס וויל זיי אָנכאפּען, האָט ענטוויקעלט אַ בעזונדער טיפּ פון דער ביזנעס פרוי. און דאָך איז מען אין אַלע גרויסע ביזנעס הייזער מעהר פּאָרזיכטיג ביי דעם אויפנעהמען פון אַ פרויענצימער אַלס אַן ארבייטער פון דעם אַנדער געשלעכט.

אַ גרויסער ביזנעס מאַן וועלכער איז דער הויפּט פון איינע פון די גרעסטע אימפּאָרטינג און עקספּאָרטינג הייזער אין ניו־יאָרק, האָט מיר איינמאָל געזאָגט :

„ווען אַ מיידעל קומט אין מיין אָפיס בעטען אַ שטעלע איז די ערשטע זאַך וואָס איך שטודיר איז איהר קליידונג. איך נעהם קיינמאָל אַזא וואָס קומט צו ביזנעס מיט פרעמדע האָאר אויף'ן קאָפּ, מיט פאַרב אויף'ן פּנים און מיט אַ וויסטעל וואָס איז פון אויבען אויסגעשניטען, אָדער דורכזיכטיג. אַ מיידעל קען דיזע אַלע זאַכען געניסען צו הויז פיעל זי וויל, אָבער צו ביזנעס דאַרף זי קומען איינפאַך און בעשיידען. זי דאַרף טראָגען אַ וויסטעל וואָס דעקט צו ביז'ן האַלז, און אויף'ן האַלז אַ ווייסען קראַגען מיט אַ נעקטאַי. זי דאַרף ניט טראָגען קיין קליידער פון העלע קאָלירען, נור גרוי, אָדער דונקעל־בלוי און איינפאַ־כע שיך מיט ניעדעריגע קאָרקעס וועלכע קלאַפּען ניט ביי יעדען שריט. איהרע האָאר דאַרפען זיין פערקעמט זעהר איינפאַך און צוטהיילט אין מיטען. מיט איין וואָרט : די פרוי אָדער די מיידעל וועלכע איז אין ביזנעס דאַרף האָבען דעם אויסזעהען פון אַן ערנסטע ביזנעס פרוי".

דיזע עטליכע ווערטער פון אַ פּראַקטישען וועלט מענש וועלען פיעללייכט ברענגען נוטצען צו פיעלע פון אונזערע אידישע טעכטער וואָס זוכען אַ וועג אין לעבען אַלס סיילסלײדיס, סטענאָגראפערס און אַנדערע פּראָפעסיאָנען וואָס זיינען פערבונדען מיט ביזנעס.

## קליידונג פאר מענער

מען הערט אָפט ווי פרויען זאָגען מיט א רעכט ביסעל קנאה: „ווי גוט עס איז צו זיין א מאַנסביל! זיי, די מענער דארפען זיך ניט דרעהען דעם קאָפּ מיט קליידער, העטס און מאָדעס. מענער האָבען אי־מער איינע און די זעלבע מאָדעס, יאָהר איין, יאָהר אויס. א שוואר־צער ראָק מיט א הויכען קאפעליוש קענען דיענען א מאַן יאָהרען און יאָהרען, און ער וועט אימער זיין געקליידעט לויט דער מאָדע".

און דאָך, אז מען זאָל די זאך וועלען בעטראכטען א ביסעל גע־נויער, האָבען מענער אויך זעהר פיעל צו ליידען פון דער מאָדע. מען זעהט עס ניט ארויס ווייל דאָס רוב מענער, אפילו די פון דער רייכערער קלאַסע, העדען די מאָדע גאַנץ וועניג און פאסען צו די מאָדע לויט זייער איינענע בעקוועמליכקייט. ווען מען זאָל אָבער וועלען זיך גוט צוקוקען צו די אַנגענומענע רעגעלען פון דער מענער עטיקעטע בנוגע צו קליידונג וועט מען זעהען אז מענער זיינען אויך אונטערוואָרפען צו פיעלע און שטרענגע דינים פון דער מאָדע.

אין דער יעצטיגער צייט האָט אין די מאָדעס פון מענער קליי־דונג זיך אָנגעהויבען א שטילע רעוואָלוציאָן. דאָס איז זייט עס איז געשטאָרבען דער געזעץ געבער פון מאָדעס פאר מענער, קעניג עדווארד פון ענגלאַנד. נאָך איידער עדווארד דער זיעבעטער איז געוואָרען קעניג, ווען ער איז נאָך געווען „פרינס אָוו וועילס", איז ער שוין געוואָרען דער טאָן געבער פון די מאָדעס פון די לאָנדאָנער אריסטאָקראַטען. און פונקט אזוי ווי די פרויען פון דער גאַנצער וועלט האָבען ארויסגעקוקט אויף פאריז, אזוי האָבען די מענער ארויסגעקוקט אויף לאָנדאָן. וואָס נור לאָנדאָן האָט גענומען פון „פרינס אַלבערט", און שפּעטער פון קעניג עדווארד, האָט די וועלט גענומען פון לאָנדאָן, און בעוויזען מעהר בלינדען־צוטרויען ווי די פרויען אין פאריז. פאר קעניג עדווארד'ס פי־גור האָט זיך גאַנץ גוט געפּאסט דער געשמאַקלאָזער, אונבעקוועמלי־כער פרינס אַלבערט ראָק, דער לאַנגער שווארצער ראָק וואָס איז גע־שניטען גלייך פון פאָרענט אזוי ווי פון הינטען, אָבער אז ער האָט עס געטראָגען האָבען די מאָדעס געמוזט אַנגעהמען אַלע, אויב עס האָט זיי געפּאסט אָדער ניט געפּאסט, און עס איז געוואָרען א חק ולא יעבור,

א שטרענגעם געזעטץ, אז ביי יעדער האלב פארמאלע אפעיר, נאכ־מיטאג, אדער אבענד מוז מען טראגען א „פרינס אלבערט”. דער פרינס אלבערט איז געווארען דער אוניפארם פון שטאאטס־מענער און וועלט מענשען *) קעניג עדווארד, וועלכער איז געווען ניט איבריגענס הויך, האט שטארק מקפיד געווען צו טראגען א שטייפען קאפעליוש, פון דעם זארט וואס מען רופט אין אמעריקא „דערבי העט”, און דוקא מיט א הויכער קרוין. און נאטירליך האט קיינער וואס האט פאבריצירט מע־נער היטע זיך געוואגט צו מאכען אנדערע ווי די וועלכע עס האט גע־טראגען דער געזעטץ געבער פון דער מאדע. די וואס האבען ריזיקירט און פרובירט פאבריצירען אנדערע פאסאנען האבען קיין קיום געפונען און האבען פערלארען געלד.

קעניג עדווארד איז טוידט שוין זייט צוויי יאהר. זיין זוהן, קע־ניג דזשארדזש, איז א מענש וואס האט ניט זיין פאטער'ס אמביציעס. ער וועט ניט און קען ניט זיין זיין פאטער'ס שטעל פערטרעטער אלס גע־זעטץ געבער פון דער מאדע. די לאנדאנער שניידער האבען אליין אנ־געהויבען צו מאכען זייערע מאדעס. די רעפארמען וואס זיי האבען איינ־געפיהרט זיינען דערווייל נאך קליינינקייטען, אבער מען זאגט נביאות דאס אין א פינף יאהר ארום וועלען אלע מענער מאדעס געענדערט ווערען. דאס איז אפילו שווער צו גלויבען. מענער זיינען ניט אזוי לייכט אויף צו בייטען מאדעס. עס מוז נעהמען גוטע פופציג יאהר ביז מען וועט קענען מאכען וויכטיגע ענדערונגען אין די קליידונג פון מענער. עס איז אבער גאנץ מעגליך אז וואס אנבעלאנגט צו מענער היטע וועט די רעוואלוציאן קומען א סך פריהער. עס זיינען שוין דא גוטע בעווייזע אז דער „דערבי העט” האלט ביי'ם פערשווינדען.

די לעצטע ערשיינונגען מיט מענער היטע וואס מיר האבען געזעהן אין הערבסט און ווינטער פון 1911 זיינען גוטע בעווייזע אז די הוט פאבריקאנטען האבען זיך ערנסט גענומען צו דער ארבייט, צו מאכען

*) עס איז ווערטה צו בעמערקען אז דער פרינס אלבערט פערליערט יעצט פיעלע פון זיינע אנהענגער, וועלכע געפינען מעהר בעק־וועמליכקייט אין דער „קאטאוועי”. גרויסע שניידער זאגען נביאות אז דער פרינס אלבערט וועט סוף כל סוף אין גאנצען פער־שוואונדען ווערען פון דער מאדע.

יעדען סיזאָן נייע מאָדעס פאר מענער, כדי אז זיי זאָלען ניט קענען טראָגען אין אפריל א הוט וואָס מיר האָבען געקויפט אין סעפּטעמבער. און אויב עס וועט זיי געלינגען, וועלען די שניידער און קליידער פאב־ריקאַנטען אויך טהאָן עפּעס אין דער הינזיכט. דאַן וועט די ברכה פון „שלא עשני אשה" מוזען אויסגעשטריכען ווערען פון סדור, און פרויען וועלען האָבען אונז אָסור וואָס צו מקנא זיין.

ביז די פאָלקאָמענע רעוואָלוציאָן אין מענער קליידער וועט קו־מען, גלויב איך, אז איך קען דערוויילע געבען אן אויספיהרליכע בע־שרייבונג פון די עטיקעטע פון מענער קליידונג, אזוי ווי עס עקזיסטירט יעצט.

מענער האָבען אויך ליעב שעהנע קליידער. צו ער קען, צו ער קען ניט בעהויפּטען, ווען א איד איז אויף א שמחה, צווישען מענשען, וויל ער זיין געקליידעט לויט דער מאָדע, ער וויל זיין „אָפּ־טו־דייט". אונזערע מיטעל קלאַסע בעלי בתים און אפילו ארבייטער וואָס מאַכען זיך ווי עס איז א לעבען וועלען זעהר פיעל אָפּפערען פון די נויטה־ווענדיגסטע בעדערפניסען אין לעבען, אָפטמאָל פון זייער „קישקע", אום נור צו זיין „לייטען גלייך" ווען זיי קומען אויף א חתונה, אָדער אזוי עפּעס א שמחה. און לייטען גלייך קען מען, נאַטירליך, זיין נור ווען מען טראָגט לייטישע קליידער. ווארום דעם מענשען'ס קליידער מאַכען אויף אונז דעם ערשטען איינדרוק. איידער מיר בעקאַנען זיך מיט דעם מענשען אליין, מיט זיין קאראקטער, מיט זיינע קענטניסע, משפט'ען מיר איהם נאָך זיינע קליידער.

אַמעריקא איז א דעמאָקראַטישע מדינה. זאָלאַנג א מענש געהט ארום ריין, און זיין אויפפיהרונג איז לייטיש, מעשה־מענש, מאַכט ניט אויב ער קומט א מאָל ניט אין א פרינס אַלבערט צו א באָל, אָדער צו א חתונה. דער דזשענטלמאַן וועט זיך ארויסזעהען אפילו ווען ער זאָל טראָ־גען אן איינפאַכען ביזנעס אנצוג, אָדער א „סעק סוט". און דער אויפ־געקומענער גראָבער יונג, דער פּאַרווענו, וועט זיינע גראָבע מאַניערען ניט קענען בעהאַלטען אונטער א דרעס סוט. אָבער דאָך רעכענען מיר אז עס איז העכסט וויכטיג צו ווידמען א בעזונדער קאַפּיטעל צו דער קליי־דער עטיקעטע. דאָס איז ניט וויל אונזערע אידען קליידען זיך ניט גע־נוג סטייליש, נור דערפאַר וויל זיי זיינען צו סטייליש, זיי זיינען צו־

פיעל מדקדק אין דער מאָדע. און דארום איבערזאָלצען זיי די מאָדע און דארום קומען ביי זיי ארויס זעהר פיעל לעכערליכע טעות'ען.

דער מיטעל וועג איז אימער דער בעסטער. אין דער לעצטער צייט האָבען אפילו די אריסטאָקראַטען פון די נו יאָרקער „פיער הונדערט" אָנגעהויבען צו ווערען דעמאָקראַטישער אין זייער קליידונג, עס איז פיעל שעהנער צו קומען צו אן אפעיר א ביסעל איינפאך געקליידעט אלס צופיעל איבערגעפוצט, אָדער צו טראָגען אזעלכע קליידער וועל־כען הארמאָנירען ניט, אזוי ווי העלע הויזען מיט א טאָקסידאָ ראָק, אָדער א געלען שניפס מיט א פול דרעס.

עס קומט אויס זעהר לעכערליך צו זעהען א שעהנעם בעל הבית געהן דאַוונען שבת אין דער פריה אין שוהל אָנגעטהאָן אין א טאָקסידאָ. א טאָקסידאָ ווערט קיינמאָל ניט אָנגעטהאָן בעפאָר דער אָבענד קומט אָן. א טאָקסידאָ פּאסט זיך איבערהויפּט ניט פאר א שוהל, אָדער פאר א שמחה וואָס קומט פאָר ביי טאָג. א טאָקסידאָ ווערט געוועהנליך גע־רופען „דינער קאָוט" און ווערט געוועהנליך געטראָגען ביי א באַנקעט, אָדער ביי אן אנדער אפעיר ביי וועלכע געסט זיינען מייסטענס מענער.

בלויז מיט איינינע יאָהר צוריק, איידער דער דעמאָקראַטישער גייסט האָט גענומען אריינדרינגען אין די הויכע קרייזען, ווען די מאָדע איז געווען זעהר שטרענג איז דער אונטערשיעד צווישען דעם טאָקסידאָ אנצוג און דעם פול דרעס געווען זעהר גרויס. איינער איז געווען שטארק אָבגעזונדערט פון צווייטען און וואו איינער האָט זיך בעוויעזען האָט דער צווייטער זיך ניט געטהאָרט צייגען. די רעגעלען זיינען דאַן געווען פעסט געשטעלט אז אויף אַלע אפעירס וואָס קומען פאָר ביי נאַכט און וואו דאַמען ווערען געלאַדען מוזען מענער קומען אין פול דרעס. (זעה אלוסטראַציאָן און ערקלעהרונג) צו קומען אין א טאָקסידאָ איז געווען פעררעכענט אַלס בעליידיגונג פאר די לַיידיס און א בעליידיגונג פאר דעם בעל הבית, דער בעל שמחה. אין א טאָק־סידאָ האָט מען געקענט קומען נור וואו מענער עסען מיט מענער און וואו פרויען זיינען אויסגעשלאָסען.

היינט זיינען אָבער שוין אנדערע צייטען. עס איז קיין נאָווינע צו זעהען מענשען קומען אין טאָקסידאָס אפילו צו גאַנץ „סטיילישע" חתונות. אָבער די וואָס רעכענען אז מיט א „פּרינס אַלבערט" קען מען אויך יוצא זיין, האָבען א טעות. דער „פּרינס אַלבערט" ראָק איז

בלויז פאַר אַזעלכע אַפעירס וואָס קומען פאָר ביי טאָג, אָדער פאַר ניט פאָרמאַלנע, אָדער האַלב פאָרמאַלנע געלעגענהייטען וואָס קומען פאָר אין אָבענד. דער אונטערשיעד צווישען די פאָרמאַלנע און האַלב פאָר־מאַלנע אַפעירס מוז דאָ ערקלעהרט ווערען.

ווען איהר בעטראַכט די אילוסטראַציאָנען וואָס מיר גיבען צו דיעזען ארטיקעל וועט איהר זעהן אַז די קליידער ווערען צוטהיילט אין צוויי קלאַסען : פאָרמאַלנע און האַלב פאָרמאַלנע. די פאָרמאַלנע ווערען קיינמאָל ניט געטראָגען ביי טאָג. זייער צייט איז נור נאָך זו־נען אונטערגאַנג. זיי ווערען געטראָגען אויף בעלער, חתונות, באַנקעטען, רעסעפּשאָנס, אין אָפּערא און אַלע אַנדערע אַפעירס וואָס קומען פאָר אין אָבענד. אָבער אויב די זעלבע שמחות, רעסעפּשאָנס און מאָהלצייי־טען ווערען געגעבען ביי טאָג, דאַן ווערען געטראַגען האַלב פאָרמאַלנע קליידער (אין ענגליש : „סעמי פאָרמאַל דרעס״.)

צו די פאָרמאַלנע קליידער בעלאַנגען דער פול דרעס און דער טאַקסידאָ אַנצוג.ביידע ווערען אונטער קיין פאַל אין דיעזען לאַנד גע־טראָגען ביי טאָג, אויסער יום כפור אין טעמפּעל, ווען די אידישע אריס־טאָקראַטען קומען ביי טאָג צו דער גאָטעס דיענסט אין פול דרעס. צו די האַלב פאָרמאַלנע קליידונג בעלאַנגען דער פרינס אַלבערט פראַק מיט דעם „קאַטאַוועי״, וועלכע ווערען געטראַגען אויף ברית׳ן, בר־מצוות, חנוכת הבית׳ען און אַפילו אויף חתונות וואָס קומען פאָר ביי טאָג. ביי נאַכט ווערען די האַלב פאָרמאַלנע קליידער געטראָגען אויף מיטינגען, אויף רעסעפּשאָנס פון אַ האַלב פאָרמאַלנעם קאַראַקטער און אויף אַנדערע אַפעירס וועלכע זיינען ניט אָפּיציעל יום טוב׳דיג.

גאַנץ אָפט קומט עס פאָר דאָס איינער איז אין צווייפעל און ווייס ניט וואָס אָנצוטהאָן. ער ווערט למשל גערופען צו אַ רעסעפּשאָן און ער ווייס ניט אויב דאָס איז אַ פול דרעס אַפעיר, אָדער האַלב פאָר־מאַל. עס איז דאַרום בעסער אַנצופרעגען איינעם אָדער צוויי פון די אַנדערע איינגעלאַדענע געסט, און אויב זיי זיינען אויך אין ספק איז בעסער זיך אָנצוטהאָן האַלב פאָרמאַל איידער „איבערצוזאַלצען״.

דער וואָס וויל זיך קליידען נאָך די רעגעלען פון עטיקעטע זאָל גוט דורכזוכען די ערקלעהרונגען וואָס קומען מיט די אילוסטראַציאָנען אין דיעזען ארטיקעל און זאָל זעהען אַז די נעבען זאַכען, ווי דער הוט, די האַנדשוה, א. ז. וו. זאָלען שטימען מיט דעם אַנצוג. אויב די נעבען

זאכען שטימען ניט, איז שוין בעסער אין גאנצען זיך אנצוטהאן וואר־כעדיג. זיך אנצוטהאן אין א פול דרעס קאוט מיט א וועסטל פון א „קאטאוועי" אנצוג (ווי מען זעהט אפט אויף ניו־יארקער חתונות) איז לעבערליך.

סאי מיט פארמאלנע און סאי מיט האלב פארמאלנע קליידער טראגט מען שווארצע שיך, געלע שיך זיינען אויסער ארדנונג.

קיינמאל זאל א מענש געהן אין א נייעם אנצוג, וואס ער טהוט אן צום ערשטען מאל, צו א שמחה. אין א נייעם אנצוג מוז מען צו־ערשט זיך איינאיבען, זיך צוגעוואהנען צו דעם. עס איז דארום בעסער צו טראגען א נייעם אנצוג א פאאר מאל ביי זיך אין הויז. איידער מען ערשיינט אין איהם צום ערשטען מאל אין געזעלשאפט. נייע קליי־דער, צו וועלכע מען איז נאך ניט געוואהנט, פיהלען זיך א ביסעל אונבעקוועם, און עס מאכט זעהר א שלעכטען איינדרוק צו זעהן אז א מענש דרעהט זיך ארום, צו בעטראכטען, אויב זיינע קליידער פאסען איהם. צו טאפען מיט די פינגער, אויב דער נעקטאי איז אויף'ן ארט, צו ציהען אדער אויסגלייכען אויף זיך די קליידער אין געגענווארט פון מענשען, אבפוצען פון זיך א פעדער, אדער א ברעקעל שטויב מיט די פינגער און ווארפען אויף'ן פלאאר איז זעהר גראב און אונגעלומפערט. דער מאן וואס געהט ארום און טאפט כסדר אויף זיך די קליידער, צייגט ארויס אז ער איז ניט געוואהנט צו זיין אנשטענדיג געקליידעט, און אז אנשטענדיגע קליידער שטימען ניט מיט איהם.

א ווייסע וועסט ווערט געטראגען נור מיט שווארצע סוטס און מיט א ווייסער העמד. די וואס טראגען א ווייסע וועסט מיט זומער קליידער אדער מיט א קאלירטע העמד, „זאלצען איבער".

אין די הייסע זומער מאנאטען איז מען „פטור" פון דער מאדע. אפילו די אריסטאקראטען ערלויבען זיך צו קומען זומער צייט צו גאנץ פארמאלנע אפעירס אנגעטהאן בעקוועם, אין לייכטע קליידער און ווייכע העמדער. עס איז מערקווירדיג אז גראדע אידען פון דער איסט סייד זיינען מקפיד אין דער מאדע און טראגען סילק העטס מיט געשטייפטע העמדער און פול דרעס סוטס, אפילו אין דער הייסעסטע צייט, ווען עס קומט זיי אויס צו געהן אויף א חתונה, אדער איין אנדער שמחה.

מען דארף האבען אין זינען אז ריינקייט שטעהט העכער פון סטייל. א מענש דארף זיך געוואהנען אבצופוצען זיינע קליידער און

זיין הוט עטליכע מאָל אין טאָג. וואָס פאר א שלעכטען איינדרוק עס מאַכט צו זעהן אַ מאָל אַ גאַנץ רייכען מענשען, גרויסע ביזנעס לייט, מיט אַ גאַנצען אינטש שטויב אויף זייערע העטס און אויף זייערע קליידער! ריינקייט איז ביליג. עס קאָסט כמעט קיין געלד, און דאָך איז ריינקייט דער שעהנסטער ציערונג וואָס פּאַסט זיך צו א מענשען— שעהנער פון דיאמאנטען און בריליאנטען!

## „פאָרמאַל דרעס"

### ווערט געטראָגען נור אין אבענד, נאָך זונען־אונטערגאַנג.



### טאקסידאָ

ראָק, וועסט און הויזען אַלע שוואַרץ פון זעלבען שטאָף. אַבגעליי־גטער קראַגען. שוואַרצער נעקטאַי. ווייסע העמד, שטייפע אָדער מיט פאַלדען. שוואַרצער סילק אָדער אָפּעראַ העט. גרויע האַנדשוה.

### פול דרעס

שוואַרצער ראָק און הויזען פון זעלבען שטאָף. ווייסע וועסט. שטעהענדער קראגען. ווייסע נעקטאַי. פערל סטאָדס אין אַ ווייסער שטייפער העמד. (קיינע בריליאַנטען). אָפּערא הוט. ווייסע האַנדשוה.

פאָרמע פון העמד און וועסט פאַר אַ פול דרעס אַנצוג. דער קראַגען קען אויך זיין מיט אָבגעבויגטע שפּיצען.



## פרינץ אַלבערט ראָק.

שוואַרצער ראָק און געשטרייפטע הויזען. וועסט קען אויך זיין ווייס. שוואַרץ איז אָבער מעהר אנגענומען. „פּאָף" נעקטאַי וועלכער פערשטעלט כמעט דאָס גאנצע העמד. שטעהענדיגער קראַגען. גרויע האַנדשוה. סילק העט. (קיין אָפּערא העט).



## „קאַטעוועי"

דער אונטערשיעד ביז צום פּרינץ אַלבערט איז בלויז אין דעם שניט פון ראָק. די אַלע נעבען זאַכען, ווי: קראַגען, נעקטאַי, האַנדשוה א. ז. וו. איז דאָסזעלבע ווי ביי דעם פּרינץ אַלבערט.

# שלום עליכם און זייט־געזונד

**ווי און וועמען מען דארף פאָרשטעלען. — צופעליגע בעקאַנט־שאַפט און צודרינגליכע פריינדשאַפט. — דריקען די האַנד, בעגריסען בעקאַנטע. — דער העפליכער האַנדדרוק. — א גוט וואָרט פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.**

---

פאָרשטעלען מענשען איינע פאר די אנדערע, אָדער „אינטראָדיוּ־סען" ווי מען רופט עס אין אונזער אמעריקאנישען אידיש, איז א זאַך וואָס מען דארף טהאָן מיט טאַקט און איבערלייגונג.

ערשטענס דארף מען וויסען אז די פאָרשטעלונג איז פאר די ביידע פאַרטייען ווינשענסווערטה. צווייטענס דארף מען וויסען אויב עס וועט פאר זיי זיין אנגענעהם צו ווערען בעקאַנט. און אויב עס איז דאָ א ספק וועגען דיעזע זאכען איז בעסער אז מען זאָל צוערשט די ביידע פאַרטייען אנפרעגען, איידער מען געהט זיי פאָרשטעלען.

ביי א מאהלצייט, אויף וועלכען עס זיינען דאָ א סך געסט, שטעלט די ווירטהין פאר די יונגע לייט צו די דאמען נעבען וועמען עס קומט זיי אויס צו זיצען און צו נאָך איינינגע מענשען ארום. עס איז אָבער ניט מעהר די מאָדע פאָרצושטעלען יעדען איינעם פאר אלע געסט.

א ווירטהין, ביי זיך אין דער היים, האָט דעם פולען רעכט פאָר־צושטעלען געסט איינע פאר די אנדערע און זיי גאָר ניט אָנפרעגען. עס איז אנגענומען אז די וואָס ווערען איינגעלאדען אין דער היים פון א פריינד, זיינען אלע גלייכע מענשען.

אויף גרויסע בעלער אָדער רעסעפּשאָנס, אפילו ווען זיי קומען פאָר אין א פּריוואַט הויז, איז ניט נויטהיג פאָרצושטעלען די געסט אויסער פאר די פּערזאָן אין וועמעס עהרע דער אבענד ווערט געגעבען, אָדער אזוי צו וויכטיגע פּערזאָנען.

עס איז ניט רעכט צו אונטערברעכען אן אנגענעהמען געשפּרעך צווישען מענשען אום פאָרצושטעלען פאר זיי אן אנדער פּערזאָן.

ווען א מאַנספּערזאָן פערלאַנגט פאָרגעשטעלט צו ווערען פאר א דאמע מוז מען אימער צוערשט אנפרעגען די דאמע. אויב זי איז

נאָך אונפערהייראַט מוז מען דערצו אויך האָבען די ערלויבנים פון איהרע עלטערען, אָדער פון אן עלטערע דאַמע אין וועמעס בעגליי־טונג די מיידעל איז געקומען. אזא בעגלייטערין הייסט „שאַפּעראָן".

עס איז די פפליכט פון יעדען יונגען מאַן צו זוכען בעקאַנטשאַפט אין א געזעלשאַפט און צו אונטערהאַלטען די דאַמען. ווען ער זעהט א דאַמע אָדער א פרייליין זיטצען אליין און לאַנגווײלען, איז זיין פפליכט אויסצוזוכען איהרען א בעקאַנטען, און בעטען מען זאָל איהם פאָרשטעלען.

אין יעדען פאַל איז עס זעהר וויכטיג צוערשט אנפרעגען די דאַ־מע, אויב די פאָרשטעלונג וועט איהר זיין אַנגענעהם.

קיינמאָל דאַרף מען ניט פאָרשטעלען מענשען אויף דער רייזע, אין א קאַר, סיידען ווען עס איז נויטהווענדיג. מענשען וואָס ווערען פאָרגעשטעלט איינע פאַר די אנדערע צופעליגער ווייזע אין גאַס, אין א געשעפטס־הויז אָדער אין א טהעאַטער זיינען ניט מחויב אַנצוהאַל־טען זייער בעקאַנטשאַפט ווען זיי בעגעגענען זיך א צווייטען מאָל אין גאַס. עס איז אויך ניט רעכט פון א מענשען צו זיין צודרינגליך און ווען אָנהאַלטען אזא בעקאַנטשאַפט וועלכע איז געמאַכט געוואָרען בלויז פון העפליכקייט וועגען.

דער מאַנספּערזאָן ווערט פאָרגעשטעלט צו דער דאַמע, צום ביי־שפּיעל: „מיסעס א. ערלויבט מיר פאַר אייך פאָרצושטעלען מיסטער ב." א אינגערע פּערזאָן צו אן עלטערע, ווען די צוויי פאָרגעשטעלטע זיינעןביידע מענער, אָדער ביידע פרויען.

ווען מען שטעלט פאָר צוויי פרויען, אָדער צוויי מענער, איינע פאַר די אנדערע, דאַרף מען זיך ווענדען צו דער עלטערער פּערזאָן און פאָרשטעלען צוערשט דעם נאָמען פון דער אינגערער.

א יונגע מיידעל שטעלט פאָר איהרע פריינדע צו איהר מוטער. עס איז ניט מעהר ווי רעכט, אז א מוטער זאָל קענען די פריינדע פון איהר טאָכטער.

ווען א מוטער שטעלט פאָר איהר טאָכטער פאַר איהרע בעקאַנטע, דאַרף זי אזוי טהאָן: אויב די בעקאַנטע איז א דאַמע דאַרף זי פאָר־שטעלען איהר טאָכטער צו דער דאַמע, למשל, „קען איך אייך פאָר־שטעלען מיין טאָכטער, מיסעס וויים?" אויב עס איז א מאַנספּער־זאָן דאַרף די מוטער איהם פאָרשטעלען צו איהר טאָכטער.

א דאמע שטעלט זיך אימער אויף ווען אן אנדער דאמע ווערט פאר איהר פארגעשטעלט. ווען אבער די פארגעשטעלטע פערזאן איז פיעל אינגער פון איהר קען זי בלייבען זיטצען. ווען א מאנספערזאן ווערט פארגעשטעלט בלייבט זי אויך זיטצען, סיידען ער איז א גרויסער מאן, אדער זעהר אלט, און זי וויל איהם ציינען רעספעקט, דאן שטעלט זי זיך אויף.

ווען א יונגער מאן ווערט פארגעשטעלט צו אייניגע מיידלעך אויף אמאל דארף ער זיי אלע גלייך ציינען די זעלבע העפליכקייט. עס איז אבער ניט שעהן ארויסצוציינען אז ער איז אין איינער פון זיי מעהר פעראינטערעסירט אלס אין די אנדערע.

נאכדעם ווי א מאן ווערט איינמאל פארגעשטעלט פאר א פרוי אדער א מיידעל אין א געזעלשאפט, דארף ער נאך אלץ ניט רעכענען זיך אלס איהרער א בעקאנטער, און ווען א צופאל ברייננט איהם וויע־דער צוזאמען מיט דער פרוי, אדער מיידעל, אין גאס, אדער אין א געזעלשאפט, דארף ער אימערווארטען מיט זיין בעגריסונג ביז זי וועט איהם צוערשט אנערקענען מיט א נייג פון קאפ.

ווען עס זיטצען א סך מענשען אין א געזעלשאפט און עס קומט אריין א נייער מענש איז געגוג אז מען שטעלט איהם פאר פאר איי־ניגע מענשען, אבער עס איז זעהר לעכערליך איהם ארומצופיהרען פון גאסט צו גאסט און איהם פארשטעלען פאר יעדען איינעם בע־זונדער.

## דריקען די האנד, בעגריסען.

ווען צוויי מענער ווערען פארגעשטעלט איינע פאר די אנדערע גיבען זיי זיך די הענד. פרויען גיבען זיך א העפליכען נייג און שמייכ־לען פריינדליך, סאי די פארגעשטעלטע פון אנדער צד זיינען מענער, סאי פרויען. אין פאל אבער אז ביידע צדדים האבען פיעל געהערט איינע פון די אנדערע בעפאר זיי זיינען פארגעשטעלט איז גאר ניט אויסען פלאטץ צו רייכען זיך די הענד.

אונטער קיינע אומשטענדען זאל א מאן אויסשטעלען זיין האנד צו א דאמע אום צו „שייקען הענדס" מיט איהר. ער דארף אימער ווארטען ביז זי וועט צוערשט רייכען איהר האנד.

ווען א מאַן און א פרוי ווערען פאָרגעשטעלט פערנייגען זיי זיך איינע פאר די אַנדערע און זאָגען איבער די נעמען איינע פון די אַנדערע, צום ביישפיעל:

זי: „עס פרעהט מיך זעהר, מיסטער וויים".

ער: „עס פרעהט מיך נאָך מעהר מיסס שוואַרץ".

אָדער (אין ענגליש):

„האו דו יו דו מיסטער וויים".

„האו דו יו דו מיסס שוואַרץ".

ווען צוויי מענער ווערען פאָרגעשטעלט איינע פאר די אַנדערע דאַרף דער אינגערער אימער וואַרטען ביז דער עלטערער וועט רייכען זיין האַנד.

וועגען דעם האַנדדרוק אַליין זיינען דאָ פערשיעדענע מאָדעס, אָבער דער בעסטער און שעהנסטער האַנדדרוק איז געוויס ניט דער איבערטריבענער וועלכער גרייפט אַן פאר דער גאַנצער האַנד און דריקט די פינגער ביז עס פאַרגעהט אין הארצען, אויך ניט דער קאַלטער שלום עליכם וועלכער איז בלויז א ריהר מיט דער האַנד און האָט אין זיך קיין ברעקעל ווארימקייט, נור דער מיטעלמעסיגער העפליכער האַנדדרוק וועלכע נעהמט אַן די פינגער פון האַנד און גיט זיי א לייכטען געפיהלפאָלען דרוק, בעגלייטעט פון אַן אמת פריינדליכען מענשען־ליעבענדען בליק פון די אויגען.

מענער וואָס זיינען זעהר אינטימע פריינד און זעהען זיך זעהר אָפט לאָזען אוים דעם האַנד־דרוק ביים בעגעגענען זיך, אָדער ביים שיידען זיך.

ביים אוועקגעהן פון א שמחה דאַרף מען ניט ארומגעהן זיך זעגענען מיט יעדען איינעם. עס איז גענוג צו נעהמען אבשיעד פון דעם בעל שמחה, זיין פרוי, און די נאָהענטסטע בעקאַנטע וואָס געפינען זיך ארום זיי. וויטער קען מען אויסלאָזען אפילו גאַנץ נאָהענטע פריינד.

ווען איינער בעגריסט אייך, אפילו דורך א טעות, מיינענדיג אז ער קען אייך, איז אייער פפליכט איהם צו ענטפערען אויף זיין בעגריסונג. מעג עס אפילו זיין א בעטלער.

ווען א בעקאַנטע פרוי אָדער א מיידעל בעגריסט אייך אין גאַס איז אייער פּפליכט אַראָבצונעהמען דעם הוט. עס מאַכט ניט אויס אויב זי איז א רייכע דאַמע, אָדער אַן אָרימע וואַש־פרוי.

מען דערצעהלט אַז אַ פריינד פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן האָט איהם איינמאָל געזעהן אַראָבנעהמען זיין הוט פאַר א נעגער פרוי, וועלכע האָט איהם בעגריסט. ווען דער פריינד האָט אויסגעדריקט זיין בעוואונדערונג האָט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן געענטפערט:

„געוויס האָב איך אַרונטערגענומען מיין הוט. איך קען דאָך ניט צולאָזען אַז אַן אונוויסענדע נעגער פרוי זאָל מיך איבערשטייגען אין העפליכקייט."

אַלזאָ, לאָזט קיינעם אייך איבערשטייגען אין העפליכקייט.

---

# די קונסט פון ריידען

שווייגען איז די מאַסקע פון נאַראָנים. — ווי צו מאַכען אַ שוויי־גענדיגען מענשען רעדעוודיג. — קאָנווערזאַציאָן איז אַ שעהנע קונסט. — די פּפליכט פון צוהערען זיך מיט אַ סבר פּנים יפות. — וואָס מען דאַרף אויסמיידען אין אַ געזעלשאַפטליכען געשפּרעך. — אַלגעמיינע רעגעלען.

---

ווען מיר זאָגען „די קונסט פון ריידען" מיינען מיר ניט די קונסט פון ריידען פאַר אַ פּובליקום, די קונסט פון זיין אַ רעדנער, אָדער אַן אָראַטאָר. מיר מיינען די קונסט פון שמועסען, פון פיהרען אַן אַנ־גענעהמען געשפּרעך מיט מענשען, פּריוואַט, אָדער אין אַ געזעל־שאַפט. עס זיינען דאָ מענשען וואָס זיינען פול מיט רייד און עס זייי־נען דאָ שווייגעדיגע. ביידע זאָרטען מענשען זיינען אַ לאַסט פאַר דער געזעלשאַפט. די קונסט ליעגט אין דעם מיטעל־וועג, אין דעם וויסען ווען צו ריידען און ווען צו שווייגען, וועגען וואָס צו ריידען, ווי צו פעראינטערעסירען מענשען אַז זיי זאָלען הערען און ווי צו ערוועקען אַ חשק אין מענשען אַז זיי זאָלען אויך ריידען.

דעם שווייגעדיגען האַלט מען ניט מעהר היינטיגע צייטען פאַר

א קלוגען. די וועלט ווייסט שוין אז שווייגען איז די מאַסקע פון דעם נאר וועלכער וויל אז מען זאָל איהם האלטען פאר א חכם. א מענש מוז ריידען ווען ער קומט צווישען מענשען און ער דארף אָנוועגדען זיין בעסטעס צו זיין אינטערעסאנט. א שווייגעדיגער מענש ווערט שנעל אלעמען צוגעגעסען, פונקט גראדע ווי דער מענש וואָס האָט א טבע צו „נודיען", צו ריידען א סך.

עס זיינען דאָ מענשען וואָס אז ווען זיי קומען אין א געזעלשאַפט, צווישען אונבעקאנטע מענשען, פערלירען זיי זיך און ווייסען ניט וועגען וואָס צו ריידען און ווי אָנצופאנגען א געשפּרעך. דאגעגען זיינען דאָ אזעלכע וואָס קענען גלייך אריינגעהן אין א שמועס מיט יעדען איינעם. זיי גיבען א זאָג דאָס ריכטיגע וואָרט צו דעם מאָמענט, אזוי ווי איינער וואָס שיסט אויס אין ציעל, און באלד פערדרעהען זיי דעם אנדערען אין א געשפּרעך און פערוויקלען א שמועס וואָס ווערט אינטערעסאנטער פון מינוט צו מינוט.

צו פיהרען א לעבעדיגען געשפּרעך מיט מענשען, צו פעראינטערעסירען זיי מיט רייד איבער פערשיעדענע טאגעס־פראגען, מיט ערצעהלונגען, אנעקדאָטען און דאָס גלייכען, — דאָס איז ביי מאנכע מענשען א געבוירענער טאלענט, אָדער צום ווייניגסטען אן אויסגעארבייטע קונסט, און דיעזע הייסט די קונסט פון קאָנווערזאציאָן, די קונסט פון ריידען. יעדער מענש וואָס וויל קומען אין געזעלשאַפט און אויסנעהמען ביי לייטען דארף אין זיך ענטוויקלען דיעזע שעהנע קונסט וועלכע איז די קוועלע פון די גרעסטע גייסטיגע פערגניגענס פאר דעם מענשען.

איין כלל, און דער וויכטיגסטער איז, דאָס א מענש וואָס וויל פיהרען אן אינטערעסאנטען געשפּרעך מוז קודם כל זיין א גוטער צוהערער. ווען אן אנדערער רעדט דארף ער זיך צוהערען מיט דער זעלבער אויפמערקזאמקייט וועלכע ער פאָדערט פון דעם אנדערען צו זיך. ער דארף צייגען אז ער אליין איז פעראינטערעסירט, קוקען יענעם גלייך אין געזיכט, מיט רעספּעקט און מיט א סבר פנים יפות. די רעגעלען פון הערען זיינען גראדע אזוי וויכטיג ווי די רעגעלען פון ריידען. א דזשענטלמאן וועט מען דערקענען נאָך זיין צוהערען זיך גראדע אזוי ווי נאָך זיין ריידען.

א דזשענטלמאן איז אימער פריינדליך, זאָגאר וואָהלטהעטיג צו

יענעם וואס רעדט צו איהם. ער וועט גערולדיג אויסהערען יעדערען מיט א פריינדליכען שמייכעל אויף די ליפען. ער וועט ניט אריינקריכען אין קיינעמ'ס רייד מיט אזא אויסדרוק ווי „איך האב שוין דאס געהערט", אדער „די מעשה האט שוין א בארד". ווען אין דער געזעלשאפט געפינען זיך נאך אנדערע מענשען פאר וועמען די זאך איז נאך גאנץ ניי. א דזשענטלמאן וועט ניט אריינבראקען א וויטץ ווען איינער רעדט עפעס ערנסט. ער וועט ניט אבשפעטען פון יענעמ'ס רייד, פון יענעמ'ס איבערצייגונגען. ער וועט לאזען יעדען מענשען אויסשפרעכען זיין מיינונג, דערצעהלען זיין מעשה און ניט זוכען צו חכמה'נען זיך אויף יענעמ'ס רעכנונג, דורך איבערהאקען איהם די רייד מיט המצאה'לעך.

ווען צוויי אונבעקאנטע מענשען טרעפען זיך צוזאמען אין א געזעלשאפט, אדער אויף א שמחה, און עס קומט זיי אויס צו זיצען איינער נעבען אנדערען, איז ניט רעכט פון זיי צו האלטען זייערע מיילער געשלאסען און קוקען יעדער אין אן אנדער זייט. עס איז ביידענס פפליכט צו ריידען, צו אמוזירען איינער דעם אנדערען. אויף דעם קליגערען, אויף דעם געבילדעטערען, אדער אויף דעם עלטערען ליעגט די פפליכט אנצופאנגען דעם געשפרעך. צוערשט, נאטירליך, דארף מען אויסגעפינען וועגען וואס יענעם אינטערעסירט צו ריידען און נאכדעם געהט דער געשפרעך גאנץ לייכט. מאכענדיג איין בעמערקונג, א צווייטע און א דריטע קען מען לייכט קומען אויפ'ן וועג. מען פרעגט צום ביישפיעל אזא פראגע ווי, „איהר וואהנט אין דיעזען נעגענד ?" אזא פראגע קען שוין ענטוויקלען אן אינטערעסאנטען געשפרעך וועגען די פערשידענע קווארטאלען פון שטאדט, וועגען די ארומיגע געגענדען. עס זיינען דא מענשען וואס עס איז זיי זעהר שווער צו מאכען ריידען. זיי זעהען אוים אזוי ווי קיין זאך אין דער וועלט זאינטערעסירט זיי, אבער דער אמת איז אז עס איז ניטא אויף דער וועלט אזא מענש וואס זאל אין עפעס ניט זיין פעראינטערעסירט, וואס זאל ניט האבען זיין פעקעל, זיין היהנער אויג, זיין משוגעת. טרעפט מען איהם אויפ'ן ריכטיגען פונקט אזוי הויבט ער אן ארויסצוגעהן מיט לשון.

ריידען וועגען זיך אליין, בעריהמען זיך, דערצעהלען וועגען אייגענע עשירות, צייגען וואס מען קען „אפארדען" אויסצוגעבען

אויף דזשולערי און קליידער, דאָס איז אַ ספּעציעל אידישע קראַנקהייט, אַ קריינק וואָס איז אונז געקומען מיט'ן גלות. עס ליעגט אין דער טבע פון דעם מענשען וואָס איז אונטערדריקט, וואָס איז ערנידריגט זיך אַרויסצוצייגען, צו ציהען אויף זיך אויפמערקזאַמקייט, צו גלענצען מיט פערשיעדענע פּרעטענזיעס, אמת'ע און פאַלשע. עס איז אָבער שוין צייט זיך צו בעפרייען פון דיעזער מיאוס'ער געוואָהנהייט. אין אנשטענדיגער געזעלשאַפט איז אנגענומען אַז אַ מענש וואָס רעדט כסדר וועגען זיך, וואָס בעריהמט זיך מיט זיינע צדקות, מיט די דזשולערי וואָס ער האָט געקויפט פאר זיין ווייב, מיט פיעל עס קאָסט איהם זיינע פאַרניטשור, זיינע קאַרפּעטס, איז ניט מעהר ווי אַ „פּאַרוועניו", אַן אויפגעקומענער גראָבער יונג. אַ מענש וואָס איז אַן אדעלמאַן און איז ערצויגען געוואָרען צווישען איידעלע מענשען וועט זיך קיינמאָל אַרויסווייזען מיט זיינע עשירות, אָדער בלאָפען וועגען זיינע מעגליכקייט צו פערשווענדען געלד.

און סתם אזוי, ווען אפילו זיך ניט בעריהמענדיג, איז אויך ניט פּאַסענד פאַר אַ מענשען צו ריידען וועגען זיך. ווען אַ מענש וויל דערצעהלען עפּעס וועגען זיך אַליין דאַרף ער צוערשט איבערטראַכטען אויב די זעלבע זאַך וואָלט איהם אינטערעסירט ווען ער וואָלט דאָס הערען פון אַן אַנדערען. אָט דאָס איז דער בעסטער מיטעל ווי צו וועגען און ווי צו מעסטען זאַכען אויב זיי זיינען אינטערעסאַנט אָדער ניט.

פאָלגענדע כללים זיינען וויכטיג צו האָבען אין זינען ווען מען רעדט מיט מענשען.

1. האַלט קיינעם ניט פאַר'ן לאַץ ווען איהר רעדט צו איהם. אויב אייערע רייד קענען איהם ניט אינטערעסירען סיידען איהר זאָלט איהם צוהאַלטען פאַר די לאַצען איז בעסער איהר זאָלט שווייגען.

2. זאָגט קיינעם ניט אַזעלכע זאַכען פון וועלכע ער קען זיך פיהלען געקרענקט. זאָגט קיינעם ניט „איהר זעהט אויס שלעכט", אָדער „איהר זייט אַראָב פון פּנים". עס זיינען דאָ אַ סך מענשען וואָס האָבען ליעב צו בעהאַלטען זייערע צרות.

3. קריטיקירט ניט אייער פריינד'ס נעקטאַי, אָדער זיינע קליידער. עס איז סתם ניט שעהן צו געבען אַ מיינונג, אָדער אַ קריטיק ווען קיינער פרעגט אייך ניט.

4. דערצעהלט ניט צופיעל פון אייערע טראָבעלס. עס זיינען דאָ מענשען וואָס קוים ווי מען זעצט זיך מיט זיי צוזאמען, אזוי הויבען זיי אָן אויסצולאָזען זייערע פעקלעך. זיי זיינען קלאָגמוטערס. רק זיי האָבען קריוודעס געגען דער וועלט, רק זיי דערצעהלען וועגען אונגליקען, צרות, קריוודעס, הארצווייטאָג. אָפטמאָל זיינען די צרות איבערטריבען. פון יעדע קלייניגקייט מאכען זיי א בארג. אזעלכע מענשען זיינען די ערגסטע נודניקעס. עס איז גוט זיי צו געבען צו פער־שטעהן אז יעדער איינער האָט זיינע אייגענע פעקלעך.

5. גיט קיינעם קיין עצה ווען קיינער בעט אייך ניט. מוסר'ט קיינעם ניט ווען קיינער פרעגט אייך ניט. עס זיינען דאָ מענשען וואָס האָבען בסדר ליעב צו געבען עצות, באָטש מען פרעגט ביי זיי ניט. זיי מיינען אז די גאנצע וועלט דארף לעבען נור לויט זייער שכל, לויט זייער פלאַן.

6. היט זיך אָב פון אזעלכע אויסדריקע ווי, „עס איז ניט אמת״, „עס איז ניט אזוי״, „איהר האָט א טעות״, „עס איז פונקט פער־קעהרט״. מענשען מיט אפילו עטוואָס איידעלקייט אין זיך וועלען אזעלכע אויסדריקע ניט געברויכען. ווען איינער זאָגט עפּעס א מיי־נונג און איהר ווילט זאָגען אז איהר זייט מיט איהם ניט איינשטימיג, דאן דארפט איהר זיך אויסדריקען זעהר איידעל, למשל : „מיר דאכט, אז די זאך איז עטוואָס אנדערש״, אָדער „איהר וועט מיר ענט־שולדיגען, מיר דאכט אז ענטוועדער איהר מאכט א טעות, אָדער איך פערשטעה אייך ניט״, אָדער „איהר וועט מיר ערלויבען ניט צו זיין איינפערשטאַנען מיט אייער מיינונג״.

7. רעדט ניט קיין שפּראך וועלכע איז ניט פערשטענדליך צו מאנכע מענשען וואָס זיצען ביי דעם זעלבען טיש, אָדער אין דער זעלבער געזעלשאפט. עס זיינען דאָ אזעלכע מענשען וואָס ריידען אי־מער צווישען זיך אידיש, נור אז עס מאַכט זיך אין זייער געזעלשאפט א גרינער, אָדער אן עלטערער מענש וואָס פערשטעהט ניט די לאנ־דעס שפּראך, ריידען זיי דוקא ענגליש, אום זיך צו גרויסען פאר דעם וואָס פערשטעהט עס ניט.

8. רעדט ניט צו הויך. עס זיינען דאָ אזעלכע מענשען וואָס שרייען פשוט און מען קען זיי הערען פאר א האלבען בלאָק ווען זיי ריידען. רעדט ניט העכער ווי פיעל עס איז נויטהיג אז די פערזאָן צו וועמען

איהר רעדט זאָל אייך הערען. ריידען הויך איז ניט שעהן אפילו ביי זיך צו הויז.

9. לאַכען הויך איז אויך ניט שעהן. לאַכען הויך איז גראַדע אזוי ווי ריידען הויך. עס צייגט אַרויס אַ גראָבען מענשען, אָהן מאַניערען. מען דערקענט דעם מענשען נאָך זיין לאַכען. דעם נאַר׳ס געלעכטער איז עהנליך צו הירזשען פון אַ פערד. דער קלוגער לאַכט אַ ביסעל איינגעהאַלטען. דער נאַר עפענט אויף זיין מויל, קרימט אויס זיין פּנים און זעהט אויס מעהר חיה אַלס מענש. קוקט זיך צו ווי אַנדערע מענשען לאַכען, זעהט דעם אונטערשיעד פון איין זאָרט געלעכטער ביז אַ צווייטען. דאַן קלייבט זיך אויס וועלכער זאָרט איז דער שעהנסטער.

10. מאַכט ניט צופיעל מיט די הענד ווען איהר רעדט. עס זיי־נען דאָ מענשען וואָס בעת זיי ריידען אַרבייטען זייערע הענד ווי אַ ווינד־מיהל.

11. ווען איהר ווילט איינעם עפּעס זאָגען און ער זעהט אייך ניט קענט איהר איהם לייכט אנריהרען אויפ׳ן אָרם, אָבער ניט ציהען איהם פאַר׳ן אַרבעל.

12. זאָגט צו קיינעם „סעי״, „הא״, אָדער „היי״. ווען איהר ווילט איינעם עפּעס פרעגען, אָדער זאָגען, פאַנגט ניט אָן מיט דעם ענגלישען „סעי״. פיעל אנשטענדיגער איז דער אידישער „זייט אזוי גוט״, אָדער „ביטע, הערט צו״. אויב איהר האָט ניט גוט געהערט, אָדער ניט פערשטאַנען וואָס איינער האָט אייך געזאָגט פרעגט איהם ניט איבער מיט אַ „הא ?״ זאָגט בעסער : „ענטשולדיגט, איך האָב אייך ניט גוט געהערט, אָדער ניט גוט פערשטאַנען״. אין ענגליש פרעגט מען „בעג פּאַרדאָן ?״ שרייט ניט „היי״ ווען איהר ווילט צו־רופען אַ פריינד, אָדער אַ בעקאַנטען וועלכער זעהט אייך ניט. עס איז בעסער איהר זאָלט איהם אַניאָגען, צוגעהן און זאָגען וואָס איהר דאַרפט.

13. היט זיך אָב פון אַריינצוגעהן אין דעבאַטען. עס איז אַ מיאוס׳ע מאָדע, ביי אונזער רוסישער „אינטעליגענציא״ איבערהויפּט, דאָס ווען זיי קומען זיך צוזאַמען אין אַ געזעלשאַפט זוכען זיי באַלד צו פערפיהרען אַ דעבאַטע. זיי כאַפּען זיך אָן ביי דער מינדעסטער

געלעגענהייט, ווי נור איינער רעדט עפּעס אויס אַ וואָרט אָן וועלכען מען קען זיך צוטשעפּען, און שפּרינגען באַלד ארויס מיט חוצפּה, מיט עזות, „עס איז ניט ריכטיג", אָדער „איהר האָט אַ טעות, די זאַך איז ניט אַזוי". דעבאַטען זיינען פּאַסענד אויף זייער בעשטימטען פּלאַץ אין אַ קלוב, אָדער אויף אַ פערזאַמלונג וואָס איז ספּעציעל איינבערופען פאר דעבאַטען. אויף אַ געזעלשאַפטליכע אונטערהאַל־טונג, אויף אַ פאַמיליען שמחה, אָדער אַזוי אויף אַ פריינדליכען צו־זאַמענקונפט האָבען דעבאַטען קיין פּלאַץ.

14. פּונקט ווי עס איז ניט שעהן זיך צופיעל בעריהמען, אָדער זיך ארויסוויייזען מיט דזשולערי און קליידער, אַזוי איז אויך ניט שעהן זיך צו בעריהמען און זוכען צו ציהען אויפמערקזאַמקייט אויף אייגענע בילדונג, קענטשאַפט, אָדער געלעהרזאַמקייט. דער תלמוד זאָגט אַ קלוג וואָרט: „אַ קליינע מטבע אין אַ פּוסטער כלי מאַכט אַ גרוי־סען קלאַנג". אַן עם הארץ, אַ גראָבער יונג ווען ער האָט אויס־געלעזען עפּעס אַ ביכעל, אָדער עטליכע צייטונגס ארטיקלען קנאַקט ער שוין מיט וויסענשאַפט, מיט פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מיט טענ־דענץ און ליטעראַטור, און מיט אַלערליי איזמוסען. אַן אמת געביל־דעטער מענש איז ביי זיך זעהר בעשיידען.

15. גיט קיינעם קיין שטאָך־וואָרט. מאַכט אויף קיינעם אַזאַ שפּאַס וואָס ערנידעריגט איהם אין די אויגען פון אנדערע מענשען. אַ סך מענשען האָבען ליעב צו מאַכען וויטצען און געבען שטעכ־ווערטלעך איבער זייערע בעסטע פריינד. זיי מיינען נאָך מיט דעם ארויסצוציייגען זייער פריינדשאַפט. עס איז ביי זיי אַ זאָרט פאַמי־ליאַריטעט.

16. היט זיך פון צופיעל פאַמילאַריטעט אפילו מיט אייערע נאָ־הענטסטע פריינד. עס איז דאָ אַ כלל, אַז „פאַמיליאַריטעט ברייגנט צו פעראַכטונג". העפליכקייט מיט פריינד איז אַזוי ווי זאַנגנשיין פאַר אַ גאָרטען. עס העלפט ארויסצוברייגען די שעהנסטע בלומען. ליעבט אייער פריינד ווי זיך זעלבסט און צייגט איהם ארויס די זעלבע העפ־ליכקייט ווי צו אַ גאַנץ אונבעקאַנטען מענשען.

17. רעדט ניט קיין סודות, שושקעט זיך ניט אויפ'ן אויער מיט קיינעם, אין געגענוואָרט פון אנדערע מענשען. עס מאַכט אַ

שלעכטען איינדרוק אויף די אנדערע וועלכע מיינען אז מען סוד'עט זיך דאָס וועגען זיי, אָדער אז מען געטרויט זיי ניט מיט עפּעס.

18. געוואוינט זיך איין צו ריידען אין אַ קלאָהרע, דייטליכע אויסשפּראַכע, ניט ריידען אונטער'ן נאָז און ניט מיט האַלבע ווער־טער. זאָגט ניט „איכל" אנשטאט „איך וועל" „כ'וויים" אנשטאט „איך וויים", און אזוי ווייטער.

19. היט זיך פון גראָבע, ציניזשע רייד און פון אזעלכע וויטצען וואָס מען קען ניט איבערדערצעהלען אין געגענוואַרט פון פרויען. מענ־שען וואָס ריידען נבול פה און זאָגען גראָבע וויטצען קענען קיינמאָל ניט פערדיענען רעספּעקט אפילו ווען זיי בעזיטצען אַ הויכע בילדונג און אפילו ווען זייער אַלגעמיינער אויפפיהר איז העכסט אנשטענדיג. זאָגאַר די וואָס בעטייליגען זיך מיט זיי אין די נבול פה רייד האָבען פאַר זיי קיין רעספּעקט. אַ מענש וואָס רעדט נבול פה צייגט אז ער איז אָהן פעראַנטוואָרטליכקייט, אַ מענש וואָס קען זיך ניט בעהער־שען און איז דער שקלאַף פון זיין צונג.

20. און דאָס איז דער וויכטיגסטער רעגעל פון אַלע פריהער־דיגע: צו זאָגען אימער דעם אמת. דער גרויסער גריכישער פילאָ־זאָף פּלאַטאָ האָט געזאָגט: „קיין זאַך איז אזוי גוט ווי צו הערען אָדער צו זאָגען די וואהרהייט. דארום איז קיין געשפּרעך אזוי אנ־גענעהם ווי די רייד פון אן אמת'ען מענשען וועלכער הערט מיט קיין אבזיכט צו בעטריגען און רעדט מיט קיין אבזיכט צו נאַרען". דער ליגנער איז ווי אַ מצורע אין דער געזעלשאַפט. עס מאַכט ניט ווי רייך, ווי געבילדעט, ווי טאַלענטפאָל ער קען זיך זיין, אָבער זיין וואָרט טראָגט קיין געוויכט און זיין גאַנצער מענשליכער ווערט האָט דארום קיין ווערטה ניט. די שפּראַך איז די שעהנסטע מתנה וואָס דער מענש בעזיצט און מיט וועלכע ער אונטערשיידעט זיך פון די חיות. דארום דאַרף ער עס האַלטען טהייער און הייליג.

# ביי׳ם טיש

ווי צו גרייטען צום טיש און ווי צו סערווירען די געסט. — פפליכטען פון ווירטה, ווירטהין און דיענסט. — אוועקזעטצען די דאמען. — אויסמישען פּאָרלעך. — קינדער ביים טיש. — פפליכטען פון יעדען גאַסט צו די אַנדערע געסט. — הלכות גאָפּעל, לעפעל און מעסער. — די נעפּקין און די „פינגער באָול”. (מים אחרונים). — רעגעלען וועגען פרוכט עסען און אנדערע טיש רעגעלען.

---

די עטיקעטע ביים טיש איז מיט קליינע אויסנאַמען אין אלע ציוויליזירטע לענדער די זעלבע. און ווען איהר וועט פערגלייכען די רעגעלען פון דער היינטיגער טיש עטיקעטע וועט איהר געפינען אז זיי זיינען אין זייער הויפּט עסענץ אויך די זעלבע וועלכע מיר געפינען אין דעם ערשטען אידישען עטיקעטע בוך, מסכת דרך ארץ. דאָס צייגט, אז די רעגעלען פון דער טיש עטיקעטע זיינען ניט אונזיניגע מאָדעס, אָדער פוסטע צערעמאָניעס פון אריסטאָקראַטען וואָס האָבען ליעב פּאָמפּ און גלאַנץ, נור דאָס זיינען שכל׳דיגע געזעטצע וועלכע זיינען — ווי אלע קלוגע געזעטצע — געמאַכט געוואָרען מיט דעם צוועק צו פערלייכטערען דעם לעבען און מאַכען דעם געזעלשאַפטליכען פערקעהר צווישען מענשען בעקוועמער און אנגענעהמער.

אזוי ווי דיעזער בוך ווערט געשריעבען און געדרוקט אין אמעריקא וועלען מיר אין יענע קליינע פּרטים וואו די אַמעריקאַנער טיש־עטיקעטע אונטערשיידעט זיך פון די אייראָפּעאישע זיך האַלטען ביי דער ערשטער.

די אַמעריקאַנער האָבען טעגליך פיער מאָהלצייטען. ברעקפעסט, לאָנטש, דינער און סאַפּער. אָבוואָהל די גרויסע מאַיאָריטעט האַלט זיך ביי דריי. ברעקפעסט, אָדער פריהשטיק, ווערט געגעסען לערך פון זיעבען ביז אכט פריהמאָרגענס, לאָנטש אָדער מיטאָג — צווישען צוועלף און איינס. דינער — וועלכער איז דער הויפּט מאָהלצייט — ווערט געגעסען פון זעקס ביז זיעבען אָבענדס. סאַפּער הייסט שוין אַ שפּעטער דינער און ווערט אָפט געגעסען גאַנץ שפּעט אין דער

נאכט אמאל אויך נאך א טהעאטער פארשטעלונג, אדער אפערא.

די טיש עטיקעטע פאנגט זיך אן פון גרייטען דעם טיש. אין דעם מוז א בעל־הבית׳טע בענוצען טאקט, שכל און געשמאק. דער הויפט כלל איז : וואס איינפאכער איז בעסער. וואס ווייניגער טעלערלעך, וואס ווייניגער דער טיש איז פערשטעלט און פארלעגט, אלץ לייכטער איז פאר די געסט צו זיצען און צו געניסען דעם מאהל־צייט און ניט מורא האבען פאר ברעכען די עטיקעטע, אדער פאר עפעס א שלעכטען צופאל, ווי אויסקעהרען א גלאז וואסער, פערפלע־קען דעם טישטוך און דאס גלייכען.

אין א סך בעל־הבית׳ישע הייזער, אז מען פעררופט געסט, שטעלט מען אן אויפ׳ן טיש אזוי פיעל טעלערלעך דאס דער קאפ ווערט צו־מישט פון זיי : טעלערלעך מיט טאמייטאס, טעלערלעך מיט פיקעלס, טעלערלעך מיט פלוימען, און דאס פערנעהמט א סך פלאטץ, עס מאכט זעהר איינג אויפ׳ן טיש, און פערשאפט פיעל טראבעל. עס איז פיעל בעסער צו האבען וואס ווייניגער פון די קליינע טעלערלעך, בעסער זיי אין גאנצען צו פערמיידען. טאמייטאס, פיקעלס, פאטיי־טאס, ארבעס און אנדערע אזעלכע זאכען וואס ווערען סערווירט צו פלייש איז בעסער צו דערלאנגען אין א שיסעל, יעדע זארט ווערדזשע־טייבעל אין א בעזונדער שיסעל. די שיסעל ווערט צוגעטראגען פון דער דיענסט צו יעדען גאסט בעזונדער, אדער אויב די דיענסט העלפט ניט ביי׳ם סערווירען, געהט די שיסעל פון האנד צו האנד, איין גאסט גיט עס איבער דעם אנדערען, ביז אלע ווערען סערווירט. יעדער וואס ערהאלט די שיסעל נעהמט זיך אראב א ביסעל מיט א לעפעל און לעגט דאס אוועק אויף זיין טעלער פלייש. עס איז נויטהיג אז אין יעדער שיסעל זאל זיך געפינען א גרויסע עס־לעפעל, אז קיינער זאל ניט אריינשטעקען די לעפעל אדער דעם גאפעל מיט וועל־כען ער אליין עסט אין דעם שיסעל וואס ווערט געברויכט פון אלעמען.

א בעל הבית׳טע וואס האט געסט צו דיענער דארף פריהער זיך גוט איינפערשטעהען מיט דער דיענסט וועגען די ארט און וויי זע ווי צו גרייטען דעם טיש און וויפיעל גאפעל, לעפעל און מעסער עס דאר־פען זיין אנגעגרייט ביי יעדען גאסט׳ם פלאטץ, אדער „קאווער״, ווי מען רופט דאס אין ענגליש. דער טיש דארף זיין אויסגעשטעלט אזוי אז יעדער גאסט דארף געפינען פאר זיך א לעדיגען טעלער, אויף

וועלכען עס ליעגט א נעפקין, אדער א סערוועטקע, ביי דער רעכטער האנד צוויי מעסערס, (איינער פאר די „ענטרי”, אדער פארשפייז, און דער אנדערער פאר דעם בראטען) א לעפעל פאר זופ און א לעפעל פאר דעזערט. אויף דער לינקער האנד וועט ער געפינען די גאפלען, ווי פיעל מען דארף האבען פאר דעם מאהלצייט. אין פראנט פון דער טעלער וועט ער געפינען א גלאז וואסער און איינס אדער צוויי לעדיגע גלעזלעך פאר מינעראל וואסער און וויין, אויב דאס ווערט געטרונ־קען ביי׳ם טיש.

פאר פיש זיינען דא יעצט ספעציעלע גאפלען פון וועלכע איין „צאהן” איז ברייטער און שארפער ווי די אנדערע עס זעהט אוים ווי א קליינער מעסערל. אזוי ווי אנדערע זיינען שטארק מקפיד ניט צו נעברויכען קיין מעסער ביי׳ם עסען פיש איז דער מעסער פאר זיי ווי געוואונשען.

איידער עס ווערט סערווירט איין געריכט מוז מען פון טיש צו־נעהמען אלע טעלער, לעפעל, מעסער, אדער גאפעל וועלכע מען האט געברויכט ביי דער פריהערדיגער געריכט. און ניט בלויז די געשיר אליין דארף מען צונעהמען זאנדערן אויך אלע צושפייזען וואס בע־לאנגען צו דער פריהערדיגער געריכט, אזוי ווי חריין צו פיש, אדער קארטאפעל צו פלייש, מוזען צוגענומען ווערען פון טיש.

בעפאר מען דערלאנגט דעם דעזערט, אדער דעם קאמפאט, דארף מען דעם טיש אין גאנצען אבריינינגען פון די ברעקלעך. דערצו איז דא א ספעציעלע בערשטל מיט א טעצל, וואס מאכען דעם אבראמונג זעהר לייכט.

ביי׳ם צונעהמען די טעלער פון טיש איז זעהר ניט שעהן ארויפ־צושטעלען א טעלער אויף א טעלער, א גאנצע פיראמידע און דאס אזוי אוועקטראגען אין קיך. אין לייטישע הייזער נעהמט די דיענסט איין טעלער אין איין האנד און א צווייטע טעלער אין דער אנדער האנד און טראגט זיי אריין אין קיך פאאר ווייז. די צייט וואס זי פערליערט ביי׳ם טראגען די טעלער פאאר ווייז וועט זי צוריק געווינען ביי׳ם וואשען זיי, ווייל פון לעגען טעלער איינע אויף די אנדערע ווערען זיי צופיעל פערשמוצט און דער וואשען קומט אן שווערער.

זופ ווערט סערווירט פון קיך אין אנגעגאסענע טעלער. אנ־דערע זיינען זיך נוהג צו סערווירען די גאנצע שיסעל צום טיש און

דאַן דאָס אויסצוגיסען אין טעלער פאר יעדען איינעם בעזונדער. אין אזא פאַל דארף די שיסעל אָדער „טורין" זיין צוגעדעקט מיט א דעקל און ווען די געסט קומען אריין אין דיינינג רום, אָדער שפייז צימער, דארף די שיסעל זופּ שוין שטעהן אויפ׳ן טיש.

בעפאר דעם בעל הבית ווערט אויסגעשפּרייט אן עקסטרא קליינער טישטוך, ווייל עס איז זיין פּפליכט צו פערטהיילען די חלקים. עס איז אָנגענומען אז זופּ, דעזערט און קאפע ווערט אויסגעטהיילט פון דער ווירטהין. דער בראטען ווערט צושניטען און אויסגעטהיילט פון ווירטה. צו דיעזען צוועק זיטצען ווירטה און ווירטהין איינער געגען דעם אנדערען, פון ביידע זייטען טיש. די גאַנצע פיש, אָדער דער גאַנצער בראטען, ווערט אוועקגעשטעלט פאר׳ן ווירטה אויף א גרויסען פלאכען טעלער, דערביי אויך די יויך, אָדער „גרייווי", אין א שיסעל וואָס האָט א הענטל. ער שניידט אָב פאר יעדען איינעם א חלק, בעגיסט עס מיט די יויך און סערווירט עס.

דיעזער סערווירען ווערט געטהאָן אויף צוויי בעזונדערע ארטען. אויב די דיענסט קען פערבלייבען אין דיינינג רום און העלפען ביי׳ם טיש, דאַן שטעלט זי אוועק ריינע טעלער, איינע אויף די אַנדערע, אין פראָנט פון דעם ווירטה און אַליין שטעלט זי זיך ביי זיין רעכטע האנד. דער ווירטה נעהמט איינעם פון די לעדיגע טעלער, לעגט אויף דעם ארויף א שטיק פיש, אָדער פלייש, גיסט ארויף אויף דעם די יויך אָדער גרייווי, די דיענסט נעהמט דאַן דעם טעלער און שטעלט עס אוועק פאר דעם וואָס זיצט דער לעצטער ביי׳ם טיש פון דער רעכטער זייט. נאָכדעם ווערט סערווירט צום צווייטען, צום דריטען, ביז צום ווירטה. נאָכדעם ווערען סערווירט די פערזאָנען וואָס זיצען אויף דער לינקער זייט טיש, אין דער זעלבער אָרדנונג.

דאָס איז איין וועג. א צווייטע וועג איז אז דער ווירטה נעהמט זיין אייגענעם לעדיגען טעלער, לעגט ארויף אויף דעם פיש, און גיט עס צו די פערזאָן וואָס זיצט נעקסט צו איהם. דיעזע פערזאָן גיט עס צו א צווייטע, די צווייטע צו א דריטע, ביז עס קומט צום לעצטען ביים טיש. דער לעצטער נעהמט דעם אָנגעפילטען טעלער און גיט דערפאר זיין לעדיגען טעלער וועלכער געהט צוריק צום ווירטה. נאָכדעם ווערט אויף דעם זעלבען אופן סערווירט די פערזאָן פאר דעם לעצטען, און אזוי אַלע נעהנטער ביז עס ווערען סערווירט אַלע געסט.

דער לעצטער לעדיגער טעלער בלייבט פאר'ן ווירטה זיך אליין צו סערווירען.

עס זיינען דא געוויסע מיינונגס פערשידענהייטען וועגען דעם וועלכע פערזאנען מען דארף צוערשט סערווירען ביי'ם טיש. עס איז אבער בעסער אז זיי זאלען געהן נאך דער רייהע, ווי זיי זיטצען ביי'ם טיש. דער ווירטה דארף אימער בלייבען דער לעצטער.

דאס האבען מיר אלץ גערעדט וועגען דער עטיקעטע פון ווירטה, ווירטהין און דיענסט און וועגען די ארדנונג פון גרייטען צום טיש. יעצט וועלען מיר ריידען פון דער טיש עטיקעטע פאר געסט וואס זיי־נען איינגעלאדען צום טיש, ווי אויך פאר די מיטגליעדער פון דער פאמיליע.

קיין מאן דארף זיך ניט אוועקזעטצען ביי א טיש עסען בעפאר די דאמע וואס איז מיט איהם זעצט זיך אוועק. ער דארף איהר אויך העלפען זיך אוועקצוזעטצען. און דאס טהוט ער אויף אזא אופן: ער רוקט א ביסעל ארויס דעם שטוהל פון אונטער'ן טיש, און ווען זי שטעלט זיך צווישען טיש און שטוהל, רוקט ער אונטער דעם שטוהל און זי זעצט זיך אוועק.

נאך דעם עסען דארף ער איהר אויף אזא אופן העלפען אויפ־שטעהן פון טיש. ער הויבט זיך אויף, רוקט ארויס דעם שטוהל, און נאכדעם רוקט ער אונטער דעם שטוהל אונטער'ן טיש, און לאזט איהם שטעהן אויף אזא ארט ווי ער האט איהם געפונען, איידער מען האט זיך געזעצט צום טיש.

דיעזע רעגעלען דארפען אבגעהיט ווערען סאי מען עסט ביי א פריוואט סעודה, סאי ביי א באנקעט, און סאי אפילו אין א רעס־טאראן.

ביי לייטישע מענשען איז איינגעפיהרט אויסצומישען די פאאר־לעך ביי'ם טיש. מען זעצט ראובן נעבען שמעון'ס פרוי און שמעון זיצט נעבען ראובן'ס. דאס איז א גוטער מנהג, ווייל דאס העלפט צו מאכען דעם געשפרעך מעהר אינטערעסאנט. פאר א מאן מיט א פרוי איז זעהר שווער צו ריידען אין א געזעלשאפט. דען אלעס וואס זיי אינטערעסירט צו ריידען וועלען זיי ניט פיהלען בעקוועם צו ריידען פאר פרעמדע מענשען. אבער נייע מענשען ערוועקען נייע אינטערעסע, נייע געגענשטאנדען איבער וואס צו ריידען, יעדער געשפרעך ווערט

לעבהאפטער, אינטערעסאנטער, און די נייע בעקאנטשאפט איז אן ערפרישונג פאר'ן גייסט.

אין א רעסטאראן, אדער אין דעם בופעט פון א טריין, עסען פרויען אין זייערע העטס. ביי א באנקעט נעהמען זיי ארונטער די העטס. קינדער מוז מען לעהרנען צו זיין פון די לעצטע וואס קריגען זייער „חלק" ביי'ם טיש. מען דארף זיי אויך לעהרנען ניט צו ריידען הויך פאר געסט.

עס איז א שלעכטע געוואוינהייט פון מאנכע עלטערען צו דער־צעהלען ביי'ם טיש וועגען די „חכמות" פון זייערע קינדער אין דער געגענוווארט פון די קינדער. מאנכע געהען נאך ווייטער און שטעלען די קינדער פראגען, הייסען זיי דעקלאמירען א „פיעס", און דאס איז א גרויסע לאסט אויף די געסט, א נודנעריי, און פאר די קינדער איז דאס זעהר שעדליך. עס ערוועקט אין זיי א פוסטע גאוה און אן איבער־געשעצטע מיינונג פון זיך זעלבסט.

דער ריכטיגער איידעל־מענש, דער דזשענטעלמאן, זעהט זיך ארוים ביי'ם טיש מעהר ווי איבעראל. עס טרעפט א מאל אז איינער וויים ניט אזוי ריכטיג די כללים ווי צו האלטען דעם גאפעל, אדער דעם מעסער, און דאך זעהט מען אז ער איז דאך אן איידעלער מענש, מיט א פיינעם קאראקטער, וואס איז געוואקסען און ערצויגען געווארען צווישען אנשטענדיגע מענשען.

די ערשטע און די הויפט זאך וואס יעדער מענש דארף האבען אין זינען, סאי ער עסט מיט אייגענע מענשען און סאי מיט פרעמדע, איז: אז **יענער מענש עסט אויך**. די פפליכט, די גרעסטע פפליכט ביים טיש, איז צו זעהן אז דער אנדער מענש וואס זיצט מיט אייך ביי'ם טיש זאל זיך פיהלען בעקוועם. א מענש וואס האלט זיינע אוי־גען איינגעגראבען אין זיין אייגענעם טעלער, רוקט צו אלעס וואס אויפ'ן טיש צו זיך, און קימערט זיך ניט וואס אן אנדערן וועט אויס־פעהלען (אזוי ווי מען זעהט אויף א סך חתונות אין אמעריקא), אזא מענש איז א גראבער יונג. אן איידעלער מענש וועט אימער בע־דיענען דעם אנדערען ביי'ם טיש, ער וועט איהם צורוקען זאלץ, ברויט, גאפעל, אדער א לעפעל וואס יענעם פעהלט אויס, און אנדערע זאכען וואס יענער קען עס ניט דערלאנגען ווייל עס איז צו ווייט פון איהם.

בליאבען, פאסמאקעווען זיך, אדער מאכען אן אנדער מין גע־

רויש ביי'ם זופען אָדער ביי'ם קייען, זיינען מיאוס'ע געוואָהנהייטען פון וועלכע יעדער מענש דאַרף זיך אָבהיטען.

האַלט ניט אָפען דעם מויל ווען איהר קייט אייער עסען.

עסט ניט שנעל, כאַפּט ניט גרויסע ביסענס.

טרינקט ניט טהעע אָדער קאַפע פון טעצעל, טרינקט פון גלאָז אָדער פון טאַסע.

נעהמט ניט זאַלץ מיט די הוילע פינגער, נור מיט אַ זאַלץ־לעפעל.

נעהמט ניט ברויט מיט אַ גאָפּעל. ברויט דאַרף מען נעהמען מיט די פינגער, און אפילו צוקער אויך מיט די פינגער, ניט מיט אַ צוויינ־געל.

זייט ניט שעהמעדיג ביי'ם טיש. אַלס איינגעלאַדענער גאַסט ער־וואַרטעט מען איהר זאָלט עסען, ניט קוקען אַלעמען אין די צייהן.

שטעהט ניט צו שטאַרק צו אַ גאַסט אַז ער זאָל עסען נאָך אַ ביסעל, אָדער פערזוכען דאָס וואָס ער וויל ניט.

מאַכט ניט קיין רעש ווען איהר קעהרט איבער אַ גלאָז וואַסער ביי'ם טיש, אָדער עס טרעפט אייך אַן עהנליכע סיבה. אַלע סיבות וואָס טרעפען ביי'ם טיש דאַרפען בלייבען אונבעמערקט. יעדערער דאַרף זיך מאַכען ווי ער האָט עס גאָר ניט געזעהן.

אויב די ווירטהין זיצט נאָהענט נעבען אייך דאַן קענט איהר זיך פאַר איהר ענטשולדיגען אין אַ גאַנץ שטילען טאָן. אויב זי איז צו וויים רעדט קיין וואָרט ניט. מען דאַרף עס זעהן אין אייערע מאַניע־רען, אין דעם אויסדרוק פון אייער געזיכט אַז אייך פערדריסט דער צופאַל, אָבער איהר טאָהרט ניט אַרויסצייגען אַ צו אומעדיגע שטי־מונג, ווייל דאָס וועט שטערען די גוטע שטימונג פון די אַנדערע.

בלאָזט ניט מיט'ן מויל אויף אַ לעפעל מיט זופּ ווען די זופּ איז צו הייס. די אויבערשטע פון די זופּ ביי'ם ברעג טעלער איז אימער אַ ביסעל קיהלער.

שעפּט ניט זופּ מיט'ן לעפעל צו זיך, נור פון זיך. אַלע ארבייט וואָס אַ מענש טהוט ארבייט ער אויף דיעזען אופן. אַז ער קעהרט מיט אַ בעזים קעהרט ער ניט צו זיך, נור פון זיך.

לאָזט ניט איבער אייער לעפעל אין אַ גלאָז טהעע אָדער אין אַ טאַסע קאַפע. ווען איהר מישט אוים דעם צוקער דאַרפט איהר דאָס

לעפעלע גלייך ארויסנעהמען, און אוועקלעגען אין טעצעל, אָבער ניט טרינקען מיט דעם לעפעל אין גלאָז.

עסט קיין ציבעלעס. היט זיך פון אנדערע עסענס וואָס גיבען דער־נאָך פון זיך ארויס א שלעכטען גערוך, און מאַכען אונאַנגענעהם פאר אנדערע מענשען.

טונקט ניט אָבגעשניטענע שטיקלעך פלייש אין זאלץ. שיט אָן א ביסעלע זאלץ אין אייער טעלער, ביי א זייט, טונקט איין דעם שפּיץ גאָפּעל אין די זאלץ און נאָכדעם נעהמט מען מיט דעם אָן די פלייש. עס איז פיעל בעסער אלס שמיערען מיט די פלייש איבער'ן טעלער.

נעהמט קיין זופּ פון שפּיץ לעפעל, נור פון דער זייט פון לעפעל.

עסט קיין ווערזשעטייבלס ווי קארטאָפעל, געדיכטע ארבעס, בור־ריקעס, פּיקעלס, באָב א. ז. וו. מיט א לעפעל. עסט ניט מיט א לעפעל קיין זאך וואָס מען קען עסען מיט א גאָפּעל.

טראָגט ניט צו שפּייז מיט'ן מעסער צום מויל.

נעהמט ניט ארויס קיין פיש ביינדלעך, אָדער פלוימען ביינד־לעך פון מויל מיט די הוילע פינגער. נעהמט ארויס די ביינדלעך אויף א גאָפּעל און לעגט עס אוועק אויף אייער טעלער, אָדער א זייטיגען טעלערעל, ווען עס געפינט זיך א טעלערעל נעבען אייך.

דער גאָפּעל ווערט געהאלטען אין דער לינקער האנד, דער מעסער אין דער רעכטער. ווען דער מעסער איז ניט אין געברויך האלט מען דעם גאָפּעל אין דער רעכטער האנד.

פיש עסט מען אָהן א מעסער, בלויז מיט א גאָפּעל. ווען עס איז אזעלכע פיש וואָס האָט אין זיך א סך ביינער קען מען געברוי־כען א מעסער. ווען מען עסט פיש בלויז מיט א גאָפּעל קען מען אין דער אנדערע האנד האלטען א שטיקעל סקארינקע פון ברויט און דער־מיט זיך העלפען אָנשטאָט א מעסער.

עס זיינען דאָ מענשען וואָס לאָזען דעם מעסער מיט'ן גאָפּעל ניט ארויס פון האנד בעת זיי עסען. זיי מיינען אז דאָס איז „סטיילישׂ". דער אמת איז אז דאָס מאַכט אַן איינדרוק פון א פרעסער. דעם מע־סער דאַרף מען האלטען נור ווען עס איז נויטהיג. ווען דער מעסער אָדער דער גאָפּעל איז ניט אין געברויך, דאַרף ער אוועקגעלעגט ווערען אויפ'ן טעלער, ניט אויפ'ן טישטוך. אָנשפּארען א שפּיץ מעסער אָדער א שפּיץ גאָפּעל אויפ'ן טעלער און די הענטל זאָל בלייבען אויפ'ן טיש

איז ניט ריכטיג, ווייל דער גאָפּעל אָדער דער מעסער קען זיך אראָב־גליטשען און פערפלעקען דעם טישטוך. ווען מען ווערט פערטיג דארף מען גאָפּעל און מעסער אוועקלעגען אין מיטען טעלער איינער נעבען אנדערען, גלייך, ניט איינעם איבער דעם אנדערען.

ווען איינער ווערט געלאַדען צו אַ מאָהלצייט און געפינט צוויי מעסער ביי זיין טעלער זאָל ער וויסען אז דער מעסער מיט דער זיל־בערנער הענטל איז פאר פיש, אָדער פאר דער ענטרי ; דער אנדערער מעסער, וועלכער איז אימער שארפער איז פאר'ן בראטען.

צו שניידען ברויט ביי'ם טיש איז געגען ליטישע אויפפיהרונג. ברויט ווערט דערלאנגט צום טיש צושניטען אין בעקוועמע שטיקער. בייסען פון אַ גאַנץ אָבגעשניטענע ברויט איז ניט שעהן. דער שטיקעל ברויט דארף אָבגעבראָכען ווערען מיט דער האנד, יעדען מאָל אָב־ברעכען אויף אַ ביסען אָדער צוויי.

ווען מען עסט ברויט מיט פּוטער דארף מען ניט אָנשמירען אַ גאַנצען שטיק ברויט און בייסען פון דעם. די אנדערע מענשען וואָס זיטצען ביי'ם טיש קען עס אָבעקלען צו זעהן ווי איינער טראָגט צו אַ שטיק ברויט צום מויל, נעהמט עס ארויס מיט די צייכענס פון זיי־נע צייהנער אין דעם, און טראָגט עס ווידער צום מויל. דער ריכטיגער וועג איז אז מען זאָל אָבבברעכען אַ שטיקעל ברויט גענוג אויף אַ ביסען, אָדער צוויי, דאָס בעשמירען מיט פּוטער און עסען.

א ריכטיגער דזשענטעלמאַן שטעקט ניט אריין זיין נעפּקין אונ־טער'ן האלז, אָדער אין דעם קנאָפּלאָך פון זיין ראָק. אַ נעפּקין דארף מען אוועקלייגען ביי זיך אויף די קניע. נאָך דעם עסען טהוט מען מיט דעם נעפּקין אַזוי : אויב מען עסט אין אַ פּריוואַט הויז דארף מען איהם שעהן צוזאַמענלייגען, און אוועקלייגען אין דער זעלבער אָרד־נונג ווי מען האָט איהם געפונען. אויב מען עסט אין אַ רעסטאראַן, אָדער מיט אַ גרויסען עולם אויף אַ חתונה, אָדער אַזוי אַ שמחה, לעגט מען עס אוועק ניט צוזאַמענגעלייגט.

ווי נור איינער פון די זיטצענדע ביי'ם טיש בעקומט זיין טעלער זופּ אָדער פליש, דארף ער אין קיין פאַל נישט וואַרטען ביז די אנ־דערע וועלען אָנהויבען צו עסען, נור ער דארף גלייך אָנהויבען עסען.

אין ליטישע הייזער איז איינגעפיהרט אז צום ענדע פון דעם מאָהלצייט ברענגט מען אַ גלעזערנע שיסעלע מיט וואַסער, („אַ פינ־

נער באָול" אין ענגליש) אין וועלכע יעדערער טונקט איין זיינע פינגער, ניט א וויש איבער די ליפּען, און ווישט נאָכדעם אָב מיט דער נעפּקין, אָדער סערוועטקע.

דיעזע שיסעלע מיט וואַסער איז זעהר א גוטע זאַך. עס איז דער אַלטער אידישער מנהג פון מים אחרונים וועלכער איז זעהר שעהן, צוליעב די היגיענע ווי אויך די עסטהעטיק.

דיעזע שיסעלע „מים אחרונים וואַסער" ווערט סערווירט צולעצט אויף א פרוכט טעלערל. צווישען דעם שיסעלע און דעם טעלערל געפינט זיך א קליין טישטוכעל וועלכע הייסט „דאָילי". דער וואָס זיצט ביי'ם טיש הויבט אויף די שיסעלע מיט דעם דאָילי און שטעלט עס אוועק ביי זיין לינקער האַנד. דעם פרוכט טעלערל לאָזט ער שטעהן אין פראָנט פון זיך אום צו עסען פון דעם פרוכט.

אויסשפּייען ביינדלאַך פון פלוימען, וויינטרויבען א. ד.ג. אין טעלער איז זעהר מיאוס. מען דאַרף דיעזע זאַכען עסען מיט דער האַנד ביי'ם מויל, די ביינדלעך אויסשפּייען אונבעמערקט צו זיך אין האַנד. און ווען מען ענדיגט עסען די פלוימען, אָדער די וויינטרויבען, לעגט מען די ביינדלעך און אויך די פעלצלעך פון די טרויבען אוועק אין טעלערל, ביי א זייט.

די „מים אחרונים וואַסער" ווערען געברויכט גאָר צום לעצט, נאָך די קאַפע און פרוכט, ווען מען האַלט שוין ביים פערלאָזען דעם טיש.

עפּעל און בארנעס דאַרף מען צוערשט ארומשיילען מיט א פרוכט מעסער, נאָכדעם צושניידען אין פערטלעך און עסען מיט די הוילע פינגער.

אָראַנדזשען צושניידט מען אויך אין פערטלעך אָדער אַכטלעך, אין זייערע שאָלעכץ, און מען עסט פון די שאָלעכץ. אנדערע שיילען אָב דעם אָראַנדזש, צו שניידען עס, אָדער זיי רייסען פון דעם פּענעצעס און עסען. צו עסען אָראַנדזשען מיט א לעפעל איז לאַנג אויס מאָדע.

„גרייפּ" פרוכט עסט מען מיט א לעפעלע.

עס איז זעהר ניט פּאַסענד צו שפּיעלען זיך ביי'ם טיש מיט די געשיר, קלאַפּען מיט א מעסער, און דאָס גלייכען.

בעת איינער קייט דאַרף ער ניט ריידען.

ווען איינער וויל ניט עסען אַ שפּייז וואָס איהם ווערט פאָרגע־לעגט דאַרף ער בלויז זאָגען „איך דאנקע. איך קעהר גראָדע יעצט ניט פאר דעם", אָדער עהנליכעס. ער דאַרף אָבער ניט זאָגען אַזעלכע זאַ־כען ווי : „קעז איז זעהר אַ שלעכטער מאכל פאר מיר", אָדער „טאָ־מייטאָס קען מיין מאָגען ניט פערדייהען", אָדער „צוקער גאבעקס איז ניט גוט פאר מיינע ניערען". אַזעלכע בעמערקונגען זיינען זעהר ניט פּאסענד ביי'ם טיש. עס ווארפט אָן אַ מורא אויף די אנדערע מענשען און עראינערט זיי אין אַלע זאָרטען קראנקהייטען.

די עטיקעטע ביכער זיינען זעהר שטרענג וועגען נעהמען אַ ביין אין דער האַנד און עסען אויף דעם די פליישׁ. מיט אַ ריכטיגען זאָרט מעסער און מיט אַ קאפּעלע געשיקטהייט קען מען לייכט אויסקומען ניט צו עסען מיט די הענד. גריזשען אַ ביין מאכט זעהר ניט אָן אנ־גענעהמען אויסזעהן.

ווען דער מאָהלצייט האָט זיך געענדיגט גיט דער בעל הבית אַ צייכען צו דער ווירטהין און זיי שטעהען אויף. דאָן שטעהען אויף אויך די געסט. ביים אויפשטעהן רוקט מען אָב אַ ביסעל די שטוה־לען פון טיש, און נאָכדעם ווי מען איז אויפגעשטאַנען רוקט מען צו די שטוהלען צוריק אונטער'ן טיש.

טוטפּיקס טהאָרען ניט געברויכט ווערען ביי'ם טיש. עס איז ניט אַנשטענדיג צו רייניגען די צייהן אין געגענווארט פון אנדערע מענ־שען.

דיעזע אַלע רעגעלען איז ווערטה איינצולערנען און פּראַקטי־צירען. אַזעלכע רעגעלען זיינען געמאַכט געוואָרען פאר דער בעקוועמ־ליכקייט פון מענשען אַז זיי זאָלען קענען בעסער געניסען דאָס לעבען און האַלטען זיך ריין און אַנשטענדיג מיט רעספּעקט פאר זייערע מיטמענשען.

# אין אפערא און אין טהעאטער

**א ביסעלע הארטע רייד. — ווארום פערגלייכט מען א אידישען טהעאטער מיט א אידישע חתונה ? — די פפליכט פון קומען פריה. — ארויסגעהן צווישען די אקטען. — —עסען אין טהעאטער. — אלגעמיינע ארדנונג. — אפלאדירען אין מיטען אקט.**

---

מיר ווילען אין דיעזען קאפיטעל ריידען א ביסעל הארטע רייד. אזוי ווי דיעזער בוך איז געשריעבען אין אידיש וועט אלעם וואס מיר ווען דא זאגען בלייבען צווישען אונז, און פאר „למה יאמרו הגויים" דארפען מיר ניט מורא האבען.

דער נאמען „אידישער טהעאטער" האט שוין בעקומען די זעלבע בעדייטונג ווי „א אידישע חתונה", און ער מיינט אונארדנונג, רעש, קיין רעספעקט פאר זיך און פאר אנדערע, — די מאניערען פון א דארפישען שענק.

און זאל דאס אונזערע אינטעליגענטערע קלאסע לעזער צו קיין שאנדע ניט זיין ווען מיר וועלען זאגען, אז ווען זיי קומען אין א ניט אידישען טהעאטער זיצען זיי שטיל ווי די טייבעלעך, מעשה שטאטעק, פול מיט אויפמערקזאמקייט צו די אקטיארען און היטען זיך ניט צו אונטערברעכען די שטילקייט און די ארדנונג אויף א האאר. מיט איין ווארט, ווען זיי געפינען זיך אין א טהעאטער וואו מען שפיעלט ענגליש אדער דייטש, אדער אין אפערא הויז, זיינען אונזערע אידישע טהעאטער בעזוכער אמת'ע ליידים און דזשענטלמענער. ווען אבער זיי קומען אין א אידישען טהעאטער טרעטען זיי די עטיקעטע מיט די פיס. זיי ריידען ביי'ם שפיעלען, ציהען זיך אוים אין זייערע סיטס, עסען פינאטס, קייען טשואינג גאם און מאכען אונבעקוועם פאר די מענשען וואס זיטצען ארום זיי. מיט איין ווארט, די גאנצע גראבהייט פון זייערע נאטורען וועלכע עס געלינגט זיי צו בעהאלטען אין דער געגענווארט פון ניט אידען, קומט ארוים אפען ווען זיי קומען „צווישען אייגענע".

דער אמת'ער דזשענטלמאן איז א דזשענטלמאן ביי זיך צו הויז

גראדע ווי ער איז אין געזעלשאפט. ער איז דער זעלבער דזשענטלמאן סאי ער קומט אין אידישען טהעאטער און סאי אין א ניט אידישען.

יעדער גראָבער יונג קען אויף זיך ארויפציהען א מאסקע פון א דזשענטלמאן ווען ער קומט צווישען פרעמדע. אָבער די מאסקע פאלט גלייך ארונטער ווען ער קומט „צווישען אייגענע".

א דזשענטלמאן איז דזשענטלמאן אימער און איבעראל. ער קען ניט זיין היינט א דזשענטלמאן און מאָרגען א גראָבער יונג. ער קען ניט זיין א דזשענטלמאן אָפּ־טאָון און א דבר אחר דאון־טאון.

דאָס זעלבע איז וועגען א ליידי. אויב זי איז א ליידי וועט זי קומענדיג אין א אידישען טהעאטער אויך אראָבנעהמען איהר העט גלייך ווי זי זעצט זיך אוועק, גראדע אזוי ווי זי טהוט ווען זי קומט אין א ניט אידישען טהעאטער.

קיין פרוי וועלכע וויל פערדיענען דעם נאָמען „ליידי", דארף בלייבען זיטצען אין איהר העט ווען זי קומט אין טהעאטער. זי דארף קיינמאָל ווארטען ביז מען וועט איהר הייסען דעם הוט אראָבצונעהמען.

יעדער איינער וואָס קומט אין טהעאטער דארף זיך רעכענען אלס איינער פון א גרויסע געזעלשאפט מענשען וואָס זיינען געקומען צו־זאמען געניסען גייסטיגען פערגעניגען, און קיינער דארף ניט טהאָן קיין זאך וואָס קען שטערען דעם פערגעניגען פון אנדערע.

עס איז די פפליכט פון יעדערען צו קומען בעצייטענס, בעפאר די פאָרהאנג הויבט זיך אויף.

אריינקומענדיג אין דער לאָבבי פון טהעאטער געהט די דאמע אריין צוערשט. נאָכדעם געהן זיי צוזאמען ביז זיי קומען צום מאן וועלכער נעהמט איבער די טיקעטס. דאן געהט דער מאן פאָראויס, ניט איבער די טיקעטס, נעהמט איין פראָגראם פאר זיך און נאָך איינע פאר דער דאמע און ער גיט אָפּ די אָפּגעריסענע קופּאָנס פון די טיקעטס צום אָשער.

דער אָשער געהט פאָראויס, נאָך איהם די דאמע און צולעצט דער מאן.

אויב דער מאן קען אליין אויסזוכען זייערע פּלעצער, דאן געהט ער פאָראויס און די דאמע נאָך איהם.

אן אמת'ער דזשענטלמאן וועט ניט ארויסלויפען צו יעדער ענדע

אקט אין דער לאבבי און איבערלאָזען די דאמע אליין, מעג עס זיין א פרוי, א געליעבטע, א שוועסטער, אָדער אזוי א בעקאנטע.

ווען א דזשענטלמאן האָט איינגעלאדען א ליידי צו געהן מיט איהם אין טהעאטער איז זיין פפליכט איהר צו אמוזירען די גאנצע צייט און ניט איבערלאָזען איהר אליין זיך צו לאנגווייליען צווישען אונבעקאנטע מענשען.

ווען איינער מוז ארויסגעהן צווישען די אקטען דארף ער זיך ענטשולדיגען פאר די מענשען וועלכע ער מוז דורכגעהן פאר די אונבעקוועמליכקייט וואס ער פערשאפט זיי. ווען ער געהט ארויס דארף ער געהן מיט דעם פנים צו די מענשען פארביי וועלכע ער געהט דורך.

אפלאָדירען אין מיטען אקט איז זעהר אונפאסענד. עס איז שוין צייט אז די אקטיאָרען אליין זאָלען אָבגעוואָהנען זייערע „פאטריאָטען" פון אפלאָדירען אין מיטען אקט. דער אפלאָדירען מאכט אן אונטערברעכונג און שטערט דעם שפיעלען. אין קיין ציוויליזירטען טהעאטער אפלאָדירט מען אין מיטען אקט. עס איז א בלינדע אדווערטייזמענט וואָס די אקטיאָרען דארפען עס ניט. אפלאָדירען דארף מען ווען דער אקט ענדיגט זיך.

# אויף א באל

זאָל א מיידעל געהן אליין צו א באָל? — די מאָדערנע פרויען. — א בעגלייטער און א שאפעראָן. — רעגעלען וועגען אננעהמען א פארטנער צום טאַנץ. — די אויפפיהרונג פון מיידלעך אויף א באָל.

---

זאָל א מיידעל געהן צו א באָל איינע אליין? אָהן בעגלייטונג? די עטיקעטע זאָגט דארויף: ניין.

קיין מיידעל אָדער אפילו פערהייראטהע פרוי דארף געהן אליין צו אירגענד וועלכע אפעיר וואָס ווערט געגעבען אין אבענד, ובפרט א באָל.

די מאָדערנע פרוי וועלכע זוכט צו פערניכטען אלע אלטע מנהגים וואָס געהערען צו איהר געשלעכט זוכט אויך אָבצושאפען דיעזען גע־

זעטץ פון דער עטיקעטע, און עס איז מעהר קיין נאָווינע ניט צו זעהן מיידלעך און פרויען, וועלכע בעזיצען א הויכע בילדונג און בעלאַנגען צו די פיינסטע אמעריקאַנער פאמיליען, געהן אליין אין די שפּעטע שטונדען פון דער נאכט, אונבעגלייטעט. זיי געהען אין טהעאטער, אין אפּערא, צו בעלער און דאַס גלייכען און קעהרען ניט פאר דעם „וואָס וועלען לייט זאָגען".

דאָך, איז די עטיקעטע זעהר שטרענג וועגען דעם. א מיידעל אָדער א פרוי דאַרף וויסען אז ווען זי געהט אליין שפּעט ביי נאכט שטעלט זי זיך, ערשטענס, אין געפאהר פון בעלעסטיגט צו ווערען פון אונ־פעראַנטוואָרטליכע מענשען, און צווייטענס, גיט זי א געלעגענהייט „בייזע צינגער" צו ריידען וועגען זיך. סיידען א מיידעל אָדער א פרוי בעזיצט א פעסטען קאַראַקטער און גענוג קוראַזש ביי צו שטעהען די ביידע געפאהרען קען זי זיך אונטערנעהמען צו ברעכען דיזען רעגעל פון דער עטיקעטע.

א מיידעל וואָס האָט נאָך קיין יונגען מאַן וואָס זאָל זי בעגלייטען צום באָל דאַרף געהן ענטוועדער מיט איהר מוטער, אָדער מיט אזוי אן עלטערע פרוי וועלכע דיענט אלס א זאָרט „שומר", אָדער „שאַ־פּעראָן". מיידלעך פון די הויכע קרייזען וועלכע האָבען נאָך קיין יונגען מאַן געהען ערגעץ ניט אָהן די בעגלייטונג פון א שאַפּעראָן.

ביי'ם אריינקומען אין טאַנץ זאאַל צו א חתונה דאַרף מען צו־ערשט ערשיינען פאר די וועלכע האָבען געשיקט די איינלאַדונגען, סאַי זיי זיינען די כלה'ס עלטערען און סאַי זיי זיינען איהרע ברידער, שוועסטער, אָדער קרובים. די פרוי פון די „מר. ענד מרס." וואָס שיקען די איינלאַדונג איז גערעכענט אלס די ווירטהין פון דעם באָל און פאר איהר דאַרף מען ערשיינען צוערשט. נאָכדעם געהט מען זעהען די כלה, דעם חתן. נאָכדעם קען מען מאַכען בעקאַנטשאַפט מיט די אַנדערע מחותנים און געסט. אָבער דער ווירטהין קומט די ערשטע בעגריסונג.

ווען א מיידעל קומט מיט א יונגען מאַן צו באָל טאַנצט זי מיט איהם דעם ערשטען טאַנץ און זי געהט מיט איהם צום טיש ווען עס קומט די צייט פון עסען. נאָך דעם ערשטען טאַנץ ביז די צייט פון עסען קען זי אויך אָננעהמען איינלאַדונגען פון אַנדערע יונגע לייט מיט זיי צו טאַנצען.

א מיידעל וואָס ערשיינט צו א באַל מיט א שאפעראָן, בעגריסט אויף פריהער די ווירטהין, דאַן פאָלגט זי נאָך איהר בעגלייטערין און זעטצט זיך, און זי וואַרט ביז זי ווערט איינגעלאַדען צום טאַנצען.

באלד נאָך דיעזער איינלאַדונג דאַרף זי ניט צוריקקעהרען צו דער שאפעראָן ביז צו ענדע, אָדער ביז דער פראָגראַם פון באַל איז דורכגעפיהרט געוואָרען. זי מעג, נאָך יעדען טאַנץ, שפּאַציערען מיט איהר טאַנץ־פּאַרטנער, אַקצעפּטירען א גלאָז לעמאָנאַדע, אָדער זיך זעטצען און רעדען מיט איהם ביז א צווייטער לאַדעט זי איין צום טאַנצען.

דאָס רעכט פאָרטצוזעטצען א טאַנץ אָדער אויפהערען אין מיטען בעלאַנגט צו דער דאַמע. אויב עס געפעהלט איהר ניט דעם פּאַרטנערס האַלטונג, אויב זי פיהלט מיעד, אָדער אויב זי האָט אַן אנדער אור־זאַכע קען זי אונטערברעכען א וואַלטץ אפילו אין מיטען. איהר בע־גלייטער אָדער טאַנץ־פּאַרטנער דאַרף דיעזע אונטערברעכונג אָננעה־מען אָהן דעם מינדעסטען פּראָטעסט. אויב ער וויל אויסזעהן און האַנדלען ווי א מענש דאַרף ער קיינע פראַגען שטעלען, נור זי גלייך צופיהרען צו אַן אָרט וואו זי קען זיך אַוועקזעטצען, און אַליין בליי־בען שטעהן און וואַרטען ביז זי וועט איהם ענטוועדער בעטען זיך זעטצען נעבען איהר, אָדער זאָגען „איך דאַנק" (טהענק יו").

אויב ער איז ניט איהר בעגלייטער מיט וועלכען זי איז צום באַל געקומען, נור בלויז א טאַנץ פּאַרטנער מיט וועלכען זי האָט אויף זיין איינלאַדונג באַוויליגט מיט א טאַנץ, דאַרף ער דיעזען „טהענק יו" אָננעהמען פאַר א סיגנאַל אַז זי וויל בלייבען אַליין, אָדער ריידען מיט אַן אַנדערען. ער דאַרף זיך פערנייגען און אָבטרעטען.

עס איז געגען אַלע רעגעלען פון עטיקעטע צו ענטזאָגען א טאַנץ פאַר איין מאַן און אַקצעפּטירען, פאַר דעמזעלבען טאַנץ, אַן אַנדערן. זי מעג, אין אַלגעמיין, בעהויפּטען, אַז זי איז מיעד, און אַנשטאָט טאַנצען זיטצען און מיט יעמאַנדען רעדען וועהרענד אַנדערע טאַנצען.

וועהרענד זי זעטצט זיך אַוועק, זאָל זי אויפּפּאַסען ניט צו זיטצען אויף די טרעפּען אָדער אין ערגיץ א פינסטערען ווינקעל. איהר בענעה־מונג מוז זיין אַנשטענדיג.

זי דאַרף אויך ניט טאַנצען מעהר ווי דריי מאָל מיט איין פּערזאָן,

סיידען זי וויל מען זאָל וויסען, אַז דיעזער האָט מיט איהר מעהר שייכות ווי אַ געוועהנליכער טאַנץ־פּאַרטנער.

ווען אַ מאַן פאָדערט איהר אויף צו אַ טאַנץ, זאָל זי ענטפּערן „מיט פערגניגען" (וויטה פּלעזשור), אָדער, „יאַ, עס וועט מיך זעהר פרייען", (יעס, אַי שעלל בי דילאיטעד.) ווען זי וויל אָבער ניט טאַנ־צען זאָל זי ענטפּערן: „איך דאַנק אייך זעהר, אָבער איך בין שרעק־ליך מיעד און איך קען דיעזען נומער ניט טאַנצען".

דיעזע זיינען די אַלגעמיינע און איבערפלעכליכע רעגעלען פון עטיקעטע, יעצט קומען די פּסיכאָלאָגישע.

אַ מיידעל דאַרף ניט זיין אָנגע'ברוגז'ט, זי דאַרף ניט אָבווענדען די אויגען פון יעדען איינעם, נאָר צו מונטערקייט מוז זיין אַ גרענעץ.

דאָס געזיכט קען אויסדריקען פריינדליכקייט און גוטסקייט, די שטימע קען דערצעהלען מונטערקייט, די אויגען אויסדריקען פערגניגען, אָבער דאָס אַלעס דאַרף זיין בעגלייטעט פון שטרענגע צניעות.

אַ מיידעל'ס געזיכט זאָל זיין דער שפּיעגעל פון אַ ריינער נשמה. מיר קענען דאַרויף אַלזאָ לעזען פריינדליכקייט און גוטסקייט, אָבער אימער אויסגעמישט מיט טיעפען רעספּעקט. די שטימע זאָל זיין ווייך, עדעל און גוטמוטהיג, אָבער קיינמאָל ניט צו הויך. אימער מאַכט אַ שווידערליכען איינדרוק אַ מיידעל'ס אונבעשרענקטעס לאַכען. דער „האַ! האַ! האַ!" בעגלייטעט מיט גערויש, איז מיאוס, אבשייר־ליך. אויף אַ באַלל, איבערהויפּט וואו יונגעס בלוט איז אונטער־וואָרפען זיך צו פערגעסען, זאָל מען אין זינען האָבען ניט אריבערצו־טרעטען די גרענעצען פון עטיקעטע איבערהויפּט אין דיעזער בעציהונג. עס זיינען דאָ מיידלעך, וואָס האָבען אַ טבע צו ווינקען מיט די אוי־גען, אָבוואָהל זיי מיינען גאָר ניט קיין שלעכטס. ווינקען מיט די אויגען איז זעהר אַ מיאוס'ע געוואָהנהייט.

אָבער אויך דאָס דאַרף ניט געטריבען ווערען צו עקסטרעמען. צו ערנסט, צו שטיל, טויג אויך ניט, זאָנסט ווערט מען בעצייכענט אַלס אַ „טויטע בריאה".

# די עטיקעטע פון רויכערען

**מעגען פרויען רויכערן ? — עטיקעטע פון רויכערן אין פער־שיעדענע לענדער. — איז רויכערן געזונד אָדער אונגע־זונד ? — אַלגעמיינע רעגעלען וועגען רויכערן.**

---

דער אַמעריקאַנער זאָגט אַ ווערטעל : „וואָס עס איז גוט פאַר'ן דייטש, איז ניט גוט פאַר'ן איירישמאַן".

פערשיעדענע מענשען, פערשיעדענע געשמאַקען ; פערשיעדענע מענשען, פרשיעדענע בעגריפען און מאָראַלען.

מיר האָבען שוין אַמאָל דערמאַהנט, אַז מאָראַל איז ניט קיין פעסטגעזעטצטע וואהרהייט. מאָראַל איז, ווי איינער פאַסט עס אויף.

די שווארצע שבטים פון באָרנעאָ בעטראַכטען עס פאַר אַ פּחיתת הכבוד, פאַר אַ שאַנדע, ווען אַ מענש האָט ניט אַ רינג אין זיין נאָז. אין פיעלע געגענדען פון די אינערע טהיילען אין אפריקא, פאַלט עס גאָר ניט איין דער דאָרטיגער פרוי, אַז עס איז ניט שעהן, ניט פאַסענד, צו געהען מוטער־נאַקעט.

בעגריפען פון שעהן און מיאוס, אָדער מאָראַל און אונמאָראַל, זיינען בלויז לויט ווי דער מקום און די צייט האָבען גורם געווען.

מעגען פרויען רויכערן ?

ווען דיעזע פראגע ווערט געשטעלט פון אַ היגיענישען שטאַנד־פונקט, דאַן ועט אַ געניטער דאָקטאָר ענטפערן אַזוי : „מאַנכע יאָ, און מאַנכע ניט".

דער רויך פון טאַבאַק פּראָדוצירט ניקאָטין. דאָס איז אַ מין גיפט. ניט אַלעמען אָבער שאַדעט דיעזער גיפט. מאַנכע מענשען פעהלט זויערקייט אין מאַגען. דער ניקאָטין שאַפט אַ זויערקייט און דיעזע זויערקייט העלפט פיעל צום פערדייען די שפּייזען.

דאַן זיינען ווידער דאָ מענשען, ביי וועמען די זויערקייט איז צו גרויס, צו פיעל. דער ניקאָטין איז פאַר זיי דאַן איינפאַך סם־המות ; ער פערגיפטעט דעם מאָגען און איבערהויפּט דאָס האַרץ.

אַלזאָ, „וואָס עס איז גוט פאַר'ן דייטש, איז ניט גוט פאַר'ן איי־רישמאַן".

אין פראַנקרייך, רוסלאַנד, רומעניען און עהנליכע לענדער, איז דאָס רויכערן פאַר אַ פרוי אַ גאַנץ געוועהנליכע און ניט אויפפאַלענדע ערשיינונג. זי רויכערט גלייך מיט'ן מאַן. פאַר איינער איז עס גוט און געזונד, פאַר אַ צווייטער ניט.

דאָס רויכערן פון דאַמען, שטאַמט אייגענטליך פון דעם אָריענט, פון די מאַהאַמעדאַנישע לענדער. די האַרעם־פרויען, ניט בעזיטצענ־דיג קיין שום בילדונג, ניט האָבענדיג קיין פרייהייט צו געהען און קו־מען וואוהין זיי ווילען, זיינען זיי געצוואונגען געווען עפּעס צו טהאָן וואָס זאָל זיי בערוהיגען.

דער רויך פון טאַבאַק האָט אָפּט מאָל זעהר אַ בערוהיגענדע ווירקונג אויף אַ מענשען. די האַרעם־פרויען האָבען אַלזאָ אָנגעפאַנגען צו רויכערן.

טירקיי פּראָדוצירט אויך אַ גוטען טאַבאַק פאַר ציגאַרעטען, און די צאַרטע, שעהנע דאַמע, האָט זיך אויסגעלערענט צו רויכערן אַ פיי־נעם, ווייסעם ציגאַרעטעל.

מענשען שטעהען בבחינת אַפען, און איינע האָט נאָכגעטהאָן דער צווייטער.

דער מנהג האָט פריהער איינגעוואַנדערט אין די באַלקאַנישע מדינות, דאַן איז ער געקומען קיין רוסלאַנד און פון דאָרט איז ער גע־גאַנגען אין די אַנדערע בענאַכבאַרטע מדינות.

מערקווירדיג, אַז דער מנהג האָט בלויז אָנגעריהרט די סלאַווישע און לאַטיינישע לענדער; די גערמאַנישע האָבען זיך ניט גענומען דערצו, און די אַנגלאָ־סאַקסישע האָבען דאָס גאָר ניט צוגעלאָזען.

דער מנהג האָט זיך אויסגעאַרבייט אין אַ מאָדע, און עס איז גע־קומען אַזוי ווייט, אַז מען האָט עס בעטראַכט איינפאַך פאַר אַ גע־זעלשאַפטליכע נויטהווענדיגקייט, דאָס יעדע פרוי מוז רויכערן.

מיידלעך, וועמעס געשמאַק איז געווען געגען רויכערן, האָבען אָנגעהויבען זיך איינצוגעוועהנען דערצו. אין אַנפאַנג האָבען זיי גע־בראָכען, געהאַט קאָפּ־שמערצען און זאָנסט געליטען, אָבער ענדליך האָבען זיי זיך צוגעוועהנט צום גיפט, און ווען זיי זיינען געוואָרען

פאַלשטענדיגע דאמען, האָבען זיי שוין געקענט מיטרויכערן מיט יעדען.

עס האָט געגרייכט אזוי וויט, דאָס די דאמע האָט זיך גאָר ניט געשעהמט, זיך אוועקצוזעטצען אויף איהר גאניק, אָדער גאָר אין פראָנט פון איהר הויז, און אין דער געגענוואַרט פון פארבייגעהער, רויכערן איהר ציגארעטעל.

ווייטער איז עס ניט געגאנגען, דאָס הייסט, די דאמע וואָס איז געגאנגען שפּאצירען, האָט זיך ניט ערלויבט, גלייך מיט'ן מאַן, צו האַל־טען דאמאלס דאָס ציגארעטעל אין מויל.

רויכערן צווישען דאמען איז געגאנגען אזוי וויט דאָס עס האָט זיך געשטאַלטעט אין אַ מין אנציהונגס־האנדלונג, אָדער אין אויסגע־לאַסענהייט. צום ביישפּיעל, די פרוי, וואָס האָט פון זיך אַרונטער־געוואָרפען יעדע שאַנדע, איז אויך געווען אַ צולאָזענע רויכערין. בע־סער געזאָגט, אויסגעלאַסענהייט און רויכערן האָבען אָנגעהויבען צו געהען האַנד אין האַנד.

דאָס האָט אביסעל אָבגעהאַלטען די פיינערע קלאַסע דאמען פון רויכערן. אויפגעבען האָט מען דאָס ניט געקענט, ווייל דאָס איז אַן אונאַנגענעהמע געוואָהנהייט, אָבער מען האָט אָנגעהויבען אויסצו־מיידען די עפענטליכע דעמאָנסטראציאָן פון רויכערן. אַן אנשטענ־דיגע דאמע האָט זיך מעהר ניט געוויעזען אויף דעם גאניק אָדער אין פראָנט פון איהר הויז מיט אַ ציגארעט; רויכערן האָט מען נאָר גע־רויכערט אין הויז. שפּעטער האָט מען נאָר גערויכערט אין דער געגענ־וואַרט פון זעהר אינטימע פריינד; דאָן בלויז אין קרייז פון אייגענער פאמיליע.

רויכערן איז אַן אונאַנגענעהמע געוואָהנהייט, פון וועלכע עס איז זעהר שווער זיך אָבצו־ווענדען. אָבער די בעסערע קלאַסע איי־ראָפּעאישע דאמען זוכט אַלעם מעגליכע לויז צו ווערען דערפון. עס וועט נאָך נעהמען צייט, אָבער די דאמען וועלען דאָס אוועק־וואַרפען.

מיט דעם שטראָם פון דער מאָדערנער פרויען בעוועגונג האָבען אַ סך פרויען געלערענט אַ פאַלשען פשט. זיי האָבען פערביטען פריי־הייט מיט צולאָזענהייט.

לאָמיר נאָר פריהער ערקלערען.

מיר האָבען שוין דערמאהנט, אז דער מנהג אָדער מאָדע פון רויכערן, איז ניט איינגעדרונגען צווישען די אנגלאָ־סאקסישע פעלקער. די ענגלענדערין האָט דערמיט ניט געוואָלט האָבען צו טהאָן און עס אימער בעטראכטעט אלס א מין חצופה'דיגע בענעהמונג.

מען קען צושרייבען זעהר פיעל דער רעאקציאָן געגען רויכערן, צו דער ענגלענדערין וואָס האָט בעזוכט פראנקרייך און רוסלאנד. די אַמעריקאנערין האָט געטהאָן דאָסזעלבע ווי די ענגלענדערין, און ניט געוואָלט אָנפאנגען צו רויכערן.

אָבער מיט דער סופראדזשעטען בעוועגונג, האָבען מאנכע ענגלישע פרויען, (דוקא אנשטענדיגע,) געוואָלט טהון להכעיס די מענער און זיי ווייזען, אז מען איז גלייך מיט זיי. אלס רעזולטאט זיינען זיי געוואָרען ציגארעטען רויכער.

ווידער מיט דער אפען־נאטור פון נאָכאהמען, האָבען אנדערע ענגלישע פרויען אויך אָנגעפאנגען צו טהאָן דאָסזעלבע, ביז רויכערן האָט איינגעדרונגען אין מאנכע ענגלישע הייזער, וואו מען האָט עס פריהער בעטראכט פאר א שאנדע.

די אַמעריקאנערין, וואָס ליעבט נאָכצוטאנצען דער ענגלענדערין, פּרובירט שוין אויך צו רויכערן.

אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי א ספּאָזמאָדישע ערשיינונג. ניט די רוהיגע ענגלישע דאמע, און ניט די אנשטענדיגע אמעריקאנישע דאמע, וועלען, ווען עס איז, מאכען דאָס רויכערן פאר אן אלגעמיינער מאָדע. זיי וועלען עס אימער בעטראכטען, אויב ניט פאר חצופה'דיג, דאן ווענינגסטענס פאר עזות'דיג.

די אייראָפּעאישע דאמע, וואָס קומט אין אן אנגלאָ־סאקסישע מדינה מיט דער ליידענשאפט צו רויכערן, זאָל, אויב מעגליך, זיך אבגעוועהנען דערפון, אויב דאָס איז ניט מעגליך, דאן זאָל זי זיך צוריקציהען בחדרי חדרים און דאָרט שטילען איהר ליידענשאפט. קיינער דארף ניט וויסען דערפון. זי מוז אויך, פון צייט צו צייט, פערקלענערן די פּאָרציע רויכערן, ביז דאָס וועט אין גאַנצען אויפהערען.

מיר רעכענען, אז דערמיט האבען מיר שוין גענוג געזאגט אויף פאר דער היגער, וואס וויל זיך ערשט איינגעוואהנען צום רויכערן. נאר, אויב דאס איז נאך ניט גענוג, וועלען מיר בלויז ווידערהאלען וואס דר. פריד ווילסאן, א ניו־יארקער ספעציאליסט, האט געזאגט:

„מיט אלע מעלות וואס רויכערן האט פאר געוויסע מענשען, איז דאס מיט 90 פראצענט מעהר שעדליך פאר דער פרוי. א פרוי'ס נערווען זיינען פאזיטיוו ניט געשאפען געווארען פאר ניקאטין־גיפט."

דא, צום שלום, וועלען מיר געבען עטליכע אלגעמיינע רעגעלען וועגען דער עטיקעטע פון רויכערען.

פאר אלעמען דארף מען וויסען, אז דער טאבאק רויך, איז זעהר אונאנגענעהם פאר אזעלכען וואס רויכערט ניט. ווען דאמען רויכערן ניט, איז רויכערן אין זייער געגענווארט, איינפאך א מארטער. אבער דאס איז נאך ניט אלעס. זיי קענען ניט ערטראגען זאגאר ארייננצור־קומען אין א צימער וואו מען האט געראויכערט.

דערפאר איז מען זיך נוהג, קיינמאל ניט צו רויכערן אין דער געגענווארט פון דאמען. אין אלע אריסטאקראטישע הייזער זיינען דא רויכער־צימערן, וואו מענער גיבען זיך איבער צום ניקאטין־פערגעניגען.

עס איז ניט שעהן צו רויכערן אין שוהלען, אויך ביי א לויה. און מיר קענען ניט פערשטעהען וואו איז דער געפיהל פון רעספעקט ביי יענע מענשען וועלכע געהן צו א לויה, אדער פאהרען אין קערעדזשעס, און הערען ניט אויף צו „פיפקען" מיט זייערע סיגארעטלעך. עס איז אויך זעהר העסליך צו זעהען אידען רויכערן סיגארס אדער סיגא־רעטלעך אין שוהל.

ווען איינער רויכערט געהענדיג אין גאס און ער בעגעגענט א בעקאנטע דאמע דארף ער זיין סיגאר אדער סיגארעט ארויסנעהמען פון מויל, און אויב זי שטעלט זיך אב מיט איהם ריידען דארף ער דעם רויך־מאטעריאל אין גאנצען אוועקשליידערען.

# די עטיקעטע פון טרינקען

## זאָלען די פרויען טרינקען ? — ווען און וואָס איז פּאַסענד צו טרינקען. — די שטראָף פון שיכּוּת — „משקה" און „כּיבוד".

היגיעניש זאָל טרינקען זיין וועניגער שעדליך ווי רויכערן.

מען רויכערט בלויז זייט א פּאָאר הונדערט יאָהר, אָדער זייט די איירָאָפּעער זיינען נעהנטער בעקאַנט געוואָרען מיט די אינדיאַנער און זיך אויסגעלערענט זייער אונאַנגענעהמע ליידענשאַפט פון איינ־אָטהעמען דעם רויך פון טאַבאַק.

פאר די אינדיאנער איז דאָס רויכערן פיעל וועניגער שעדליך ווי פאר דעם איירָאָפּעער, איינפאַך דערפאר, ווייל די אינדיאנער רוי־כערן שוין זייט טויזענדער יאָהרען און זייער סיסטעם איז צו דעם גע־וועהנט. דערפאר אָבער איז פאר זיי מעהר שעדליך דאָס טרינקען ווי פאר אונז, דאָס הייסט אזוי: זיי שאַדעט וועניגער דער טאַבאַק און מעהר די משקה, אונז שאַדעט מעהר דער טאַבאַק און וועניגער די משקה.

ווי געזאָגט, זאָל היגיעניש טרינקען, פאר די ווייסע מענשען, זיין וועניגער שעדליך ווי רויכערן.

זאָל די פרוי טרינקען ?

עס זיינען פאראנען צווייערליי געניעסען פון משקה, טרינקען און זויפען.

אָבער איידער מיר געהען רעדען וועגען דיזען ענין בנוגע דער פרוי, וועלען מיר דאָס פריהער בעטראַכטען אין אַלגעמיין.

מיט טרינקען איז אונגעפעהר דאָס זעלבע ווי מיט רויכערען: „וואָס עס איז גוט פאר'ן דייטש איז ניט גוט פאר'ן איירישמאַן".

פאר מאַנכע מענשען איז טרינקען א נויטהווענדיגקייט, פאר אַנ־דערע איז דאָס איינפאַך גיפט.

ווען מיר זאָגען אָבער טרינקען א נויטהווענדיגקייט, דאַן פער־שטעהען מיר ניט, אז א נאָרמאַלער מענש דאַרף דאָס אונבעדינגט האָבען.

א נאָרמאַלער מענש זאָל קענען עקסיסטירען מיט דעם נאַטיר־ליכסטען פון אַלע נאַטירליכע געטרענקע, און דאָס איז וואַסער. עס איז ניטאָ קיין בעסערע משקה אין דער וועלט ווי וואַסער.

אָבער געוויסע מענשען, אונטער געוויסע אומשטענדען, בענע־טהיגען אַ ביסעל משקה.

לאָמיר אָננעהמען דעם שווערען אַרבייטער. אַ מענש האָרעוועט אַ גאַנצען טאָג און קומט אַ היים אָבענד וואו ער עסט זיין סאָפּער; ווי געוועהנליך, דעם שווערסטען מאָהלצייט פון טאָג. אַ גלאָז ביער, אָדער אַ גלאָז וויין, איז דאַן פיעלייכט אַ נויטהווענדיגקייט אום צו העלפען אויפבויען צוריק דעם פערלוסט פון קערפּער דורך דעם טאָג.

קיין אַנדערער מענש אונטער נאָרמאַלע צושטענדע זאָל טרינקען. אויסער, ווען איינער ליידעט און אַן ארצט האָט פאר איהם פערשריע־בען אַ געוויסע משקה.

מען זאָגט, אַז עס זיינען דאָ דריי גרויסע חסרונות פון שוואַכע מענשען. דער ערשטער איז געמבלען, דער צווייטער געשלעכטליכע אויסגעלאַסענהייט און דער דריטער שיכרות.

די ערשטע צוויי זיינען גענוג אבשייליך, אָבער דער דריטער, שיכרות, איז ערגער פון אַלעם.

אַ געמבלער קען אַ אמאָל ערוואַכען פון זיין פערווירונג. אַן אויס־געלאַסענער פון זיין פערפיהרונג, אָבער אַ שיכור איז, ווי געוועהנ־ליך, אַ פערלוירענע בריאָה.

אָבער דאָס איז נאָך ניט גענוג. דער שיכור איז די אבשטויַ־סענדסטע בריאָה אין דער גאַנצער וועלט. אַ שיכור איז אַ שאַנדע פאר יעדען; אפילו זיינע אייגענע און קינדער שעהמען זיך מיט איהם און ווילען איהם ניט בעגעגענען.

און שיכרות קומט גראַדועל, אָדער רעגעלמעסיג, נאָכדעם ווי מען ערלויבט זיך צו נעהמען אַ ביסעל, נאָך אַ קאָפּעלע און נאָך אַ ביסעל, דער מענשליכען סיסטעם געוועהנט זיך צו צום גיפט, און דאַן בעגעהרט מען דאָס אַלס אַ נויטהווענדיגקייט.

דאָס ערגסטע אין דער וועלט איז, ווען מען נעהמט אַ ביסעל ווען „עס קלעמט דאָס האַרץ"; מען זעטיגט דערמיט דעם הונגער.

דאן לערענט מען אוים דעם סיסטעם צו טרינקען אַנשטאַט עסען. אזוי געהט עס ווייטער און ווייטער, ביז מען זינקט און מען פערזינקט.

ביי אידען זאָגט מען „ויין ישמח לבב אנוש", ווײן דערפרעהט דאָס מענשליכע הארץ.

ווען מענשען זיינען אין געזעלשאַפט, ווען מענשען ווילען זיך וואוילטהאָן, ווען מען עסט עפּעס גוטעס און מען וויל ספּעציעל הנאה האָבען פון לעבען, איז א גלעזעל משקה אם פּלאַטץ.

אין הויכע געזעלשאַפט, וואו די עטיקעטע איז זעהר שטרענג, און וואו מען וויל ניט הולטייעווען, איז מען זיך אזוי נוהג ;

מען דערלאַנגט עסען און ווען מען איז פאַרטיג מיט א דריטעל, גיט מען צו גלעזלעך. מאַנכע נעהמען קאָניאַק. מעהר קיין קאָניאַק ווערט ניט סערווירט. ווען דער צווייטער טהייל עסען איז פאַרטיג, גיט מען ביער אָדער ווײן. צום שלוס, אָדער נאָכ'ן עסען, גיט מען ווידער א גלעזעל שאַרטרעז.

דערמיט ענדיגט מען דאָס טרינקען פון שאַרפע משקאות, אפילו ווען די געזעלשאַפט פערברענגט א גאַנצע נאַכט. מען סערווירט פער־שיעדענע מינעראַל וואַסערן, קאַפּעע, טהעע, אָבער קיינע גייסטיגע געטרענקע.

אין ווינטער, ווען עס איז זעהר קאַלט און מען זיצט אַפּ א גאַנ־צע נאַכט, סערווירט מען, אין דער פריה, טהעע מיט ראָם. מען גיט יעדען איינעם א קליין גלעזעלע ראָם. און דאָס איז, ווי געוועהנ־ליך, אונגעפעהר פיער אָדער פינף שטונדען זייט דעם לעצטען טרונק.

ווען אַזא פּאַרטיע קומט פאָר דריי אָדער פיער מאָל דורכ'ן ווינ־טער, אָדער אַפילו איין מאָל אין מאָנאַט, איז דאָס, ערשטענס ניט שעדליך, און צווייטענס געהט עס ניט ארוים פון די פאָרשריפטען פון אַנשטענדיגער געזעלשאַפט.

עס איז א גרויסע פראַגע, אויב עס איז אַנשטענדיג אריינצו־געהען אין א סאַלון און נעהמען א טרונק.

אין אַנדערע לענדער, אויסער די פעראייניגטע שטאַאטען, רעכענט מען דאָס פאַר זעהר ניט זויבער געהאַנדלעט. דאָ אָבער, אין לאַנד פון רעפּובּליקאַנישער דעמאָקראַטיע, ערלויבט מען זיך זעהר פיעל.

אין וואַשינגטאָן, ווען קאָנגרעסס איז ביי די זיטצונגען און דער סופרים קאָורט איז ביי דער ארבייט, זעהט מען אָפט אריינגעהען א

יונייטעד סטייטס סענאטאר אין א דערבייאיגען סאלון וואו ער כאפט א טרונק, און ניט זעלטען אויך א סופרים קאורט ריכטער.

זייטיגע מענשען וואס ווייסען ניט, רעכענען, אז א יונייטעד סטייטס סענאטאר און א יונייטעד סטייטס סופרים קאורט ריכטער האנדלען פונקט אזוי ווי אן אנדערער געוועהנליכער טאם, דיק אדער הארי וואס געהען כאפען א פאאר גלעזלעך. אבער דא איז דער איר־טהום, דיעזע מענשען בענעהמען זיך ווי די עטיקעטע שרייבט זיי פאר. זיי טרינקען קיינמאל ניט מעהר ווי איין גלעזעל, און אימער איז דאס אין בעגלייטונג פון עפעס עסען.

די משקה איז ניט דער עיקר, נאר דער טפל; דער עיקר איז דער סענדוויטש. מען הייסט זיך געבען א סענדוויטש, אדער א צו־ביים ווען מען פערטרינקט מיט עפעס. דאס איז אלזא א מין „הארץ אונטערלעהנען", אדער ניט קיין טרינקען.

יעצט וועלען מיר רעדען וועגען דער פרוי.

עס איז ניטא קיין מענש אין דער וועלט, וואס בעטראכט א פרוי, וועלכע טרינקט, אלס א פאסענדע פערזאן פאר געזעלשאפט.

א פרוי מעג אמאל, עפעס טרינקען ביים עסען, אבער דאס קען נאר געשעהען אין ענגען קרייז פון דער פאמיליע. קוים איז עס ארויס פון דארט, דאן זאל זי זיך ניט ערלויבען עפעס צו טרינקען וואס קען הייסען א שארפע משקה.

ניט נאר דארף א פרוי ניט טרינקען אין געזעלשאפט, זאנדערן אויך ניט אין א רעסטאראנט וואוהין זי געהט אמאל מיט איהר מאן אדער אנדערע קרובים.

ביי די אמעריקאנער איז בעקאנט, אז פאר א געמישטע געזעל־שאפט, פון מענער און פרויען, פארבערייטעט מען נור „סאפט דרינקס", דאס הייסט מינעראל־וואסער, לעמאנאדע און אייז־קרים.

א שיכור'ער מאן איז אן אבשייליכקייט, א העסליכקייט; א שיכור'ע פרוי איז נאך ערגער, אויב ערגער איז נאר מעגליך.

מען זאגט, אז א מאן וואס שיכור'ט, קען נאר האבען דיעזען איינציגען אבשייליכען חסרון; ווען א פרוי שיכור'ט, רעכענט מען איהר צו אלע איהרע ניעדריגע שוואכקייטען פון מענשען.

ווי ווייט טרינקען פאר א דאמע ווערט גערעכענט פאר מיאוס, קען מען זיך פארשטעלען דערפון, וואס איינע פון די וואנדער־בילטס האט זיך אמאל געפונען שרעקליך בעליידיגט, ווען מען האט זי מכבד געווען מיט א גלעזעל שארטרעז נאכ׳ן עסען.

דאס האט פאסירט אין הויז פון א שפאנישער פאמיליע, וואו טרינקען פאר דאמען איז אמאל פאסענד.

אין דיעזע לענדער ווערט טרינקען פאר א דאמע, אין דער עפענט־ליכקייט, בעטראכט פאר פונקט אזוי אבשייליך ווי רויכערן.

עס איז אנגענומען געווארען אין אנשטענדיגער געזעלשאפט אז בעפאר זעקס אוהר, בעפאר די ארבייטס־שטונדען ענדיגען זיך, טרינקט מען קיין וויין און קיין שנאפס, דער שכל איז א פשוט׳ער. שטארקע געטרענקע זיינען א שטערונג צו די ענערגיע וואס א מענש דארף האבען בייטאג.

עס איז זעהר ניט קיין שעהנע מאדע צו טראקטירען א גאסט מיט וויין אדער שנאפס, סאי ער קומט אין דער פריה, סאי ער קומט אין מיטען טאג. וויין אדער שנאפס ווערט סערווירט מיט א מאהל־צייט. אהן א מאהלצייט, ריכטיגער געזאגט א דינער, דארף מען דאס אנבאטען א גאסט נור אין זעלטענע פעלע, למשל, ווען מען ווייס, אז ער דארף האבען עפעס אן ערפרישונג. עס איז אבער זעהר א מיאוס׳ע מאדע אראבצונעהמען די פלעשער פון בופעט פאר יעדען וואס קומט אריין אין הויז און זיך אנזעטצען אן יענעם אז ער „מוז" מאכען „לחיים". אזא גאסטפריינדליכקייט האט זיך נעפאסט פאר אייער זיידען אין דארף, אבער ניט פאר אייך וועלכער לעבט אין א ציוויליזירטער מדינה.

# ביי'ם קארטען־שפּיעל

די שפּיעל פון טייפעל. — אידען זיינען ליידענשאפטליכע קארטען שפּיעלער. — מיט וועמען מען דארף ניט שפּיעלען און מיט וועמען מען קען יא. — דער מענש זעהט זיך ארויס פון זיין שפּיעלען. — איינגעהאלטענקייט און העפליכקייט ביים קארטען־טיש.

---

עס איז בעסער גאר ניט צו שפּיעלען אין קארטען. עס איז בעסער צו זוכען זיך אנדערע פערגניגען, ניצליכערע פערגניגען. עס איז בעסער צו פערברענגען די פרייע צייט מיט א פערגניגען, וועלכעס רעגט ניט אויף אזוי שטארק, וועלכעס פאָרדערט ניט אונזער גאנצע אויפמערקזאמקייט, וועלכעס מאכט אונז ניט אזוי ווילד, אזוי ענטמענשט. דער דייטש האט פאלקאמען רעכט, ווען ער רופט די ליידענשאפט פון קארטען שפּיעלען, ד ע ר ש פּ י ע ל ־ ט י י פ ע ל. אין דעם ליידענשאפטליכען קארטען שפּיעלער זיצט א טייפעל, א געהיימע קראפט, א ווילדע קראפט, א טייפעלישע קראפט.

ליידער ווערט דער שפּיעל־טייפעל אימער מעכטיגער און ווען ער כאפט אריין איינעם אין זיינע טייפעלישע לאפּעס, איז זעהר שווער זיך ארויסצורייסען פון איהם. אין די אלטע צייטען, ווען אידען האבען געלעבט אונטער דעם שווערן דרוק, אונטער דער פּרעס פון פערפאלגונג און פעראכטונג, ווען דער איד האט געקענט אפּאטהעמען נור הינטער די אייזערנע טויערן פון זיין געהעטא, האבען אידען ניט געוואוסט פון קארטען שפּיעלען. עס איז געווען א זינד, א פערברעכען צו שפּיעלען אין קארטען. דער שפּיעל־טייפעל האט מורא געהאט אריינצוגעהן אין די דונקעלע גאסען פון דעם געהעטא. די צייטען האבען זיך געענדערט. די טויערן פון דעם געהעטא זיינען איינגעפאלען און די מויערן פון דער אידישער גאס זיינען פערשוואונדען. אידען מענען וואוינען אין דער גאנצער שטאדט און דער שפּיעל־טייפעל האט זיי ארומגענומען מיט זיינע לאנגע און שווערע לאפּעס. אידען זיינען איצט ליידענשאפטליכערע קארטען שפּיעלער פון אנדערע פעלקער. מען פערברענגט נעכט מיט קארטען שפּיעלען. יונגע לייט

פערברענגען און פערשווענדען די בעסטע צייט פון זייער יוגענד מיט קארטען שפּיעלען. ניט זעלטען פערשפּיעלט אן אָרימער ארבייטער זיין לעצטען שווער פערדיענטען גראָשען אין קארטען, און ער ווערט אזוי אויפגערעגט, אז ער קען צוויי־דריי טעג נאָכדעם גאָרניט ארביי־טען. דאָס איז זעהר טרויעריג.

מיר זיינען קיין מאָראליסטען, מיר ווילען ניט פּרעדיגען, אז אי־דען זאָלען ניט שפּיעלען אין קארטען. מיר ווייסען, אז זיי וועלען אונז ניט הערען. זיי וועלען אונז ניט פאָלגען און מיר פערלאַנגען גאָר ניט, זיי זאָלען אונז פאָלגען. מיר ווילען נור אויפמערקזאם מאַכען אויף אייניגע רעגעלן, אויף אייניגע העפליכקייטס פאָרמען ביים קארטען שפּיעלען.

די ערשטע, די הויפּט רעגעל, איז — שפּיעל ניט אין קארטען מיט מענשען, וועלכע דו קענסט ניט און דו ווייסט ניט, ווער זיי זיינען. א פּראָפעסיאָנעלער קארטען שפּיעלער איז א שווינדלער. מען מוז ביי איהם פערשפּיעלען און עס זיינען היינט דאָ, ליידער, זעהר פיעל פּראָפעסיאָנעלע קארטענשפּיעלער, וועלכע גנב'ענען זיך אריין אין די אנשטענדיגסטע הייזער און לאַדען איין צו א קארטען שפּיעל אום צו געווינען. — אלזאָ שפּיעל ניט מיט אונבעקאַנטע מענשען.

שפּיעלען אין קארטען דארפען נור מענשען, וועלכע קענען זיך גאַנץ גוט, וועלכע האָבען מעהר אָדער וועניגער גלייכע כאַראַקטערע, א גלייכען בילדונגס־גראַד און א גלייכע שטעלונג אין דער געזעל־שאַפט.

שפּיעלען אין קארטען איז א ריזיקא. ווער עס זעצט זיך שפּיע־לען אין קאָרטען דארף זיך גענוי אויסרעכענען, וויפיעל וויל ער רי־זיקירען. דאָס הייסט, ווי פיעל געלד מעג ער, קען ער, פערשפּיע־לען. קארטען שפּיעלען איז א ריזיקא דאָס הייסט, מען האָט אזוי פיעל שאַנסען צו געווינען ווי צו פערשפּיעלען. אלזאָ דארף מען דאָס פערשפּיעלען קיין מאָל ניט פערגעסען. מען בעהויפּטעט זאָגאר, אז ווער עס זעצט זיך שפּיעלען מיט דעם פעסטען ענטשלוס צו פער־שפּיעלען א געוויסע סומע, דער געווינט געוועהנליך. מען ערקלערט עס דערמיט, וואָס ווער עס איז ענטשלאָסען צו פערשפּיעלען, דער ריזיקירט מעהר און ווער עס רעזיקירט, דער געווינט. ווי ווייט דיעזע רעגעל איז וואהר אין דער פּראַקסיס, איז שווער צו זאָגען. אין גע־

וויסע שפּיעלע, וואו מען דינגט זיך, וואו איינער וויל איבערביעטען, איבערשטייגען דעם אַנדערן, קען עס זיין וואהר.

איינינע בעהויפּטען, אַז עס איז דאָ אַ געוויסעם סיסטעם, אַ געוויסע מעטהאָדע, ווי אַזוי צו געווינען. דאָס איז אָבער גרונד פאַלש. נעגען שלעכטע קאָרטען העלפען קיינע סיסטעמע און קיינע מעטהאָדען. ווען אַ שפּיעלער זעהט, אַז עס געהט איהם ניט, אַז „די קאָרטען זיי־נען נעגען איהם", זאָל ער אויפהערען צו שפּיעלען. ער וועט דער־מיט פערשווינען זיין געזונדהייט און רעטען זיין געלד.

קאַלט־בלוטיג שפּיעלען איז די צווייטע, וויכטיגסטע רעגעל ביי קאָרטען שפּיעלען. ווער עס צוהיצט זיך, ווער עס ווערט אויפגערעגט, ווער עס פערגעסט זיך, דער וועט געוויס פערשפּיעלען.

עס איז דאָ אַ שעהנער שפּרוך פון דעם תלמוד: „בשלשה דברים האדם נכר: בכוסו, בכיסו ובכעסו", ביי דריי געלעגענהייטען קען מען דערקענען דעם כאַראַקטער פון אַ מענשען: ביים טרינקען, ביים געלד געבען און ביים בייז ווערען. ווען מען שפּיעלט אין קאָרטען, מוז מען האַלטען אָפען דאָס בייטעלע און מען ווערט אָפט בייז. עס ווייזט זיך דאַן אַרויס ניט דער מענש, זאָנדערן די בעסטיע אין מענ־שען. ווער עס קען זיך ניט בעהערשען ביים קאָרטען שפּיעלען, ווער עס קען זיך ניט רוהיג פערהאַלטען, דער זאָל ליעבער גאָר ניט שפּיע־לען, ווייל ער מאַכט זיך פערהאַסט און מען וועט איהם אויסמיידען. מען וועט מעהר ניט וועלען שפּיעלען מיט איהם.

ביים קאָרטען שפּיעלען דאַרף מען זיין פריינדליך און העפליך, ווי ביי אַ טיש. ווען מען געווינט, דאַרף מען ניט ווייזען, אַז מען איז צופריעדען, אַז מען איז פרעהליך. מען טאָר זיך ניט ערלויבען מאַ־כען אַ בעמערקונג איבער דעם, ווער עס האָט פערשפּיעלט. מען טאָר ניט מאַכען אַ וויץ איבער זיין שלעכט שפּיעלען. דאָס הייסט, „שיטען יענעם זאַלץ אויף די וואונדען". גראַדע ווען מען געווינט, דאַרף מען זיין בעזאָנדערס העפליך.

העפליך מוז זיין דער, ווער עס פערשפּיעלט. עס איז געוויס ניט אַנגענעהם צו פערשפּיעלען, אָבער מען דאַרף עס ניט אַרויסווייזען. מען דאַרף זיך ניט בעקלאַגען און מען טאָר ניט אַרויסווייזען, אַז מען איז חושד איינעם, אַז ער האָט פאַלש געשפּיעלט. קוים

האָט מען דער גרינגסטען פערדאכט, דעם קלענסטען חשד, אז איינער פון דער געזעלשאפט שפיעלט פאלש, זאָל מען אויפהערן שפיעלען. יענער וועט דאן פערשטעהן, אז מען וויל מיט איהם ניט שפיעלען.

אין ניו־יאָרק, ווי אין אלע גרויסע שטעדט, וואו עס געפינען זיך פיעלע אונפערהייראטעטע מענשען, וועלכע קענען ניט איינלאדען פריינד און בעקאַנטע אויף א פינאקעל אָדער אויף א פאָוקער צו זיך אהיים, מוז מען שפיעלען אין קאפעע־הייזער, אין ביער־סאלונס און אין בעוואוסטע שפיעל־הייזער. ווער עס געפינט זיך שוין אזוי שטאַרק אין דער מאַכט פון דעם שפיעל־טייפעל, אז ער קען זיך ניט איינ־האַלטען, ער מוז שפיעלען, זאָל ער וועניגסטענס זיך אויסזוכען א פאַסענדען פלאַץ און פאַסענדע שפיעל קאַמעראַדען. דאָס איז צוואר ניט לייכט, אָבער פיעל פערשפיעלען איז אויך ניט לייכט.

עס שפיעלען, ליידער, צו אָפט אויך פרויען, און דאָס איז דאָס טרויעריגסטע אין אונזער ציוויליזירטעס, ריכטיגער נאָך, איבערציווי־ליזירטעס לעבען. פרויען פון דער העכערער קלאַסע שפיעלען נור מיט פרויען. זיי ערלויבען זיך קיין מאָל ניט צו שפיעלען אין קארטען מיט מענער. אין דער וועניגער ציוויליזירטער געזעלשאַפט שפיעלען אויך פרויען מיט מענער. דאָ מוז די פרוי פאָרזיכטיג זיין. דאָ מוז די פרוי קענען זיך בעהערשען און זיך פערהאַלטען רוהיג.

אַם בעסטען איז עס נאָך, ווען א פרוי שפיעלט ביי איין טיש מיט איהר מאַן, מיט איהר ברודער, מיט איהר פאַטער אָדער מיט איהרע נאָהענטע פערוואַנדטע. עס מעגען דערביי זיצען אויך א פאָאָר גאַנץ פרעמדע מענשען. אַלענפאַלס דאַרף עס זיין נור א פאַ־מיליען שפיעל, ניט א האַזארד שפיעל, „געמבלינג", ווי דער אַמע־ריקאַנער רופט עס. ליידער, קומען פאָר זאַגאר ביי אַזעלכע פאַמיליען שפיעלע געוויסע אַנאַננעהמליכקייטען. דער פרעמדער איז אַמאָל חושד, אז מאַן און פרוי ווינקען איינער צום אַנדערן און גיבען זיך צייכענס, ווי די קארטען זיינען אויסגעפאַלען. א פרוי דאַרף זיין זעהר פאָרזיכטיג, מען זאָל זי ניט חושד זיין אין אַזעלכע קליינליכ־קייטען.

קינדער דאַרפען גאָר ניט שפיעלען אין קאַרטען, זיי דאַרפען גאָר ניט וויסען, וואָס קאָרטען שפיעלען איז. קינדער דאַרפען לער־

נען. ביז 20—21 יאָהר דאַרף אַ יונגער מענש גאָר ניט וויסען פון קאַרטען. אין אַמעריקאַ האָבען יונגע לייט אַלערליי שפּיעלע אין די שולען און אין די קאָלעדזשעס, און דאָס זיינען מייסטענס שפּיעלע, וועלכע קרעפטיגען קערפּער און זעעלע.

---

# אויף מיטינגען און פערזאַמלונגען

אַ פעראיין אָדער אַ לאָדזש אַלס ערציהונגס־אַנשטאַלט. — די פפליכט זיך צוהערען צו אַנדערע. — לאַנגע רעדען זיינען אַ לאַסט פאַר מענשען. — עהרע און עמטער. — פפליכטען פון אַ פרעזידענט.

---

„לא טוב היות האדם לבדו“, עס איז ניט גוט פאַר דעם מענשען צו זיין אַליין. דער מענש קען ניט לעבען גאַנץ אַליין, איינגעשלאָסען און פערשפּאַרט אין זיין שטודיר צימער, אין זיין אַרבייטס־צימער אָדער אין זיין געשעפטס־פּלאַץ. פון צייט צו צייט מוז ער זוכען אַן ענדערונג און זיך צוזאַמען קומען מיט מענשען, וועלכע האָבען גאָר נישט צו טהאָן מיט זיינע פערזענליכע אַנגעלעגענהייטען. פון צייט צו צייט דאַרף ער זיך פיהלען אַלס אַ טהייל פון אַ גרויסער געזעלשאַפט, אַ „מעמבער“, ווי דער אַמעריקאַנער רופט עס, אַ מיטגליעד פון אַ פעראיין, אַ געזעלשאַפט, אַ לאָדזש אָדער אירגענד וועלכער פעראייניגונג פון מענשען וועלכע פערפאָלגען אַנדערע ציעלע און צוועקע.

עס זיינען דאָ לענדער, וואו פעראיינע, געזעלשאַפטען און צוזאַמענקומען פון פערשיעדענע מענשען זיינען פערבאָטען. דאָס איז אַן אונגליק. מענשען מוזען זיך צוזאַמיי מען, זיך אויסרעדען, זיך דורכרעדען און פאַסען בעשליעסע צו טהאָן עפּעס צום וואָהל און בעסטען פון זיך אַליין און פון אַנדערע. אין ציוויליזירטע און פרייע לענדער קימערט זיך ניט די רעגיערונג וועגען אַזעלכע פעראייניגונגען און מענשען ניצען אויס דיעזע פרייהייט און געברויכען זי צו בעסערע,

זאָגאר צו ערהאבענע צוועקע. אין אזעלכע לענדער איז עס א נאָטה־ווענדיגקייט פאר יעדען פערנינפטיגען מענשען זיך אנצושליעסען אן א פעראיין, געזעלשאפט, חברה, לאדזש, אָרדען אָדער סאָסייעטי.

א פעראיין אָדער א לאדזש, א סאָסייעטי, ווען זי בעשטעהט פון אנשטענדיגע מענשען, איז א וואהרע שולע, וואו מען קען ביי יעדען מיטינג עטוואס לערנען. אין א פעראיין אָדער לאדזש ווייזט יעדער מענש ארויס זיין אָריגינאַליטעט, זיין פערזענליכקייט, זיין קענען און וויסען, זיינע פעהיגקייטען און, ליידער, אויך זיינע פעה־לער, זיין גוטע אָדער שלעכטע ערציהונג. ביי זיך אין דער היים אָדער אין זיין געשעפט איז יעדער מענש איינזייטיג, ער האָט אין זינען נור זיין געשעפט, זיין נוצען און זיין בעקוועמליכקייט, אין דער געזעלשאפט, אויף א מיטינג פון א פעראיין אָדער לאדזש, מוז ער זיך ארויסווייזען פון אלע זייטען. ער מוז זיך לאָזען בעלייכטען, ווי א שוישפיעלער אויף דער ביהנע מוז זיך לאָזען בעלייכטען פון דעם עלעקטרישען ליכט, און ער ווערט אויך בעלייכטעט, דאָס הייסט, נאָך זיין בענעהמען, נאָך זיינע רעדען, נאָך זיינע האנדלונגען און־טהיילען איבער איהם אנדערע מענשען, זיינע פעראיינס אָדער לאַ־דזשען „ברידער”. א מענש קען זיין א גאַנץ גוטער געשעפטס־מאַן, אויף א מיטינג פון א לאדזש אָדער פעראיין אָבער וויים ער ניט, וואו איין און וואו אוים, און ניט זעלטען מאכט ער זיך לעכערליך און רעכט אונאַנגענעהם.

א פעראי ן אָדער א לאדזש איז א שולע אין פיעלע בעציעהונגען. ערשטענס, אויף אזא מיטינג לערנט מען די זאַגענאַנטע פארלאַמענ־טאַרישע רעגעלן, דאָס הייסט, ווי אזוי אויסצודריקען זיין מיינונג, ווי אזוי צו מאַכען א פאָרשלאַג, ווי אזוי צו פערטהיידיגען זיין פאָר־שלאַג, מיט אנדערע ווערטער, ווי אזוי צוצוציעהען צו זיך די מיי־נונג פון די איבעריגע מיטגליעדער. דאָס אליין איז שוין א קונסט. צווייטענס, מען לערנט זיך בעהערשען, זיך פערהאַלטען רוהיג, ווען דער פרעזידענט אָדער פאָרזיצענדער גיט א קלאַפּ מיט'ן האמער און פאָדערט אויף צ.ר אָרדנונג. מען לערנט אוים פאָלגען פאָרשריפטען און רעגולאַציאָנען. מען לערנט, אז דאָס גאַנצע קען בעשטעהן נור דאַן, ווען יעדעם מיטגליעד, יעדער מעמבער, מוז אָפּט בייגען זיין שטאָלץ און טהאָן, וואָס די מאַיאָריטעט, וואָס די גרעסטע צאָהל מיט־

גליעדער ווינשען און פערלאנגען. מען לערנט, ווי אזוי אנדערע צו בעהערשען און ווי אזוי בעהערשט צו ווערען.

עס זיינען צוואר דא פיעלע ביכער איבער די פארלאמענטארישע רעגעלן, אבער „פראבירען איז בעסער, ווי שטודירען”, זאגט א דייטשעס שפריכווארט. פאר א בעשעפטיגטען מענשען איז עס ניט לייכט צו לעזען אזעלכע ביכער, זיי צו שטודירען. אין דעם פעראיין אדער אין דער לאדזש לערנט מען דיעזע רעגעלן פראקטיש, דורך לעבעדיגע ביישפיעלע.

אין א פעראיין אדער לאדזש דארף מען ערשט קענען זיך פערשאפען אכטונג פון די מיטגליעדער. ניט זעלטען קען מען אויך דארט געפינען פריינדשאפט. מען קען זיך פערשאפען פריינד, וועלכע קענען אונז זאגאר ניצען אין געוועהנליכען לעבען.

יעדער מענש דענקט ביי זיך, אז ער איז קליגער פון אנדערע, פערניגפטיגער פון אנדערע און אז ער פערשטעהט מעהר פון אנדערע. אויף א מיטינג פון א לאדזש אדער פעראיין לערנט מען אפט, אז יענער פערשטעהט אויך עפעס, אז ער פערשטעהט געוויסע זאכען בעסער פון מיר.

דאס הויפט בענעהמען אויף א מיטינג איז אלזא אויסהערן, וואס יענער זאגט, איהם ניט אונטערברעכען און ווען מען געפינט, אז יענער האט ניט ריכטיג פערשטאנען א געוויסע אנגעלעגענהייט, בעטען דאס ווארט ביים פרעזידענט און בעווייזען דיעזע ניט ריכטיגקייט דורך א בעסערע, ריכטיגערע מיינונג. עס קומט אפט ארויס א רעכט אינטערעסאנטע דעבאטע. די גאנצע אנגעלעגענהייט קען זיין א קלייניגקייט, אבער די דעבאטע ווערט אינטערעסאנט, ווייל מען „שארפט זיך” דעם מוח און די צונג. מען לערנט ווי צו קעמפפען מיט ארגומענטען, מיט בעווייזע, מיט פאקטען.

עס איז קוים נעטהיג צו זאגען, אז מען מוז ביי יעדער דעבאטע זיין העפליך, אנשטענדיג, וועהלען און צעהלען די ווערטער. א ניט פאסענדעס ווארט קען יענעם בעליידיגען און מען מאכט זיך אן אומזיסטען שונא. א גראבעס ווארט, א ניט אנשטענדיגעס ווארט, צייגט א שלעכטע ערציעהונג. נור א גראבער מענש געברויכט גראבע, אונאנשטענדיגע ווערטער. ער ווייס ניט, אז ער מאכט זיך לעכערליך און פערהאסט.

עס זיינען דאָ מענשען, וועלכע האָבען ליעב אָנצוהייבען זייער רעדע מיט א מעשה, מיט אַן אנעקדאָטע אָדער מיט א וויץ. דאָס איז אנגענומען אין אמעריקא אַלס רעגעל, מען דאַרף אָבער וויסען, וואָס פאר אַן אנעקדאָטע מען זאָל דערצעהלען און מען דאַרף זי דער־צעהלען אַזוי קורץ, ווי נור מעגליך. א צו לאנגע מעשה, א צו־שמיערטע אנעקדאָטע, ווערט לאַנגווייליג, אונאַנגענעהם און אָפט אויך עקעלהאַפט. ווען מען קען ניט דערצעהלען א ווירקליך וויציגע אנעק־דאָטע און אַזוי קורץ, ווי נור מעגליך, זאָל מען זי בעסער גאָר ניט דערצעהלען און ליעבער רעדען צור זאַכע, „טו דהי פּאָינט", ווי דער ענגלענדער דריקט זיך אויס.

אויך צו לאַנגע רעדען ווערען אָפט לאַנגווייליג. עס איז דאַרום פיעל בעסער זיך צו פאַסען קורץ, קלאָר און דייטליך. עס מאַכט זיך א מאָל, אַז איינער דריקט זיך אויס צו שאַרף, צו מאָל זאָגאַר בעליידיגענד. מען מוז איהם ענטפערן, מען דאַרף אָבער דערביי ניט פערגעסען דעם שפּרוך פון אונזער גרויסען קעניג: „מענה רך ישיב חימה ודבר עצב יעלה אף". א ווייכע אַנטוואָרט שטילט איין דעם צאָרן, א ביטערעס וואָרט רעגט אויף. דער געגנער מעג זיין, וואָס ער איז, ווען מען ענטפערט איהם ווייך און פערנינפטיג, זעהט ער איין, אַז ער האָט בעגאַנגען א פעהלער און ער בערייעט עס.

עס זיינען דאָ געזעלשאַפטען און לאָדזשעס, אין וועלכע די דיס־ציפּלין איז אַזוי שטרענג, אַז עס קען גאָר ניט קומען צו צאַנקערייען אָדער אונאַנגענעהמליכקייטען. ליידער, קען מען עס געפינען זעהר זעלטען אין א אידישען פעראיין אָדער אין א אידישער לאָדזש. די מיט־גליעדער פון אידישע פעראיינע קענען זיך ניט בעהערשען. זיי זיינען ניט געלערנט און ווילען ניט לערנען די נאָטהווענדיגסטע וויסענשאַפט — דער אומגאַנג מיט מענשען, העפליכקייט און עטיקעטע. יעדער וויל רעדען, יעדער וויל ארויסווייזען, אַז ער איז א חכם, אַז ער קען „איבערשפּאַרען" יעדען.

נאָך עפּעס אין דיעזער בעציעהונג. עס זיינען דאָ מענשען, וועל־כע האָבען ליעב זיך צו וויצלען, צו זאָגען חכמות, צו מאַ־כען פוילע וויצען, ווען עס פּאַסט און ווען עס פּאַסט ניט. אַזעלכע וויצען שטערן אָפט די פערהאַנדלונגען פון דעם מיטינג און דער וויצען־מאַכער מאַכט זיך לעכערליך. ווי וואָהר און ווי ריכטיג האָט עס ער־

קלערט אונזער גרויסער קעניג : „לשון חכמים תטיב דעת ופי כסילים יביע אולת. די שפראכע פון דעם קלוגען מענשען פערבעסערט און פערמעהרט דאס וויסען, דאס מויל פון דעם נאר אבער פלוידערט נור נארישקייטען.

## עהרע און עמטער.

יעדער מענש וויל האבען אביסעל עהרע און דארום וויל יעדער פעראיין אדער לאדזשען „ברודער" ווערען בעאמטער. דאס איז גאנץ נאטירליך. דאס איז מענשליך. ווער עס איז א מיטגליעד פון א פער־איין אדער א לאדזש, וויל א מאל האבען די עהרע צו זיין פרעזידענט, צו פיהרען און רעגיערען דעם פעראיין אדער די לאדזש. מען דארף אבער דערביי ניט פערגעסען, אז ווערן א פרעזידענט איז לייכט, זיין א פרעזידענט איז שווער. מען קען זיך פערשאפען גוטע פריינד, וועלכע זאלען שטימען פאר איהם און זאלען איהם וועהלען, אבער אום צו זיין א פרעזידענט מוז מען זיך פארבערייטען. מען דארף קענען פיהרען א מיטינג, מען דארף זיין גוט בעקאנט מיט די געזעצע פון דער געזעלשאפט, אין וועלכער מען וויל זיין פרעזידענט. מען דארף קענען די פארלאמענטארישע רעגעלן, מיט אנדערע ווערטער, מען דארף גוט אויסשטודירען אזא ווערק, ווי „קאשינגס האנדבוך פיר פארלאמענטארישע פראקטיק". דערביי אבער מוז מען האבען טאקט און מענשען קענטניסע.

ווער עס וויל זיין א פרעזידענט, דארף אלזא זיך גוט פארבע־רייטען. דאס איז ניט אזוי שווער, ווי עס ווייזט זיך אויס. מען דארף זיך נור גוט צוקוקען, ווי אן אלטער, ערפאהרענער פרעזידענט פיהרט די מיטינגען און לערנען פון איהם. ווען מען איז גוט פארבערייטעט, ווען מען פיהלט זיך פעהיג פאר אן אמט, איז עס מעהר ניט, ווי רעכט, מען זאל „לויפען" פאר אן אמט, רייסען זיך אבער פאר אן אמט, קריגען זיך, מאכען סקאנדאלען פאר אן אמט איז ניט פאסענד, ניט אנשטענדיג און איך מוז זאגען צו מיין גרעסטען בעדויערן, אז אזעלכע אונאנגענעהמליכקייטען און אפט אויך סקאנדאלען קומען פאר צו אפט אין אידישע לאדזשען און פעראיינע. דאס וואלט ניט געדארפט זיין, דאס וואלט מען געקענט אויסמיידען, ווען די, וועלכע „לויפען" אויף

עמטער, וואָלטען בעסער געלערנט די וויסענשאַפט, ווי אַזוי אומ־צוגעהן מיט מענשען און ווי זיך אויפצופיהרען און צו בענעהמען אין געזעלשאַפטען, ווי אַזוי זיך צו מאַכען אנגענעהם ביי אנדערע מענשען.

ווען איינער ווערט געוועהלט אלס פרעזידענט, מוז ער זיך געבען אַלע מעגליכע מיה אויך צו זיין א פּרעזידענט. איך וויל דאָ איבער־געבען איניגע רעגעלן און פאַרשריפטען, וועלכע זיינען נאָטהווענדיג פאר א פרעזידענט פון א פעראיין, א לאדזש אָדער חברה.

ערשטענס, דאָס ערעפענען דעם מיטינג. די געוועהנליכע פאָרמאַ־ליטעט איז, אז דער פרעזידענט זאָל זאָגען: „ברידער, קומט צור אָרדנונג!” דאַן גיט ער דריי שלעג מיט'ן האמער, דאָס הייסט, ער פאָרדערט אויף אַלע ברידער, זיי זאָלען אויפשטעהן. ווען אַלע שטעהן אויף און עס ווערט שטיל אין מיטינגס לאָקאַל, זאָגט דער פרעזידענט:

„היערמיט ערקלעהר איך די לאָדזש.... אָדער דעם פעראיין..... ערעפענט פיר הייטע אבענד פאר געזעצליכע פערהאַנדלונגען”.

ער גיט דאַן איין האמערשלאַג, דאָס הייסט, ער הייסט די ברי־דער זיך זעצען און זיך רוהיג פערהאַלטען, ביז מען וועט איבערלעזען דאָס פּראָטאָקאָל פון דעם פאָריגען מיטינג.

אין גוט איינגעאָרדענטע געזעלשאַפטען ווערט דער פּראָטאָקאָל פאָרגעלעזען פאר דעם שלוס פון יעדען מיטינג, און דאָס איז גאַנץ ריכטיג.ביים שלוס פון יעדען מיטינג געדענקט נאָך יעדער, וואָס מען האָט פערהאנדעלט אויפ'ן מיטינג און ער קען אויפמערקזאם מאַ־כען אויף א פעהלער, וועלכען דער סעקרעטער האָט געמאַכט. אין אידישע לאָדזשעס און פעראיינען פערלעזט דער סעקרעטער דאָס פּראָטאָקאָל ערשט צוויי—דריי וואָכען שפּעטער. ווער קען עס גע־דענקען, וואָס עס איז פערהאנדעלט געוואָרען מיט צוויי—דריי וואָ־כען צוריק?

מיר מאַכען דיעזע בעמערקונג דארום, ווייל עס איז שוין צייט, אז מען זאָל איינפיהרען אין אנדערע לאדזשעס און פעראיינע בעסערע מעטהאָדען פון געשעפטס פיהרונג.

ווען עס קומט פאָר א געוויסע אנגעלעגענהייט צור פערהאַנד־לונג, איז עס די פפליכט פון דעם פרעזידענט צו ערקלעהרען דיעזע אנגעלעגענהייט, ער דאַרף אָבער ניט זאָגען זיין מיינונג, אויב ער איז

דאפיר אָדער דאגעגען. ער דארף נור ריידען איבער דיעזע אנגעלעגענ־הייט. די ברידער דארפען ענטשיידען, וואס צו טהאָן און ווי אזוי עס צו טהאָן.

ווי קליין א לאדזש אָדער א פעראיין איז, דארף דער פרעזידענט קיין מאָל ניט פערגעסען, אז ער איז דער העכסטער בעאַמטער פון דיעזער פעראייניגונג און דארום דארף ער זיין ערנסט, האַלטען די ברידער אין אָרדנונג און זיך קיינמאָל ניט ערלויבען צו זאגען א פלאַ־כען וויץ, צו מאַכען שפּאַס אָדער צו לאַכען, ווען עס פּאַסט ניט. ער דארף פיהלען, אז ער האָט אויף זיך א פפליכט, א פעראנטוואָרטליכ־קייט.

ער דארף לאָזען יעדען ריידען, ווי לאנג ער וויל, אָבער ווען ער זעהט, אז יענער רעדט ניט צו דער זאכע, זאָל ער איהם דערמאָהנען און אויפפאָדערן: „טו דהי פּאָינט!" רעדט צום פּונקט, צו דער זאכע, נעהמט ניט אוועק אונזער צייט אומזיסט.

א פּרעזידענט דארף אָנווענדען אַלע מעגליכע מיטעל, אז עס זאָל הערשען אין מיטינגס לאָקאַל רוהע, אָרדנונג און פריינדשאַפט.

אויך די אנדערע בעאַמטע פון א פעראיין אָדער א לאָדזש דאר־פען אָנווענדען אַלע מעגליכע מיטעל, אז די ברידער זאָלען זיך פער־האַלטען אין אָרדנונג. אויך דער וויים פּרעזידענט האָט דאס רעכט צו רופען א ברודער צור אָרדנונג, ווען ער פערגעסט זיך און גע־ברויכט א שפּראכע, וועלכע דארף ניט געברויכט ווערען אין אן אנ־שטענדיגע געזעלשאַפט.

די פערזאַמלונגען אָדער מיטינגען דארפען בעטראַכט ווערען אַלס א היילינגטהום, ווייל מען קומט ניט אַהין וועגען פּערזענליכע אינ־טערעסען, זאָנדערן וועגען די אינטערעסען פון אַלע ברידער, די אינ־טערעסען פון וואָהלטהעטיגקייט.

# אין שוהלען און בתי־מדרשים

**א ביסעלע שטראָף רייד צו אונזערע ליעבע אידען. — די אידישע שוהל א מאָל. — די שעהנע אָרדנונג ביי די רעפאָרמער. — וואו עס פעהלט דיסציפלין. — ווען אַ פריידענקער קומט אין שוהל. — רייניליכקייט און געטליכקייט.**

---

עס איז אייגענטליך קוים נעטהיג צו זאָגען עפּעס אָדער צו שרייבען עפּעס איבער העפליכקייט אין א מקום קדוש, אין אן אָרט, וואו דער מענש קומט אויסגיסען זיין הארץ פאר זיין גאָט, פאר זיין העכסטען ריכטער, פאר דעם בוחן כליות ולב. יא,ווען די מענשען וואָלטען עס וויסען, ווען זיי וואָלטען עס פיהלען, ווען זיי וואָלטען זיך ריכטיג אויפפיהרען, וואָלט מען גאָר ניט געדאַרפט שרייבען דאריבער. זיי ווייסען עס אָבער ניט, ווייל זיי זיינען צופיעל געוואָהנט דערצו. זיי פיהלען עס ניט, ווייל זיי קומען אין שוהל נור אום צו זוכען כבוד, עליות און כבודים, ניט אום צו בעטען גאָט. זיי פערשטעהן עס ניט, ווייל זיי זיינען שלעכט ערצויגען, ווייל זיי האָבען קיין מאָל ניט געזעהן, ווי אנדערע פעלקער בענעהמען זיך אין זייערע געבעט הייזער, אין זייערע טעמפּלען און אין זייערע קירכען.

ווי ריכטיג האָט עס אויסגעדריקט אונזער נביא ישעיה : „וכי תבואו לראות פני, מי בקש זאת מידכם ? — רמוס חצרי ?" ווער פערלאַנגט עס פון אייך צו קומען צו מיר, ווען איהר קומט נור טרעטען מיינע האללען ? קומען אין א שוהל נור אום זיך צו ווייזען, נור אום צו טרעטען דעם פוס באָדען, איז א זינד, אָבער קומען אין א שוהל און זיך אויפפיהרען ניט העפליך : ריידען, שפּאַסען, מאַכען גראָבע וויצען און שטערען אַנדערע, — איז א פערברעכען. ווער עס קומט אין א מקום קדוש ניט אום צו בעטען גאָט, דער זאָל בעסער זיצען אין דער היים.

ארומגעהן אין א שוהל, ארומלויפען, רעדען איינער צום אַנדערן פון געשעפטען, מאַכען בעמערקונגען איבער יענעם, לאַכען, מאַכען פוילע וויצען איז א שאַנדע און א חילול השם.

אין 1824 האָט זיך געגרינדעט די ערשטע אידישע געמיינדע

אין סינסינגעטי, אָהייאָ. עס פלעגען קומען פאַרמערס פון פופציג און זעכציג מייל אַרום אום צו זעהן, ווי די בני ישראל, דאָס אויסגעוועהל־טע פאָלק פון גאָט, בעטען צו זייער גאָט און לויבען זייער גאָט. די־זע פאַרמערס האָבען קיין מאָל ניט געזעהן א אידען דאַוונען און זיי פלע־גען עס בעטראַכטען אַלס א גרויסע עהרע זיך צו געפינען אין א גאָטעס הויז פון אידען. צום גליק, זיינען די ערשטע אידישע אימיגראַנטען אין סינסיננעטי געווען ענגלישע אידען, וועלכע זיינען אין דער היים גע־וואָהנט געווען צו א שטרענגער אָרדנונג אין א שוהל, און די קריסטען האָבען איינגעזעהן, אַז עס איז ווירקליך א פאָלק, געוועהלט פון גאָט צו פערברייטען די וואהרהייטען פון זיין לעהרע — די תורה. מען פלעגט זיי אויפנעהמען זעהר העפליך, מען פלעגט זיי אָנווייזען א פּלאַץ וואו צו זיצען און מען פלעגט זיי געבען א סדור, וועלכער איז אָבער געווען געדרוקט נור אין העברעאיש, ווייל דאַמאָלס האָט מען נאָך ניט געהאַט סדורים אין אן ענגלישער איבערזעצונג.

פלעגען אויך קומען אין שוהל געלעהרנטע קריסטליכע גייסט־ליכע, וועלכע האָבען פערשטאַנען העברעאיש. די אידען האָבען זיך ניט געדאַרפט שעהמען. זייער שוהל איז געווען אָרים, אָבער זויבער, ריין, אַנשטענדיג און די אַנוועזענדע אידען האָבען זיך אויפגעפיהרט, ווי מען דאַרף זיך אויפפיהרען אין א מקום קדוש.

אין דיעזער בעציהונג מוז מען געבען קרעדיט און אַלע עהרע די רעפאָרמירטע אידען. זיי ווילען האָבען אַן אַנשטענדיגעס יודענטהום. זיי ווילען א בעסערעס, פיינערעס, רעפאָרמירטעס יודענטהום. אין זייערע טעמפּלען שרייט מען ניט, לאַרמט מען ניט, מאַכט מען קיינע געוואַלדען און מען קריעגט זיך ניט איבער א מפטיר אָדער א שישי. מענשען ווייסען, אַז זיי געפינען זיך אין א טעמפעל, אין א מקדש מעט, וואו יעדער קומט אום צו בעטען אָדער אום צו הערען גאָט׳ס וואָרט.

ווען עס קומט א גאַסט, בעזאָנדערס א ניט איד, נעהמט איהם אויף דער שמש, א מאַן, וועלכער געהט אַנשטענדיג אָנגעטהאָן און וועלכער קען די לאַנדעס שפּראַכע, און פיהרט איהם צו צו א פּאַסענ־דען פּלאַץ. ווען עס ענדיגט זיך א תפלה, געהט צו צום גאַסט דער פּרע־זידענט אָדער דער גבאי פון שוהל און הייסט איהם ווילקאָמען אין גאָט׳ס הויז.

אין פיעלע אָרטאָדאָקסישע שוהלען אין ניו־יאָרק איז עס אָבער אנדערש. ווען עס קומט א פרעמדער, א בעזוכער, לויפען צו צו איהם עטליכע מענשען, שטעלען איהם אַלערליי פראגען און ווען דער גאסט איז א קריסט, וועלכער פערשטעהט ניט דאָס שלעכטע ענגליש, וועלכע מען רעדט צו איהם, ווערט ער צומישט און וויים ניט וואָס צו דענקען פון דיעזעם פון גאָט ערוועהלטעם פאָלק.

מען האָט מיר דערצעהלט אַלס פאַקט, אז ערשט גאָר ניט לאנג איז א קריסטליכער גייסטליכער אריינגעקומען אין א גרויסע, בע־וואוסטע אָרטהאָדאָקסישע שוהל, ווען מען האָט געהאַלטען אין דער מיט דאַווגען. דער שמש האָט ניט געקענט א וואָרט ענגליש. עס זיינען צו געקומען צו איהם עטליכע אידען. איינער מיט'ן טלית אויפ'ן האלז, דער אנדערער מיט'ן טלית אויפ'ן קאָפּ, דער דריטער מיט א גאנץ אַלטען טלית, וועלכען מען האָט קיין מאָל ניט אויסגעוואשען. אַלע האָ־בען גערעדט, אַלע האָבען געשטעלט פראגען דעם גייסטליכען. ער האָט געזעהן פאר זיך בילדער, וועלכע ער האָט אין קיין קירכע, אין קיין גע־בעט הויז ניט געזעהען. איינינע האָבען געזאָגט זייערע תפלות אַזוי הויך, אז זיי האָבען פערטויבט די אויערן. אנדערע האָבען געדאווענט גאנץ שטיל. איינינע זיינען געשטאַנען, אנדערע זיינען געזעסען. דער קריסט איז געבליעבען שטעהן, ווי א צומישטער. ער האָט אין קיין פאַל ניט געקענט גלויבען, אז ער געפינט זיך אין א גאָטעס הויז, וואו דאָס אידישע פאָלק קומט בעטען צו זיין גאָט.

אז דאָס האָט געקענט פאָרקומען אין א גרויסען, רייכען, גוט איינגעאָרדענטען בית המדרש, קען מען זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס עס קען פאָרקומען אין די קליינע און אָרימע שוהלען און בתי מדרשים.

איך וויל שוין ניט רעדען וועגען די שטרייטיגקייטען, צאנקע־רייען, אונאנגעהמליבקייטען, וועלכע קומען פאָר אין פיעלע שוהלען איבער עליות, איבער א „שטאָדט", איבער קליינליכע געלד אינטערע־סען, איבער „שוהל ביזנעס", איבער א חזן און איבער אנדערע קליי־ניגקייטען, וועלכע מען האָט אריבער געבראכט פון דעם אַלטען גהעטטאָ.

ווען מענשען דארפען זיך אויפפיהרען אנשטענדיג, העפליך און פריינדליך אין א געזעלשאַפט, אין א טהעאַטער, אויף א קאָנצערט און אויף א באַל, ווי פיעל אַנשטענדיגער און העפליכער דארפען זיי זיך אויפפיהרען אין א מקום קדוש ?

מיר געניעסען אין אַמעריקאַ אַלע בירגער רעכטע און אַלע פּריי־היטען. וואָס הייסט אָבער פּרייהייט? זיך בעהערשען, אויספאָלגען די געזעצע, רעגעלען און פאַרשריפטען פון מענשליכקייט. דער תלמוד לעהרענט אונז: „איזהו מכובד? — המכבד את הבריות". ווער ווערט געשעצט און געאַכטעט? — ווער עס שעצט און אַכטעט אַלע בעשעפעניסע, אַלע מענשען. ווער עס ווייס צו שעצען און צו אַכטען אַלע מענשען, דער ווייס, ווי אַזוי צו זיין העפליך און אַנשטענדיג אין יעדער געזעלשאַפט און בעזאָנדערס אין אַ הייליגטהום, וועלכעס איז געווייהעט צו דער עהרע פון גאָט און צו ברידערליכקייט פון אַלע מענשען.

ווען אַ פריידענקער וועלכער גלויבט ניט אין גאָט בעטען און אין די אַנדערע רעליגיעזע צערעמאָניעס קומט אַ מאָל אין שוהל צו־ליעב אירגענד וועלכע אורזאַכע, צו ער וויל יוצא זיין פאַר פאַמיליע, אָדער ער וויל הערען דעם חזן'ס געזאַנג, דאַרף ער וויסען אַז אַ דזשענטלמאַן רעספּעקטירט אימער דעם גלויבען אָדער די איבערציי־גונג פון זיינע מיטמענשען. אויב ער דאַוועגט אַליין ניט, דאַרף ער ניט שטערען אַנדערע דעם דאַוונען און ער דאַרף ניט טהאָן קיין זאַך וואָס וועט דעם פרומען פערשאַפען קריינקונג. ער דאַרף זיך בעטראַכטען אַלס גאַסט אין שוהל און ער דאַרף קיין מאָל די גאַסטפריינדליכקייט ניט בעלוינען מיט שפּאָטישע בעמערקונגען און אונפּאַסענדע לצנות. ער דאַרף זיך האַלטען רוהיג, מיט רעספּעקט און צייגען דאָס כאָטש ער איז ניט פרום פאַר גאָט, איז ער דאָך גוט פאַר לייטען.

צום שלום וויל איך נאָך מאַכען אַ בעמערקונג איבער די טליתים. מען טראָגט אָפט אין אַ שוהל אַ זעהר ניט ריינעם, אַ שמוציגען טלית. דאָס איז אַן אונרעכט און אַ שאַנדע. דער תלמוד לעהרענט אונז: „תלמיד חכם שנמצא רבב על בגדו, חייב מיתה". אַ שמאָל פלעק אויף אַ קלייד פון אַ געבילדעטען מענשען איז אַ פערברעכען, וועלכעס דאַרף בעשטראָפט ווערען מיט דער שטרענגסטער שטראָפע, און דאָס איז אויך גאַנץ ריכטיג. „קלינלינעס איז נעקסט טו גאָדלינעס", ריינליכקייט איז נאָהענט צו געטליכקייט, זאָגט דער ענגלענדער. ווי קען עס אַ ציוויליזירטער מענש, אַ תלמיד חכם, קומען אין אַ שוהל, אין גאָטעס הויז און אָנטהאָן אַ שמוציגעס קלייד, אַ טלית, אין וועלכען אידען בעטען גאָט? איז עס ניט אַ פערברעכען געגען גאָט און מענשען

צו דאווענען אין א טלית, אויף וועלכען עס ליגען הויפענס שמאלץ? קען מען דען ניט אויסוואשען, אויסרייניגען אזא טלית? וואלט דיעזער פרומער איד זיך ווייזען פאר מענשען מיט א פערשמוצטעם העמד? מיט א פערשמאלצעווען ראק? ווי אזוי וואגט ער עס צו קומען פאר גאט אין אזא שמוציגעם קלייד? —

ריינליכקייט איז געטליכקייט און העפליכקייט איז מענשליכקייט.

## ערהאלונג און פערגניגען אין זומער־צייט

א וועקיישאן איז א נויטהווענדיגקייט. — געהן אויף א פארם. — באָרדינג הייזער געזעלשאפט. — די פרוי וואס איהר מאן איז פערבליעבען אין שטאדט. — איבערטריעבענע פוץ. — טיש עטיקעטע אין א זומער האטעל. — צופעליגע בעקאנטשאפט מיט פרעמדע מענשען.

„וויר פאהרען צו בערג, וויר קאממען וויעדער,
ווען דער קוקוק רופט, ווען ערוואכען די ליעדער,
ווען מיט בלומען זיך קליידעט די ערדע ניי,
ווען די טייבעלעך פליעסען אין ליעבליכען מאי".

אזוי זינגט דער גרויסער דייטשער דיכטער, פ. שיללער. עס איז א נאטור געפיהל און מען קען זאגען, א נאטור נאטהווענדיגקייט פון אונזער ציוויליזאציאן, ארויסצופאהרען פון דער ענגער, דומפפיגער, פערשטיקטער, פערשטויבטער שטאדט. „ווען דער קוקוק רופט, ווען ערוואכען די ליעדער, ווען מיט בלומען זיך קליידעט די ערדע ניי". אין די אלטע צייטען ווען אלע האבען געוואהנט אין דערפער אדער אין שטעדט, וועלכע זיינען ניט גרעסער געוועזען פון דערפער, האט מען עס ניט גע־דארפט. פרישע לופט און ריינעס וואסער זיינען געוועזען א ביליגער ארטיקעל. מען האט איהם געהאט אומזיסט און נור א פערליעבטעם פאארפלענט זאגען: „לכה דודי, נצא השדה, נלינה בכפרים, נשכימה לכרמים". קום געליעבטער, לאמיר ארויסגעהן אויף דעם פרייען פעלד,

לאָמיר איבער נעכטיגען אין די דערפער, אום מיר זאָלען קענען אויפ־שטעהן גאַנץ פריה און געהן אין די וויינגערטנער.

היינט איז עס אנדערש. היינט לעבט מען אין גרויסע שטעדט, אין ענגע גאסען, אין דומפיגע פערשטיקטע וואָהנונגען, און עס איז אַ נאָטהווענדיגקייט ארויסצופאָהרען אין די זומער צייט ערגעץ אין די פרייע נאַטור, אויף דאָס לאַנד, „אין דהי קאָונטרי", ווי דער אמעריקאנער רופט עס.

עס איז אַ נאָטהווענדיגקייט זיך צו ערהאָלען, זיך אויסצורוהען פון די ארבייטען, פון די אָנשטרענגונגען, פון דעם שווערען דרוק פון די קאָלטע ווינטער מאָנאטען. עס איז אַ נאָטהווענדיגקייט וועניגס־טענס אייניגע וואָכען אָדער זאָגאר אייניגע טעג אין יאָהר צו אָטהע־מען די פרישע, ריינע, געזונדע לופט, פון פעלד און וואלד, פון בארג און טהאָל. אונזער ציוויליזאציאָן איז געווים גרויס, ערהאבען און מיר מעגען מיט איהר שטאָלציערען, אָבער זי פרעסט אונז אויף, זי צער־דריקט אונז, זי צורייבט אונז אונטער איהרע שווערע רעדער. מיר מוזען זיך פון צייט צו צייט ערהאָלען, אויסרוהען, אָנזאמלען נייע קרעפטע, ווען מיר טהוען עס ניט, שעפען זיך אויס אונזערע קרעפטע, אונזער ענערגיע, אונזער מוטה און אונזער שטרעבען צו שאפען און צו ווירקען.

ארויספאָהרען אין דער זומער צייט איז אַ נאָטור בעדירפנים פאר דעם שטארקסטען מאַן, אָבער אַ נאָטור נאָטהווענדיגקייט פאר די שוואכע פרויען און קינדער. עס בלייבט נור די פראגע, וואוהין צו פאָהרען און ווי אזוי צו פערברענגען די צייט פון דער זומער פרישע, פון דער וואקאציאָן, „וואקיישאָן", שפריכט עס אויס דער ענגלענדער, זומער פערגניעגען, „פלעזשור", רופט עס דער אמעריקאנער איד.

עס זיינען דאָ צוויי וועגען אָדער צוויי ארטען, ווי צו פערברענגען די זומער צייט. ערשטענס, צו מאכען אַ רייזע נאָך אייראפּאַ אָדער נאָך ווייטע געגענדען אין אמעריקא. דאריבער וועל איך שרייבען אין דעם נעקסטען קאפּיטעל. צווייטענס, ארויסצופאָהרען ניט ווייט פון דער שטאָדט, וואו מען וואָהנט, און זיך זוכען אַ קווארטיר ביי אַ פאַר־מער אָדער אין אַ באָרדינג הויז אָדער אין אַ האָטעל.

מיט צוואַנציג — דרייסיג יאָהר צוריק איז עס געווען אין דער מאָדע, זיך אויסצוזוכען אַ בעקאַנטען אָדער ניט בעקאַנטען פארמער,

זיך אָנפרעגען ביי איהם דורך א בריעף, אויב ער קען אָבגעבען א צימער אָדער צוויי און ווי פיעל ער וועט בערעכענען פאר א וואָך אָדער א מאָנאַט פאר א דערוואקסענעם מענשען און פאר א קינד. ווען מען האָט זיך אויסגעגליכט מיט איהם, איז מען אַוועקגעפאָהרען אויף א פארם און מען האָט מיטגענומען ניט פיעל קליידער. מען פלעגט עס זאָגאר בעטראַכטען אַלס ניט פּאַסענד מיט צו נעהמען צו פיעל קליידער, ווייל מען האָט ניט געוואָלט פערשעהמען דעם פארמער אָדער זיין פרוי, וועלכע געהט איינפאַך אָנגעטהאָן און האָבען געוועהנליך ניט אַזעלכע שעהנע קליידער ווי שטאָדט לייט. עס פלעגט זאָגאר בעטראַכט ווערען אַלס א סאָרט העפליכקייט, אַז מען זאָל געהען אָנגעטהאָן ניט רייכער און שעהנער פון דעם פארמער אָדער פון זיין פרוי. מען פלעגט קומען אויף די פארם נור אום זיך אָפּצורוהען און אום צו געניסען די פרישע לופט און די פרייע נאַטור.

די פראַנצויזישע קעניגין מאַריע אַנטואַנעטטע איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט איינגעפיהרט דיעזע מאָדע, אַם ענדע פון דעם אַכטצעהנטען יאָהרהונדערט. זי פלעגט זיך ניט שעהמען אוים צו מעל־קען די קיה ביי די פארמער און אליין צו מאַכען פוטער און קעז. איהר פלעגען נאָכטהאָן די פרויען פון דער העכסטער אריסטאָקראַטיע פון פראַנקרייך און ענגלאַנד. עס פלעגט הייסען, ווען איך וואָהן אין א דאָרף ביי א פארמער, דאַרף איך לעבען און זיך אויפפיהרען, ווי א פארמער און ווי זיין פרוי. דאָס זעלבע פלעגט מען טהאָן אין אמעריקאַ. וואו מען איז אימער געווען ניט שטאַרק אריסטאָקראַטיש. די צייט, וואָס מען האָט פערבראַכט אויף דעם פארם, האָט מען פון זיך אראָבגעוואָרפען יעדע צערעמאָניע, יעדע עטיקעטע און יעדעם געזעל־שאַפטליכעם פּפליכט. מן האָט געלעבט אין דער פרייער נאַטור : מונ־טער, פריש, פריי און פרעהליך.

פיעלע פערנינפטיגע מענער און פרויען טהוען עס נאָך היינט און זיי געניסען ווירקליך זייער זומער פרישע, זומער־וואַקאַציאָן. (וואַ־קיישאָן אָדער פלעזשור) זיי שפּאַציערען ארום אויף די בערג, זיי העלפען דעם פארמער אָדער דעם פארמערס פרוי אין זייערע פארמער ארבייטען און זיי פערגעסען אויף א ווײלע דעם צוואַנג און דעם דרוק פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען אין דער גרויסער שטאָדט.

מיט דער צייט אָבער האָבען זיך אויסגעבילדעט זומער־פּלעצער

מיט האָטעלס אָדער מיט גאסט־הייזער. דער אמעריקאנער רופט זיי „באָרדינג האוזעס”. ניט זעלטען מאכט דער פארמער אליין זיין הויז פאר א באָרדינג האוז, מייסטענס אָבער טהוען עס שטאָדט לייט. זיי מאכען דערמיט א געשעפט. זיי לעבען דערפון.

אין א באָרדינג האוז קומען זיך שוין צונויף גאנץ אונבעקאנטע מענשען, אלערליי מענשען, פערשיעדענע מענשען מיט פערשיעדענע כאראקטערע, מיט פערשיעדענע שטופען פון בילדונג, ערציעהונג און וועלט ערפאהרונג און זאָגאר מיט פערשיעדענע פרעטענזיאָנען און לע־בענס געוואָהנהייטען, ווירקליך רייכע און וועלכע ווילען נור ווייזען, אז זיי זיינען רייך. מענשען, וועלכע קומען נור אום זיך אויסצורוּ־העז און מענשען, וועלכע קומען נור אום צו ווייזען, אז זיי האָבען שעהנע קליידער און טהייערע בריליאנטען. — עס קומט זיך צונויף „א געמישטע געזעלשאפט”.

אין „א געמישטע געזעלשאפט” מוז מען שוין זיין זעהר פאָרזיכ־טיג און זעהר שטרענג. מען מוז זיין פריינדליך און העפליך געגען יעדען, אין דערזעלבער צייט אָבער שטאָלץ, צוריקהאלטענד און שטרענג אָפּהיטען אלערליי רעגעלן פון עטיקעטע און אָרדנונג. ווער עס ווייס ניט, ווי זיך צו בענעהמען, ווי זיך אויפצופיהרען אין א געמישטע געזעלשאפט; דער מאכט זיך לעכערליך און עס קען איהם פּאסירען פיעלע אונאנגעהמליכקייטען.

אין א זומער־האָטעל אָדער אין א באָרדינג האוז קומען אָפט געסט, בעזאָנדערס פרויען, וועלכע ווילען נור ווייזען זייערע שעהנע קליידער אָדער זייערע דיאמאנטען, בריליאנטען — זייער ציערונג אָדער ווי דער אמעריקאנער רופט עס „דזשועלרי”. מענער קומען אָפט נור אום צו שפּיעלען אין קארטען, „געמבלען”, ווי מען זאָגט עס אויף אמעריקאנער אידיש. עס „געמבלען” אויך פרויען, אָבער ניט אזוי פיעל, ווי מענער. ניט זעלטען פערשפּיעלט מען שווערעס געלד. מען ווייס גאָר ניט, אז מען האָט זיך געזעצט שפּיעלען מיט „געמב־לער”, דאָס הייסט, מיט א פּראָפעסיאָנעלען קאָרטען־שפּיעלער, און מען פאלט אריין זעהר מיאוס.

די ערשטע רעגעל פון עטיקעט אין דיעזער בעציעהונג איז דער שפּרוך פון אונזער אלטע לעהרער : „כבדיהו וחשדיהו.” די דייטשען דריקען עס אויס מיט אנדערע ווערטער, מיט אן אנדער שפּריכוואָרט :

„טרוי, שוי — וועמען ?" האלט יעדען מענשען פאר אן עהרענמאן, אָבער זיי זעהר פּאָרזיכטיג, ווען דו קענסט איהם ניט. לאָז זיך ניט אריין אין צו לאנגע רעדען מיט א מענשען, וועמען דו קענסט ניט, דערצעהל איהם ניט פון דיינע געשעפטען, פון דיין פערמעגען, פון דיין שטעלונג אין דער שטאדט, פון וואנען דו ביסט. ריהם זיך ניט, לויב זיך ניט אוים צופיעל, „בלאָף ניט", זאָגט דער אמעריקאנער.

א דאמע, בעזאָנדערס ווען זי איז אליין, דאָס הייסט, ווען איהר מאן מוז בלייבען אין דער גרויסער שטאָדט און קומען נור פון צייט צו צייט, מוז זיין בעזאָנדערס פּאָרזיכטיג. זי דארף ניט וועיזען, אז זי איז רייך. זי דארף זיך אנטהאָן ריין, שעהן, זויבער, „קאָם איל פאָ", ווי דער פראנצויז רופט עס, „ניעט", ווי דער אמערי־קאנער רופט עס, אָבער ניט ווילד, ניט צו רייך, ניט צו עלעגאנט.

איך האָב געזעהן אין א זומער־האָטעל נארישע פרויען, וועלכע פלעגען אבענדס, ווען אלע געסט געפינען זיך אין האָטעל, ארומגעהן אין דעם גרויסען זאל פון דעם האָטעל מיט זייער הוט אויפ'ן קאָפּ אום צו וועיזען, אז זיי האָבען א שעהנעם הוט, אן עלעגאנטען הוט, נאָך דער נייעסטער פּאריזער מאָדע. זיי האָבען זיך געמאכט לעכערליך, וועיל אין א שעהנעם, ווארימען זומער אבענד, ווען מען געפינט זיך אין דעם זאל פון א האָטעל, דארף מען גאָר קיין הוט טראָגען. עס איז גאנץ גענוג, ווען מען פערקעמט זיך שעהן, ווען מען טראָגט שעהן פערפּוצט די אייגענע האָאר.

אייניגע דאמען פלעגען אבענדס זיך אָנטהאָן זייערע שעהנסטע און רייכסטע קליידער מיט א לאנגען שלעפּ (טרעין) און אזוי ארומ־שפּאציערן איבער די זאלען אָדער אויף דער וועראנדא (פּאָרשט) פון דעם האָטעל אָדער באָרדינג האוז. מען האָט באלד דערקענט, אז דאָס זיינען „פּארוועניום", אויפגעקומענע עשירים, שלעכט ערצויגענע מענשען, וועלכע זיינען רייך געוואָרען דורך א צופאל און זיי שטאָל־צירען מיט זייער געלד, מיט זייער רייכטהום. מען האָט געזעהן, אז דאָס זיינען פּופּען (דאללס) אָהן ערציעהונג, אָהן זיטען, אָהן מאָ־ניערן (מעננערס), אָהן וועלט קעטניסע און אָהן מענשען קענטניסע.

אויך מענער שטאָלציערען אָפט מיט זייערע רייכע קליידער, מיט זייערע טהייערע רינגען מיט ברילאנטען, מיט זייערע טהייערע בוזען נאָדלען (סקאָרף פּינס) אויך זיי מאכען זיך לעכערליך און גיבען זיך

אַליין אַ צייכנים פון זייערע גייסטיגע אָרימקייט (ע סערטיפיקייט אָוו מענטאַל פּאָווערטי). מייסטענס אָבער טהוען עס פרויען. זיי ווילען שפּיעלען די ראָלע פון אריסטאָקראַטען, אָבער זיי ווייסען ניט, ווי אַזוי עס צו טהאָן.

אין אַ האָטעל אָדער אין אַ באָרדינג הויז עסען געוועהנליך 6—8 מענשען ביי איין טיש. אַ גרעסערע פאַמיליע קען אָפּנעהמען אַ טיש פאַר זיך, געוועהנליך אָבער מוז מען עסען צוזאַמען מיט פרעמדע, גאַנץ אונבעקאַנטע מענשען, און מען מוז אָפּהיטען גאַנץ שטרענג אַלע רעגעלן פון עטיקעטע.

מען מעג בעטען דעם גאַנץ אונבעקאַנטען מענשען, ער זאָל אונז דערלאַנגען זאַלץ, ברויט, צוקער און אנדערע זאַכען, ווען זיי שטעהן צו ווייט פון אונז און מיר קענען זיי ניט דערגרייכען. ווען יענער טהוט עס, מוז מען איהם דאַנקען.

עס איז ניט העפליך זיך צו צונעהמען פון דעם טעלער צופיעל, מען דאַרף איבערלאָזען פאַר יענעם אויך. פערלאַנגט מען עפּעס פון דעם קעלנער אָדער וועיטער, דאַרף מען עס איהם זאָגען שטילערהייט, ניט פאָרדערן, ניט בעפעהלען.

מען מעג אַ מאָל זאָגען אַ וויץ אָדער מאַכען אַ שפּאַס ביים עסען, אָבער מען מוז זיך גוט איבערלעגען, וואָס מען זאָגט, פאַר וועמען מען זאָגט עס און אויב עס פּאַסט, מען זאָל עס זאָגען. אַן אַלטעס אידישעס שפּריכוואָרט לויטעט: „אויף ניין האָט מען קיין מאָל ניט חרטה". זיך איינהאַלטען און ניט זאָגען אַ וויץ (אַ חכמה) איז פיעל בעסער, ווי מאַכען אַ שלעכטען וויץ און לאַנגווײַלען יענעם, צווינגען אַנדערע מענשען צו הערן דומהייטען.

עס איז אנגענומען אַלס שטרענגע רעגעל פון עטיקעט, אַז בעקאַנטשאַפטען, וועלכע מען מאַכט אין אַ באָרדינג הויז, אויף אַ „ביטש", דאָס הייסט, ביים ברעג פון מעער, אָדער אויף אַ שיף אָדער אין אַן אייזענבאַהן וואַגאָן, ווערן ניט בעטראַכטעט אַלס פעסט און בינדענד. איינער אָדער איינע קען בעקאַנט ווערן מיט איינעם אָדער מיט איינער אין אַזאַ פּלאַץ, אונטער געוויסע אומשטענדע, ווען זיי בעגעגענען זיך אָבער שפּעטער אין דער גרויסער שטאָדט, האָבען ביידע דאָס רעכט זיך צו מאַכען ניט וויסענדיג און צו ווייזען, אַז מען קען זיך גאָר ניט. פרויען האָבען דיעזעס רעכט מעהר נאָך ווי מענער. אַ דאַמע

האָט געקענט מאַכען צעהן בעקאַנטשאַפטען אין א באָרדינג האוז מיט מענער און פרויען. ווען זי בעגעגענט זיי שפּעטער אין שטאָדט, מעג זי פארביי געהן און זיי גאָר ניט גריסען, גלייך ווי זי וואָלט זיי קיין מאָל ניט געזעהן און קיין מאָל ניט בעקאַנט געוועזן מיט זיי. דאָס איז אויך לאָגיש גאַנץ ריכטיג. אין א באָרדינג האוז, אויף א „ביטש" אָדער „מעער שטראַנד", ווי די דייטשען רופען עס, מוז מען זיך צוזאַמענקומען מיט אַלערליי מענשען. אין שטאָדט אָבער קען מען, מוז מען שוין גוט וועהלען, זיך אויסקלויבען די מענשען, וועלכע פּאַסען פאר מיר, וועלכע קענען האַרמאָנירען מיט מיר, וועלכע זיינען מיר אנגענעהם.

גאָר אין דער נייעסטער צייט האָט מען זיך איבערצייגט, אז פערברענגען די פרייע זומער-צייט אין א האָטעל אָדער אין א באָרדינג הויז איז צו טהייער און האָט וועניג אנגעהמליכקייטען און מען האָט זיך אומגעקעהרט צום פארמער, וואו עס קאָסט ביליגער און מען איז בעפרייט פון צערעמאָניען, עטיקעטע, צוואַנג און דראַנג. ווער עס קען עס אויספיהרען, דינגט זיך אָפּ א קאָטעדזש אָדער א וואוינונג פאר זיך פאר די זומער-צייט.

---

## אויף דער רייזע

**די דאַמע וואָס רייזט אַליין. — די רייזע עטיקעטע פון אמעריקא און אייראָפּא און אין וואָס זיי אונטערשיידען זיך. — עטיקעטע אין א וואַגאָן. — עטיקעטע אויף קאַרס א. ד. ג. ליעבע צו מענשען איז העכער פון אַלעם.**

---

אן אלטע לעהרע פון דעם תלמוד לויטעט: „לעולם יצא אדם בכי טוב ויכנס בכי טוב". א מענש זאָל זיך שטענדיג געבען די מיה אַרויסצופאָהרען, ווען עס איז ליכטיג — ביי טאָג און אַנצוקומען אויף זיין בעשטימונגס אָרט, ווען עס איז ליכטיג — ביי טאָג.

דיעזע לעהרע איז ביז אויף היינטיגען טאָג א שטרענגע רעגעל פון דער עטיקעטע, בעזאָנדערס פאר פרויען, וועלכע רייזען אַליין.

עס פּאַסט ניט פאַר אַ פרוי, וועלכע רייזט גאַנץ אַליין, זי זאָל אַנ־קומען אין אַ האָטעל, אין אַ גאַסט הויז און זאָגאַר צו בעקאַנטע שפּעט ביי נאַכט. ווען אַ פרוי אַליין דאַרף מאַכען אַ רייזע, דאַרף זי זיך גוט אויסרעכענען און נעהמען אַ צוג, וועלכער זאָל זי ברענגען אין איהר בעשטימונגס אָרט ביי טאָג.

עס איז היינט קיין שאַנדע פאַר אַ פרוי צו רייזען גאַנץ אַליין. זי דאַרף אָבער וויסען, ווי אַזוי צו בעוואַהרען איהר ווירדע, איהר עהרע, דעם רעספּעקט, וועלכען עס קומט איהר. עס איז אַנגענומען צווישען געבילדעטע און אַנשטענדיגע מענשען, אַז אַ פרוי, וועלכע רייזט אַליין, מעג בעטען אַ גאַנץ אונבעקאַנטען מאַן, ער זאָל איהר העלפען אַריינטראַגען אין וואַגאָן איהר סעטשעל, איהר האַנדטאַשע אָדער אַ שווערע זאַך פון איהר באַגאַזש. ווען ער טהוט עס, דאַרף זי איהם דאַנקען, און דאָס איז אָבער אַלעס. הייבט ער אָבער אָן צו רעדען מיט איהר און איהר שטעלען פראַגען, דאַרף זי איהם ווייזען און זאָגאַר געבען צו פערשטעהן, אַז ער איז אַ פרעמדער און זי ווינשט ניט, זיין בעקאַנטשאַפט. עס איז גענוג אַ שטרענגער בליק, נעטהיגען פאַלס אַ שאַרפעס וואָרט צו ווייזען יענעם, אַז מען וויל מיט איהם ניט רעדען.

אויך געגען אַנדערע פרויען דאַרף מען זיין צוריקגעהאַלטען, צו־געקנעפּעלט און ניט מאַכען צו שנעלע בעקאַנטשאַפטען.

אין אַמעריקא ווערט עס בעטראַכטעט אַלס אַ געזעץ פון דער עטי־קעטע, אַז פּאַסאַזשירען אין אַן אייזענבאַהן־צוג, וועלכע קענען זיך ניט, זאָלען ניט רעדען איינער צום אַנדערן. מענער ערלויבען זיך נאָך צו פרעגען איינער ביים אַנדערן, ווי פיעל אוהר עס איז, און זאָגאַר צו בעטען איינער ביים אַנדערן אַ צייטונג, ווען זיי אַליין קע־נען ניט בעקומען דיעזע צייטונג פאַר געלד. פרויען דאַגעגען זיינען אַזוי שטרענג און אַזוי פּאַרזיכטיג, אַז ווען זיי ווילען וויסען, ווי־פיעל אוהר עס איז, פרעגען זיי עס ביים קאָנדוקטאָר אָדער ביי אַן אַנגעשטעלטען פון דער אייזענבאַהן. עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַז עס איז ענג אין וואַגאָן און אַ דאַמע מוז זיך אַניעדערזעצען לעבען אַ פרעמ־דען מאַן, זי וועט דאַן ניט וואַגען צו רעדען אַ וואָרט צו איהם, זאָגאַר ווען ער איז געווען אַזוי העפליך און האָט צוגענומען איהר רייזע טאַשע אָדער איהר באַגאַזש און עס אַוועקגעשטעלט אויף אַ זיכערן אָרט. זי

וועט איהם דאנקען גאנץ העפליך, אָבער זי וועט צו איהם ניט רעדען. ווען עס מאַכט זיך, אַז זי בעגעגענט איהם שפּעטער אויף דער גאַס און ער בעגריסט זי, וועט זי איהם ניט ענטפערן און זיך מאַכען, אַז זי קען איהם גאָר ניט.

דאָס איז די אַמעריקאַנער עטיקעטע. אין אייראָפּא איז עס אנ־דערש. פּאַסאַזשירען אין איין אייזענבאַהן וואַגאָן רעדען איינער צום אַנדערן, מאַכען בעקאַנטשאַפטען און זאָגאר דאַמען מישען זיך אַריין אין אַ געשפּרעך און ווערן בעקאַנט מיט מענער. ווען זיי בעגעגענען זיך אַ מאָל אויף דער גאַס, בעגריסען זיי זיך און רעדען עטליכע פריינדליכע ווערטער איינער צום אַנדערן.

וועלכע עטיקעטע עס איז בעסער: די אייראָפּעאישע אָדער די אַמעריקאַנישע? — אויף דיעזע פראַגע איז שווער צו געבען אַ ריכ־טיגע אַנטוואָרט. אין אַמעריקא דאַרף מען זיך פיהרען אַמעריקאַניש. אין אייראָפּא מעג מען זיך בענעהמען אייראָפּעאיש. מען דאַרף אויך ניט פערגעסען, אַז די אַמעריקאַנער אייזענבאַהן וואַגאָנס זיינען אנ־דערש איינגעריכטעט, ווי די אייראָפּעאישע זאָגענאַנטע קופּעע׳ס.

אויף אַ שיף איז עס אַנדערש. עס איז אָנגענומען, אַז אויף אַ שיף מעג אַ דאַמע רעדען צו אַ גאַנץ פרעמדען מענשען זיך אונטערהאַלטען מיט איהם, און עס ווערט ניט בעטראַכט אַלס ניט פּאַסענד. די פּאַ־סאַזשירען אויף אַ שיף בעטראַכטען זיך אַלס אַנגעהעריגע פון איין פאַ־מיליע. — קומט מען אָבער אַן אין אַ פּאָרט און מען געהט אַראָפּ פון דעם שיף, ווערט מען שוין אוים בעקאַנטע. מענער מעגען זיך בע־גריסען, ווען זיי בעגעגענען זיך, פרויען אָבער דאַרפען אויף קיין פאַל ניט בעגריסען אַ מאַן, מיט וועמען זיי האָבען גערעדט אויפ׳ן שיף, און ניט ענטפערן זיין גרוס.

די עטיקעטע פאָרדערט, אַז איידער מען געהט אַראָב פון דעם שיף, זאָל מען עפּעס געבען דעם סטיוואַרד אָדער דער סטיוואַרדעסע. עס איז ניט לייכט צו זאָגען, ווי פיעל, ווייל דאָס הענגט אָפּ פון דעם שיף און פון דער בעדינונג, וועלכע מען האָט בעקומען. אויף די גרויסע און פּרעכטיגע פּאַסאַזשיר שיפען אָדער שווימענדע פּאַלאַצען זיינען 2 דאָלאַר קוים גענוג, אויף די לאַנגזאַמערע און ביליגערע שיפען איז וועניגער פון 2 דאָלאַר אויך גענוג.

ווען מען געהט צום טיש אויף אַ שיף, דאַרף מען זיך אָנטהאָן ריין,

זויבער, אָבער ניט רייך. ביים טיש, וואו עס זיצען געוועהנליך פערשיעדענע מענשען, אונטערהאלט מען זיך און מען רעדט צום אַנדערן גאַנץ פריי. מען מעג זיך אַ מאָל ערלויבען אַ וויץ, ער מוז אָבער זיין פּאַסענד און אנשטענדיג.

אויף אַ שיף האָט יעדער פּאַסאַזשיר זיין סטייט רום אָדער שלאָף־צימער, וואו ער קען זיך אויסטהאָן אָדער איבערטהאָן. אויף אַן אייזענבאהן־צוג איז עס אנדערש. עס איז וואהר, אַז אין דער נייעסטער צייט האָט מען שוין אויף אייזענבאהנען אויך בעזונדערע צימער, „סטייט רומס", אָבער ניט יעדער קען זיך עס ערלויבען צו נעהמען אַ סטייט רום, עס קאָסט נאָך צו טהייער.

ווען מען מוז אַלזאָ פאָהרען אויף אַן אייזענבאהן עטליכע טעג, מוז מען נעהמען אַ סליפּער, אַ בעט און אַ שלאָף־קאַר. אַזאַ בעט איז געוועהנליך ניט גאַנץ אנגענעהם. מען דאַרף זיך פערזאָרגען מיט אַ טיקעט פריהער און מען דאַרף אויסזוכען אַ פּלאַץ אין דער מיט פון דעם וואגאָן, ניט איבער די רעדער. צאַרטע אָדער שוואכע מענשען קענען ניט שלאָפען, ווען זייער בעט געפינט זיך איבער די רעדער פון דעם וואגאָן. עס קלאַפּט צו שטאַרק. עס געפינען זיך אין אַזאַ שלאָף וואגאָן צוויי בעטען, איינס איבער דעם אנדערן. אויף דעם אויבערשטען בעט איז די לופט בעסער, ריינער, אָבער ניט יעדען איז עס לייכט אַרויפצוקלעטערן. אין דעם אונטערסטען בעט איז די לופט פערשטיקט. מען מוז עפענען אַ פענסטער, דאַן אָבער האָט מען דעם שטויב און דעם רויך פון דער מאשין. פאַר פרויען, וועלכע רייזען אַליין, איז אַ סליפּינג קאַר אַ וואהרע פּלאָגע ביים זיך אויסטהאָן און אָנטהאָן. די אייזענבאהנען קענען עס ניט מאכען, ווי די שיפען, וואו עס זיינען דאָ בעזונדערע צימערן פאַר מענער און בעזונדערע פאַר פרויען.

עס איז דאָ איין רעגעל, איין פּרינציפּ, פון העפליכקייט אין אַלע פעללע און אין אַלע אנגעלעגענהייטען פון לעבען, און צוואַר, „טהו ניט דאָס געגען אנדערע, וואָס עס וואָלט דיר געווען אונאנגענעהם. ווען אנדערע וואָלטען עס געטהאָן געגען דיר". יעדער דאַרף זעהן ניט צו שטערן אנדערע און ניט צו טהאָן זאַכען, וועלכע זיינען ניט אנגענעהם פאַר אנדערע.

ווען מען געפינט אויף אַ זיץ פון אַן אייזענבאהן וואגאָן אַ ראָק

אָדער אַ האנד־טאַשע, איז עס אַ בעוויז, אַז דער פּלאַץ איז פערנו־מען. עס ווערט דארום בעטראכט אַלס אַ גראָבהייט, ווען מען נעהמט צו דיעזע זאכען און מען זעצט זיך אויף דיעזען פּלאַץ.

ווייל מען עפענען אַ פענסטער פון אַ וואגאָן, דארף מען זיך גוט אומקוקען, אויב דאָס וועט ניט זיין אונאנגענעהם די אַנדערע פּאסאַ־זשירען. ווען עס איז קיהל אין דרויסען, זאָל מען בעסער גאָר ניט עפענען דאָס פענסטער, ווייל עס קען זיך געפינען אַ פּאסאזשיר, וועלכער קען ניט ליידען די קעלט. פיהלט מען אָבער, אַז מען דארף אריינלאָזען פרישע לופט, פאָרדערט די העפליכקייט, אַז מען זאָל בעטען אום ערלויבניס עס צו טהאָן ביי אַנדערע פּאסאזשירען.

פרויען אין אמעריקא פערגעסען זיך אַ מאָל און פערנעהמען אַ פּלאַץ מיט זייער באַגאַזש, מיט זייערע שאַכטלען און פּעקלעך. זיי פערגעסען זיך, אַז זיי האָבען בעצאהלט נור פאר איין זיץ און אַז אַנדערע פּאסאזשירען האָבען אויך בעצאהלט אַזוי פיעל, ווי זיי.

רייזען איז ניט נור אַ פערגניגען, עס איז אויך אַ לעהרע און אַ גרויסע לעהרע, ווען מען ווייס ווי אַזוי צו רייזען, און וואו צו רייזען. ווען מען רייזט אים זומער צום פערגניגען אָדער צור ערהאָלונג, דארף מען אויסזוכען געגענדען, וואו מען קען עפּעס זעהן און עפּעס לער־נען. „ווער איינע לאַנגע רייזע האט געמאכט, דער האט וואס צו ער־צעהלען״, זאָגט אַ דייטשעס שפּריכוואָרט.

## פאהרען אויף שטראסען באַהנען (קאָרס) און אויף האָכבאַהנען (עלעווייטעד).

ווען צוויי בעקאַנטע מענער זעצען זיך אויף אויף אַ קאר אָדער אויף אַ עלעווייטעד, מעג איינער בעצאָהלען פארביידען. עס ווערט צומאָל בעטראכט אַלס צייכען פון פריינדשאַפט און העפליכקייט, בע־זאָנדערס ווען ביידע פאָהרען אָפט צוזאמען. היינט צאָהל איך, מאָר־גען — דו. געהט מען אָבער מיט אַ בעקאַנטער פרוי, פאָרדערט די אמעריקאַנער עטיקעטע, אַז די פרוי זאָל בעצאָהלען פאר זיך די קאר־פעיר אָדער די 5 סענט. מען מעג זיין ווי בעקאַנט מיט אַ פרוי, דארף מען פאר איהר ניט בעצאָהלען. דער מאַן מעג עס פערלאַנגען, די

פרוי אָבער דארף עס אויף קיין פאל ניט אָננעהמען. אן אויסנאהמע פון דיעזער רעגעל זיינען פערוואנדטע (קרובים) און פערליעבטע.

אויף א קאר פון א שטראַסענבאהן דארף מען שטענדיג האלטען אנגעגרייט די 5 סענט און זיי דערלאנגען דעם קאָנדוקטאָר, ווען ער קומט פאָדערן קאר־פעיר. מאנכע פרויען פערגעסען זיך און ווען דער קאָנדוקטאָר קומט נאָך די קאר־פעיר, הייבען זיי אָן צו זוכען און צו קראַצען זייערע האנד־טאַשען (הענד־בעגס). דאָס איז ניט שעהן.

עס איז א פעסטע רעגעל, אז צוערשט דארפען ארויסגעהן די פאַ־סאזשירען, וועלכע ווילען ארויסגעהן פון דער קאר אָדער פון דעם וואגאָן, דאן זאָלען אריינגעהן די נייע פאסאזשירען. עס ווערט בע־טראכט אלס א גראָבהייט, ווען די נייע פאסאזשירען שטופען זיך, דרענגען זיך און לאָזען ניט ארויסגעהן די פאסאזשירען, וועלכע ווי־לען ארויסגעהן אויף א סטאַציאָן. ליידער, בעגעהן אייניגע אידען גראָבע פעהלער אין דיעזער בעציעהונג.

א מאָל פלעגט יעדער אין אמעריקא עס האלטען פאר א פפליכט אָפּצוטרעטען זיין פּלאַץ פאר א דאמע אָדער פאר אן אלטען מאַן, וועל־כער מוז שטעהן. דיעזע שעהנע העפליכקייטס זיטע פערשווינדעט אָבער צו ביסלעכווייז און מען קען עס אויך לייכט ערקלערן. פרויען ווילען זיין גלייך מיט מענער. זיי קאָנקורירען מיט מענער, זיי נעה־מען זיך צו אלע בעשעפטיגונגען פון מענער. ווען זיי ווילען זיין גלייך מיט מענער, פאר וואס זאָל א מאַן זיך אויפהייבען און זיי אָפּ־טרעטען זיין זיץ?

אנאנדערע בעטראכטונג. א מאַן האָט געארבייט שווער ביי זיין בעשעפטיגונג. ער איז העכסט צופריעדען, וואס ער האָט פערכאַפּט א פּלאַץ אין א קאר אָדער אין א וואגאָן. פאר וואס זאָל ער אָפּטרעטען זיין פּלאַץ א פרוי, וועלכע האָט פיעלייכט היינט גאָר ניט געארבייט? וועלכע איז גאָר געגאנגען שאָפּפינג?

די אמעריקאנער פרויען זיינען שוין אָבער געוואוינט דערצו און א געבילדעטע פרוי פיהלט זיך ניט בעליידיגט, ווען א מאַן טרעט איהר ניט אָפּ זיין פּלאַץ. עס זיינען זאָגאר דאָ נאָבעלע פרויען, וועלכע טרעטען אָפּ זייער פּלאַץ פאר אן אלטען, שוואכען מאַן. די גוט ער־צויגענע פרוי וויים ווי אזוי זיך צו בענעהמען אין אלע פערהעלטניסע אין לעבען.

נור גראָבע מענשען ערלויבען זיך צו עסען פינאטס, עפּעל, ארענדזשעס און אנדערע פריכטע אין א קאר אָדער אין א וואגאָן פון דעם האָכבאהן. אויך דאָס קייען פון טשואינגגאָם ווערט בעטראכט אַלס ניט אנשטענדיג.

עס איז א רעגעל אין די אמעריקאנער שטראסען, האָך און טיעף־באהנען (סאָבוועיס), אז מען טאָר אין זיי ניט רויכען. עס געפינען זיך אָבער גראָבע מענשען, וועלכע געהן אריין אין א וואגאָן מיט א ברענענדע סיגאר און האַלטען זי אין די הענד. עס הייסט זיי רויכען דאָך ניט, אָבער זייער סיגאר ברענט דאָך און פערברייטעט א שטיקענדען רויך.

איך וויל ענדיגען דיעזע קאפּיטעל מיט אן אלטע אראבישע לעגענדע.

אבו בעקר האָט זיך א מאָל אויפגעכאַפּט ביי נאכט און האָט דערזעהן א מלאך, וועלכער האָט עפּעס געשריעבען אין א גאָלדענעם בוך. „וואָס טהוסט דו, ענגעל פון גאָט ?" האָט אבו בעקר געפרעגט. — „איך פערשרייב די נעמען פון די מענשען, וועלכע האָבען ליעב גאָט", האָט דער ענגעל געענטפערט. — „איז מיין נאָמען אויך פערשריעבען אין דיין בוך ?" — „ניין", איז געוועזן די אנטוואָרט. — „פערשרייב מיין נאָמען אויך", האָט אבו בעקר געבעטען. — „דו ליעבסט אָבער נאָך ניט גאָט", איז געוועזן די אנטוואָרט. — „איך ליעב אָבער די מענשען. איך ליעב אָבער גאָטס בעשעפּעניש !" האָט אבו בעקר אויסגערופען. — „איך מוז מיך אנפרעגען ביי גאָט", האָט דער מלאך געזאָגט און איז פערשוואונדען געוואָרען.

די אנדערע נאכט איז ער צוריקגעקומען און האָט וויעדער געשריעבען. אבו בעקר האָט זיך אויפגעכאַפּט און געפרעגט : „האָסט דו פערשריעבען מיין נאָמען אין דאָס גאָלדענע בוך ?" — „יא". האָט דער מלאך געענטפערט, — „דיין נאָמען איז דער ערשטער, ווייל דו האָסט ליעב אלע מענשען, ווי זיך אליין".

עס איז א לעגענדע, אָבער א שעהנע, ערהאבענע לעגענדע.

# עטיקעטע אין גאס

**העפליכקייט אין גאס. — שטעהן, שמועסען און פארשטעלען דעם וועג. — בירגערליכע פעראנטוואָרטליכקייט. — געהט אימער רעכטס. — די געוואוינהייט פון טראגען אַ רעגענ־שירם. — נודניקעס אין גאס. — בעגעגענען בעקאנטע אין גאס. — העפליכקייט צו אונבעקאנטע.**

---

אין גאס זוכט יעדער איינער צו זיין לייטיש, און דאָך ניט אַלע פערשטעהן ווי אַ ליידי, אָדער אַ דזשענטלמאן וועט אין גאס ארויס־ צייגען צו אנדערע מענשען די זעלבע העפליכקייטען וואָס זי אָדער ער צייגען ארויס ביים באנקעט טיש, אָדער אין באָל רום. אַ מענש וועלכער געהט אין גאס, צוליעב ביזנעס, פלעזשער, אָדער געזונד־ הייט, דארף אימער האָבען אין זינען די בעקוועמליכקייטען פון אנ־ דערע מענשען. די גאס איז פריי אָבער ניט הפקר. עס איז פריי פאר יעדען איינציגען מענשען צו געהן בהרחבה, אָבער ניט צו שטערען דעם גאַנג, אָדער די רוהיגקייט פון אנדערע. דארום איז עס זעהר ניט שעהן צו שטעהן אין קופּקעלעך, שמועסען און פארשטעלען דעם וועג. עס פלאמט אַמאָל דער פּנים פאר שאנדע ווען מען געהט דורך מאַנכע אידישע גאסען, אין אַ שבת אָדער אַ יום טוב, און מען זעהט די גרויסע רעדלעך מענשען וואָס פערשטעלען דעם וועג, שטעהען און שמועסען צווישען זיך, אזוי ווי ביי זיך אין דער היים, אין דעם אמאָליגען שוהל הויף, שבת בין מנחה למעריב און עס קימערט זיי גאָר ניט וואָס מענשען קענען ניט דורכגעהן, סיידען זיי זאָלען זיך דורכשטופּען מיט גוואלד. דער שרייבער פון דיעזע צייל‏ען האָט ווע־ גען דעם געשריעבען אין אַ אידישע צייטונג אַ רייהע ארטיקלען שוין מיט צוואַנציג יאָהר צוריק, און עס איז פשוט אַ הארצווייטאָג צו זעהן אַז זייט דאן עקזיסטירט נאָך דיעזע מיאוס׳ע געוואָהנהייט וועל־ כע מאַכט אונז לעכערליך אין די אויגען פון ציוויליזירטע מענשען.

זאָל שוין אַ מאָל נעהמען אן ענדע צו דיעזער שאנדע פון אידי־ שען קווארטאל! אַ סוף צו די „קראָודס” אין גאס — אַ סוף צו די קופּקעלעך!

וואָס זאָלען מיר שוין זאָגען וועגען די יעניגע — וואָס טהוען עס מיט וויסען אָדער אונוויסען — וועלכע ווארפען ארוים אין גאס אלערליי שמוץ פון הויז ? און וואָס זאָלען מיר זאָגען פון אזעלכע וואָס שליידערען דורך די פענסטער ביינדלעך פון זופּ און פון פלוימען, שטיקלעך גלאָז און שאָלאכץ פון פרוכטען ? מיר זיינען זיכער אז דיעזע זאָרטען מענשען לעזען קיין ביכער, איבערהויפּט ביכער פון דיעזען זאָרט. עס איז דארום איבריג צו ריידען וועגען דיעזע ווילדע, פערברעכערישע געוואוינהייט. אָבער מיר ווילען ווידמען עטליכע ווערטער צו דער מעהר ענטוויקעלטער קלאסע מענשען, וועלכע אָב־וואָהל זיי וועלען ניט ארויסוואַרפען אין מיטען גאס א פולע כלי מיט אַש און שיריים פון עסען, וועלען זיי דאָך זיך ניט פאררעכענען פאר א זינד צו ווארפען אין גאס א שאָלעכץ פון א פרוכט, א צייטונג וואָס זיי האָבען דורכגעלעזען, און דאָס גלייכען. און דיעזע קלאַסע מענ־שען בעטען מיר גוט דורכצולעזען דעם קאַפּיטעל, „די עטי־קעטע אין פּארק”, און זאלען זיי וויסען אז די זעלבע רעגעלען וועגען ווארפען זאכען אין פּארק בעציהען זיך אויך אויף דער גאס.

אין ניו־יאָרק און אין פילע אַנדערע שטעדט פון אמעריקא זיי־נען דאָ ספּעציעלע קאסטענס אויסגעשטעלט אין גאס צו ווארפען אין דעם אַלטע צייטונגען. א מענש וואָס האָט אין זיך דעם געפיהל פון בירגערליכע פעראנטוואָרטליכקייט, וועלכער פיהלט אז ער איז א ציוויליזירטער מענש וועט קיינמאָל ניט שליידערען א זאך וואָס פער־שמוצט דעם ריינעם אויסזעהן פון דער גאס.

ווען מען געהט אין גאָס דארף מען זיך אימער האַלטען רעכטס. עס קומט אוים צו בעגעגענען זיך מיט מענשען וואָס קומען אנקעגען, און אום צו פערמיידען א צוזאמענשטויס, אום צו פערמיידען דעם טראָבעל צו מאַכען א וועג פאר יענעם, אָדער ווארטען ביז יענער וועט אבטרעטען דעם וועג פאר אייך, איז אימער בעסער אז יעדער איינער זאָל זיך האַלטען צו דער רעכטער זייט.

געהט אין בראָדוויי, אָדער אין אַן אנדער גאס וואו עס געהען א סך מענשען וועט איהר זעהן ווי אויף דער זעלבער זייט גאס ציהען זיך צוויי שטראָמען מענשען און זיי שטויסען זיך ניט צוזאמען. יעדער שטראָם געהט זיך אויף זיין רעכטס און דערמיט רעגולירט זיך דער גאַנג פון די מענשען, און זיי קענען געהן בעקוועם.

ווער עס טראגט א רעגענשירם אדער א שטעקען אין גאס דארף אימער האבען אין זינען ניט צו דאקוטשען אנדערע מענשען מיט דעם. עס זיינען דא מענשען וואס רוקען זיך אריין א רעגענשירם אונטער׳ן ארעם און געהען אזוי צווישען א גערדיכטען עולם, אויסשטעלענדיג אלעמען צו דער געפאהר פון קריגען דעם שפיץ פון רעגענשירם, אדער פון שפאציער שטאק אין אויג אריין.

א רעגענשירם דארף מען טראגען נור ווען עס איז דא א ריכטיגע אורזאכע, א נויטהווענדיגקייט אויף דעם. עס איז א נארישע געוואהנהייט ארומצושלעפען זיך מיט א רעגענשירם אין אלע וועטערן, טרוקענע אזוי ווי פייכטע. עס זיינען דא אידיאטען וואס פערלאזען ניט די הויז אויף א מינוט אהן א רעגענשירם, און שלעפען אימער מיט זיך דעם „אמברעלער" אין זומער און אין ווינטער, אין ווארעמען זונענשיין און אין קאלטען פראסט.

שטופען זיך אין גאס צווישען פרעמדע מענשען איז גראדע אזוי גראב און מיאוס ווי צווישען אייגענע. דער מענש וואס שטופט זיך און שטויסט אב אנדערע אום צו פערכאפען דעם וועג איז א גראביאן און דארף ניט אריינגעלאזען ווערען אין אנשטענדיגער געזעלשאפט.

ציינגט ניט אן מיט אייערע פינגער אויף פערבייגעהענדע מענשען, אדער אויף הייזער, ווען איהר רעדט מיט איינעם. טייטען מיט׳ן פינגער אין גאס איז זעהר ניט אנשטענדיג. זייטיגע מענשען קענען דענקען אז דאס טייט מען מיט די פינגער אויף זיי און דאס וועט זיי מאכען פיהלען אונבעקוועם.

שפייען אין געגענווארט פון אנדערע מענשען איז זעהר ניט אנשטענדיג. מען דארף זיך אימער אבקעהרען אן א זייט, אדער בעסער — שפייען אין א טאשענטוך.

עסט קיינמאל אין גאס. פערגעסט ניט וואס דער תלמוד זאגט: דער וואס עסט אין גאס איז געגליכען צו א הונד.

ווען איהר בעגעגענט אין גאס א פריינד בעגריסט איהם מיט א פריינדליכען נייג מיט׳ן קאפ, אדער א מאך מיט דער האנד, אדער נעהמט אראב דעם הוט ווען ער איז א מאן וועמען איהר ווילט ציינגען גרעסערע אכטונג. אבער, אום גאטעס ווילען, שטעלט יענעם ניט אב סיידען איהר האט איהם עפעס נויטהיגעס צו זאגען. עס איז א שלעכטע געוואהנהייט פון מאנכע מענשען אבצושטעלען אין גאס ווע־

מען זיי קענען, פערפיהרען א געשפרעך, און אפט מאל נאכגעהן נאך יענעם און איהם האקען אין טשייניק.

אזעלכע מענשען זיינען נודניקעס, און פון זייער אייגענע טובה וועגען איז בעסער אז מען זאל זיי דייטליך זאגען, „ענטשולדיגט, איך האב יעצט קיין צייט", אדער „פליהז, איהר דארפט זיך ניט בעמיהען מיר נאכצוגעהן". דיעזע זארט נודניקעס זיינען א פעסט פאר דער מענשליכער געזעלשאפט, און עס איז אייער פפליכט צו דער געזעלשאפט דיעזע מענשען אנצולעהרנען, זיי צו ציוויליזירען, לערנען עטיקעטע, אום זיי זאלען ניט דאקוטשען אנדערע מענשען.

עס זיינען דא קלוגע מענשען וואס זיינען זעהר געשיקט אויסצומיידען אזעלכע נודניקעס אין גאס. ווען זיי דערזעהן דעם נודניק פון וויטען, אזוי מאכען זיי שנעלערע טריט, קוקען אן א זייט און געהען פערביי דעם נודניק זיך מאכענדיג טויב און בלינד צו זיין בעגריסונג. אבער ניט אלע מענשען קענען דאס און זיי מוזען פאלען אלס אפפער צו די גאסען נודניקעס.

עס זיינען דא אבער מענשען וואס רעכענען אז בעגעגענען א בעקאנטען און זיך ניט אבשטעלען צו כאפען א שמועס מיט איהם איז א בעליידיגונג. זיי מוזען כאטש עפעס ריידען, כאטש זיי האבען ניט וואס, און עס ענטוויקעלט זיך צווישען זיי אזא מין געשפרעך:

— וואס מאכט איהר? איהר זעהט אויס עפעס שלעכט.

— איך בין אלל־רייט. וואס מאכט איהר?

— איך בין אויך אלל־רייט. וואס מאכט אייער פרוי?

— טהענק יו. זי איז אלל־רייט. וואס מאכט אייער עלטסטע קינד?

— אלל־רייט, טהענק יו.

— און דאס אינגסטע קינד אייערע וואס מאכט?

— געזונד דאנק גאט. וואס מאכט אייער מיידעלע?

— ניש־קשה, געהאט א קאלט, אבער אריבער.

— נו, נו, היינטיגע וועטער דארף מען זיין פארזיכטיג. און אייער באיטשיקעל, וואס מאכט ער?

— ער איז אלל־רייט. טהענק יו פאר נאכפרעגען. און וואס מאכען אלע ביי אייך?

— טהענק יו. אלעס איז אלל־רייט. טהענק יו.

— יו אר ווע‍לקאַם.

מענשען וואָס פרעגען אַזעלכע פראַגען און גיבען אַנטוואָרטען אויף זיי זיינען נודניקעס. זיי זיינען אַ פּעסט פון וועלכע מען דאַרף וויכען, און עס שאַדט ניט אַמאָל זיי צו געבען אַזאַ אַנטוואָרט, אין איין איידעלען טאָן געוואוינליך, אַז זיי זאָלען וויסען אַז דאָס איז נאַרעש.

„וואָס מאַכט איהר און וואָס מאַכט אייער פאַמיליע?" איז געגוג פאַר די נאָהענטסטע פריינדע, סיידען איין מיטגליעד פון דער פאַמיליע איז געווען קראַנק, דאַן פּאַסט זיך נאָכצופרעגען אויף יענע פּערזאָן בע־זונדער.

ווען איהר בעגעגנט אַ בעקאַנטען וועלכער געהט צוזאַמען מיט איין אונבעקאַנטען, דאַרפט איהר אַראָבנעהמען אייער הוט צוליעב דעם אונ־בעקאַנטען, אָבער איהר זייט ניט מחויב זיך אָבצושטעלען אום פאָרגע־שטעלט צו ווערען פאַר דעם אונבעקאַנטען. צו מאַכען נייע בעקאַנט־שאַפט אין גאַס איז זעהר ניט אין פּלאַטץ.

איבערהויפּט דאַרף מען אויסמיידען פאָרצושטעלען אַזעלכע מענ־שען וועלכע זיינען אַזוי פערשיעדען איינע פון די אַנדערע דאָס עס איז ניט מעגליך אַז זיי זאָלען בלייבען בעפריינדעט.

ווען איהר געהט מיט אייערן אַ בעקאַנטען און ער בעגריסט אַ מאַן וועלכען איהר קענט ניט, דאַרפט איהר אויך אַראָבנעהמען אייער הוט, אָבוואָהל אייער בעגלייטער טהוט עס ניט און אָבוואָהל איהר קענט ניט די פערזאָן וועלכער אייער בעגלייטער האָט בעגריסט.

אימער נעהמט אַראָב אייער הוט ווען איהר בעגעגענט אייערן אַ בעקאַנטען מיט אַ ליידי, אָבוואָהל איהר קענט ניט די ליידי.

ווען מען געהט מיט אַ דאַמע אין אַ פּאַרק, אָדער אין אַנאַנדער עפענטליכען פּלאַטץ, דאַרף די דאַמע געהן אויף דער רעכטער האַנד פון דעם מאַן. ווען מען געהט אָבער אין גאַס דאַרף דער מאַן געהן אויף דער זייט פון טראָטואַר וועלכע איז צום גאַס און די דאַמע דאַרף געהן אויף דער זייט וועלכע איז צו די הייזער.

געהן געאַרעמט מיט אַ דאַמע איז שוין לאַנג אויס מאָדע, אין אַ גרויסען געדרענג, ביי'ם אַרויסגעהן פון אַ טהעאַטער, אָדער פון אַ מיטינג האָל, איז ערלויבט פאַר אַ דאַמע צו נעהמען איהר בעגלייטער אונטער'ן אָרם, אום צו זיין בעשיטצט פון דעם געדרענג.

אן עלטערע דאמע, אָדער אפילו אן עלטערער שוואכער מאַן מעג נעהמען דעם ארם פון א בעגלייטער צו יעדער צייט.

אין גאַס, צווישען פרעמדע אונבעקאַנטע מענשען, איז דאָ א גוטע געלעגענהייט פאר יעדען איינעם צו צייגען שעהנע מאַניערען און אן עדעלע ערציהונג. א פריינדליכער ענטפער צו אן אונבעקאַנטען וואָס פרעגט א פראגע, ווי פיעל איז אויפ'ן זייגער, וועלכען וועג צו געהן, אָדער עהנליכעס, א העפליכער דאנק פאר בעקומען אזעלכע אינפאָר־מאציאָנען, א הויב מיט'ן הוט און אן ענטשולדיגונג פאר געבען אונ־גערן א שטויס, אָדער א שטופּ אין אן ענגען דורכגאַנג, — דאָס זיינען פון די זאכען וואָס ערוועקען געגענזייטיגע העפליכקייט, גוטען ווילען און פריינדשאפט אויף דער וועלט.

---

## עטיקעטע אין פּארק.

פון וואַנען נעהמט זיך דער צערשטערונגס גייסט. — א פּסי־כאָלאָגישע ערקלערונג. — דער איד וואָס האָט אויסגע־ריסען „זיין חלק" פּארק. — „טרעט ניט אויף דעם גראָז". — רעספּעקט פאַר קהל'שען אייגענטהום. — פּיקניקס אין פּארק. — אַנשטענדיגקייט צווישען יונגע פּאָרלעך.

---

פון דער גאַס וועלען מיר געהן אין פּארק.

מיר בעאַבזיכטען אביסעל מאריך צו זיין אין דיעזען קאַפּיטעל. דער אינהאַלט איז דאכט זיך אַזוי איינפאך און דערצו אזוי וויכ־טיג, אז יעדער פון אונזערע אידישע לעזער זאָל דאריבער ווערען שטארק אויפמערקזאם.

אין דער היים אין דער אַלטער וועלט, אין אַזעלכע לענדער ווי רוסלאַנד און רומעניען, און זאָגאר אין אזעלכע קאָנסטיטוציאָנעלע לענ־דער ווי עסטרייך און אונגארן, איז דער איד ניט געווען קיין וויל־קאָמענער גאַסט אין פּארק, אָדער, ווי מען רופט עס דאָרט, אין פּאָלקס־גארטען.

אונזער שכן, דער „בארמהערציגער" קריסט, האָט זיך מיט אונז ניט געוואָלט באַגעגענען.

אין וויען, די קונסט־שטאָדט פון א גרויסער קאָנסטיטוציאָנעלע מדינה, הייסט עס, ווען ניט עפּענטליך, דאָן יעדען אין אויער: „הונדע און אידען ניכט ערלויבט".

דער איד וואָס האָט יא געוואָלט געהען אין פּארק און איז ניט נעגאַנגען, ווייל מען האָט איהם ניט אריינגעלאָזען, איז געוואָרען א שונא פון פּארק, א שונא פון בוימער און בלומען, ביי דער ערשטער און בעסטער געלעגענהייט, וואָס ער האָט נאָר געקענט עפּעס קאַליע מאַכען אָדער פערדארבען אין אַזא גאָרטען, האָט ער עס געטהאָן.

מיר האָבען אויף איהם דארויף קיין פּאראיבעל ניט. עס איז די נאַטור פון יעדען מענשען עהנליכעס צו טהאָן.

דאָס איז איין ערקלעהרונג, א צווייטע איז פאָלגענדע:

מען האָט דעם אידען פערטריעבען פון לאַנד, פון דער נאַטור, פון נעבען גרינעם וואַלד, און מען האָט איהם אריינגעצאַמט אין א געהטאָ. דאָרט האָבען ניט נאָר קיין בוימער געוואַקסען, אַפילו ניט קיין גרעזעלע, און די זונן איז אויך ניט אָפט צוגעקומען.

אויף אַזא אופן האָט דער איד איינפאַך פערגעסען ווי די צאַרטע נאַטור זעהט אויס און פערלערענט ווי זי צו שאָנעווען.

דאָס זעלבע וואָס מען קען בעהויפּטען אויף אידען, זאָגט מען אויך אויף א טהייל פון די איטאַליענער, וועלכע קומען אַהער אין דיע־זען לאַנד אי פון דער נעאַפּאָליטאַנישער געגענד, אי פון סיצילישער.

דערפאַר זעהען מיר, אַז ניט נאָר איינגעוואַנדערטע אידען אין דיעזען לאַנד קימערן זיך ניט ווען זיי קומען אין בעריהרונג מיט דער שעהנער נאַטור, זאַנדערן אויך די איטאַליענער האַנדלען ווי זיי.

אַזוי אָדער אַזוי, דער איד, וואָס קומט אריין אין גאָרטען, איז ער איינפאַך א מזיק.

די גרינע צווייגעלעך פון קאָסטבארע בוימער די צאַרטע קוויטען פון טהייערע בלומען, ווערען פון איהם צובראָכען, צוריסען און צו־טרעטען.

דער אַמעריקאַנער וואָס זעהט דאָס, קען עס ניט בעגרייפען. דיע־זער אַמעריקאַנער שטעלט זיך ניט אוועק שטודירען די היסטאָרישע און אַנדערע אורזאַכען, וועלכע האָבען געבראַכט דעם אידען צו זיין יעצטיגען צושטאַנד; ער אורטהיילט בלויז נאָך דעם וואָס ער זעהט,

און ער ערקלעהרט די אידען און די „ראַשין׳ס״, אַלס איינפאַכעווילדע חיות.

פון זיין שטאַנדפונקט האָט ער רעכט. ווייל, ווי קען עס אַ מענש זיין אַזוי ברוטאַל און פערדאַרבען אַזעלכע שעהנע זאַכען, אָהנע עפּעס צו פּראָפּיטירען דערביי!

דאָס איז אונזער הקדמה, יעצט צום פּונקט.

פּארקס אָדער פאָלקס גאַרטענס ווערען געמאַכט צום וואָהל און בעסטען פון פאָלק, פון די מאַסען.

ווען אַ מענש איז מיעד, פערמאַטערט קערפּערליך און גייסטיג, דאַן איז פאַר איהם די בעסטע ערהאָלונג אַ גאַרטען מיט בוימער, גראָזען און בלומען. דאָס ברענגט איהם קיהלע ערפרישונג אום זומער, אַ פרייד אום הערבסט, אַ חיות אום ווינטער און אַ טרייסט אין פריהלינג.

ווייל דאָס איז אַזוי גוט און נוטצליך, דערפאַר האָבען די שטאָדטישע מוניציפּאַליטעטען איינגעזעהען, אַז די בעסטע זאַך איז, מען זאָל מאַכען אַזעלכע פּאַרקס פאַר׳ן גאַנצען פאָלק. דאָ, אין די פערייניגטע שטאַאַטען, זיינען מיר אַ גלייכער טהייל פון פאָלק און מיר האָבען אַ גלייכעם רעכט דערצו. קיינער שטערט אונז ניט צו קומען אין פּארק און זיך אַמוזירען גלייך מיט יעדען.

און מיר מוזען געדענקען גאַנץ גוט, אַז קיינער שטערט אונז ניט מיר זאָלען זיך אַמוזירען, ווייל ער איז אונזער פּארק גלייך מיט אַלעמענס. דערפאַר דאַרפען מיר אָבער אויך ניט פאַרגעסען, אַז ער איז יעדען׳ס פּארק גלייך ווי אונזערער, און דער מינדעסטען שאַדען וואָס מיר פעראורזאַכען, ערגערן מיר און קריינקען אַנדערע, וועמעס טהייל אייגענטהום עס איז.

דער שרייבער פון דיעזע צייל[ען] האָט אַ מאָל געהאַט אַן אַרגומענט מיט אַ אידען אין פּראָספּעקט פּארק איבער רייסען בלומען. נאָכדעם ווי מיר האָבען איהם איבערציייגט, אַז דער פּארק איז אויך יענעם׳ס אייגענטהום, האָט ער געענטפערט: „נו, נו, האָב איך אויסגעריסען מיין חלק״.

„האָט איהר שוין אַ מאָל געשאָלטען אייער ברודער אין טאַטען?״ האָבען מיר איהם געפרעגט.

„איך פערשטעה וואָס איהר פרעגט״, האָט ער געענטפערט. „קיין

ברודער האָב איך ניט, אָבער אַ שוועסטער האָב איך, און איך האָב זי געשאָלטען אין טאַטען, אָבער בלויז אין איהר חלק, ניט אין מיינעם".

אַלעס וואָס מיר האָבען געקענט טהאָן איז לאַכען און בעשטימען, אַז עס איז ניטאָ מיט וועמען צו ארגומענטירען.

אַלזאָ, ניט פאַר אַזעלכע מענשען שרייבען מיר. זיי איז ניט צו איבערצייגען מיט פערנינפטיגע ווערטער און ארגומענטען; פאַר זיי איז די בעסטע זאַך מען זאָל זיי ארעסטירען און בעשטראַפען מיט געלד און געפענגנענים ווי דער פאַל איז געווען מיט אַנדערע. פאַר אַזעלכע ברואים איז גוט אַ שטעקען.

מיר ווענדען זיך דאָ צו מענשען וואָס פערשטעהען אונז.

אונטער אמת'ע ציוויליזירטע מענשען איז מען זיך נוהג צו רעס־פעקטירען אַ פאָלקס גאַרטען.

מען טהאָר ניט און מען ברעכט ניט פון קיין בוים קיינע צווייגען, בלומען וואַקסען אום צו קוקען אויף זיי און דאָס אויג זעטעט זיך אָן מיט זייער שעהנהייט. ריכטיג, אַ בלום אין האַנד איז אויך שעהן, זאָגאַר זעהר שעהן, אָבער יענע בלומען מעג מען אַליין אויפציהען, אָדער קויפען; די בלום פון פאַרק איז אַלעמענס אייגענטהום, און פונקט ווי איך וויל ניט אַז אַנדערע זאָלען רויבען מיין פערגניגען, אַזוי דאַרף איך ניט רויבען אַן אַנדערנס פערגניגען.

ווען דער פאַרק איז זעהר גרויס און עס זיינען דאָ גענוג גראָז־פעלדער, דאַן בעשטימט מען געוויסע גראָז פעלדער פאַר די מענשען וואָס בעזוכען דעם פאַרק, איבערהויפט פאַר קינדער ארום צו לויפען און ארום צו טאַנצען. די איבריגע גראָז־פעלדער זיינען בעצייכענט מיט קליינע שילדען פון „קיפ אָף דהי גרעס" (טרעט ניט אויף'ן גראָז).

דיעזע שילדען זאָלען רעספעקטירט ווערען.

אויף די גראָז־פעלדער וואו מען מעג טרעטען, ערלויבט מען אויך זיך אָוועקצוזעטצען און עפּעס עסען וואָס מען נעהמט מיט.

איבער דער גאַנצער וועלט איז אַזאַ מנהג, זיך עפּעס מיט צו נעה־מען אין פאַרק. עס איז געוויס קיין עולה ניט, ווען מען טהוט עס אויך דאָ. אָבער מיר ווילען אויפמערקזאַם מאַכען ווי אַזוי דאָס זאָל געטהאָן ווערען.

די הויז־ווירטהין, וואָס געהט מיט, זאָל האָבען צו דיעזען צוועק

א ספּעציעלען קאָרב (בעסקעט), און וואָס זי האָט מיט צו נעהמען זאָל ניט זיין אין קיין פּליסענדע פאָרמע. די אַמעריקאַנערין ווייס פון סענדוויטשעס: זי מאַכט סענדוויטשעס פון טרוקענעם פלייש, קעז, פּוטער, לעטיוס (סאַלאַד) און געפּרעגעלטע אייער. דאָס אַלעס ווערט איינגעוויקעלט אין ריינע טיש האַנדטיכער. די דייטשען נעהמען זאָגאַר מיט פלעשלעך ביער.

אָבער מען מוז אויפּפּאַסען וואו מען עסט.

מען זעצט זיך אַוועק אויפ'ן גראָז און מען שפּרייט אויס א גרויסען האַנדטוך אָדער טישטוך. דאַן נעהמט יעדער זיין האַנדטוך, פּונקט ווי מען זאָל זיטצען אין דער היים ביים טיש. מען עסט רוהיג, און געמיטהליך. אויב עס זיינען דאָ קליינע קינדער, לאָזט מען זיי, וועהרענד דעם עסען, ניט אַרומלויפען מיט דעם „כזית" אין האַנד זיי ווערען צוריקגעהאַלטען אזוי לאַנג ביז אַלעס איז פאַראיבער. דאַן נעהמט מען צוזאַמען ניט נאָר די שטיקלאַך פּאַפּיער, נאָר אויך די ביינדלאַך, ברעקלעך, און פלעשלעך און מען לאָזט קיין זאַך ניט איבער.

אַלעס ווערט אריינגעלעגט צוריק אין בעסקעט און דאָס טראָגט מען ענטוועדער אין גאַנצען אהיים, אָדער ביז צו א פּלאַטץ וואו עס געפינט זיך א פּעסעל פאַר אָבפאַל און מען וואַרפט עס דאָרט אַוועק.

דאָס איבערלאָזען פון „שיריים" אין די פּאַרקס, האָט אונז אידען אין דיעזען לאַנד, ניט געמאַכט קיין גוטען נאָמען.

מיר פערשטעהען גאַנץ גוט, אַז יונגע מענשען זיינען ראָמאַנטיש; מיר בעגרייפען אויך, אַז יונגע מענשען ווילען זיך אומאַרמען און אבדריקען א קוש. אָבער אויף אַלעמען איז דאָ אן אָרט, אויף יעדער זאַך דאַרף זיין א צייט.

יענע מענשען וואָס זוכען אויף ספּעציעל די פינסטערע ווינקלען פון א פּאַרק, אום דאָרט צו קענען פערברענגען, זיינען ווייט, ווייט ניט קיין שעהנע מענשען, זיי זיינען צו שפּאָט און צו שאַנדע, און יעדער זויבערער לאַכט פון זיי.

אַנשטענדיגקייט שפּיעלט א גרויסע ראָלע אין אונזער לעבען. מיר דאַרפען זיין אַנשטענדיג וואוהין מיר קומען און וואוהין מיר געהען.

דער פּאַרק דאַרף פאַר אונז זיין א געגענד וואו מיר זאָלען געהען

פערברענגען אַ שטונדע אָדער צוויי, צווישען גרינע בוימער, צווישען הערליכע בלומען און צווישען שמעקענדען גראָז, אָבער קיינמאָל ניט פערגעסען אַן דער אנשטענדיגער האַלטונג וואָס מיר זיינען שולדיג אַנדערע און זיך זעלבסט.

איינִיגע מאָל האָט עס שוין פּאסירט, אין די גרויסע אַמעריקאַנישע שטעדט, ווען עס זיינען געמאַכט געוואָרען ארעסטען אין די פּארקס פאר ניט אָרענטליכער אויפפיהרונג. איהר קענט זיך פאָרשטעלען די חרפּה און די בושה?



# צווייטער טהייל

## ליעבע, הייראטה און פאמיליען-לעבען.

# ל י ע ב ע

**וואָס מיר ווייסען און וואָס מיר ווייסען ניט פון ליעבע. — די נאַטור אַלס שדכן. — „אַ מאַן'ס הארץ דערגרייכט מען דורכ'ן מאַגען„. — ווי אַזוי אַנצוהאַלטען די געגענזייטיגע ליעבע — צוויי קערפּערס מיט איין נשמה ?**

---

וואָס איז ליעבע ?

דאָס צו פערענטפערן, איז פּונקט ווי צו פערענטפערן „וואָס איז גאָט ?"

ליעבע איז צוציהונג, איבערגעבענהייט, אָפּפערווילליגקייט, מיט־לייד, און נאָך און נאָך. און דאָך איז דאָס אַלעס נאָך ניט קיין ליעבע אין דעם זינן ווי מיר קענען און דארפען פערשטעהן, בעסער געזאָגט, פיהלען.

מיט איינעם וואָרט, ליעבע איז ניט עפּעס וואָס מען קען פאַר־שטעלען, נאָר מען מוז עס פיהלען, שפּירען און עמפּפינדען, ווי די דייטשען זאָגען.

אָבער גראַדע ווי מיר קענען רעדען איבער די תוארים, אַטריבו־טען אָדער מעשים פון גאָט, אַזוי קענען מיר אויך רעדען וועגען גע־וויסע אַטריבוטען פון ליעבע. דאָס וועט יעצט זיין אונזער אויפגאַבע.

אַ מאָל זיינען געווען און נאָך היינט זיינען דאָ מענשען, וואָס בעהויפּטען, אַז ליעבע צווישען מאַן און פרוי איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי די געשלעכטליכע אַנציהונג. זאָל די געשלעכט־ליכקייט פעהלען, דאַן הערט אַלעס אויף.

ווען דאָס זאָל זיין אמת, דאַן וואָלט מען געקענט צוזאַמענברענ־גען צוויי מענשען, אונגעפעהר פון די זעלבע יאָהרען, און זיי צו־זאַמענפּאַארען און זאָגען: „קינדערלאַך, לעבט זיך צוזאַמען און זייט גליקליך".

אַ ברכה איז עס אפילו ניט קיין שלעכטע, מאַנכע מאָל ווערט זי מקוים, אָבער דאָך איז עס ניט אימער דער פאַל, אַז אַזעלכע מענ־

שען זאָלען זיך ליעבען, אָפט מאָל פערקעהרען זיי געשלעכטליך, האָ־
בען קינדער, לעבען צוזאַמען, אָבער צו זייער אונגליק איז ניטאָ קיין
גרענעץ.

אמת, די נאַטור זוכט, אין איהרע געהיימניספאָלע וועגען, אויס־
צוגלייכען געוויסע זאַכען. צום ביישפּיעל, די נאַטור וועט צוזאַמען
פּאָארען פעט מיט מאָגער, הויך מיט ניעדעריג, ברייט־ביינערדיג מיט
צאַרטקייט, ברונעט מיט בלאָנד; דאַן אויך אויפרעגענדע מיט שטילע
נאַטורען. די נאַטור ווינשט א מין צומישונג, דאָס בעמערקען מיר
אין די אַנציהונגען פון מענשען. אָבער מיר זעהען אויך, אז די
נאַטור וויל אונבעדינגט, אין אַלע פעלע, דאָס שעהנע, אָדער, מן
המובחר. פון דעסטוועגען בעמערקען מיר, מאַנכע מאָל, ווי א יונגער
מאַן האָט פאַר זיך שעהנהייטען און גראַדע די זאַגענאַנטע פּאַסענדע
קאָנטראַסטען, דאָך זעהען מיר ווי ער פערליעבט זיך פּלוצלונג אין
איינער, וואָס ענטשפּרעכט ניט דעם געוועהנליכען נאַטור־וואונש. זי
איז אויך ווייט פון זיין שעהן.

מיר בלייבען ערשטוינט, און מיר פרעגען זיך: „וואָס איז דאָס?
האָט די נאַטור געמאַכט א טעות״?

ביי א גוטער אונטערזוכונג געפינען מיר אויס, דאָס אָבוואָהל
מיר וועלען עס קיינמאָל ניט פערשטעהען, דאָך האָט די נאַטור איהרע
ספּעציעלע גרינדע און אבזיכטען.

מיר ערבליקען אויך, אין אזא פאַל, ווי די צוויי אונגלייכע גלייכ־
הייטען קומען זיך צוזאַמען און בילדען איין קערפּער, פּונקט ווי דער
מאַגנעט וואָס בעשטעהט פון די צוויי פּאָלען, פּאָזיטיוו און נעגעטיוו.

דאַן בעמערקען מיר טאַקי אונפערשטענדליכקייטען: צום ביי־
שפּיעל, די ליעבע פון איין זייט און דער האַס פון דער צווייטער.
מיר פרעגען זיך: וואָרום, ווען די נאַטור גיט ליעבע פון איין זייט,
פאַר וואָס טהוט זי אויך ניט דאָס זעלבע פון דער צווייטער?

מיר פערשטעהען עס ניט.

אָבער ניט דאָס איז דער עיקר.

ביי דער ליעבע וואָס קומט פון ביידע זייטען צווישען צוויי אונ־
גלייכע פּערזאָנען, ערשיינט א וואונדערבאַרע פּרוכט: א פּאָלקאָמע־
נעס קינד; פּאָלקאָמען אין קערפּער, פּאָלקאָמען אין גייסט. מיר
ווילען ניט זאָגען, אז דערביי זיינען ניטאָ קיין אויסנאַהמען, אָבער,

ווי געוועהנליך, אדער אין דער רעגעל, פראָדוצירען אזעלכע מאן און ווייב גוטע און געזונדע קינדער.

אלעס וואס מיר קענען דא זאגען, איז: „דאס האט די נאטור געוואלט!"

גוט, אבער מיר זעהען דאך אויך, אז צוויי מענשען, וואס זיי־נען זיך ניט צוזאמענגעקומען דורך יענעם געטליכען ליעבעס־פייער, לעבען זיי זיך דאך צוזאמען, האבען גוטע און געזונדע קינדער און זיינען גליקליך. ווי איז דערביי דער פאל?

דערביי איז פאלגענדער פאל:

ווען צוויי מענשען הייראטהען זיך בלויז דערפאר, ווייל זיי ליעבען זיך מיט יענעם געהיימניספאלען פייער פון ליעבע, וואס מיר קענען ניט ערקלעהרען, דאן זיינען זיי ווי די צוויי פרייע חיות אין פעלד, וועלכע בעגעגענען זיך און פעראייניגען זיך בלויז ווייל די נאטור אליין האט זיי צוזאמענגעבראכט וואס עס אנבעלאנגט ווידער די קינסטליכע צוזאמענפיהרונג, איז זי צו פאַרגליכען צו דער פאארונג פון חיות אונטער דער אויפזיכט פון חיות־ערציהער.

נעהמט, למשל, דעם מאן וואס ערציהט פיינע הינט. פאר אלע־מען, ווייס ער, אז מען דארף אכטונג געבען ניט צו פערמישען דאס ראסען מין. דאס דערמאהנט אונז אן די ווייסע פון זיד־אמעריקא, וואס ווילען זיך ניט פעראייניגען מיט נעגער־בלוט. דאן זוכט דיע־זער מאן אז אי דער הונד, אי די צויג, זאלען זיין פון א געוויסען גרויס, האבען געוויסע פעל־פארבען און זיין, אונגעפעהר אין איין על־טער. דאס דערמאהנט אונז אן דעם געניטען שדכן צווישען מענשען, וועלכער זוכט אויך אזעלכע צוזאמענפאארונגען. דאס וויכטיגסטע וואס דער חיות־ערציהער גיט אכטונג, איז, ניט צו פערמישען צו נאהענטעס בלוט, ווייל דאס ברענגט קראנקהאפטע און נערוועזע הינטלעך. דער־פאר, שיינט עס, איז אויך פערבאטען געווארען ביי מענשען די פערוואנדטשאפטס־הייראטה.

דערמיט ענדיגט זיך ביי די חיות די קינסטליכע פעראייניגונג. ביי מענשען געהט זי נאך ווייטער. דער יונגער מאן זוכט א פרוי א ווירטהין, א געלעהרענטע, א געבילדעטע, און זי זוכט אן אנשטענ־דיגען, א פערדיענער און א פלייסיגען. ער טהאר אויך ניט זיין קיין ליידענשאפטליכער טרינקער, שפיעלער און צולאזענער.

און פונקט ווי ביי חיות קענען אזעלכע פראסטע פעראייניגונגען פראדוציזירען גוטע און געזונדע קינדער, אזוי קענען זיי אויך ביי מענשען. אבער, ביי חיות, ווערט באלד די געזעלשאפטליכקייט אונטערבראכען, און ביי מענשען פאנגט זי אן מיט דער ערשטער געמיינשאפטליכער געשלעכטליכער אינטערעסע.

און דערמיט קענען מיר זאגען שטעהט דער מענש העכער ווי אלע אנדערע חיות אין דער וועלט. די געזעלשאפטליכע אינטערעסע מעג ניט זיין פערבונדען מיט יענער הארץ־פלאטערענדע ליעבע פון די ראמאנטיקער, קען זי זיך אבער ענטוויקלען און זיין נאך דויערהאפטער ווי אזא ארט ליעבע.

מיר װעלען עס ערקלערען.

די הארץ־פלאטערענדע ליעבע פון ביידע זייטען מעג זיך זיין א גאנץ וויכטיגער פאקטאר צו דער פראדוקציאן פון קינדער ווי די נאטור וויל זיי האבען, אבער די נאטור פון ביידע מענשען, אין אנדערע בעציהונגען, זאל גאר ניט שטימען. אויב ער איז א לעבהאפטער, ליעבט ער ניט אין איהר די צו שטילקייט; אויב זי איז פון א צוריקגעצויגענע נייגונג, קען זי ניט דולדען זיין צולאזענקייט; אויב ער איז א ריינער, א זויבערער, קען ער ניט ליידען ווען זי איז ניט קיין ווירטהין, און אזוי ווייטער.

דערפאר זעהען מיר, אפטמאל, אז אזעלכע הייראטהען ענדיגען זיך זעהר ניט גוט.

דאגעגען ווידער, די אנדערע הייראטה, וואס בעזיצט ניט, אין אנפאנג, די הארץ־פלאטערענדע ליעבע, האט זי אבער צוויי מענשען וואס קענען זיך פערשטעהען, וואס קענען סימפאטיזירען איינער מיט אנאנדער.

אויב זי איז א גוטע ווירטהין און א גוטע קעכין, קען זי, אפטמאל, געווינען א מאן, וואס ליעבט אזעלכע זאכען, מעהר ווי מיט אלעם אנדערע אין דער וועלט.

די בעהויפטונג, אז „א מאן'ס הארץ דערגרייכט מען דורך'ן מאגען”, איז ניט קיין וויטץ, נאר א גרויסע און וויכטיגע וואהרהייט. מיר וועלען ניט איבערטרייבען ווען מיר וועלען זאגען, אז 75 פראצענט פון די גליקליכע געזעלשאפטליכע, אדער צוזאמענגעפיהרטע

הייראטהען, ווערען פארטגעזעטצט אין אזא צושטאנד נאר דערפאר, ווייל די פרוי איז אזא ווירטהין, וואס דער מאן האט ליעב, און זי איז גליקליך וואס ער פערוועדטהעט איהר ווירטהשאפטליכקייט.

א צוגעראמטעס צימער, א געשמאקער פריהשטיק און א ריינעס טאשענטוך האבען מעהר אויפגעטהאן אין פערהייראטען לעבען צו בעפעררערן דאס גליק, ווי די הארץ־פלאטערענדע ליעבעס.

א קאמפלימענט פאר דער פרוי'ס פעהיגקייט, א דאנקבארער בליק און א גוט־מוטהיגער שמייכעל, האבען איהר בעלוינט פיעל מעהר ווי די זיידענע קליידער מיט גאלד און בריליאנטען וואס מאנכע קויפען זייערע פרויען ווייל די מאדע פאדערט עס.

„א ווייסעס סערוועטעל, צוויי פיין־געפרעגעלטע אייער אויף א קריסטאל־קלארען טעלער, א דאמפפענדע טאסע קאווע און א פאאר פיין־געשניטענע שטיקלעך ברויט, האבען מיר צום ערשטען מאל, פעראייניגט אין אן אייביגען בונד מיט מיין פרוי."

דיעזע ווערטער האט געזאגט דער אונשטערבליכער דיזראעלי, אדער לארד ביקאנספיעלד, וועלכער האט געהייראטה מיט א פרוי, עלטער פון איהם מיט א פופצעהן יאהר, און מיט וועלכער ער האט אבגעפיהרט די גליקליכסטע וועלט. נאך מעהר, ער האט מיט איהר קיין קינדער אויך ניט געהאט.

אבער דער טיש אליין און דאס ריינע צימער, זיינען נאך ניט אימער אלעס. דאס פיהרט בלויז צו א בעסערער און אינטימערער בע־קאנטשאפט. דערפון ענטשטעהט א מין איינשטימונג צו איין גע־שמאק און א צוגעוועהנונג צו די נאטורען.

דער גרעסטער פרעסער אין דער וועלט, איז דער מענש. ווער עס פערפעהלט צו זעהען דיעזען פאקט און איהם אויסניטצען, פער־פעהלט אויך צו בעגרייפען די שוואכסטע זייט פון דער מענשליכע נאטור. די פערנינפטיגע פרוי נוטצט אוים דיעזען פאקט.

און דאס טהוט ניט נאר די ארעמע, זאנדערן אויך די רייכע פון די רייכסטע, וואס פערשטעהט, דאדורך, ווי צו צובינדען איהר מאן צו זיך.

דאן קומט דער געדאנקען־אויסטויש פון מאן און ווייב. אויב זיי קענען נאך טהיילען איין אידעאל, איין נייגונג און איין שטרע־בונג, ווערט זייער לעבען איינס און קען ניט צושיידט ווערען.

די געוואלטיגסטע אינטערעסע אין פערהייראטען לעבען שפּיעלען די קינדער.

ווי געוועהנליך ליעבען ביידע עלטערן זייערע קינדער. דורך דיע־זער ליעבע קריגען ביידע א געמיינשאפטליכע אויפגאבע אין לעבען, וואס פערזיכערט זייער צוזאמענהאלטונג אפילו ווען די הארץ־פּלא־טערענדע ליעבע איז נאך ניט ערשיענען.

דאס וויכטיגסטע ביי אזעלכע הייראטהען איז, וואס צוויי מענ־שען, וועלכע האבען זיך פעראייניגט אויסדריקליך בלויז דורך בע־קוועמליכקייטס־אינטערעסען און אזוי אבגעלעבט א היבשע צייט, פער־שפּירען, פּלוצלונג, יענע הארץ־פּלאטערענדע ליעבע, וואס קומט מיט דעם ווילדען שטורם איידער מען איז פערהייראטעט.

דיעזע ליעבעס זיינען א מין דערמאהנונג פאר דער נאטור, וואס האט, לכתחילה, גאר ניט גערעכענט, אויפצו־וועקען די געהיימניספאלע ליעבע־געפיהלע פון אזעלכע מענשען.

און מיר בעמערקען ווייטער, אז ווען אזא ליעבע קומט, דאן איז זי די שטארקסטע און דויערהאפטעסטע. דיעזע ליעבע איז, אונ־געפעהר, די פאלקאמענע, ווייל זי איז ניט קיין רעזולטאט פון דעם מאמענט, זאנדערן פון א נאהענטע בעקאנטשאפט, פון א פאל־שטענדיגער בעוואנדערונג מיט אלע מעלות און חסרונות פון די ליעבענדע.

אפטמאל בעמערקען מיר, אז אזא ליעבע ענטשטעהט צווישען צוויי מענשען, וואס האבען ביידע גרויסע חסרונות פאר דער גאנ־צער וועלט, נאר ביי זיי זיינען דיעזע חסרונות מעלות; זיי האבען זיי ליעב.

זייערע שטרעבונגען ווערען איינע, זייערע נייגונגען דיזעלבע און זייערע ציעלען פעראייניגען זיך. מיט איינעם ווארט, אזעלכע פערליעבטע זיינען ווירקליך צוויי פּאסענדע קערפּערס מיט איין נשמה.

# די בליץ־ליעבע

**ליעבע ביים ערשטען אנבליק. — א פילאזאפישע ערקלעהרונג וועלכע ערקלעהרט ניט. — בליץ־ליעבע ביי עלטערע מענשען. — געפאהרען פון דער בליץ־ליעבע ווי עס איז בעוויזען אין ביכער און אין לעבען.**

---

אין ראמאנען, נאוועלען און ליעבעס־פאעזיען, לעזען מיר אפט איבער דער פלוצלינגער ליעבע, בעסער געזאגט, איבער דער בליץ־ליעבע וואס קומט מיט אונגעהייערער שנעליגקייט. אבער, זי פערגעהט ניט אזוי שנעל ווי דער בליץ.

מענשען, וועלכע האבען קיינמאל ניט געהאט אזא ערפאהרונג, קענען זיך גאר ניט פארשטעלען אזא מין ליעבע, אבער אזעלכע וואס האבען עס דורכגעלעבט בעהויפטען, אז וואס מען זאל ניט שרייבען דאריבער, וועט מען עס אלץ ניט קענען ערקלערען גענוי וואס עס איז.

די בליץ־ליעבע קומט אונגעפעהר אזוי :

מען שטעלט פאר א יונגען מאן פאר א יונגע דאמע, א יונגער מאן בעגעגענט א יונגע דאמע ניט פארגעשטעלט, א דאמע בעמערקט א יונגען מאן פארבייגעהען, מען קומט זיך צום ערשטען מאל פנים־אל־פנים, און, פלוצלונג שפירט מען א מין ווארעמעס אונאנגענעהמעס געפיהל, וואס צושפרייט זיך איבער'ן גאנצען קערפער. מען וויל זיין נאהענט נעבען דער פערזאן וואס האט געמאכט דעם טיעפען איינדרוק, און דאן — דאן פאלגט א צוציהונג, א פערלאנגען, א בייקעניש, מען זאל זיין אינאיינעם, צוזאמען.

גרויס און מעכטיג איז דיעזע ליעבע. כמעט אימער, ביי אזא ליעבע, פאלט גאר ניט דער ערשטער געדאנק אויף מענשליכקייט ; עס איז א מין פערגעטערונג, א שטילע אנבעטונג, א גייסטיגע פערעהרונג ; די געליעבטע פערזאן איז אזוי ליעב, דאס מען וואגט אפילו ניט זי צו בעריהרען, א בעריהרונג ווירקט כמעט ווי אן עלעקטרישער שטראם.

ניט אומזיסט האט מען אמאל, און אין מאנכע ערטער, אויך יעצט, בעצייכענט דיעזע ליעבע מיט'ן נאמען „פער'כישופ'ט".

עס איז א פּאַסענדער נאָמען, ווייל פּונקט ווי מיר קענען ניט ערקלערען וואָס כּישוף איז, גראַדע אזוי קענען מיר ניט דעפינירען דיעזע בליץ־ליעבע.

ווען מיר פרעגען זיך: „ווארום קומט דיעזע ליעבע אזוי שנעל, אזוי שטירמיש, אזוי בליץ־פאַרמיג?" דאַן פאַנגען מיר אָן צו פי־לאָזאָפירען, און זאָגען, מסתמא האָט די נאַטור דערשפּירט די אַפּיניטעט אָדער די פּאַסיגע־פּאַסיגקייט, זיווג, און זי, (אַלץ די נאַ־טור) וויל צוזאַמענברענגען אזא פּאָאַרעל צום צוועק פון פּאָלקאָמענע קינדער.

אזוי איז די פילאָזאָפיע, נאָר די טרוקענע פּראַקטיק שטימט ניט אימער איין מיט דיעזער פילאָזאָפיע.

פאַר אַלעמען בעמערקען מיר, אַז ניט נאָר איז דער יונגער, פּראָ־דוקט־פעהיגער מענש אונטערוואָרפען צו דער בליץ־ליעבע, זאָנדערן אויך אפילו דער עלטערער, וואָס קען שוין מעהר ניט פּראָדוצירען ווי געהעריג איז. מען האָט בעמערקט, אַז צווישען די עלטערע מענשען קומט די בליץ־ליעבע פּונקט אזוי אָפט פּאָר ווי צווישען די יונגע. דאַן איז זי ניט אימער פּאַסענד, דאָס הייסט, די פערליעבטע זיינען ניט אַלע מאָל פון א פּאַסענדער עלטער. דאָס ערגסטע איז, וואָס ניט ביידע ווערען אימער געטראָפען פון דעמזעלבען ליעבע־בליץ.

אין די אַלטע און פּרימיטיווע צייטען, בעגרייפען מיר, איז ניט געווען נויטהווענדיג די איינשטימונג פון ביידע צדדים. ליעבען האָט נאָר בעדאַרפט ד'ער מאַן. ווען א מאַן איז געטראָפען געוואָרען, ווי מען פלעגט עס רופען, פון אַמאָר'ס פייל, דאַן האָט ער באַלד פּרוּ־בירט צו קריעגען דאָס פרויענצימער. פריהער האָט ער זיך געווענדעט צום פאַטער. ווען דער פאַטער האָט ניט איינגעשטימט, אָדער זי האָט גאָר געהאַט א מאַן, דאַן האָט דער געליעבטער, איינפאַך אַוועק־גערויבט דאָס פרויענצימער, זי ניט פרעגענדיג אויב זי שטימט איין אָדער ניט.

היינטיגע צייטען נעטהיגט מען זיך שטאַרק אין אַן איינשטימונג פון ביידע זייטען. אָבער, אפילו ווען דיעזע איינשטימונג איז שוין דא, דאַן דאַרף מען זיין זעהר פאָרזיכטיג. ווייל די בליץ־ליעבעס, טראָטץ זייער „געטליכקייט", זיינען זיי אָפט זעהר אונפּראַקטיש און ענדיגען זיך טראַגיש.

די בליץ־ליעבע איז א געפיהל וואס קומט ניט פון איבערלעגונג און בערעכענונג, דערפאר דארף דער מענש מיט שכל זעהען בענוטצען זיין פערשטאנד אין אזא ענין.

עס איז שווער דא צו רעדען דורכאוים אבסטראקט, אדער גלאט אזוי אין דער וועלט אריין. מיר וועלען אויך דערפאר ברענגען צוויי ביישפיעלע, וועלכע וועלען אילוסטרירען אמבעסטען אזעלכע ליעבעס.

גיו דע מאפאסאן, א מענש וואס האט געקענט די מענשליכע נאטור פון פערזענליכען שטודיום, דערצעהלט אזא געשיכטע:

מאנסיע הענרי וואלעריאן, 32 יאהר אלט, א בכבוד'ער מענש, ניט פערהייראטה, האט איינמאל בעגעגענט א פרויענצימער מיט דעם נאמען אננעט.

אננעט איז געווען זעהר שעהן, אבער, אן אויסגעלאסענע. ער האט צו איהר געשפירט די שוואך־בעשריעבענע בליץ־ליעבע. האט זי אויך געשפירט דיזעלבע ליעבע צו איהם? זי האט עס גוזאגט, נאר ער האט איהר ניט געקענט גלויבען.

וואס זאל מען טהאן? ער האט אלעס גאנץ רוהיג און קאלט אי־בערלעגט און געקומען צום בעשלוס, דאס ווען ער זאל מאכען דעם שריט און הייראטהען אננעט'ן, דאן וועט ער אונגליקליך מאכען זיין גאנצע פאמיליע מיט דער שאנדע; ער אליין וועט אימער וויסען, אז זיין לעבענס־בעגלייטערין איז געווען די בעט־גענאסין פון יעדען לומפ און שארלאטאן, פאר געלד. דאס טרויעריגסטע דערביי איז, וואס ער איז גאר ניט זיכער געווען, אז אננעט וועט שליעסען איהר קאריערע פון אויסגעלאסענהייט ווען זי וועט איהם הייראטהען.

וואלעריאן האט אנגעהויבען פרובירען. ער האט אננעט'ן אוועק־געשיקט אין א שולע, לערנען, שטודירען. ער האט זי בעזארגט מיט אלעמען וואס זי האט בענעטהיגט. בייגאהע א יאהר האט זי זיך אויפ־געפיהרט לפנים אנשטענדיג, דאן האט זי צוריקגעקעהרט צו איהר פריהעריגעם לעבען, כאטש וואלעריאן האט זי טעגליך ארומגערינ־געלט מיט זיין הייליגע ליעבע און ריינע צערטליקייט.

ער האט איהר געגעבען א סומע געלד און א גוטע עצה און זי געלאזט געהען.

מיט צעהן יאהר שפעטער, ווען אננעט האט ארומגעוואנדערט איבער די גאסען מיט שיכור'ע מאטראזען און וואלעריאן איז געווען

פערהייראטעט צו אן אנשטענדיגע און בילד־שעהנע דאמע און מיט איהר געהאט קינדער, האט ער איינמאל בעגעגענט אננעט'ן. צו זיי־נעם א פריינד האט ער געזאגט:

„זעהסטו יענע אבשייליכע געזונקענע? איך ליעב זי נאך עד־היום מעהר ווי מיין אייגענע עדלע פרוי און מוטער פון מיינע קינ־דער. אבער איך בין צופריעדען וואס איך האב מיך ניט געלאזען בעהערשען פון מיינע געפיהלען אליין, וואס מיין פערשטאנד האט געזיעגט איבער מיר."

דער צווייטער־פאל איז פאלגענדער:

פאסירט האט עס מיט א יאהר פופצעהן צוריק אין ניו־יארק. א געוויסע מיסעס העלען פאסטער, 28 יאהר אלט, זעהר א שעהנע און די פרוי פון א רייכען געשעפטסמאן, האט זיך פערליעבט אין איהר קוטשער. זי האט געשפירט יענע בליץ־ליעבע און זיך ניט גע־קענט בעהערשען. זי האט אבער געוואוסט, אז ענטלויפען מיט'ן קוטשער, הייסט פאר איהר רואינע. זי האט זיך דאן בעראטהען מיט איהר אייגענעם ברודער וואס עס איז צו טהון. דער ברודער האט איהר געזאגט, אז זי האט צוויי וועגען: ענטוועדער אוועקצוגעהען מיט'ן קוטשער און ערוואַרטען, אז ער, דער ברודער, זאל זי אויפ־זוכען און דערשיסען מיט'ן קוטשער, אדער, ווען זי קען ניט זיין קיין בעל־הבית איבער זיך, זאל זי זיך אליין דערשיסען.

מיסעס פאסטער האט זיך גענומען דאס לעבען. זי האט, אין א בריעף, מיטגעטהיילט דעם מאן, וואס עס איז געשעהען.

אט אזוי שרעקליך איז די בליץ־ליעבע. זי איז ניט מבחין ווע־מען זי ליעבט: וואלעריאן האט זיך פערליעבט אין אן עקעלהאפטע גאסען־פרוי און זי ניט אויפגעהערט צו ליעבען; מיסעס פאסטער האט זיך פערליעבט אין א שכור'ען קוטשער, א גראבען יונג.

דערפאר, זאגען מיר, אז מענשען מיט שכל, טארען זיך ניט לא־זען הינרייסען פון אזעלכע ליעבעס.

מען מוז אימער נעהמען דעם קאלטען פערשטאנד צו הילף און אויסהערען זיינע איבערלעגטע עצות.

געהען צו ווייט הייסט, אפפערן א גאנצעס לעבען פאר איין מאמענט בעטויבענדעס פערגניגען. אין דיעזען פאל מעגען מיר זא־

גען : „עס איז בעסער צו טראגען אן אייביגען וועהטאָג אין הארצען איידער זיך בעגראבען לעבעדיגערהייט מיט א בושה אין פנים.״

מיר מענשען האָבען געוויסע מאַניערען, מנהגים, קאָנוועטציאָנאליטעטען, אָדער געזעלשאפטליכע איינפיהרונגען ; כל־זמן מיר ווילען פאַרטזעטצען צו לעבען אין דער געזעלשאפט, דארפען מיר אכטען די געזעלשאפטליכע אנזיכטען.

די לעצטע בעהויפטונגען איבער אזעלכע ליעבעס, זיינען, אז זיי שטאמען פון א קראנקהאפטען צושטאנד פון דער נשמה. מיר ווייסען ניט, אויב מען קען זיי קורירען. זיכער איז עס אָבער, אז ווער עס פאָלגט נאָך דעם אימפולס אליין, די מאָמענטאַלע נייגונג, האָט 99 פראָצענט געלעגענהייט חרטה צו האָבען.

---

# די מעלות וואס א פרוי זוכט אין א מאן

מענער וואָס קענען זיך פערשטעלען. — די מייסטע פרויען זוכען שטאַרקע מענער, גבורים. — געזונדע שטאַרקע פרויען זוכען גייסטיגע מעלות. — דעם מאַן׳ס קליידונג איז די ערשטע זאך וואָס א פרוי בעמערקט. — בענעהמונג און מאַניערען די וויכטיגסטע מעלות וואָס א פרוי קען שעטצען. — די פפליכט פון מענער צו פיהרען א ריינעם לעבען.

---

עס זיינען דאָ, לײדער, אנשטענדיגע, גוטע און נאָבעלע מענער, וואָס וואלטען געקענט גליקליך מאכען א סך גוטע פרויען ; וואָס וואָלטען געקענט ארויסרופען ליעבע און אכטונג, אָבער זיי בעזיטצען ניט די האלטונג, די שטעלונג און אויפפיהרונג פון דעם מאן, וואָס א פרוי קען ליעבען.

צום גליק געפינען זיך פרויען, וועלכע ענטדעקען אין אזעלכע מענער זייער וואהרע נאַטור, אָבער זיי זיינען אזוי ווענינ, דאָס פיעלע בלייבען דערפאר ניט פערשטאנען אויף א גאנצעס לעבען.

זאָלא מאָלט א קלאסע מענער, וועלכע בעזיטצען ניט אפילו א פונק פון דער וואהרער מענליכקייט, נאָר זיי זיינען גוטע אקטיאָרען,

שפּיעלען אַן אויסגעצייכענטע ראָלע און אויף אַזאַ אופן געווינען זיי כמעט אירגענד אַ פּרויענצימער. דאָס זיינען די „ווילדע חיות בצורת אדם, בעקאַנט, אין אייראָפּאַ, אַלס „אַלפאַנסען" און אין אַמעריקאַ אַלס „קאַדעטען". זיי געפינען זיך אין יעדער שיכטע פון דער געזעלשאַפט, און דאָס פרויענצימער דאַרף בעזיטצען אַ גאַנץ פיינעס געפיהל אום צו קענען אונטערשיידען פון דעם עכטען ביז צום פאַלשען.

וואָס בעוואונדערט די פרוי? וואָס זוכט זי אין מאַן? וואָס פערלאַנגט זי פון איהם? וואָס איז איהר אידעאַל?

פונקט ווי עס זיינען דאָ פערשיעדענע פרויענצימער, אַזוי זיינען אויך דאָ פערשיעדענע פאַרשטעלונגען. אָבער מיר ווילען רעדען אין אַלגעמיינעם.

דער ערשטער אידעאַל וואָס די פרוי געפינט אין אַ מאַן, איז זיין גוטסקייט, עדעלקייט און צאַרטקייט. אָבער, דאָס מוז האָבען אַ גרענעץ, עס מוז ניט אוועקגעהען ביז צו דער פעמיניטעט, אָדער ביז צו דער ווייבליכקייט. דער מאַן, מיט זיין גוטסקייט, עדעלקייט און צערטליכקייט, מוז אויך אין זיך בעזיטצען דעם מענליכען שטאָלץ, זאָנסט רופט איהם אָן דאָס פרויענצימער „אַלטע באָבע".

דיעזער נאָמען, „אַלטע באָבע", צו בעצייכענען אַ פערווייבליכטען מאַן, געפינט זיך כמעט אין אַלע שפּראַכען און ווערט, מייסטענטהיילס, געברויכט פון די מיידלעך, וועלכע בעגעגענען זיך מיט מענער.

די פרוי איז געוועזען זייט פיעלע טויזענדער יאָהרען דאָס שוואַכע געשלעכט, אָבהענגיג פון דעם מאַן, אונטערוואָרפען צו זיין שוטץ. אַז אַזוי דאַרפען זיין מענער, בעשיצער, איז געוואָרען, ביי איהר, כמעט אַ צווייטע נאַטור. אויב דער מאַן איז ווידער ניט מעהר ווי אַן „אַלטע באָבע", תמיד שעפּטשענדיג צערטליכקייטען און ניט מעהר, דאַן איז ער ניט דער עכטער אַרטיקעל.

די גרעסטע, פּראָמינענטעסטע און געבילדעטסטע פרוי, וויל האָבען אַ מאַן, וועלכער זאָל, ווענינגסטענס אין מאַנכע בעציהונגען, זיין העכער פון איהר.

ווען זי איז אַ קליינינקע, אַ צאַרטע, אַ שוואַכע, דאַן בעוואונדערט זי אין מאַן זיין קערפּערליכע קראַפט.

פרויען האָבען אַ געוואַלטיגע נייגונג צו אַטהלעטען. דאָס דער-

מאהנט אן יענע צייטען, ווען די פרוי איז געווען אם גליקליכסטען, ווען איהר מאַן האָט געהאט מוסקלען וואָס האָבען זי בעשיטצט מיט איהרע קינדער קעגען אלערליי געפאהרען.

מוסקולעזע פרויען, אָדער פרויען וואָס זיינען מעהר אָבגעגעבען מיט'ן חומר, האָבען גראדע ליעב אין דעם מאַן גייסטיגע סופעריאָריטעט, גרויסקייט פון קאָפּ, פון מח.

פרויען, וואָס ווערען ניט בעגייסטערט, וואָס פיהלען גראדע ניט זעהר שטארק די פּאָעזיע פון דער נאטור, זיינען אָפטמאָל די פערגעטערער פון דעם צארטען פּאָעט.

יעדענפאלס, ווייל די פרוי, אז דער מאַן זאָל שטעהען העכער פון איהר ווענינסטענס מיט עפּעס, און דיעזע הויכקייט מאכט פון איהם דעם מאַן.

אלזאָ, די פרוי פערעהרט דעם מאַן פאר זיין גוטסקייט, צערטליכקייט און איבערגעבענהייט, אָבער דיעזע מוזען האָבען א גרענעץ, און דאַן זאָל אָנפאנגען דער מאַן, די סופּעריאריטעט פון דעם מאַן.

פרויען זיינען א סך ווייניגער מקפּיד אויף שעהנהייט ווי דער מאַן. ביי זיי מאכט אָפט גאָר ניט אויס וואָס פאר א פּנים דער מאַן האָט. זיי זוכען אָבער, אונבעדינגט, א ריינע און ליעבענדע נשמה.

פאר דעם טעות, דאָס הייסט, מיינענדיג, אז דאָס בעזיטצט דער מאַן, ווען זי ליעבט, האָט שוין ניט נאָר איין פרוי פערלוירען איהר וועלט.

עס שפּיעלט א גרויסע ראָלע ווי דער מאַן איז געקליידעט. מיר ווייסען גאַנץ גוט, אז „אונטער שמאטעס קלאַפּט אָפטמאָל א נאָבעלע נשמה" ; מיר ווייסען אויך, אז אין די פיינסטע קליידער שטעקט ניט זעלטען א גרויסער לומפּ, אָבער, פערפאַלען, די וועלט זאָגט, אז „קליידער מאכען לייט", און מען קען פון דיעזען שפּרוך ניט אוועקגעהען.

די פרוי איז, ווי געוועהנליך מעהר קריטיש איבער איהרע קליידער אין ערשיינען ווי דער מאַן. ווען א מאַן דערזעהט א פרויענצימער, וועט ער פריהער קוקען אויף איהר פּנים, דאַן אויף איהר פיגור. א סך מאָל בעמערקט ער גאָר ניט, וואָס פאר א קלייד זי

טראָגט. די פרוי ווידער וועט באַלד שטודירען דעם מאַן'ס קליי־דונג.

א מאַן זאָל זיין מענש גענוג צו קענען פערדיענען אזוי פיעל, אום ער זאָל זיין אימשטאַנד זיך אנשטענדיג צו קליידען. די קליי־דער, ביז צו א געוויסען גראַד, ווייזען אָן אויף זיין פּראָספּעריטעט. א פרוי, זעלבסטפערשטענדליך, קען דאָך ניט געהען הייראַטהען קיין בעטלער. אָבער דאָס איז אויך ניט אַלעס. די קליידער, לויט דער פרוי'ס אנזיכט, שטעלען פאָר, מעהר אָדער וועניגער, דעם מענשען'ס כאַראַקטער. עס איז א רעגעל מיט א סך אויסנאַהמען, אָבער די פרוי ווענדעט זיך ניט צו די אויסנאַהמען.

דערפאַר, ווען דער מאַן וויל מאַכען א גוטען איינדרוק אויף א פּרויענצימער, דאַרפען זיינע קליידער זיין ריין, זויבער און — פּאַסענד.

פּאַסענד, דאָס שפּיעלט א הויפּט ראָלע.

די פרוי איז דער גרעסטער קריטיקער איבער קליידער, און זי וועט אייך באַלד זאָגען, אונגעפעהר, וואָס פאַר א מאַן דאָס איז, לויט די קליידער.

פערגעסט ניט, מיר רעדען דאָ פון עכט ציוויליזירטע מדינות, וואו די „ניכטערנהייט" אין מלבושים איז די הויפּטזאַך.

א מענש, וועלכער קען ניט די וועלט, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין שום געזעלשאַפטליכע אבריכטונג, וועט זיך אנטהון קליידער, וואָס אַפּעלירען צו איהם אליין, אָבער ניט צום אַלגעמיינעם מענשען, אָדער צו דער עקזיסטירענדער מאָדע.

זיין געשמאַק מיט דער אַלטער מאָדע קענען זיך זיין גאַנץ גוט, נעווים אונשעדליך, אָבער זיי בעצייכענען באַלד א פּערזאָן, וואָס פער־קעהרט ניט אין געזעלשאַפט.

דאַן קומען די קאָלירען.

עס זיינען דאָ פּרויענצימער, וואָס וועלען אויך איבערלעזען א מאַן'ס געזעלשאַפטליכע שטעלונג פון זיין קראַוואַט (נעקטאַי), אנדע־רע נעהען נאָך ווייטער און לעזען דאָס פון זיינע האַנד־שוה, פון זיין טאַשענטיכעל.

א מאַן, וועלכער האַנדעלט ניט ווי מען בעדאַרף, אין זיין קליידונג, מאַכט אויף'ן פּרויענצימער אן אונאַנגענעהמען איינדרוק.

אַ וויכטיגע ראָלע שפּיעלט אַ מאַן׳ס בענעהמונג. אַ יונגער מאַן, וואָס זוכט צו געווינען אַ יונגע דאַמע אַלס זיין צוקינפטיגע לעבענס־בעגלייטערין, מעג זיך זיין קלוג, געשיידט, ערפאַהרען און בעלע־זען, און דאָך ניט בעזיטצען קיין מאַניערען. אַ דאַמע מיט אַ פיינער ערציהונג, קען ניט דולדען אַזעלכע מענער. אַ מאַן מוז זיין זעהר פאָרזיכטיג ווי און וואָס ער רעדט אין דער געגענוואַרט און געזעל־שאַפט פון דאַמען. מיר וויסען גאַנץ גוט, אַז מענער וועהלען זעל־טען זייער שפּראַך אין זייער אייגענער געזעלשאַפט, אָבער ווען איי־נער פערגעסט זיך אויך אין דאַמען געזעלשאַפט, דאַן איז אַזעלכער גאָר אונפּאַסענד צו קומען אין אירגענד אַ געזעלשאַפט.

דער מאַן מוז אימער געדענקען, אַז פרויען האָבען אַנדערע ניי־גונגען, אַנדערע אנציהונגען און אַנדערע אינטערעסען ווי די מענער. דאָס, וואָס קען אַמוזירען מענער, אַמוזירט ניט אימער פרויען. דער מאַן מיט שכל ווייס ווי אַזוי זיך צו מאַכען וויכטיג און אינטערעסאַנט פאַר אַ דאַמע. קיין ערגערע זאַך אין דער וועלט איז ניטאָ, ווען מען ווערט אנערקענט אַלס אַ פלוידערזאַק און אַ נודניק צווישען דאַמען. אַזעלכער איז אַ פערלוירענע בריאה.

נאָך ערגער אָבער איז דער מאַן, וואָס קען ניט עפענען זיין מויל, אָדער וואָס שווייגט מייסטענטהיילס. די דאַמע וויל טאַקי מען זאָל זי ניט נודיען, אָבער אַ מומיע האָט אַ פרויענצימער נאָך מעהר פיינד ווי אַלעס.

מענער וואָס זוכען צו קומען אין אַ בעסערע קלאַסע, מוזען ניט נאָר קענען וועהלען זייער שפּראַך, דעם אינהאַלט פון זייער קאָנווער־סאַציאָן און זיך צופּאַסען צו דער געזעלשאַפט, נאָר זיי דאַרפען אויך בעזיטצען אַלע מאַניערען וואָס זיינען נעטהיג אין אַזאַ אומגעבונג. דאָס איז, ניט נאָר וויסען ווי צו זיטצען ביי אַ טיש, ווי צו האַל־טען אַ לעפעל, מעסער, גאָפּעל, זאַנדערן אויך ווי זיך איינפאַך אוועקצוזעטצען נעבען אַ דאַמע, אין פראָנט פון אַ דאַמע, און ניט זיין בעליידיגענד.

אַ מענשען׳ס שטימונג, אָדער די לוינע, האָט זעהר פיעל צו טהון מיט אונזער גאַנצעם לעבען. אַ מענש מיט אַ גוטער לוינע, איז אימשטאַנד צו פערברייטען מונטערקייט, צופריעדענהייט און גליק־זעליגקייט ; ער איז בעליעבט און געאַכטעט איבעראַל ; ער ברענגט

אימער מיט זיך זונענשיין און פרייד. מענשען מיט שלעכטע לוינעס, אָדער „אַנגעבלאָזענקייט", זיינען ווי שטעכעדיגע, מיאוס'ע און אָב־שטויסענדע דערנער אריינגעבראכט צווישען שמעקענדע בלומען.

צערטליכקייט איז א גרויסע זאך, אָבער דער „אנגעבלאָזענער" קען אפילו ניט זיין צערטליך, אָבוואָהל בטבע איז ער גאָר ניט קיין שלעכטער.

א פרויענצימער קען ליעב האָבען א שעהנעם יונגען און שטארקען מענשען, איבערהויפט ווען ער איז א קלוגער, א פערנינפטיגער. זאָגט אָבער דעמזעלבען פרויענצימער, אז דיזער מאַן, וועלכער שרכן'ט זיך צו איהר, איז א לעדיג־געהער, א טויגעניכטס, דאן שפירט זי א מין ווידערווילען ווי מיר שפירען צו א שעהן־קאָלירטע שלאנג, אָבער א גיפטיגע.

לעדיג־געהעריי, אמאָל, אין גריכענלאנד, איז געווען בעטראכ־טעט פאר א פערברעכען. דאָס געזעטץ האָט געקענט פערשיקען א לעדיג־געהער אין געפענגניס. אויך יעצט, ביי אונז, איז „וואגראנ־סי", וואגאבונדסטווא, אָדער גאָר ניט טהון, אויך א פערברעכען. לייי־דער איז עס אָבער נאָר פאר די אָרעמע, די רייכע און וואָהלהאבענדע מעגען זיין פויללענצער.

א פרויענצימער האָט הנאה ווען זי הערט איבער דער טהעטיג־קייט און פלייסיגקייט פון א מאַן. עס ליעגט אויך אזוי אין איהר נאַטור משנים קדמוניות, צו הערען, אז דער מאַן דארף זיין טהעט־טיג און פלייסיג. דער געגענטהייל איז פאר איהר אונאנגענעהם.

מאָראליטעט פון א מאַן. דערמיט קומען מיר צום הויפט פונקט.

עס זיינען דאָ מענער, וועלכע זיינען אזוי דום, אזוי נאַריש, דאָס זיי וועלען זיך ריהמען אין דער געגענווארט פון אנשטענדיגע דאמען איבער זייערע עראָבערונגען וואָס זיי האָבען געמאכט אין דער פרויענוועלט. אויב א מאַן איז ווען עס איז געווען אימשטאַנד ארויסצורופען געגען זיך האס און פעראכטונג פון אנשטענדיגע דאמען, דאן איז דאָס אזא מאַן.

דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס אזעלכע מענער זיינען, מייסטענטהיילס, נאָר אומזיסטע בעריהמער. אָבער פאר דער אנ־שטענדיגע דאמע, וואָס הערט דאָס, איז עס גאנץ גענוג. ביי איהר

איז „מחשבה כמעשה", דער געדאַנק אַליין איז שוין גענוג איהם צו שטעמפּלען פאַר אַ פערברעכער אין איהרע אויגען.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס.

מייסטענטהיילס דאַמען ווייסען גאַנץ גוט, אַז ליידער געפינט מען זעלטען אַן אַנשטענדיגען מאַן. יעדע בעזונדער וויל אָבער גלויבען, אַז דעם וואָס זי ליעבט, דעם וואָס זי שיינקט איהר פערטרויען — ער איז אַנשטענדיג, ריין און זויבער.

דאָס מיידעל, ווי בעקאַנט, דאַרף זיין די אונשולד זעלבסט, צו דער הייראַטה. ווארום זאָל עס דער מאַן אויך ניט זיין?

אמת, מענער זיינען אַ סך, אַ סך פערדאָרבענער ווי די פרויען, פון דעסטוועגען געפינען זיך אויך מענער, וואָס האָבען אַ ריינע און זויבערע פערגאַנגענהייט.

ווען אַן אַנשטענדיגע דאַמע בעקענט זיך מיט אַ מאַן, וויל זי באַלד ווייסען פון זיין געזעלשאַפט, פון זיין פערגאַנגענהייט, פון זיינע אומגעבונגען, פון זיינע חברים און פון זיינע אַמוזירונגען. זי פרעגט ניט דירעקט, גלאַט אין דער וועלט אריין, נאָך זי זוכט און פאָרשט אַזוי לאַנג, ביז זי געפינט אויס כמעט אַלעס וואָס זי וויל ווייסען.

דער מאַן וואָס איז אַ בעזוכער פון דעם וועגוס־טעמפּעל, קען ניט ערוואַרטען געאַכטעט און געשעטצט צו ווערען ווען ער קומט בעזוכען דעם טעמפּעל פון אונשולד. נאָך מעהר, די אונשולדיגסטע דאַמע האָט אַזאַ אינסטינקטיוועס געפיהל, דאָס זי וועט באַלד דערשפּירען דעם מאַן'ס נייגונגען און פּריוואַט בענעהמונגען.

דערפאַר זאָגען מיר, אַז דער מאַן, וואָס וויל אויפבויען אַ צוקונפט פון זויבערעס פאַמיליען־לעבען, וואָס וויל הייראַטהען אַ ריינע און זויבערע דאַמע; אַ דאַמע וואָס האָט געפיהל און פערשטאַנד, אַכטונג און רעספּעקט פאַר זיך און פאַר אַנדערע, מוז ער זיין סטריקט מאָראַליש.

קיינער קען ניט אַזוי אָבשעטצען די סטריקטע מאָראַליטעט, די ריינקייט און זויבערקייט אין אַ פרויענצימער, ווי דער סטריקט מאָראַלישער מאַן; אָבער נאָך מעהר פון דעם מאַן, אַ מיליאָן מאָל מעהר, קען דאָס אָבשעטצען די סטריקט מאָראַלישע פרוי אין דעם סטריקט מאָראַלישען מאַן.

די הויפּטזאַך איז פאָלגענדע :

אויב אַ מאַן דענקט, אַז ער קען שפּיעלען אַ דאָפּעל־ראָלע, האָט ער אַ טעות. מיר ווידערהאָלען : די בעזוכער פון דעם וועגוס־טעמ־פּעל האָבען אַ מין קין'ס צייכען אויף'ן שטערען, וועלכער הייבט אָן צו גליהען, ווען זיי בעזוכען דעם טעמפּעל פון אונשולד.

---

## די מעלות וואָס אַ מאַן דאַרף זוכען אין אַ פרוי

זויבערקייט און בריה'שאַפט די הויפּט מעלות. נעקסט קומט געזונדהייט. — פּרויען וואָס „פּיעסצען" זיך. — קאָקעטעריי איז אַ שלעכטער וואָפען. — אַ היים זיצערין אָלס דער אי־דעאַל פון אַ מאַן.

---

וועלכע פרוי קען גליקליך מאַכען אַ מאַן ?

דירעקט בעענטפערן דיזע פראַגע, איז כמעט אונמעגליך. מיר וועלען זיך דערפאַר פּריהער בעדיענען מיט אַן אילוסטראַציאָן.

אַ פרוי האָט זיך איינמאָל געווענדעט צו אַ ניו־יאָרקער צייטונג מיט פאָלגענדען בריוועל :

„איהר, מענער פון צייטונגען, זייט דאָך חכמים און פער־שטעהט אַלעס. זאָגט מיר, אויב איהר קענט, פאַר וואָס האָט מיין מאַן מיך אוועקגעוואָרפען און חתונה געהאַט מיט אַ מיאוס־קייט ? איך בעזיטצע די בילדונג פון אַ הויכשולע, קען קאָכען לויט אַלע מאָדערנע קאָך־ביכער, בין פּערדעכענט אַלס אַ שעהנע צווישען שעהנע, און דאָך האָט זיך מיין מאַן מיט מיר געג'גט. מילא דאָס אַליין וואָלט נאָך ניט געווען אַזוי שמערצהאַפט פאַר מיר ווי דער פאַקט, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ דיענסט־מיידעל ; ניט קיין שעהנע דיענסטמיידעל, נאָר אַ מיאוס'ע. דערצו איז זי זעהר אונגעבילדעט, גראָב און שטאַמט פון אַ נידריגע פאַמיליע. אויך דאָס איז ניט אַלעס, ער זעהט אויס צו זיין זעהר גליקליך און צופריעדען מיט איהר.

„מיין געוועזענער מאַן איז ניט משוגע, נאָר א גאַנץ קלאָ־רער מענש. ענטפערט מיר, איהר חכמים, ווי קען דאָס זיין ?"

די חכמים פון די ציימונגען זיינען טאַקי געבליעבען אָהן לשון און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען און וואָס צו ערקלערען. אָבער די פראגע איז געווען אַן אינטערעסאַנטע און מען האָט געוואָלט אויסגעפינען וואָס דאָ איז.

דער רעדאַקטאָר האָט דאַן ארויסגעשיקט עטליכע רעפּאָרטערס בודק צו זיין די געשיכטע.

דער ערשטער בעריכט איז געווען, אַז די הויפּט פאַקטען אין דעם בריעף פון דער פרוי, זיינען אמת.

דאַן האָט מען זיך גענומען זוכען די איינצעלהייטען איבער דעם אמת.

מען האָט ענטדעקט אַזאַ צושטאַנד :

די ערשטע פרוי פון דעם מאַן (לאָמיר איהם רופען „מר. ל.") איז טאַקי געווען א שעהנע און א געבילדעטע, אָבער זעהר א פוילע. זי האָט ליעב געהאַט צו שלאָפען כאָטש 15 שטונדען אין מעת־לעת. מילא, באַלד נאָך דער חתונה, האָט עס ניט אויסגעמאַכט. אָבער ווען עס זיינען אַוועק אַכט און צעהן מאָנאַט, האָט עס אָנגעהויבען דעם מאַן נמאס צו ווערען.

וואָלט ער וועניגסטענס געווען רייך גענוג צו האַלטען מעהר ווי איין דיענסט, וואָלט ער עס געקענט דולדען מעהר, אָבער די איינע דיענסט האָט ניט געקענט פאַרטיג ווערען מיט איהר אַרבייט און די בעל־הבית'טע האָט געהאַלטען אין איין שלאָפען.

ווען מיסעס ל. נומער 1, איז ענדליך אויפגעשטאַנען, האָט זי געגעסען איהר פריהשטיק אין בעט ; ווען זי איז אַרונטער פון בעט, איז זי געגאַנגען אין נאַכט־מאַנטעל ביז דער מאַן איז געקומען, און אַזוי האָט זי פערשפּאָרט זיך אָנצוטהון און אויסצוטהון.

מר. ל. האָט אָנגעפאַנגען צו פּראָטעסטירען, נאָר זי האָט ניט געהערט. ער האָט פערלאַנגט זי זאָל זיין אַנגעטהאָן, ווען ער קומט אַהיים פון זיין אָפיס, עס זאָל זיין ריכטיג געגרייט צו טיש, עס זאָל זיין געהעריג וואָס צו עסען, אָבער מיט אויסנאַהמע פון זונטאַג, האָט זי זיך ניט געוואָלט אָנטהון, און מיט קאָכען עסען האָט זי קיינמאָל ניט געוואָלט האָבען צו טהון.

די הויפט צייט פון איהר וואכקייט, האט זי פערבראכט אין לעזען ראמאנען. עס זיינען געבוירען געווארען צוויי קינדער אוןביידע זיינען געשטארבען, בוכשטעבליך פון דער מאמע'ס נאכלע־סיגקייט.

דאן האט מר. ל. בעשלאסען, אז ער מוז לויז ווערען פון זיין ווייב אונטער אירגענד א בעדינגונג. איהר געבענדיג 5000 דאלאר, האט ער זיך פון איהר בעפרייט.

מיט א יאהר שפעטער האט ער בעמערקט, אין הויז פון זיינעם א פריינד, א דיענסטמיידעל. איהם איז געפעלען געווארען איהר אויסערארדענטליכע ריינקייט, זויבערקייט, איהר אכטונג געבען אויף קינדער, און, איבערהויפט האט ער ערפאהרען, אז זי איז א וואונדערבארע קעכין. ער האט זי אביסעל מעהר שטודירט און דאן איהר געשטעלט דעם אנטראג אויב זי וויל מיט איהם חתונה האבען. זי האט דעם אנטראג אנגענומען, און זי איז געווארען זיין פרוי. זי איז אויך נאכגעקומען אלע זיינע ערוואַרטונגען, ווייל זי האט פער־וואנדעלט זיין הויז אין א זויבערן גן־עדן, מיט דופטענדע בלומען, עלעגאנטע צימערן, א שעהן־געדעקטער טיש און שפייזען וואס א קיסר מעג עסען.

איהר פערזאן אליין האט אימער אויסגעזעהען די פערקערפערונג פון ציכטיגקייט.

ניין, זי איז ניט געוועזן שעהן, אבער זי האט איהם געמאכט גליק־ליך, און ביי יעדער געלעגענהייט, האט ער דאס יעדען דערצעהלט.

די צייטונג האט דאן דערצעהלט דעם סוד.

---

איהר וועט אפט הערען ווייבער רעדען צווישען זיך מיט א זיפץ:

„אך, א מאן האט ליעב נאר א געזונדעס ווייב”.

דאס הייסט, אז קראנקע ווייבער האבען מענער ניט ליעב.

עס איז ניט בוכשטעבליך אזוי. א מאן וואס האט חתונה געהאט מיט א געזונדע פרוי און זי איז נאכהער קראנק געווארען, ליעבט ער זי און ער סימפאטיזירט מיט איהר. אבער מיר ווילען יעצט ניט רעדען פון אונגעוועהנליכע צושטענדען, אדער פון קראנקהייטען. אונטער נארמאלע צושטענדען, זאל יעדע פרוי זיין געזונד. אבער עס זיינען

דאָ פרויען, וואָס האָבען אַ מין נארישע איינבילדונג, דאָס עס איז גוט זיך צו פּיעסצען פאַר'ן מאַן און „קריינקען".

אָט אַזאַ פרוי ליעבט ניט קיין מאַן.

און אַ פרוי, וואָס האָט אַמאָל אַביסעל קאָפּ־וועהטאָג, אַביסעל רוקען־שמערצען, קען מאַכען אַזאַ וועזען, דאָס מען זאָל מיינען, אַז זי איז שוין אַ פערפאַלענער חולה.

דער מאַן הערט די קרעכצען איין טאָג, צוויי טאָג, אַ וואָך, אַ מאָנאַט, אַ יאָהר, ביז עס דערגרייכט שוין צו ווייט און ער בעשליסט, אַז עס איז שוין גענוג.

דאָס איז איבער דער פערהייראַטעטער פרוי. עס זיינען אָבער דאָ מיידלעך, וואָס מיינען, אַז מען דאַרף זיך פּיעסצען, אימער אויסזעהען קריינקליך, עלענד, אונגליקליך, און זיי מיינען, אַז דאָס איז אַ מעלה צו אַ שידוך. אַזעלכע מיידלעך פערזיטצען אָפט ביז אין גרויען צאָפּ און וואונדערן זיך, פאַר וואָס אַ יונגער מאַן האָט זיך ניט אָבגעזוכט פון זייערט־וועגען.

יאָ, אַ מאַן האָט ליעב אַ געזונדע פרוי. נײן, זי מוז ניט זיין פעט, גראָב, און אויסזעהען אונגעהייער שטאַרק. זי דאַרף אימער זיין די צאַרטע פרוי, אָבער אַ שמייכעלע דאַרף כמעט אימער בעלייכ־טען איהר געזיכט, גיבען לעבען צו איהרע אויגען און אַנציהונג צו איהרע ליפּען.

אָבער פּונקט ווי אַ מיידעל דאַרף ניט אַננעהמען צופיעל טיעפען ערנסט, אַזוי טאָר זי אויך ניט אריבערשטייגען די גרענעץ און זיין צו מונטער.

עס איז אַ רעגעל, אַז אַ מאַן איז אייפערזיכטיג. יעדער מאַן איז אייפערזיכטיג. אַ פרויענצימער קען מיט איהר האַלטונג בע־רוהיגען דעם ווילדעסטען מאַן און אויך אויפרעגען דעם רוהיגסטען מאַן.

אויב אַ יונגער מאַן שיינקט אַ מיידעל אויפמערקזאַמקייט און ער רעכענט, אַז זי איז זיינע, אָדער זי וועט ווערען זיינע, האָט זי קיין רעכט צו קאָקעטירען מיט אַנדערע. אויב זי טהוט עס יאָ, דאַן קען זי איבערלאָזען דער ערשטער און דער צווייטער זאָל זי ניט וועלען קענען.

מענער מיידען אוים אזעלכע מיידלעך, ווייל זיי ווילען ניט האָבען אזעלכע ווייבער.

עס זיינען דאָ מאַנכע זעהר קלוגע מיידלעך, וועלכע ווייסען ווי צו מאַכען אייפערזיכטיג א נאכלעסיגען געליעבטען. אָבער זיי טהון עס אזוי אנשטענדיג, אזוי בעשיידען, אז עס האָט בלויז די ווירקונג אויפצו־וועקען דעם פערשלאָפענעם און ניט מעהר.

מיר בעהויפּטען, אז דער דומסטער מאַן מוז פריהער אָדער שפּעטער אויסגעפינען, אז ער האָט א דומע פרוי, אויב זי איז ווירקליך דום.

שכל איז אפילו אן אייגענשאַפט מיט וועלכער מען דאַרף ווערען געבוירען, פון דעסטוועגען, דאַרף מען ניט פערגעסען, אז א מענש וואָס לייענט, שטודירט, האָט מעהר ערפאַהרונג, און דער שטומפּינגסטער שכל ווערט אביסעל אויסגעשאַרפט.

די גמרא זאָגט : „א מענש זאָל אלעם פערקויפען אבי חתונה צו האָבען מיט דער טאָכטער פון א תלמיד חכם". מען מיינט ניט דערמיט דעם יחוס נאָר דעם פאַקט, אז אזא מיידעל, האָט געוויס נענוג געהערט און געזעהען, וואָס זאָל זי אויסבילדען און ציוויליזירען.

אָבער עס איז גאָר ניט נעטהיג צו האָבען א פילאָזאָפקע. אביסעלע גראַדער פערשטאַנד איז בעסער ווי א גאַנצע אוניווערזיטעט מיט טהעאָריען. און, ווי מיר האָבען בעמערקט אין אָנפאַנג פון דיעזען קאַפּיטעל, קען אמאָל שעהנהייט מיט בילדונג צוזאַמען ניט אויפטהון ווי די ווירטהשאַפט פון א פלייסיגע פרוי.

אָבער ווען נעבען דער ווירטהשאַפט פון א פלייסיגע פרוי, איז נאָך דאָ אביסעל גוטע ערציהונג, דאַן איז אזא פרוי מעהר ווערטה ווי גאָלד. זי ווערט די פרוי, שוועסטער, ברודער, מוטער, פריינד און לעבענס־קאָמפּאַניאָן פון דעם מאַן.

מיר מוזען איצט דאָ בעריהרען א פונקט, וועלכער איז איינע פון די גרעסטע וויכטיגקייטען, אום די פרוי זאָל וויסען וואָס פאַר א פרוי א מאַן וויל. און דער מאַן, וואָס ווייס ניט, זאָל בעגרייפען, וואָס פאַר א פרוי ער קען פערלאַנגען און פערלאַנגט.

עס איז די פראַגע פון „ווער עס האָט מעהר רעכט, דער מאַן אָדער די פרוי ?"

טהעאָרעטיש, זיינען מאַן און ווייב איין ליב אוןביידע האָבען איינס און דאָסזעלבע רעכט.

פון דעסטוועגען זאָגט דער פיינסטער און אנשטענדיגסטער מאַן: „איך האָב מעהר רעכט, ווייל איך בין דער ברויט־געבער".

זי קען אפילו טענה'ן: „בשעת דו גיהסט פערדיענען אויף ברויט, בלייב איך אין הויז און בעזאָרג דיווירטהשאפט, וואָס איז אקוראט אזא אנשטרענגונג ווי דיינע".

אָבער דיעזע אַלע טענות העלפען ניט. דער מאַן נעהמט זיך מעהר רעכט און ער וויל ניט די פרוי זאָל אריבערטרעטען די איינגעפיהרטע מנהגים פון עטיקעטע.

מיר וועלען דאָ דערמאהנען איניגע מנהגים פון עטיקעטע אין אנדערע לענדער, כדי מען זאָל זיך מאכען אַ בעסערן בעגריף איבער אונזערע אייגענע פרויען.

די פרוי אין יאפאן, אַלס מיידעל, איז זי כמעט אזוי פריי ווי ביי אונז דער יונגער מאַן. נאָך דער חתונה ווערט זי אַ היים־זיטצערין און דארף ניט וואגען זאָגאר צו רעדען צו פריינדליך מיט אַ פרעמדען מאַן. אין פאריז וויעדער, איז פונקט פערקעהרט: ביז צו דער חתונה, איז דאָס מיידעל געהיט פון אַלע זייטען, נאָך דער חתונה זוכט זי זיך אויף אַ פאָאַר געליעבטע חוץ דעם מאַן.

אין די אנגלא־סאקסישע לענדער ווי ענגלאנד און די פעראייניגטע שטאאטען, איז די פרוי אפילו אימער פריי צו טהון און געהען וואוהין זי וויל און ווען זי וויל, אָבער דאָס איז נאָר אין דער טהעאָריע, אין דער פראקטיק מוז זי פיהרען אַן אבגעשלאָסענעם לעבען אי פאר דער חתונה, אי נאָך דער חתונה.

דאָס מיידעל, וואָס האָט צופיעל נאָהענטע פערעהרער פאר דער חתונה, און די פרוי וואָס האָט צו פיעל בעוואונדערער נאָך דער חתונה, איז אַ פערזאָן, וואָס איז אויסגעזעטצט צו פיעל קריטיק.

דער מאַן, פון דיעזע לענדער, האָט ליעב אפילו אַ פרעהליכע און לעבהאפטע לעבענס־בעגלייטערין, אָבער ער וויל, אַז דיעזע פרעהליכקייט זאָל זיין בלויז אין זיין געגענווארט און ער זאָל אימער וויסען וואו זיין פרוי געפינט זיך.

עס זיינען דאָ הויפט אָרענטליכע פראָווינצימער, וועלכע האָבען צושטערט אַ גליקליכעס פאמיליען־לעבען בלויז דערפאר, ווייל זיי

האָבען אָנגענומען אַ צו אונאבהענגיגע שטעלונג אין זייער צוזאַמענ־לעבען מיט'ן מאַן. אזא פרויענצימער געהט צו אָפט, ניט בעגלייטעט, אין טהעאַטער, צו פריינד, צו אַ באַל, צו קרובים, צו בעקאַנטע, צו מיטינגען, פּאַרטרעגע און אזוי ווייטער, און דאָס רופט ארויס ווי־דערווילען ביים מאַן.

אין בעסטען פאַל, איז דער מאַן אן אייפערזיכטיגע חיה. און, לאָמיר אייך פערטרויען אַ סוד, אז ליעבע און אייפערזוכט, געהען האַנד אין האַנד. ווען איינער האָט ליעב אַ געגענשטאַנד, דאַן וועט ער ניט וועלען, אז יעדער חיים־ברוך־געצעל זאָל איהם בעריהרען. מען איז אָפטמאָל אפילו אייפערזיכטיג אויף אַ בליק.

דער מאַן האָט ליעב אַ פרוי אַ היים־זיטצערין. ווען זי געהט, זאָל עס זיין אין זיין בעגלייטונג.

אַ מאַן, וואָס ווייס, אז די פרוי איז זיינע, אויסשליסליך, זיינע אין קערפּער, גייסט און געדאַנקען, ווען ער זאָל זי אפילו ניט שטאַרק ליעבען אין אנפאַנג, דאַן ווערט ער צו איהר צוגעצויגען אַלץ מעהר און מעהר, ביז זי ווערט אַ טהייל פון זיין לעבען, אַ טהייל פון זיין עקזיסטענץ, אַ טהייל פון אַלע זיינע האָפנונגען.

דער מאַן, וואָס ליידט זיין פרוי זאָל זיין אַ „וואַנדלערין״, איז ענטוועדער ניט פעראינטערעסירט אין זיין פרוי, אָדער ער וויל ניט מאַכען קיין סקאַנדאַלען.

---

## די ריכטיגע צייט חתונה צו האבען

די פיזיאָלאָגישע זייט פון דער פראַגע און די מאַטעריעלע. — ווען פאַנגען מיר אָן צו ליעבען? — די ערשטע ליעבע. — די „צובראָכענע הארץ״.

---

ווען איז די ריכטיגע צייט פאַר אַ מענשען חתונה צו האָבען?

פיזיאָלאָגיש, אין אונזערע לענדער, דאַרף אַ מאַן חתונה האָבען צו 18 יאָהר און אַ מיידעל צו 16.

לויט שפּעטערע פאָרשונגען אָבער, געפינט מען אויס, אז עס

איז פיעל געזינטער פאר'ן מאַן צו הייראַטהען צו 23 אָדער 25 און פאר דער פרוי צו 20 יאָהר. דיעזע עלטער, הייסט עס, זאָל זיין די נאָרמאַלע און נאַטירליכע.

ליידער אָבער קענען מיר ניט אימער האנדלען לויט די נאַטיר־ליכע פאָדערונגען.

ווען צוויי יונגע קינדער, אָהן א עטאַבלירטע צוקונפט, אָהן ער־פאהרונג אין לעבען, קומען זיך צוזאַמען און האָבען חתונה, איז עס זעהר שעהן, זעהר ראָמאַנטיש, אָפטמאָל אָבער ענדיגט זיך דער ראָמאַן אין דער פערמעהרונג פון א קבצנ'ישע און עלענדע פאַמיליע.

בעסער אביסעל ווייטער בעקעמפּפען די נאַטור, איידער צו ווע־רען א קרבן פון איהרע פאָדערונגען.

די מענשען דארפען זיך אימער רעכענען מיט אזוי פיעל העכער און שטאַרקער ווי די נאַטור, אז זיי זאָלען קענען קעמפּפען געגען איהר אונצייטיגען פערלאַנג.

אויב א יונגער מאַן, דערגרייכענדיג די עלטער פון 20 יאָהר, איז ער שוין גענוג פאָרטגעשריטען אין זיינע קענטניסע פון דער וועלט און איז שוין גענוג עטאַבלירט עקאָנאָמיש, דאַן זעהען מיר ניט איין ווארום ער זאָל ניט הייראַטהען מיט זיין 18 יעהריגער ווענוס, וואָס איז בערייט צו פערוואַנדלען פאר איהם די וועלט אין א גן־עדן.

אין פאַל אָבער עס איז ניט אזוי ווי מיר האָבען אויסגערעכענט, דאַן איז עס גאַנץ פערנינפטיג צו ווארטען נאָך אייניגע יאָהר.

בעסער ווארטען און חרטה האָבען איידער מען האָט חתונה גע־האַט, ווי חרטה האָבען נאָך דער חתונה.

מען מוז זיך אַלזאָ ניט נאָר רעכענען מיט דער פיזיאָלאָגישער זייט פון דער פראַגע, זאָנדערן אויך מיט דער מאַטעריעלער זייט. אזוי מוז עס זיין אין אונזער וועלט, וואָס בעשטעהט א היבשע ביסעל פון מאַטעריאַליזמוס.

מיר פרעגען:

ווען איז א מענש אונטערוואָרפען צו פיהלען דעם ערשטען קלאַפּ פון אמאָר'ס פליגעלען? דאָס הייסט, ווען קען א מענש אָנהייבען צו ליעבען?

עס איז בעקאַנט, אז מענשען האָבען אָנגעפאַנגען זיך ליעב צו האָבען אַלס קליינע קינדער.

מען האָט איבערגעגעבען פאַקטען, דאָס מענשען האָבען אנגעפאַנגען זיך ליעב צו האָבען זייענדיג זעקס, זיעבען און אכט יאָהר אַלט. דאַן האָט די ליעבע געוואַקסען מיט די יאָהרען און שפּעטער האָבען די צוויי פערליעבטע געהייראַטה.

דאָס איז אָבער ניט קיין רעגעל, עס בעלאַנגט צו דער אויסנאַהמע.

די רעגעל ווי געוועהנליך איז, דאָס מיר פאָלגען נאָך נאַטור'ס וואונש. ווען די נאַטור האָט פערפערטיגט דעם מענשען ער זאָל זיין ראוי צום רעפּראָדוצירען, דאָס הייסט, צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, דאַן איז ער אונטערוואָרפען צו דער ליעבע ; דאַן קען ער דערשפּירען די ערשטע ליעבע.

און איבער דיעזער ערשטע ליעבע. האָבען דיכטער שוין אנגעשריעבען צאהלרייכע ווערק און ראָמאַנטיקער האָבען פערפּאַסט גאַנצע ביבלאָטהעקען.

די ערשטע ליעבע איז דער ערשטער רוף צו נאַטור'ס פּפליכטען, און דיעזער ערשטער רוף איז הימליש, געטליך. ער איז דער גן־עדן, ער איז אַלעס וואָס די גאָטהייט האָט געקענט געבען דעם מענשען אום הנאה צו האָבען פון לעבען. אין דער ערשטער ליעבע ענטדעקען מיר גליך דעם סוד פון לעבען, דעם צוועק פון עקזיסטענץ, דעם פאַרוואָס פון אונזער זיין אויף דער ערד.

און ווי ערהאַבען, געטליך און הימליש די ערשטע ליעבע זאָל ניט זיין, איז זי אימער יענע, וואָס די נאַטור האָט געוואָלט און פערלאַנגט. אמאָל איז זי ניט מעהר ווי שיינענד, בעטויבענד ; זי קומט מיט א גלאַנץ און פערבלענדענד. דערפאַר הערען מיר, אַז אָפטמאָל ערשיינען אַזעלכע ליעבעס ניט מעהר ווי א זייפען־בלאָז און פערשווינדען ווי א שאָטען.

מיר הערען אויך, אַז איינער האָט געליעבט עטליכע מאָל, ביז ער האָט ענדליך געפונען זיין זיווג, די פּערזאָן וואָס ער האָט ווירקליך ליעב.

אָבער דאָ ליעגט דער טעות.

ליעבען, אמת'דיג ליעבען, מיט יענע ערהאַבענע און געטליכע געפיהלען, וואָס דער געליעבטער שפּירט צום ערשטען מאָל, קען מען נאָר איינמאָל. יענע ליעבע לעבט אויף אייביג, מיר קענען זיך

קיינמאל ניט בעפרייען פון איהר, און זי פאלגט אונז נאך ביז אין קבר.

זאל די פערזאן, וואס מיר האבען באמת, געליעבט צום ערשטען מאל, אונז פערלאזען, אוועק פון אונז, פערשווינדען, פערבלייבט נאך אלץ די ליעבע צו איהר, אזוי פריש ווי געוועזן. מיר קענען ליעבען אנדערע פערזאנען, נאר ניט מעהר ווי יענע ערשטע ליעבע.

דער גרויסער דיכטער היינע, האט, אהן א ספק, געהאט א הארץ מיט א סך ליעבע, און ער האט אויך געליעבט עטליכע פרויען־צימער נאכאנאנד. אבער עס ווערט בעהויפטעט, אז געליעבט האט ער בלויז נאר איינע מיט יענעם געטליכען פייער וואס מיר קענען ניט בעשרייבען. דאס זעלבע איז געוועזן מיט דעם דיכטער געטהע, מיט דעם דיכטער שיללער, בייראן און אנדערע.

מיר קענען ליעבען פיעלע, אבער נאר איינע קען געליעבט ווע־רען מיט דעם אונפערלעשליכען פייער.

און, וואס מען רופט א „צובראכענעם הארץ”, קען נאר זיין א רעזולטאט פון דער ערשטער אמת׳ער, גרויסער און טיעפער ליעבע.

עס איז ניט נאר א צובראכענעם הארץ, זאנדערן אויך א טיעף פערוואונדעטעס הארץ, וואס האלט אין איין בלוטען, און בלו־טעט מאנכע מאל ביז דער טויט אליין בעפרייט פון די גרויסע שמערצען.

נאר מענשען מיט גרויסע און שטארקע כאראקטערע, קענען זיך בעהערשען און ניט פאלען אלס אפפער פון אזא צובראכענעם הארץ. דער דורכשניטליכער מענש איז צו שוואך ער זאל עס ווידערשטעהען.

דארויף האבען די חכמים הפנים געזאגט : „איזהו גבור ? — הכובש את־יצרו”. ווער איז א העלד — אזעלכער וואס קען בעזיעגען א געדאנק, א נייגונג, וואס איז פאר איהם שעדליך.

אמת, נאך׳ן ערשטען מאל ליעבען אייניג, אויפריכטיג, איז אונ־מעגליך נאך אמאל אזוי צו ליעבען, דערפאר אבער קען מען פער־עהרען.

דאס הייסט, די פערזאן וואס מיר ליעבען מיט יענעם אונבע־גרייפליכען און געהיימניספאלען פייער, מוז ניט זיין בעגלייטעט פון רעספעקט און אכטונג. דער פראנצויז, וואס האט זיך פערליעבט

אין דער גאסען פרוי, האט פאר איהר געהאט די גאנצע ליידענ־שאפט פון זיין נשמה, פון זיין הארץ, פון זיין גאנצען קערפער, אבער קיין אכטונג האט ער פאר איהר ניט געהאט. די וואהרע אכטונג האט ער בעהאלטען פאר זיין פרוי, פאר זיין לעבענס־בעגלייטערין, פאר דער מוטער פון זיינע קינדער.

און אכטונג, איז פיעלע בעציהונגען, איז א מאל בעסער זאגאר פון ליידענשאפטליכער ליעבע.

## אורזאכען וואס פיהרען צו „פערזיטצען"

### שעהמעדיגקייט א גרויסע שטערונג. — די שפראך פון ליעבע. — אנדערע אורזאכען. — גרויסע לייט וואס האבען קיינ־מאל געהייראט.

„פרעבהייט איז דער סוד פון א לומפ׳ס ערפאלג צווישען פרויען". דאס איז אמת. עס איז אבער אויך אמת, אז מענשען דארפען ניט זיין פערשלאפען, סאי פרויען, סאי מענער.

מיר קענען זיך ניט עראינערן וואו מיר האבען ערגיץ געלעזען זעהר א ריהרענדע סקיצע. אן אלטער מאן האט בעגעגענט אן אלטע פרוי, ער האט קיינמאל ניט חתונה געהאט, זי איז געווען אן אונגליק־ליכע אלמנה.

צוריק מיט פערציג יאהר זיינען די צוויי געווען גוט בעפריינ־דעט. אבער אי ער, אי זי, זיינען געווען געוואלטיג שעהמעדיגע ברואים. נאך א צייט פון פערציג יאהר האט ער זיך אויפגעהערט צו שעהמען און דערצעהלט דער אלמנה, אז ער האט בלויז איינמאל געליעבט, און דאס איז געווען זי, די אלמנה, אין יענער בליהענ־דער און שעהנער צייט פון דער יוגענד. טויזענד מאל האט ער גע־האלטען דערביי זיך צו ווארפען צו איהרע פיס און איהר ערקלערען ווי הייס, ווי טיעף און ווי פייערדיג ער ליעבט זי, אבער ער האט ניט געהאט דעם קוראזש דאס צו טהון ; ער האט זיך געשעהמט.

אזוי זיינען פאראיבער די יאהרען ביז אן אנדערער יונגער מאן

האָט זיך צו איהר אָבגעפרעגט און זי האָט מיט איהם חתונה געהאַט. ער האָט בעשלאָסען, אַז זי האָט איהם יעדענפאַלס קיינמאָל ניט גע־ליעבט, און ווען ער וואָלט איהר אפילו געמאַכט דעם פאָרשלאַג, וואָלט זי איהם צוריקגעוויזען. נאָר אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט אויפהערען זי צו ליעבען, האָט ער זיך אַ נדר געטהאָן קיינמאָל ניט צו הייראטהען.

ער האָט געהאַלטען וואָרט.

ווען ער איז פארטיג געוואָרען מיט זיין שילדערונג, האָט זי ארויסגענומען אַ קליין פעקעלע וואָס זי האָט אימער בעהאַלטען נעבען איהר הארץ. אין דיעזען פעקעלע איז ערשטענס געווען דעם אַלטען בחור'ס אַ בילד, וואָס ער האָט איהר געגעבען מיט 40 יאָהר צוריק. זי האָט עס אימער געטראָגען נאָהענט צו איהר הארץ. דאָן איז דאָרט אויך געלעגען אַ קליין ביכעלע, וואָס האָט ענטהאַלטען אַ טאָגע־בוך פון דער צייט, וואָס זי איז געווען מיט איהם נאָהענט בעקאַנט און פון זעקס מאָנאַט נאָך דער הייראטה מיט איהר מאַן.

אין דער צייט וואָס זי איז געווען בעקאַנט מיט דעם אַלטען בחור, האָט זי געשפּירט אַזאַ ליעבע צו איהם, דאָס זי פלעגט צעהלען די מי־נוטען פון זיין אבוועזענהייט, און ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי געקושט כמעט יעדען געגענשטאַנד וואָס ער האָט בעריהרט.

איינמאָל איז ער געווען מיט אַ בלום אין לאַטץ און די בלום דאָרט פערלויערען. צודריקט און צוזאַמענגעפרעסט, האָט זי געטראָגען דיעזע בלום די גאַנצע צייט נעבען איהר הארצען.

אין אַ פריה־מאָרגען, צום ענדע פון דריטען יאָהר, האָט זי גע־האַט אונגעפעהר אַזאַ פערצייכנים :

„איך וויים, אַז ער ליעבט מיך ניט ; איך בעגרייף ווי איבער־דריסיג איך בין איהם. ער קען פון מיר איינפאַך ניט פּטור ווערען, אָבער דאָס מוז געשעהען : היינט אבענד וועל איך איהם דערצעהלען, ווי אַזוי ער האָט צובראָכען מיין גאַנצעס לעבען דערמיט וואָס ער האָט געמאַכט איך זאָל איהם ליעבען. און ער זאָל וויסען, אַז איך וועל איהם קיינמאָל, קיינמאָל ניט פערצייהען."

דעם צווייטען אין דער פריה האָט זי ווידער פערשריעבען, אַז איהר האָט „געפעהלט דער מוטה צו עפענען איהר מויל".

עס איז יעצט ניט וויכטיג וואָס עס איז געוואָרען פון די צוויי אַלטעטשקע, וויכטיג איז בלויז, אַז זייער יוגענד איז רואינירט גע־וואָרען.

און די איינציגע אורזאכע דערביי איז געווען, זייער שעהמע־דיגקייט.

„ניין מען דאַרף ניט זיין פרעך, אָבער ווען מען איז אונזיכער, איז עס ניט מעהר ווי רעכט צו פרעגען, אויף אַן אַנשטענדיגען אופן, אויב די ליעבע ווערט ערוויעדערט, אויב זי איז ערוויעדערט.

דער גרעסטער פּראָצענט פערליעבטע בעדיענען זיך ניט מיט קיין ווערטער; זיי האָבען די ליעבעס־שפּראַך, וואָס רעדט אַלעס ניט געהעריג, בלויז מיט די בעוועגונגען פון די ליפּען אָבצוזיעגלען אַ קוש.

אָבער ניט אַלע זיינען אַזוי. און יענע וועלכע זיינען עס ניט, האָבען אָפטמאָל אורזאכע חרטה צו האָבען אויף זייער שטילקייט.

מיר זיינען מודה, אַז פאַר אַ מאַן פּאַסט עס גיכער צו פרעגען די דאַמע, אָדער זיך צו איהר ערקלעהרען אין ליעבע. אָדער דאָס פרויענצימער, ווען זי בעמערקט, אַז ער שווייגט צו פיעל, אַז עס געהט אַוועק צו פיעל צייט, ווען ער האָט בעדאַרפט רעדען און ער רעדט דאָך ניט, דאַן זאָל זי זיך פערטרויען פאַר אַ פריינד אָדער פריינדין, וועלכע זאָלען זיין אַ מין שדכנים און אויפקלערען די אַנ־געלעגענהייט צו וויסען, וואו מען איז אין דער וועלט.

ניט נאָר איין מאַן, ניט נאָר איין פרוי, זיינען אַזוי „פערזעסען” געוואָרען, קיינמאָל ניט געהייראַטה אָדער גאָר געהייראַטה דאָס אונ־פּאַסענדע, ווייל עס האָט געפעהלט אַביסעל מוטה אויסצודריקען די געפיהלען פון הארצען.

יעצט וועלען מיר ווייטער בעטראַכטען די „פערזעסענהייט”, וואָס קומט ניט דורך די אַנגעגעבענע אורזאַכען.

עס זיינען פאַראַנען מענער, וועלכע האָבען געליעבט און ניט געליעבט געוואָרען; אַנדערע וואָס האָבען גאָר קיינמאָל ניט גע־שפּירט יענע ראָמאַנטישע ליעבע, וואָס די דיכטער שילדערן; אַ טהייל דורך פאַמיליען אורזאַכען און אַזוי ווייטער. מיט איינעם וואָרט, מען האָט ניט געהייראַטה ביז צו אַ געוויסע עלטער, דאַן

איז עס שוין געוואָרען צו שפּעט און מען האָט בעשלאָסען אַזוי אָב־צופיהרען די וועלט.

זיינען אַזעלכע מענשען ווינשענסווערטה ?

אין מאַנכע בעציהונגען זיינען זיי פיעל ווינשענסווערטהער, ווי צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט פון דעזשענערירטע עלטערן, קראַנקע קינדער, אָדער קינדער, וועלכע מען קען ניט ערציהען.

דער צוועק פון דער הייראַטה, נאָך אַלעמען, איז צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט ; קינדער וואָס זאָלען זיין, ווי מען זאָגט, „צו גאָט און צו לייט". ווען די קינדער זיינען אָבער „ניט צו גאָט און ניט צו לייט", ווען דאָס פערהייראַטעטע לעבען ווערט אַ פלוך אַנשטאַט אַ ברכה, דאַן איז עס אַ קליגער, אַ אַנשטענדיגער, צו פער־בלייבען אונפערהייראַטעט.

איידער זיך צובינדען צו אַ פּערזאָן וואָס מען ליעבט ניט, וואָס מען קען ניט ליעבען, זאָל מען בעסער בלייבען אַליין, אָבגעזונדערט און איינזאַם.

מענשען מיט שכל, קענען געפינען וואָס צו טהון ניטצליכעס פאַר דער וועלט, פאַר דער געזעלשאַפט, וואָס זאָל פעראינטערע־סירען זייער לעבען, וואָס זאָל זיי אַמוזירען און מאַכען ווערטה זייער עקזיסטענץ.

ווייסט איהר, אַז די גרעסטע גייסטער אין דער וועלט, צווישען מענער, זיינען געבליעבען אונפערהייראַטעט ? אַריסטאָטעל, פּלאַ־טאָ, שפּינאָזאַ, קאַנט, שאָפּענהויער און ניטשע, זיינען געווען אונ־פערהייראַטעט, און קיין אויגענבליק פון זייער לעבען איז געווען אונ־וויכטיג, אונאינטערעסאַנט.

אָנפאַנגענדיג מיט דבורה הנביאה ביז צו אַ זשאַן ד'אַרק, האָבען גייסטרייכע פרויען, וועלכע האָבען ניט געטראָפען קיין פּאַסענדע קאַמפּאַניאָנען אין לעבען, אָבגעפיהרט זייער וועלט אונפערהייראַ־טעט, און געמאַכט פון זייער לעבען איין רייהע ניטצליכקייט און וויכטיגקייט פאַר דער מענשהייט.

# זיך שפּיעלען מיט ליעבע

**די קאָקעטקע און דער פּוסטער פּראַנט. — קאָקעטע דאַמען פון אַלטע צייטען. — דאָס רעכט אויף „פלוירטען" און מיט וועמען. — ריינע פריינדשאַפט צווישען מענער און פרויען. — האַלטען אויפ'ן שטריקעל.**

---

ציניזם געהט אַזוי ווייט, אַז מען קען אפילו חוזק מאַכען פון דער געטליכקייט און פון דער ליעבע. נאָך מעהר, מען קען זיך זאָגאר שפּיעלען מיט דיעזער הייליגקייט פון אַלע הייליגקייטען און בעהויפּטען מיט די ליפּען, וואָס דאָס הארץ האָט קיינמאָל ניט אָנגעהויבען צו פיהלען.

מיר האָבען זיי איןביידע געשלעכטער; ביי די פרויען געפינט זיך די קאָקעטקע, און ביי די מענער, דער פּוסטער פּראַנט.

ווי זעהט אויס די קאָקעטקע? ווי לאַנג עקזיסטירט זי צווישען די מענשען?

מען האָט בעהויפּטעט, אַז די פראַנצויזישע דאַמען סאַן זשאַן און אַננא, בעריהמט אין דער גרויסער פראַנצויזישער בהלה מיט זייער אויסגעלאַסענהייט, זיינען געווען די ערשטע קאָקעטקעס אין דער וועלט.

אָבער דאָס איז ניט אמת. די קאָקעטקע איז פּיעל, פּיעל עלטער, פּיעלייכט אַזוי אַלט ווי די גאַנצע מענשהייט. וועניגסטענס האָבען מיר פון איהר אַ גענויעס בילד דורך דעם נביא ישעיה, ווען ער בעצייכענט די קאָקעטקעס צווישען ציון'ס טעכטער.

אָט ווי ער מאָלט זיי:

„זיי געהען מיט פערריסענע העלזער און מאַכען חן'דעלעך מיט די אויגען; אָט אַזוי שפּאַצירען זיי שפּרינגענדיג; מיט זייערע פיס זאָגאר וועקען זיי דעם יצר־הרע."

אַ היבשע ביסעל פון יענע קאָקעטישע בעוועגונגען אין אַלטערטהום זיינען נאָך איבערגעבליעבען עד־היום הזה, אָבער אַזוי ווי די וועלט מאַכט פּאָרטשריטע, אַזוי האָט די קאָקעטקע אויך געמאַכט פּאָרטשריטע. די היינטיגע קאָקעטקע קען נאָך רעדען שעהן, שמייכ־

לען, לאַכען, און ניט נאָר וועקען דעם יצר־הרע מיט די פיס, זאָנדערן מיט יעדער בעוועגונג פון איהר קערפּער.

די קאָקעטקע איז אימשטאַנדע, אָפּטמאָל, צו פערטומלען די קעפּ פון מאַנכע גאַנץ קלוגע מענער; זי קען זעהר לייכט צושטערען אַ שלום־בית און עס פאַסירט זאָגאַר ווען איהר קאָקעטעריי ברענגט צו אַ טראַגעדיע, אָבוואָהל זי אַליין האָט עס קיינמאָל ניט געמיינט ערנסט.

אָט דיעזע קאָקעטקעס, בשעת זיי מאַכען אָן חורבונות, האָבען זיי בלויז הנאה פון זייער צושטערונגס־קראַפט; זייערע נשמות זיינען אָבער אַלץ פרעמד פון יענער הייליגקייט, וואָס הייסט וואַהרע ליעבע.

און די קאָקעטקע איז אי אַן אונפערהייראַטעטע, אַ פערהייראַטעטע, אַ יונגע, אַן עלטערע, אַ פרומע און ניט קיין פרומע.

אָבער, ווער זי זאָל ניט זיין, איז זי ניט געאַכטעט פון קיינעם. זי איז געהאַסט פון איהר אייגענער פאַמיליע, פעראַכטעט פון איהרע בעקאַנטע, פערשפּאָטעט פון פרעמדע, און צווישען יענע וואו זי קאָ־קעטירט, האַלט מען זי פאַר אַן אויסגעלאַסענע, ניט מעהר.

אַ פערהייראַטעטע פרוי רואינירט זיך אַליין; קיין מאַן ליעבט זיין פרוי וואָס איז אַ קאָקעטקע. זי מאַכט איהם פריהער אייפער־זיכטיג, ווילד און אומגעלומפּערט, און דאַן האַסט ער זי; אָדער, ווען ער קען זי ניט האַסען און ער האָט מוטה, טויטעט ער זי.

די אונפערהייראַטעטע קאָקעטקע קען נאָר וואַרטען אויף אַ צור־לאָזענעם כאַראַקטער זיך צו פעראייניגען מיט איהר. אַ רוהיגער און אָרענטליכער מענש מיידעט זי אוים ווי אַ פעסט. מאַנכע זאָגאַר, וואָס האָבען אָנגענומען איהר קאָקעטעריי מיט אַ זאָ־גענאַנטעם פער־גניגען, בעהויפּטען, אַז „זיך אַ שפּיעל טהון מיט איהר, איז מותר, אָבער חתונה האָבען מיט איהר, איז אסור".

די קאָקעטקע שאַדעט אַנדערע, אָבער מעהר ווי יעדען שאַדעט זי זיך.

נאָך אַבשייליכער איז דער פּוסטער פראַנט.

דאָס איז אַ מין בריאה, צווישען אַבעזאַניע און צווישען הונד. אַלס אַבעזאַניע קרימט ער זיך נאָך דעם אמת'ן געליעבטען, און אַלס הונד שפּיעלט ער די ראָלע פון אונטערטהעניגקייט.

דער פּוסטער פראַנט האָט אַ ים מיט קאָמפּלימענטען אויף זיין צונג, שעהנע ווערטער וואָס ווערען ארויסגערעדט מיט'ן טעם פון קייען שטרוי, און אַ ניעדריגע נאַטור פון קריכען איבעראל וואו מען דארף איהם ניט, וואו מען פערלאַנגט איהם ניט. דאַן האָט ער אויך אַ טבע פון טראַגען רכילות, צוזאַמענפּאַסען אַ וואָנט מיט אַ וואַנט און אָנפיהרען אינטריגעס.

אַ פּוסטער פראַנט האָט, ווי געוועהנליך, ניט פיעל צו טהון. ער איז אַ לעדיג־געהער, האָט קיין צוועק און קיין בעשטימט אויסזיכט אין לעבען, אויסער זיך דרעהען ארום פרויענצימער.

קלוגע און פערנינפטיגע מיידלעך פעראכטען איהם. זיין פּאַ־סענדע פּאָאַר איז די קאָקעטקע. און ווען זיי הייראַטען, דאַן ווע־רען זיי שוין בעשטראָפט פאר אַלע זייערע זינד אין דער פערגאַנ־גענהייט.

מיר האָבען אַ וואָרט אין דער ענגלישער שפּראַך וואָס הייסט „פלוירטען", מען קען עס ניט גענוי איבערזעטצען אויף אידיש. עס קען הייסען מאַכען חן'דעלעך, לאַכען, שמייכלען, זוכען געפעלען צו ווערען און אזוי ווייטער. דאָך איז דאָס אַלעס נאָך ניט „פלוירטען".

איבער דיעזער אויפפיהרונג פון אַ פרויענצימער, איז שוין פיעל דיסקוטירט געוואָרען. מיר וועלען יעצט פּרובירען דאָס בעהאַנדלען.

האָט אַ פרויענצימער אַ רעכט צו לאַכען און שמייכלען ליעבענס־ווירדיג צו אַ מאַן צו פלוירטען מיט איהם ?

ווען מיר שטעלען די פראַגע דירעקט דאַן מוזען מיר ענטפערן : עס איז ניט אימער גלייך ; אַמאָל יאָ, אַמאָל ניט. דאַן איז עס גע־ווענדט ווער און וואָס דאָס פרויענצימער איז, ווער און וואָס דער מאַן איז.

אַ פרויענצימער, סאַי אַ מיידעל, סאַי אַן אלמנה, גרושה, אָדער אפילו אַ פערהייראַטעטע פרוי, דארף ניט זיין ווי אַ קאַלטע מאַר־מאָרנע סטאַטוע אין דער געזעלשאַפט פון מענער. מען מעג געבען אַ שמייכעל, אַ לאַך, און אפילו אַמאָל אַ וואונק. אָבער, אַלעס מוז זיין אַם פּלאַץ און פּאַסענד.

קיין פרויענצימער, סאַי אַ מיידעל, אלמנה, גרושה אָדער פער־הייראַטעטע פרוי, האָט אַ רעכט צו פלוירטען מיט אַ ווילד־פרעמדען מאַן. ווען דער ווילד־פרעמדער מאַן פּרובירט צו פלוירטען מיט איהר,

דאַרף זי איהם בלויז געבען אַ קאַלטען בליק. דאָס וועט איהם באַלד איבערציינען, אַז ער האָט צו טהון מיט אַן אַנשטענדיגע דאַמע.

אַ מיידעל, ווען זי ווערט נאָר וואָס פאָרגעשטעלט פאַר אַ יונגען מאַן, האָט זי אַ רעכט איהם צו שיינקען אַ לייכטען שמייכעל. שפּע־טער, אַביסעל מעהר, אָבער אימער זיך האַלטען ביי דער גרענעץ פון אַנשטענדיגקייט. דאָסזעלבע און אַביסעל נאָך שטרענגער, דאַרף אַנגעווענדעט ווערען ביי דער אַלמנה און גרושה. די פערהייראַטעטע פרוי ווידער, מעג זיך בעדיענען מיט דעם שוועסטערליכען שמייכעל, ניט מעהר.

דאָסזעלבע דאַרף אַנגעווענדעט ווערען פון דער מיידעל, גרושה און אַלמנה צום פערהייראַטעטען מאַן, אַ שוועסטערליכען שמייכעל. שפּאַסען, וואָס הייסט, גיעבען עטוואָס מעהר ווי אַ שוועסטערליכען שמייכעל צו אַ פערהייראַטעטען מאַן, זאָל מען נאָר אין דער געגענ־וואַרט פון זיין פרוי. פערהייראַטעטע פרויען זיינען מבינים דאַרויף, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי ריינע פריינדליכקייט.

דאָס וויכטיגסטע אָבער קומט צווישען די אונפערהייראַטהע.

אָבצומעסטען פלוירטען, געננוי, צווישען דיעזע מענשען, איז כמעט אונמעגליך. יעדעס פרויענצימער מיט שכל, דאַרף אַליין ווי־סען וואו עס איז דאָ אַ גרענעץ. זי דאַרף זיך היטען ניט אַריינצופאַ־לען אין חשד פון הייסען אַ קאָקעטקע, אָדער ווי מען רופט עס אין ענגליש „ע פלוירט“.

קושען אַ יונגען מאַן, ביי אַ שפּיעל, אין דער געגענוואַרט פון פיעלע מענשען, איז פיעל אַנשטענדיגער, ווי איהם געבען אַן אויס־געלאַסענעם שמייכעל ווען קיינער זעהט ניט.

דאָס דאַרף יעדעס יונגע פרויענצימער אַכטען און זיך האַלטען ביי די גרענעצען פון אַנשטאַנד.

דער איבערגאַנג פון ערלויבטער פריינדליכקייט ביז צו קאָקע־טיזמוס איז ניט קיין גרויסער. ער איז בלויז איין שפּאַן. אָבער ווען מען מאַכט איינמאָל דיעזען שפּאַן זינקט מען אַריין אין אַזאַ בלאָטע, אַז עס איז כמעט אונמעגליך אַרויסצוקריכען פון איהם.

מען האָט גערעדט אין אַלע לעצטע דורות זעהר פיעל איבער דער אונפּעראינטערעסירטער פריינדשאַפט צווישען מאַנספּאַרשוין און

פרויענצימער, מאַנכע האָבען עס בעצייכענט מיט דעם וואָרט „פּלאַ־טאָנישע ליעבע”.

מיר זיינען מודה, אַז פּונקט ווי צוויי מענער, אָדער צוויי פרויען קענען צווישען זיך שליעסען אַ פריינדשאַפטס־בונד, אָהן גע־שלעכטליכער אינטערעסע, אַזוי קענען אויך שליעסען אַזאַ פריינד־שאַפטס־בונד אַ מאַנספּאַרשוין מיט אַ פרויען־צימער.

אמת, אַזאַ פריינדשאַפט איז ניט קיין ליעבע. דאָס האָט כמעט גאָר קיין שייכות ניט מיט ליעבע אין דעם זינן ווי מיר פער־שטעהען אַ פעראייניגונג פון מאַן און פרוי.

מיר קענען דאָס אָבער בלויז פערשטעהען צווישען צוויי עלטערע מענשען, ביידע פערהייראַטעטע, צווישען איין עלטערן און איין אינ־גערן, און דאַן זאָל אַ מין זייטיגע אינטערעסע ארויסרופען דיעזע פריינדשאַפט.

צוויי יונגע און אונפערהייראַטעטע מענשען, אָדער איינער בלויז אונפערהייראַטעט ; אָדער אַ פערהייראַטעטער מאַן וואָס איז ניט גליק־ליך מיט זיין פרוי, און אַ פערהייראַטעטע פרוי וואָס איז ניט גליק־ליך מיט איהר מאַן — אַט אַזעלכע דאַרפען זיך אַליין פערדעכטיגען.

מיר זאָגען „אַליין פערדעכטיגען”, ווייל פיעלע מאָל ווייסען זיי זעלבסט ניט, וואָרום עס ציהט איינעם צום צווייטען.

אין אנפאַנג איז אַלעס טאַקי בלויז נאָר פּלאַטאָנישע ליעבע, אָבער מען קען די נאַטור ניט הינטערגעהען ; זי האָט איהרע צוועקען, איהרע ציעלען.

אַזאַ פריינדשאַפט ברענגט מעהרערע מאָל דערצו, וואָס פאַמי־ליען ווערען צובראָכען, קינדער רואינירט און די בעטהייליגטע זעלבסט דערגרייכען אַ מדרגה, וואָס זיי האָבען זיך קיינמאָל ניט פאָרגע־שטעלט.

מען טאָר זיך ניט שפּיעלען מיט דער נאַטור, און וואָס מעהר מען קען אויסמיידען אַזעלכע פריינדשאַפטען, אַלס בעסער.

זאָלאַ, דער גרעסטער עקספּערט אין ליעבעס־אַנגעלעגענהייטען, האָט בעהויפּטעט, אַז אין דער רעגעל, גלויבט ער ניט אין פּלאַטאָני־שער ליעבע צווישען מאַן און פרוי.

עס זיינען דאָ מענשען, איבערהויפּט פרויענצימער, וואָס ווע־

לען זיך מאַכען, אַז זיי ליעבען יענעם, נאָר אין אמת'ן איז דאָס ניט קיין ליעבע, עס איז נאָר אינטערעסע.

זיי פּראַקטיצירען דיעזע מינים ליעבעס צו געווויסע צוועקען. מען רופט עס „האַלטען אויף'ן שטריקעל".

לאָמיר עס ערקלערען.

אַ מיידעל איז בעקאַנט מיט אַ יונגען מאַן. זי ליעבט איהם ניט. נאָר, פאַר נויט, וואָלט זי מיט איהם חתונה געהאַט. זי גיט איהם אָבער אַלע געלעגענהייטען זי יאַ צו ליעבען. ער פערליעבט זיך אין איהר און זי ערמוטהיגט איהם.

ווארום טהוט זי עס?

איינע טרייסט זיך, „איך טהו עס נאָר צו ווייזען מיינע חבר'טעס, אַז אַ מאַן איז אין מיר פערליעבט". אַ צווייטע טהוט עס, אום צו מאַכען אייפערזיכטיג אַ יונגען מאַן, וואָס זי ליעבט. אַ דריטע טהוט עס, ווייל זי האָט אַן אנדער אבזיכט.

יעדענפאַלס, אַלע טהוען עס ניט מיט דער אבזיכט צו הייראַטען דעם מאַן, נאָר איהם צו האַלטען אין פאַל וועט מען איהם מוזען הייראַטען, אויב ניט, דאַן הייסט מען איהם געהען.

מיר האָבען דאָ גערעדט בלויז פון איין זייט, פון דער פרויען־צימער זייט. עס זיינען אויך דאָ אַזעלכע מענער. אָבער זיי זיינען אויסנאַהמען פרויענצימער בילדען די רעגעל.

פון אַלע זייטען איז דאָס אָבער אַן אונפערצייהליכעס פערברע־כען. ניט נאָר איינמאָל האָט אַ פרויענצימער פאַר דיעזען „שפּיעלען זיך מיט ליעבע", בעצאָהלט מיט איהר לעבען.

---

## די שווייגענדע ליעבע

**ווען די ליפּען קענען ניט זאָגען וואָס דאָס הארץ פיהלט. — שעהמעדיגע פערליעבטע. — פערשיעדענע פאָרמען פון ליעבעס ערקלעהרונגען דורך בריעף.**

---

עס זיינען דאָ אַ סך ליפּען, וואָס זאָגען, וואָס דאָס הארץ פיהלט

נים. יענע זיינען אונפערשעהמטע ליפען פון אן אונפערשעהמטעס הארץ, פון א פאלשע נשמה.

ליפען זאלען זאגען דאס, וואס דאס הארץ פיהלט.

אבער פערשיעדענע מענשען ווערען געבוירען מיט פערשיעדענע נייגונגען, אויפפאסונגען, און האלטונגען.

נאר, ווען מען רעכענט, אז מען דארף בלויז האבען א מוטהיגען מענשען זיך צו ערקלעהרען אין ליעבע, דאן האט מען א טעות.

איינער פון די העלדישסטע און מוטהיגסטע גענערעלע פון נאפאלעאן דעם ערשטען האט געזאגט:

„במעט רוהיג און גאנץ געפאסט, בין איך געגאנגען מיט מיינע סאלדאטען בענעגענען הונדערט און צוואנציג טויזענד שונאים, אדער, ביינאהע פיער מאל אזוי פיעל סאלדאטען ווי איך האב געהאט. ווען איך האב בעדארפט געבען קאמאנדע, האט מיין שטימע קלאר אויסגעקלונגען אין דער שטילער מארגען לופט; מיינע ווערטער זיינען געקומען ניט געצוואונגען. די אנשפראכע וואס איך האב געהאלטען פאר מיינע לייט, איז געווען א גאנץ געוועהנליכע רעדע, וואו איך האב ניט געצענערט, און ניט געשטאמעלט. אבער, ווען איך האב בעדארפט פערלאנגען דאס האנד פון מיין געליעבטע, האב איך איינפאך געשפירט, ווי מיין צונג קלעפט צו מיין גומען, ווי מיין האלז האלט ביים דערשטיקט ווערען — איך האב ניט געקענט רעדען קיין ווארט".

אזעלכע מענשען זיינע פאראנען.

נאך מעהר, איהר וועט זעהן, אז דאס פרויענצימער פערשטעהט גאנץ גוט, וואס דער מאן וויל, אבער, אלס פרויענצימער, פאסט איהר ניט זיך צו ערקלעהרען אין ליעבע; זי מוז ווארטען אויף איהם.

מאנכע פרויענצימער זיינען אזוי קלוג, אזוי בעשיידען און אזוי כיטרע זאגאר, אז זיי וועלען זעהען געבען אזא מאן אונצעהליגע געלעגענהייטען צו עפענען זיין מויל. אנדערע פרויענצימער ווידער בעזימצען ניט דיעזע קונסט. זיי זיינען פונקט אזוי שעהמעדיג ווי דער מאן.

אט דערפאר שטעהען מענשען העכער ווי די בהמות; זיי קענען שרייבען.

ריטשארד וועיר, וועלכער האט געשריעבען א געשיכטע פון די אינדיאנער אויף לאנג איילאנד („היסטארי או דהי אבארידזשינס או

לאַנג איילאַנד"), דערצעהלט, אַז דיעזע פּרימיטיווע קינדער האָבען שוין געוואוסט פון ליעבעס ערקלעהרונג דורך שריפט.

קיין פּאַפּיער האָבען זיי ניט געהאַט. קיין פּאָסט אויך ניט. אָבער הערט די אינטערעסאַנטע עפּיזאָדע פון אַן אינדיאַנישען ראָמאַן.

דאָרט וואו עס געפינען זיך יעצט די שינעקאָק בערג, האָט גע־וואָהנט דער שבט פון די שינעקאָק אינדיאַנער. דער קלוגער הירש, אַ יונגער אינדיאַנער, ניט פון קיין זעהר אריסטאָקראַטישע פאַמיליע. אָבער אַ בראַווער יונג, האָט זיך פערליעבט אין לאַבענדען וואַסער, די שעהנע, שוואַרץ־אויגיגע טאָכטער, פון דעם אינדיאַנישען הויפּט־מאַן די שטאַרקע האַנד, די צוויי יונגע מענשען האָבען זיך בעגעגענט, אָבער דער קלוגער הירש האָט ניט געוואָגט אויסצודריקען זיין הייסע ליעבע, ווייל ער איז ניט געווען פון אַזאַ הויכען יחוס, און דאַן האָט ער זיך גלייך בערוהיגט.

וויסענדיג, אַז דאָס לאַבענדע וואַסער געהט קלייבען יאַגדעס נעבען געוויסע בוימער, האָט ער אויף דיעזע בוימער אַנגעשריעבען אַ בריעף צו דער געליעבטער אין דער אינדיאַנישע צייכען־שריפט.

דער בריעף האָט אַזוי געלויטעט אין דער איבערזעצונג :

„לאַבענדעס וואַסער"!

„דער ים האָט פאַר מיר קיין שרעקען, איך האָב קיין מורא ניט פאַר'ן שווערד־פיש וואָס לעבערט דורך די שיפען. די מעכטיגע שלאַנ־גען פון די הויכע גראָזען אַארען מיך ניט, און דעם וואָלף זוך איך אויף אין זיין נאָרע. אָבער ווען איך קוק אין דיין פנים, פערליער איך מיין לשון. ניט זעהענדיג דיך, קריעג איך ווידער מוטה. איך שרייב דיר איצט, וויסענדיג, אַז ניט הערענדיג דיין וואָרט „ניין". וועל איך ניט פיהלען אַזוי שווער דעם קלאַפּ. קענסטו ענטלויפען מיט מיר קיין מאַנהאַטען (ניו יאָרק) ? איך וויים, דיין טאַטע וועט בעסער וועלען דער שוואַרצער אָדלער זאָל מיט דיר חתונה האָבען. אָבער אויב דו ליעבסט מיך בלויז אַ צעהנטעל טהייל ווי איך ליעב דיך, ועסטו אַנט־לויפען מיט מיר.

„דער קלוגער הירש."

לאַבענדעס וואַסער האָט אַזוי געענטפערט :

„קום מאָרגען אבענד, ווען די לבנה איז גאַנץ. קום מיט צוויי פערד. איך וועל וואַרטען אויף דיר".

נאפאלעאן׳ס גענעראל און דער ווילדער פון לאנג איילאנד, זיינען געוועז, אונגעפעהר די זעלבע מענשען.

דער בריעף פון קלוגען הירש איז אזוי גוט, אזוי אינטערעסאנט, דאס מיר ציוויליזירטע מענשען, מעגען, מיט זיכערהייט, נאכפאלגען אין זיינע שפורען. ניט נאר איז עס ראטהזאם, ווען מען קען ניט ריידען, צו שרייבען א בריעף, זאנדערן זיך ריכטען, אונגעפעהר, נאך דעם סטיל פון דעם אינדיאנער.

מיר וועלען געבען נאר א פאאר פארמעס.

די ערשטע איז אזוי :

„פריילין ב....

„דיעזער בריעף איז ניט קיין סימן פון גרויסמוטהיגקייט פון מיין זייט. אבער, עס איז דאך א פאקט, אז אין אייער געגענווארט בין איך ניט קיין גרויסער העלד. איך בין אפילו ניט קיין העלד דא, ביי מיר אין דער היים. ווען איך שרייב דיעזען בריעף, ווייל איך האב שוין עטליכע מאל פרובירט, אויסצודריקען מיט דער פעדער וואס איך פיהל, אבער דאס איז אונמעגליך. איך בין שוואך.

„דערפאר וועל איך אייך זאגען פראסט, איינפאך, איך וואלט זיין דער גליקליכסטער ווען איהר זאלט מיר געבען אייער האנד, אהן איבריגע ווערטער זאג איך אייך, אז איהר זייט מיין אידעאל, מיין דענקען און טראכטען. אויב איהר פערשטעהט, אז איהר וואלט קענען מיך גליקליך מאכען צו טהיילען אייער וועלט מיט מיר, דאן לאזט מיר וויסען דאריבער, און איהר וועט אריינברענגען נייעס לעבען אין אייער פערצווייפעלטען״ —

צווייטע פארמע :

„מאדאם....

„איך וויים, אז איהר פערשטעהט און בעגרייפט מיך, דאך אבער קענט איהר מיך ניט מעהר פערשטעהן ווי איהר הערט און בעמערקט, ווייל די אמת׳ע געפיהלען פון מיין נשמה, האט מיין הארץ נאך ניט פערטרויט צו מיינע ליפען.

„די פראזע „איך ליעב אייך״, איז אזוי איינפאך, אזוי פראזאאיש, אז זי דריקט ניט אוים קיין טויזענדען טהייל פון מיינע געפיהלע.

„איך בין ניט נאר אייער פערעהרער, איך בין אייער אנבעטער ;

איהר שטעהט ביי מיר אזוי הויך ווי א געטטין, און דאך גענוג מענשליך איהר זאלט מיר קענען געבען דאס גליק פון דער גאנצער וועלט.

„אך, ווען איך וואלט קענען רעדען! אפילו איצט זיינען מיינע געדאנקען צומישט. אבער מאדאם, גלויבט מיר, אז איהר וואלט מיך געמאכט פאר'ן גליקליכסטען, ווען איהר זאלט ערוויעדערען כאטש א קליינעם טהייל פון מיינע געפיהלען צו אייך“.

דריטע פארמע:

„מיין ליעבעס פרייליין....

„ווען איך וואלט געקענט שרייבען וואלט איך אייך יעצט ארויס־געשריעבען אלעס, אלעס וואס מיין הארץ האט געפיהלט ווען איך האב אייך געזעהען, ווען איך האב גערעדט מיט אייך, ווען איך בין געזעסען נאהענט צו אייך.

„אבער איך קען ניט שרייבען, און דערפאר וועל איך אייך בלויז פארשטעלען א קליינינקייט.

„אין אייער געגענוואַרט בין איך שטום, איך האב קיין לשון ניט. מען זאגט, אז ווען א לאגעל איז פול מיט וואסער, דאן הערט מען ניט דאס וואסער זיך בעוועגען, אפילו ווען מען זאל עס קייקלען ווי שטארק. מיין הארץ איז אזוי פול מיט געפיהלען, אז עס איז אונמעגליך פון דארט עפעס ארויסצוגעבען.

„איך וויים נאר, אז איהר זייט פאר מיר די פאלקאמענהייט זעלבסט. איהר זייט אלעס וואס איך דענק פון אייך אין מיין העכס־טער ליעבעס עקסטאזיע, און נאך מעהר.

„איך בעט אייך, נעהמט עס פאר מיין טיעפסטען ערנסט און איך זאג אייך, אז איהר פיהלט אוים מיינע געדאנקען ווען איך בין אין טהעטיגסטער בעשעפטיגונג. מיר שיינט, אז איך וואלט געקענט אויפגעבען די גאנצע וועלט, אבי איהר אליין זאלט זיין נעבען מיר.

„קענט איהר מיר ערלויבען צו זיין אייער אייביגער שקלאף? איהר דארפט זיך ניט איילען, אויב איהר דענקט חלילה ניט, אז איהר קענט מיך גליקליך מאכען, דאן זאגט מיר ניט באלד „ניין“. אי־בערלעגט עס רוהיג, דאן ענטפערט מיר.

„גלויבט מיר, פרייליין, אז איך ליעב אייך מעהר ווי א מענש קען זיך אויסדריקען.

„מיט טיעפען רעספעקט צייכען איך“...

פיערטע פאָרמע : (אן איינפאכערע און מעהר פראקטישע)

„זעהר געעהרטע מיסס....

„דער צוועק פון מיין שרייבען איז אייך צו זאָגען עטוואָס וואָס מיין הארץ פיהלט שוין לאנג, נור איך האָב קיין מוטה אייך דאָס ארויסצוזאָגען מינדליך. איינפאך דערפאר ווייל מיין רעספעקט פאר אייער נאָבעלע פערזאָן איז אזוי גרויס דאָס איך רעכען עס פאר א לעס־טערונג אייך צו זאָגען דאָס איך ליעב אייך, און דארום בין איך גע־צוואונגען איבערצוגעבען מיינע געפיהלען אויפ'ן פאפיער.

„איך האָף אז איהר פערשטעהט מיך יעצט אויב איהר האָט מיך ניט פערשטאנען ביז יעצט, און איך האָף אז איהר וועט מיך גליקליך מאַכען מיט אייער „יא". איך פון מיינער זייט וועל אָנווענדען אלעס מעגליכעס אז אייער גליק זאָל זיין אזוי גרויס ווי מיינער און צו פער־דיענען אייער ליעבע אויב איך האָב עס נאָך ביז יעצט ניט פערדיענט.

„אייער זעהר ערגעבענסטער וואָס וואַרט אויף אייער אנטוואָרט".

פינפטע פאָרמע : (נאָך א מעהר איינפאכערע און קירצערע)

„זעהר געעהרטע מיסס....

„איך גלויב אז אין די פּאָאר יאָהר צייט וואָס מיר זיינען בעקאַנט האָבען מיר זיך געמאכט א גוטען בעגריעף איינע פון די אנדערע, און אז מיר קענען איינע די אנדערע אויף אזוי פיעל דאָס מיר מעגען זיין צווישען זיך אָפענהערציג. און דארום ערלויב איך מיר צו מאַכען אייך דעם פאָרשלאג אז מיר זאָלען אונזערע ליעבעס פעראייניגען אין איין עווינגען באַנד פון ליעבע, אכטונג און טרייהייט.

„איך פון מיינער זייט פיהל אז איך ליעב אייך גענוג שטארק צו קענען האָפען אויף א גליקליכען צוזאמענלעבען. און איך האָף וויע־דער אז איהר פיהלט אויך דאָס זעלבע געגען מיר.

„אין פאַל ווען צוליעב אירגענד וועלכע אורזאַכע איהר קענט מיין הייראטס פאָרשלאג ניט אָננעהמען האָף איך דאך אז דאָס וועט ניט צושטערען אונזער פריינדשאפט און מיר וועלען בלייבען די זעלבע גוטע פריינד ווי אימער.

„אייערער מיט טיעפער אכטונג". —

# די פפליכט פון א פרויענצימער און דאס רעכט פון עלטערן.

## ווי אַנצונעהמען אַ הייראטס אנטראג און ווי צו ענטזאגען. — פאַרמען פון אַננעהמען אָדער ענטזאַגען אַ פאַרשלאג. — די פפליכט פון קינדער צו בעראַטהען זיך מיט עלטערן.

ווען א דאמע ערהאלט א ליעבעס ערקלעהרונג מינדליך, דאן מוז זי גלייך ענטפערן, „יא" אָדער „ניין". אויף „יא" קען זי זיך ערלויבען א ביסעל צו ווארטען, פערלאנגען צייט, אָבער דער „ניין" זאָל זיין פראמפט.

לאָמיר עס ערקלעהרען.

א יונגע דאמע וויים, אונגעפעהר, אויב דער וואָס האָט איהר געמאַכט דעם אַנטראג מיט איהר צו הייראטהען, איז פאסענד אָדער ניין.

אויב איהרע געפיהלען זיינען אויך אַזוי שטירמיש ווי ער דריקט זיי אוים דאַן איז עס די פאַסענדע צייט צו זאָגען „יא" דורך א גוטמוטהיגען און גליקליכען שמייכעל. דאָס הייסט, ניט גראדע ארויםרעדען דאָס ווארט „יא", אָבער אזוי האנדלען, עס זאָל הייסען „יא". אויב דער געליעבטער איז דערמיט ניט צופריעדען, דאן זאָל ער ארויםקושען דאָס יא־וואָרט פון איהר מויל."

אויב די ליעבע איז אָבער ניט אַזוי ברענענד פון איהר זייט, אָדער פון זיין זייט איז זי ניט געקומען מיט אזא שטורם ווי ערוואַרטעט, אָבער ער איז דאָך דער פאַסענדער, דאן מעג מען פערלאַנגען א ביסעל צייט. עס איז בעסער אַזוי ; זאָל דער יונגערמאַן ווערען אויפמערקזאַמער און וואָס שווערער עס קומט אָן א זאַך, אַלץ ליעבער און טהייערער איז זי.

אין פאַל אָבער דער יונגער מאַן איז ניט די ריכטיגע פארטיע, דאַן זאָל דער „ניין" זיין פראמפט.

צו זאָגען „ניין", דאָס הייסט ענטזאגען דעם יונגען מאַן'ס הייראטה'ס אנטראג, דאַרף מען אימער זיין פאָרזיכטיג ווי מען זאָגט דאָס. מען דאַרף ניט זיין גראָב. אָבער אום קיינעם פרייז זאָל ניט

בלייבען קיין צווייפעל ביי דעם יונגען מאַן, אַז דער ניין איז פּאָזיטיווע ענטזאגונג.

אָט דאָ געפינען מיר פאַר נעהטהיג אויפמערקזאם צו מאַכען איי־בער דער נויטהווענדיגקייט, אַז אַן ענטזאַגונג זאָל ניט ענטהאַלטען קיין דאָפּעלטע מיינונג. עס מוז זיין אויסדריקליך „ניין" און דערמיט זאָל זיך אַלעס ענדיגען. אויב דער יונגער מאַן פּרובירט צו קומען אין דער זעלבער געזעלשאַפט, אום ספּעציעל, זיך צו טרעפען מיט דער דאַמע זאָל זי איהם אויסמיידען אויף אַ צייט, ביז ער וועט איינזעהען, אַז זי איז געווען ערנסט.

אַ בריעף פון אַ יונגען מאַן, מיט אַן אַנטראַג צו הייראַטהען, זאָל אויך זאָפאָרט בעאַנטוואָרט ווערען, עס מאַכט ניט אויס יאָ אָדער ניין, דער ענטפער זאָל שנעל קומען, סיידען עס ערפאָרדערט, אונבעדינגט, אַ פאַמיליען בעראַטהונג. אויך זאָל מען זעהען דיעזע בעראַטהונג זאָל באַלד שטאַטפינדען און ענדיגען די טראַנזאַקציאָן פון בריעף.

אויב דאָס מיידעל נעהמט אַן דעם אַנטראַג, זאָל זי שרייבען, אונ־געפעהר אַזוי :

„ליעבער....

„אייער בריעף האָב איך ערהאַלטען, דעם אמת זאָגענדיג, בין איך געווען זעהר איבערראַשט, ווייל איך האָב עס גאָר ניט ערוואַרטעט. יעדענפאַלס זעה איך ניט איין, וואָס איהר האָט דאָס אַלעס בעדאַרפט פערטרויען דעם פּאַפּיער און ניט מיר פערזענליך.

קומט אַזוי שנעל ווי מעגליך, איך ערוואַרטע אייך" —

אַ צווייטע פאָרמע :

„מיין ליעבער....

„וואָס פאַר אַ פּלאַס, וואָס פאַר אַ פייער ! איך האָב מיר גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, אַז אונטער דעם שטילען געזיכט וויטהעט אַזאַ וואולקאַן. נאָר, פאַרפאַלען, אויב דאָס איז ווירקליך ווי איהר זאָגט, דאַן זעה איך ניט איין פאַר וואָס איך זאָל אייך ניט גליקליך מאַכען ווען איך קען.

„דיינע" —

פאָרמע פון ענטזאַגונג :

„ווערטהער הערר....

„מיך וואונדערט זעהר ווי עס קומט איהר זאָלט מיר שרייבען

אזא בריעף. איך האָב אייך, דאַכט זיך, גאָר קיינמאָל ניט געגעבען אזא ערמונטערונג. ניין, מיין הערר, איך קען אייער פאָרשלאַג ניט אָננעהמען.

„אכטונגספאָל" —

אַן אַנדער פאָרמע:

„מיין הערר...

„אייער בריעף צו מיר איז געווען אַן איבעררעשונג. אונזערע פּער־הענליכע זיינען קיינמאָל ניט געווען אַזעלכע, אַז איהר זאָלט גאָר קענען דענקען דערפון, איך בעט אייך, רעכענט דיעזען בריעף אַלס מיין לעצטע ענטשיידונג.

„מיט אכטונג". —

אַ פריינדליכערע פאָרמע:

„זעהר געעהרטער פריינד...

„אייער בריעף ערהאַלטען. אַבוואָהל איך האַלט עס פאַר אַ גרויסע עהרע צו געניסען אייער פריינדשאַפט און געפין פיעל פערגניגען אין אייער געזעלשאַפט, דאָך פיהל איך ניט אַז איך זאָל אין מיין האַרצען פיהלען צו אייך מעהר ווי פריינדשאַפט. ליעבע איז עטוואָס אַנדערש און איך וועל קיינמאָל ניט הייראַטהען אַ מאַן סיידען איך וועל איהם ליעבען. איך האָף אַז מיר וועלען פערבלייבען גוטע פריינד ווי אימער און פערגעסען דיעזע טרויעריגע מיס־פערשטענדניס.

„מיט אכטונג". —

יעצט קומט דער פונקט פון עלטערן.

אַנדערע קינדער, איבערהויפּט מיט אַ מאָדערנע בילדונג, זיי־נען געוויס פּאַרטנעשריטענער און געלעהרענטער ווי זייערע אַלט־מאָדישע עלטערן, זיי זיינען אָבער פּאָזיטיוו ניט אַזוי פיעל ערפאַהרען און קענען ניט שפּירען דאָס וואָס זייערע עלטערען פיהלען.

אַ קינד, וואָס האָט עלטערן, און פרעגט ניט זיינע עלטערן'ס עצה אין אַ הייראַטה'ס אַנגעלעגענהייט, בעגעהט איינפאַך אַ פערברעכען געגען זיך זעלבסט.

מיר זאָגען ניט, אַז מען מוז ווידער פאָלגען וואָס די עלטערן הייסען. עס זיינען דאָ פעללע וואָס מאַכען עס איינפאַך אונמעגליך נאָכצוגעהען דעם וואונש פון עלטערן, איבערהויפּט דאָרט, וואו דאָס האַרץ פון די יונגע מענשען איז שוין אוועקגעגעבען. אָבער, אין גע־

ווערנליכע פעללע, זיינען די עלטערן דער וויכטיגסטער עלעמענט אין אזא פאל.

ביי עלטערן ליגט עפעס אזא מין אינסטינקט, אינטואיציאן, געפיהל, שפור־פעהיגקייט, וואס ענטדעקט דאס, וועלכעס א קינד זעהט נים און פערשטעהט נים.

מיר וועלען אייך איבערגעבען א מערקווירדיגען פאל, וואס א היגער אידישער זשורנאליסט האט בייגעוואהנט.

א מיידעל האט זיך פערליעבט אין א יונגען מאן. אלעס איז שוין געווען פיקס און פערטיג צום חתונה האבען, אויסער וואס דאס מיידעל האט גערעכענט פון יוצא־זוענען, פארצושטעלען איהר חתן פאר א׳הרע עלטערן.

די עלטערן האבען נים געקענט דעם יונגען מאן פון פריהער, נאר, פון עטליכע מאל זעהן, האבען זיי בעשלאסען אז ער פאסט נים פאר זייער טאכטער.

פאר וואס ? ווארום ?

געננוי און פאזיטיוו האבען זיי נים געוואוסט, נאר די מאמע האט בעהויפטעט, אז ער וועט נים זיין קיין גוטער מאן. ווי אזוי ווייס זי עס ? „ער האט אויגען פון א צולאזענעם יונג און אין זיינע תנועות ליגט עפעס מעשי־רוצח.״

דער טאטע, האט איינפאך בעהויפטעט, אז ער גלויבט, דאס דער־יונגער מאן איז אן אויסגעלאסענער, א „קאדעט״.

זי, דאס מיידעל, האט שטארק פראטעסטירט און געזאגט, אז קיין בראווערער ווי דיעזער יונגער מאן איז ניטא אין דער וועלט. זי האט שוין געזאלט געהען מיט איהם הייראטהען ביי א ריכטער, ווען ער איז פלוצלונג ארעסטירט געווארען אונטער דער אנקלאגע פון הייראטהען א מיידעל אין באלטימאר, און נאכהער האט ער זי אוועק־געפיהרט אין אן אונאנשטענדיגעם הויז פון פאנאמא.

קינדער זאלען שטארק אכטען דעם אינסטינקט פון זייערע על־טערן, און ווען זיי הערען עפעס פערנינפטיגעס, דאן זאלען זיי פאלגען.

יעצט וועלען מיר ריידען ווענען פעלע, וואו דער ראטה פון על־טערן מוז נים אונבעדינגט אקצעפטירט ווערען.

יונגע מענשען זיינען אפט פריינעזאנען און האבען ראדיקאלע אנשויאונגען. עלטערע מענשען זיינען קאנסערוואטיוו. עס איז פארא־

נען א מיידעל וואס זוכט צו הייראטהען א יונגען מאן, וועלכער איז גראדע פריינגעזאגנען און ראדיקאל. דאס זעלבע וויעדער מיט א יונגען מאן.

די עלטערן בעדויערן שטארק וואס זייער קינד איז פריינגעזאגנען און ראדיקאל. זיי האפען אבער, אז דאס קינד וועט חתונה האבען מיט א פרומען שותף און דאן וועט ווערען אלעס גוט און וואויל.

אויב די עלטערן'ס אנווענדונג דאגעגען בערוהט בלויז אויף אזא פונקט, און אויב די יונגע מענשען ליעבען זיך, דאן איז עס גאר ניט קיין נויטה, ווען די יונגע מענשען האנדלען לויט זייער אייגענעם שכל.

עס זיינען פאראנען עלטערן, וואס וואלטען אלעס אין דער וועלט אוועקגעגעבען פאר יחוס, זיך ניט קימערענדיג וואס דער איידעם אדער די שנור וועלען זיין אלס מענשען.

דיעזע יחוס שידוכים זיינען געווען און געבליעבען די קללה פון דער מענשהייט. אויב א מיידעל האט א חתן, וואס איז ניט פון קיין גרויסען יחוס, נאר ער אליין איז א מענש, דאן איז ניט נעטהיג זיך איינצוקויפען אין יחוס בלויז צוליעב די עלטערן.

אין אלגעמיין בעהויפטען מיר אבער, אז עלטערן דורכשניט־ליך, מיינען די טובה פון זייער קינד. זייער בליק איז א בעסערער און א שארפערער און זייער עצה זאל געזוכט ווערען.

עס איז זעהר אונאנגענעהם זיך צו פערקריגען מיט עלטערן און מאכען אזא מין שריט, פאר וועלכען די עלטערן זאלען זיך ענט־זאגען פון זייער קינד. רוהיגקייט, מילדקייט און וועלען אויסהערען א פערנינפטיגען ראטה פון עלטערן, האט אימער געטהאן גוטעס פאר קינדער.

# די אויפפיהרונג פון אזעלכע וואס קענען זיך ניט פעראייניגען

**די אופפיהרונג פון דעם „ענטזאַגטען". — ווי זאָל די דאַמע בעהאַנדלען דעם אונגעווינשטען פערליעבטען ? — ריינע פריינדשאַפט צוליעב געזעליגקייט. — טרייסט פאַר דעם וואָס קען די ליעבע ניט געווינען.**

---

אין פאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר דערמאָהנט, ווי אזוי דאָס מיי־דעל דאַרף האַנדלען אין פאַל יענער, וואָס פערלאַנגט איהר האַנד, איז ניט פאַסענד. יעצט וועלען מיר בעריהרען דעם פונקט, וויביידע זאָלען האַנדלען אין אזאַ פאַל. איבערהויפּט לעגען מיר מעהר געוויכט אויף דעם ענטזאַגטען, וועלכער איז, ווי געוועהנליך, דער מאַן.

א מאַן, וועלכען א מיידעל האָט ניט אַקצעפּטירט, דאַרף פער־שטעהן, אז ליעבע און נייגונג קענען ניט אימער זיין געגענזייטיג. אויב די מיידעל האָט איהם ענטזאַגט דערפאַר, וואָס זי ליעבט איהם ניט, וואָס זי האָט קיין נייגונג פאַר איהם, מוז ער בעגרייפען, אז פונקט ווי זיין ליעבע צו איהר, ווען ער זאָל זי הייראַטהען, וואָלט איהר גליק־ליך געמאַכט, גראַדע אַזוי קען איהר אבשטויסונג צו איהם איהם אונ־גליקליך מאַכען. ליעבע קען מען ניט ערצווינגען מיט געוואַלד.

אנשטאַנד פאָדערט, מען זאָל אפילו ניט אונטערברעכען אַלע פערבינדונגען און בעציהונגען, אָבער מען דאַרף דאָס הויז פון דער דאַמע מעהר ניט בעזוכען, איינער אליין ; מען דאַרף איבערהויפּט ניט געהן צו אָפט וואו זי געפינט זיך.

עס איז ערלויבט זי צו בעגריסען אין געזעלשאַפט, רעדען צו איהר אין דער אַנוועזענהייט פון אַנדערע, אָבער אום קיינעם פּרייז ניט זוכען איהר געזעלשאַפט „אונטער פיער אויגען".

וועגען איהרע פּפליכטען האָבען מיר שוין פריהער דערמאָהנט.

דאָס אַלעס אָבער גילט בלויז אונטער נאָרמאַלע צושטענדען. ווען עס האַלט אָבער ביי אַבנאָרמאַליטעט, דאַן זאָל דער פערצווייפעלטער פערליעבטער אנווענדען אַלעס מעגליכעס צו האַנדלען ווי עס פּאַסט פאַר א ציוויליזירטען מענשען.

אויב זיינע געפיהלען זיינען אבער שטארקער ווי זיין שכל און ער קען זיך ניט בעהערשען; אויב ער דריקט אויס דיעזע געפיהלען אין דראהענדע ווערטער, דורך אויפרעגונג, ווילדקייט און צולאזענקייט; אדער, ער ליידעט גאר פיזיש, ווערט שוואך, קראנק, דאן דארף די דאמע וויסען ווי צו האנדלען.

איידער מיר געהען ערקלעהרען דיעזען פונקט, מוזען מיר פריהער בעמערקען איבער אלעס וואס די עטיקעטע פארערט.

איידער א מאן איז פאזיטיוו, אז די דאמע, צו וועלכער ער שפירט א נייגונג, ערוויעדערט מעהר אדער ווענינער דיעזע נייגונג, האט ער קיין רעכט צו דעמאנסטרירען, אדער ארויסווייזען זיינע סענטימענטען.

עס איז ניטא קיין העסליכערע זאך אין דער וועלט, ווי אנגעווארפענע ליעבע. פרויען קען מען, מיט דער צייט, געווינען דורך צערטליכקייט און גוטסקייט, אבער קיינמאל ניט דורך אנגעווארפענע ליעבע. אויב די דאמע צייגט ארוים איהר וויעדערווילען און אונצופריעדענהייט מיט דעם מאן, דאן זאל ער זיך באלד צוריקציהען און פערשווייגען די פאסירונג אויף אייביג. מאנכע מענער פערשטעהען זיך ניט איין אויף אנדייטונגען, אויף וואונקען און אויף האנדלונגען; מען מוז מיט זיי זיין דייטליך, זאגען אנדערע דיבורים. דערפאר בעפריעדינען אזעלכע זייער נייגיערינקייט ענטוועדער דורך א מינדליכען, אדער דורך א בריעפליכען אנטראג.

אין פאל א מאן האט דאס שוין געטהאן און ערהאלטען דעם אונאנגענעהמען „ניין", דאן זאל ער אויסמעקען פון זיין לעבענס־געשיכטע דעם גאנצען אינצידענט, און ווען ער קען ניט פערגעסען, דאן זאל ער, ווענינסטענס, זוכען צו פערגעסען און שפיעלען די ראלע פון אזעלכען וואס פערגעסט.

מיר גלויבען, אז אויב מען (האט זיך אליין) ניט, פון פריהער, איינגערעדט צו פיעל, דאן איז לייכט איבערצולעבען אזא פאסירונג.

אין פאל אבער די אנגעלעגענהייט איז צו ווייט געגאנגען, דאס הייסט, אז ער האט זיך אליין צו פיעל איינגערעדט, און דערפון קומט עס צו אונאנגענעהמע פאלגען, ווי צורייצטקייט אדער פערצווייפלונג און קראנקהייט, דאן איז עס די הייליגסטע פפליכט פון דער דאמע צו פעררזיכטען אויף ווי ווייט זי קען.

זי מוז, רוהיג, געלאסען און פערנינפטיג, בעמערקען דעם יונגען

מאַן און איהם אַנגעבען איהרע גרינדע. די ערשטע און הויפּט גרונד מוז זיין, אַז אַבוואַהל ער איז אַ גאַנץ בראַווער מענש, דאָך וויל אָבער ניט די נאַטור זי זאָל איהם ליעבען, און דערפאַר האָט זי ניט איינגע־פּלאַנצט קיין ליעבע אין איהר הארצען צו איהם. דאָס איז ניט דער־פאר ווייל ער איז ניט ווירדיג געליעבט צו ווערען, נור ווייל מענשען מוזען האנדלען לויט די געהיימניספאָלע ענד־ציעלען פון דער נאַטור.

דאַן אויב דאָס איז ווענינ, מוז זי איהם מיטטהיילען, אַז איהר הארץ איז שוין לאַנג אוועקגעגעבען אַן אַנדערן. אָדער, עס זיינען דאָ אומשטענדען, צושטענדען, פאַמיליען פערהעלטניסע און אַנדערע פער־העלטניסע, וואָס שטעהען אין וועג פון אַזאַ פעראייניגונג. דערפאר זאָל ער זיין אַ מאַן, אַ מענש מיט קוראַזש און פערנינפטיג, און בעגרייפען, אַז דערפאר וואָס איינער וויל זיין גליקליך, איז נאָך קיין ראיה ניט, אַז ער מוז בויען זיין גליק, אויף אַ צווייטען'ס אונגליק.

זי דארף איהם פערשפּרעכען אייביגע פריינדשאַפט, זאָגאַר שוועס־טער־ליעבע, אבי צו בערוהיגען דעם ענטוישטען, און דערמיט אויסמיי־דען וואָס קען פיהרען צו ניט אַנגענעהמע רעזולטאַטען. אויסער דעם, איז עס גלאַט די פפליכט צו העלפען אַן אונגליקליכען. דערפאר וואָס יענער ליעבט, קומט איהם נאָך ניט קיין שטראָף, און כל־זמן מען קען דערביי גאָר ניט פערליערען, זאָל מען אַנווענדען אַלעס מעגליכע צו ראַטעווען איינעם פון פערצווייפלונג.

ווערענד דער גאַנצער צייט פון טרויסט פאַר'ן ענטוישטען, מוז די דאַמע אַננעהמען אַ מין האַלטונג, וועלכע זאָל פאָלקאָמען ענט־שפּרעכען וואָס זי זאָגט, ניט מעהר און ניט ווענינער.

מיר מיינען דערמיט, אַז זי דארף איהם ניט מאַכען גלויבען, אַז ער האָט נאָך עפּעס אויף וואָס צו האָפען, און אויך ניט, אַז זי טרייט עס ווייל די עטיקעטע פאָדערט עס. איהר האַלטונג מוז זיין פון אַן אויפריכטיגער פערזאָן.

יעצט קומט די פערקעהרטע האַנדלונג, דאָס הייסט, פון דעם מאַן צום פרויענצימער.

אין דער רעגעל וועט אַ פרויענצימער קיינמאָל ניט ענטדעקען איהרע געפיהלע צום מאַן, כל־זמן ער האָט נאָך ניט קלאָהר געמאַכט זיינע פערהעלטניסע און אבזיכטען. עס קומען אָבער פאָר פעלע, ווען דאָס שטילשווייגען רעדט.

ווען א יונגער מאן האָט זיך בעגעגענט מיט א יונגער דאמע און זיי זיינען צוזאמען געווען בעפריינדעט א היבשע צייט און וועהרענד דיעזער צייט האָט זי געוויזען, אז זי איז צו איהם גענייגט, דאן... נור פאר אַלעמען, מוזען מיר דאָ בעמערקען, אז קיין מאן האָט א רעכט צו מאכען א פרויענצימער גלויבען, אז ער דענקט פון איהר אין בעציהונג צו הייראטה, כל־זמן דאס איז ניט דער פאַל.

ליידער אָבער, זיינען די יונגע לייט, אָפט מאָל, אזוי לייכטזיניג, אז זיי קענען ניט זייערע אייגענע געדאנקען ביז עס געהט אוועק צו פיעל צייט, מעהר צייט ווי עס איז נויטהיג.

דאָס מיידעל, דערוויל, האָפט און וואַרט אויף אַן אנטראג. זי טרייסט זיך, מסתמא וועט שוין דער אנטראג קומען, זאָנסט וואָרום איז ער אזוי פריינדליך און אויפמערקזאם צו איהר?

צווישען איהרע בעקאַנטע רעדט מען; ניט איין מאָל האָט מען זי געפרעגט און זי האָט געמוזט געבען א צוויי־זייטיגען ענטפער. מיט איינעם וואָרט, פאר דער וועלט און ביי איהר אין הארצען, הייסט עס, אז זי איז זיין צוקונפטיגע.

פּלוצלונג אָבער, דורך פערשיעדענע אורזאכען, זעהט ער איין, אז ער קען איהר דעם אַנטראג ניט מאכען, און, מורא האָבענדיג, אפשר וועט עס געהן צו ווייט, מוז מען אָבהאקען אַלע פערבינדונגען.

מענער מיט מוטה געהען אריין צו דער דאמע און דערצעהלען דעם אמת — דער אמת איז תמיד די בעסטע פערטהיידיגונג. אַנדערע, וועלכע האָבען ניט קיין מוטה, זאָלען שרייבען א בריעף.

אזא מאן דאַרף קיינמאָל ניט פערגעסען, אז דאָ האַנדעלט זיך וועגען א צאַרטעס פרויען־הארץ, וואָס קען ווי פיעל ליעבען, ווי פיעל ליידען.

נאָך דער ערקלעהרונג פּריוואט, דארף דער מאן טהאָן אַלעס מעגליכע, און בעקאַנט מאכען אין דרויסען, דאָס הייסט, פאר דער וועלט, אַז זי, די דאמע, האָט גוטע אורזאכען מיט איהם ניט מעהר צו פערקעהרען, אָבוואָהל פון זיין שטאַנדפונקט, איז זי א ווירדיגע דאמע, וואָס וואָלט געקענט גליקליך מאכען אירגענד א מאן.

# די פערלאָבונג

די וויכטיגקייט פון צערעמאָניע. — דער רינג. — ווי די אָרימע זוכען צו איבערשטייגען די רייכע. — דער פערלאָבונגס „דינער" אָדער רעספּשאָן. — די אונאָפיציעלע פערלאָבונג

גלויבט יאָ אָדער גלויבט ניט, צערעמאָנען זיינען אַ שעהנע זאַך; שעהן פאר'ן אויג, און אויך שעהן פאר'ן גייסטיגען געשמאַק.

אמת צערעמאָניען שטאַמען טאַקי פון גרויען אַלטערטהום, ווען די מענשהייט איז נאָך געווען אין איהר קינדהייט, אָבער עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז אפילו גרויסע, ערוואַקסענע און העכסט געבילדעטע מענשען בענעטהיגען, אָפטמאָל, עפּעס זיך צו שפּיעלען דערמיט. מיר קענען ניט אימער נעהמען דאָס לעבען צו פּראָזאאיש, צו פּראָסט און זיך צופריעדענשטעלען בלויז מיט דער שטילער איינפערשטענדניס.

מיר טראָגען אַ ווייסען קאָלנער מיט אַ ראָק פון אַ ספּעציעלער מאַטעריע, ניט ווייל דאָס איז פאר אונז בעקוועם; פערקעהרט, דער ווייסער קאָלנער אום זומער און דער ראָק פון דער געוויסער מאַטעריע אין אַלע צייטען, קען זיין גאָר אונבעקוועם. אָבער מענשען פיהרען זיך אַזוי און אַזוי איז עס פּאַסענד.

מענשען זיינען געזעלשאַפטליכע ברואים. און די מיינונג פון צווייטען שפּיעלט אַ גרויסע און בעדייטענדע ראָלע.

פערלאָבונגען קענען עקזיסטירען בלויז אויפ'ן וואָרט, אין דער שטיל, קיינער זאָל ניט וויסען. טהעאָרעטיש איז עס אויך ניט קיינעם'ס דאגה, אָבער פּראַקטיש זאָלען אַזעלכע קאָנטראַקטען אין לעבען בעקאַנט ווערען דורך אַ געוויסע צערעמאָניע.

דאָס וואָרט פערלאָבונג, אָדער „ענגיידזשמענט", ווי מען רופט עס ביי אונז אין אַמעריקאַ, שטימט פאָלשטענדיג איין מיט דעם וואָרט תנאים, בעקאַנט ביי אונז אידען פון דער אַלטער וועלט.

מען דאַרף אַלזאָ זעהען, אַז די פערלאָבונג, אָדער „ענגיידזשמענט", זאָל מעהר אָדער וועניגער ענטשפּרעכען די תנאים; בעסער געזאָגט, אַז די תנאים זאָלען ענטשפּרעכען די פערלאָבונג.

אין דיעזען לאַנד, די פּעראייניגטע־שטאַאטען, איז ניט איינ־געפיהרט קיין ספּעציעלע צערעמאָניע פאַר א פערלאָבונג. עס זיינען נור דאָ געוויסע פיינע מאַניערען, וועלכע דערצעהלען פון אזא פאַל.

פאַר אַלעמען קומט דער פערלאָבונגס־רינג.

דער יונגער מאַן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך איינפערשטאַנען מיט אַלעמען, מיט דער כלה, עלטערן און אַלע וואָס דאַרפען איינשטימען, ערשיינט, ניט איינגעלאַדענערהייט, און איבערגרייכט זיין כלה דעם פערלאָבונגס־רינג.

ליידער איז עס, אין דיעזען לאַנד, א שלעכטער מנהג, וואָס דער פערלאָבונגס־רינג מוז זיין מיט א ברילליאַנט. פאַר'ן ניט פערמעגלי־כען יונגען מאַן איז דאָס געוויס א גרויסע פּלאָגע און א היבשע לאַסט, אָבער א מנהג איז א מנהג, און די כלה געפינט זיך אָפט שטאַרק גע־ערגערט ווען דער חתן קען ניט נאָכקומען די פאָדערונגען פון דער מאָדע.

דערפאַר אָבער איז ניטאָ קיין שיעור צו דעם ווערטה פון רינג. פערקעהרט, צווישען די גאַנץ רייכע איז מען זיך נוהג, אז דער רינג, וואָס האָט א ברילליאַנט, זאָל זיין קליין, פיין און נעט אָבגעאַרבייט, אָבער ניט פון קיין גרויסען ווערטה. ביי דער מיטעלקלאַסע וויעדער ליעבט מען שוין צו זעהען א גרויסען ברילליאַנט און די מיידלאך צווי־שען זיך, זיינען ניט זעלטען אזוי נאַרריש, אָבצושעטצען דעם חתן'ס ליעבע לויט דער שווערקייט פון דעם בריליאַנט און פערלאָבונגס־רינג.

צווישען דער אַרעמער קלאַסע מאַכט דער יונגער מאַן אַזעלכע אנשטרענגונגען, אז ער מוז אָפט אוועקגעבען פאַר'ן פערלאָבונגס־רינג אזוי פיעל, דאָס עס בעטרעפט א היבשע עטליכע מאָנאַט פון זיינע פערדיענסטען.

נאָכדעם ווי דער רינג איז איבערגרייכט און די נעהענטעסטע קרובים ווייסען שוין דערפון, איז מען זיך וויטער נוהג, אז דער כלה'ס פאָטער גיט א „דיננער".

לאָמיר דאָס דייטליכער ערקלעהרען.

דער „דיננער" איז דער נאָמען דערפון, נאָר אין אמת'ן איז דאָס א וועטשערע. אויב מען האָט פּלאַטץ גענוג, ווערט די וועטשערע געגעבען ביי זיך אין דער היים, ווען ניט, איז עס אין א האָטעל,

אָדער אין א „האָלל״. אהין ווערען געלאַדען די אינטימסטע פריינד, וואו מען עסט, טרינקט, און מען אמוזירט זיך.

כמעט יעדער ווייס צו וועלכען צוועק דאָס איז, פון דעסטוועגען מאכט מען זיך ניט וויסענדיג. ביז די וועטשערע איז פאַראיבער. דאַן הויבט זיך אויף דער אבי־הכלה, האלט א קורצע רעדע און מאכט בעקאנט די פערלאָבונג פון זיין טאָכטער. באַלד נאָכדעם פאָלגען גראַטולאציאָנען פון די אנוועזענדע.

אום צו פערבינדען מנהג המדינה מיט אידישקייט צוזאמען, קען מען דאָס מאכען אונגעפעהר אויף דעם זעלבען אופן. זאָל דער חתן געבען דער כלה זיין פערלאָבונגס־ רינג, דאַן זאָל דער אבי־הכלה מאַכען א תנאים צערעמאָניע. דאָס הייסט, צוזאמענרופען די אינטימסטע בעקאנטע אויף א וועטשערע, און צום שלום, זאָל מען פאַרלעזען די תנאים.

יעצט איז דאָ נאָך א מנהג.

מאנכע חתן כלה, דורך געוויסע אורזאכען, ווילען ניט בעקאנט מאכען זייער פערלאָבונג, זיי האָבען זיך אַלזאָ פערלאָבט אין פריוואט און האלטען עס, מעהר אָדער וועניגער, א געהיימנים. אָבער ווען עס דערנעהענטערט זיך צו דער חתונה, געפינט מען עס פאר נעטהיג בעקאנט צו מאכען, אז די פערלאָבונג האָט שוין לאַנג שטאַטגעפונדען.

אין אזאָ פאַל איז עס די פפליכט פון א נאָהענטען בעקאַנטען אָדער קרוב, צו מאכען א מין וועטשערע, און דערביי אַנאָנסירען די פערלאָבונג.

אַנשטאָט א דיננער מאכען אנדערע א „רעסעפּשאָן״. און דאָס איז פיעל פּראַקטישער און שעהנער. דער כלה׳ס פאָטער, אָדער די מחותנים פון כלה׳ס צד נעהמען א האָלל, (אָדער זיי טהוען דאָס זעלבע אין זייער איינענע הויז אויב זיי האָבען פּלאַטץ גענוג) לאַדען איין אַלע פריינד פון חתן׳ס צד און פון כלה׳ס צד. די געסט קומען אין א בעשטימטער שטונדע. חתן כלה שטעהען צוזאמען ניט ווייט פון טהיר און זיי ווערען פאָרגעשטעלט פאר די געסט אַלס פערלאָבטע. קיין פולער מאָהלצייט ווערט ניט סערווירט, אָבער אויף א לאַנגען טיש, וועלכער ווערט אוועקגעשטעלט אָן א זייט ווערט סערווירט א בופעט — עס ווערען אוועקגעשטעלט פלעשער משקה, קוכענס, „סענד־

וויטשעס", און פערשיעדענע פרוכטען. אזא רעספעפשאן ווערט גע־וועהנליך פעררופען אויף א זאנטאג נאכמיטאג, עס קען אבער אויך זיין אין אבענדס. די געסט דארפען ניט בלייבען שטעהען לאנג, העכ־סטענס א שטונדע. ווען דער פלאטץ איז ענג איז גענוג צו פער־בלייבען פון פופצעהן ביז צוואנציג מינוטען.

עס איז אפילו ניט גאנץ נאך די פארשריפטען פון דער מאדע, אבער וואס עס קומט פאר „אין די הויכע פענסטער", איז ניט אן אויסנאהם אין דער רעגעל, נאר א רעגעל אין דער רעגעל.

אבער אויך אין דיעזען פאל איז דא א געוויסע צערעמאניע.

דער חתן האט איבערגייכט דער כלה דעם פערלאבונגס־רינג. זי טראגט דעם רינג. אינטימע בעקאנטע וויסען גאנץ גוט וואס דאס בעדייטעט. אבער עטיקעטע פאדערט ניט צו פרעגען, און ווען יע־מאנד פרעגט, ענטפערט מען !

„וואס עס איז ניט אנאנסירט, איז ניט אפיציעל".

דאס הייסט, פראקטיש, צוגעגעבען, אז מען איז פערלאבט, נאר מען זאגט עס ניט פארמעל.

אין אזא פאל, ווען די פערלאבונג איז ניט אפיציעל, אדער פארמעל, דארפען, חתן כלה, זיך אויפפיהרען אימער, ·ווי צוויי אונ־פערלאבטע, וועניגסטענס פאר דער וועלט.

ביי א באלל טהאר זי ניט זיין „בלויז זיינע פאר יעדען טאנץ", זי מוז אקצעפטירען יעדען'ס איינלאדונג ; ווען זי שטעלט פאר איהר חתן, דארף עס זיין מיט דער זעלבער בענעהמונג פונקט ווי עס איז בלויז איהר גוטער בעקאנטער און ניט מעהר.

זיי דארפען ניט געהען אליין שפאציערען טאג נאך טאג, אדער אבענד נאך אבענד, — קורץ, זייער האלטונג מוז ענטשפרעכען זייער ניט בעקאנטמאכונג פון דער פערלאבונג.

דאך, ווי בעמערקט, ווען די צייט פון דער חתונה קומט, זאל מען אבגעבען, וועניגסטענס צוויי וואכען צייט, אום בעקאנט צו מאכען די פערלאבונג.

אין די העכערע קרייזען, מיר מיינען ניט דוקא צווישען די „400", די „אריסטאקראטען", נור מיר מיינען צווישען מענשען פון בילדונג און קולטור, איז א גאנץ געוועהנליכע זאך פאר א יונגען מאן צו זיין בעפריינדעט מיט א מיידעל, זי אפט בעזוכען, און זאגאר מיט

איהר אויסגעהן שפאציערען, אין טהעאטער און אין אפערא, און דאך זאלען זיי קיינמאל ניט דענקען פון הייראטה. עס איז ביי זיי בלויז ריינע פריינדשאפט, געזעליגקייט. זיי פערשטעהן זיך איינע די אנ־דערע דורך און דורך, ווייסען אז פריינדשאפט איז ניט ליעבע, זיי ווייסען אויך אז אויסער א געפיהל פון פריינדשאפט האבען זיי ניט איינע פאר די אנדערע. זיי געפעלען זיך איינע די אנדערע בלויז אלס גוטע פריינד, זיי פערשטעהען איינע די אנדערע, זיי זיינען גאנץ אפענ־הערציג צווישען זיך און עס קען צווישען זיי קיין מיספערשטענדניס פארקומען. ער הייראטה אן אנדערע מיידעל, זי הייראטה אן אנדער יונגען מאן און זיי בלייבען צווישען זיך די זעלבע גוטע פריינד. אבער אזא פלאטאנישע ליעבע, אזא אהבה שאינה תלויה בדבר, קען עקזיסטירען נור צווישען מענשען וועלכע בעזיצען א פאלקאמענע קאראקטער־בילדונג, וועמעס קאפ איז שטארקער פאר זייער הארץ. דערפאר זאל קיין יונגער מאן זיך ערלויבען אויסצוגעהן אליין מיט א יונגער דאמע און „האלטען מיט איהר קאמפאניע״ סיידען ענטוועדער ער דענקט מיט איהר צו הייראטהען, אדער ער ווייס אז זי איז גענוג גייסטיג ענטוויקעלט צו בעגרייפען א ריינע פריינדשאפט, אהן א שום אנדער אבזיכט ווי געזעליגקייט, און אויב זי איז אזא מוז ער מיט איהר האבען א גאנץ אפענעם געשפרעך וועגען דעם איידער די פריינדשאפט געהט אוועק צו ווייט, ווייל געבילדעטע מענ־שען קענען אויך האבען א טעות און אננעהמען די פריינדשאפט אין אן אנדער ליכט.

עס איז אנגענומען ביי לייטען אז ווען א יונגער מאן געהט אויס דריי מאל מיט א מיידעל איז עס שוין א סימן אז ער דענקט איהר מא־כען פאר זיין לעבענסבעגלייטערין. יונגע לייט דארפען עס ווייסען, אום ניט צו געבען וועגען זיך פאלשע מיינונגען. אויב א יונגער מאן געהט אויס מיט א מיידעל מעהר ווי דריי מאהל און ער דענקט מיט איהר ניט חתונה צו האבען, אבער ער וויל מיט איהר פארטזעטצען א ריינע פריינדשאפט, דארף ער מיט איהר האבען אן אפענעם גע־שפרעך וועגען דעם.

אפענהערציגקייט איז דער בעסטער מיטעל צו פערמיידען אונ־אנגענעהמע פאלגען פון ביידע צדדים.

# די אויפלעזונג פון א פערלאָבונג

## די „תנאים צייט" אלס א „טרייעל מעררידזש", אָדער פּראָבע הייראטה. — צוליעב וועלכע זאכען א שידוך דארף אויפגעלעזט ווערען. — ווען איז פריהער בעסער ווי שפּעטער. — אָבשיקען פּרעזענטען.

היינטיגע פערלאָבונגען, אָדער בעסער געזאָגט, הייראטהען, זיינען ווי מען זאָגט, קאמערציעל. לאָמיר זיך דייטליכער ערקלעהרען:

צוויי מענשען בעקענען זיך און בעשליסען צוזאמען אָבצולעבען די וועלט. זיי שיינט אז זיי וועלען קענען הארמאָניערען, אז זיי וועלען קענען צוזאמען דורכגעהן דאָס לעבען. מען דארף ניט פערגעסען, אז אין אזא פאל איז קיין רעדע ניט פון יענער ברענענדיגער און פייערדיגער ליעבע, וואָס פערבלענדעט די אויגען און פערדונקעלט דעם שכל. עס איז א צוזאמענקונפט פון צוויי רוהיגע און פערנינפטיגע מענשען, וואָס געהען אריין קאלטבלוטיג אין א מסחר.

די פערלאָבונג, לויט ווי עליזע רעקליו בעהויפּטעט, איז א גאנץ אַלטער מנהג, אָבער זי האָט אין אַלטערטהום אפילו, געהאט א גוטע בעדייטונג.

אונזערע אידישע תנאים דערמאָהנען אָן דעם אַלטערטהום. דער חתן פערפּפליכטעט זיך נאָכצוקומען געוויסע בעדינגונגען, דערפאר וועט דער מחותן, אָדער אבי־הכלה, איהם געבען זיין טאָכטער פאר א ווייב. מען שרייבט אַלזאָ אוים די תנאים און מען לעגט אָב די חתונה אויף א געוויסער צייט. וועהרענד דיזער צייט דארפען ביידע צדדים ערפיהלען זייערע פערפּפליכטונגען.

תנאים הייסט קאָנטראקט, און ווען איינער פון דיביידע צדדים קען ניט, אָדער וויל ניט נאָכקומען די פונקטען פון קאָנטראקט, דאן איז דער קאָנטראקט בטל ומבוטל.

אין די גאָר אַלטע צייטען האָבען די צוויי הויפּט פעראינטערעסירטע פּארטייען גאָר ניט געהאט צו טהאָן מיט׳ן קאָנטראקט. דאָס איז אַלעס געווען צווישען די עלטערן. זיי די עלטערן, האָבען געמאכט תנאים צווישען זיך, אז איינער וועט געבען אזוי פיעל, און

דער צווייטער אזוי פיל ; אזביידע צוזאמען וועלען נאכקומען געוויסע פערפליכטונגען. דארויף האט מען אבגעשטעלט א צייט. ווען די צייט איז פערפלאסען און איינער פון די צדדים איז ניט נאכגעקומען די פארגעשריבענע פונקטען, דאן האט זיך דער קאנטראקט אויפגעלעזט.

אין בבל איז געווען איין געזעצליכער נוסח פאר תנאים און פאר אלע אנדערע געשעפטליכע אנגעלעגענהייטען. דאס געזעטץ האט אנערקענט תנאים פונקט אלס אזא האנדעלס־קאנטראקט ווי אלע אנדערע געשעפטליכע פערבינדונגען.

ניט פיעלע מנהגים פון אלטערטהום, וואס זיינען אונז איבערגעבליעבען, זיינען לויבענסווערטהע און ניטצליכע. דיעזער מנהג אבער, פון תנאים אדער פערלאבונג, איז א לויבענסווערטהער און א ניטצליכער.

אין אונזערע מאדערנע צייטען שפיעלען מעהר ניט די עלטערן די הויפט ראלע. ניט די מחותנים דארפען חתונה האבען זאנדערן די חתן כלה. דערפאר ווייסען מיר יעצט, אז א פערלאבונג ווערט געמאכט ספעציעל צום צוועק, אז ביז מען וועט קענען נאכקומען געוויסע בעדינגונגען, זאלען מענשען וויסען, אז דיעזע צוויי זיינען בעשטימט איינער פאר א צווייטען.

מען האט, אין דער לעצטער צייט, זעהר פיל געשפראכען, איבער „טרייעל מעררידזש", אדער פראבע־הייראטה, די ריכטיגע פראבע־הייראטה, זאל זיין און איז אויך, אין פיעלע פעלע, די פערלאבונגס־צייט. מיר מיינען דערמיט ניט, נאטירליך, א צוזאמענלעבונג אלס מאן און פרוי, אבער מיר פערשטעהען דארונטער אזא אינטימע צוזאמענקונפט, וואס זאל געבען ביידע צדדים די מעגליכקייט זיך בעסער צו קענען און זיך בעסער צו שטודירען.

אלס פערלאבטע מוז און זאל זיין א גרענעץ אין די האלטונגען צווישען חתן כלה ; זיי דארפען קיינמאל ניט פערגעסען, אז זיי זיינען נאך ניט קיין מאן און ווייב, און קענען נאך ווערען ווילדפרעמדע. אבער זיי מוזען אנווענדען אלעס מעגליכע זיך צו קענען און ליעבען איינער דעם צווייטען.

אט דיעזע „פראבע־הייראטה" זאל ארויסווייזען אויב זיי וועלען קענען אבפיהרען צוזאמען א וועלט, אדער ניין.

דאן, ווי געזאגט, דארף מען אויך ניט פערגעסען, אז דא איז ניט קיין רעדע פון פייערדיגער און ברענענדיגער ליעבע. עס איז א קאמערציעלע פעראייניגונג.

אויב דאס מיידעל איבערצייגט זיך, אז דער יונגער מאן איז גלאט אונפעהיג צו פערדיענען אזוי פיעל ווי זי קען בענעטהיגען, דאן איז עס ניט נעטהיג צו ווארטען אויף שפעטער, אויב דער יונגער מאן זעהט, אז זיינע פערדיענסטען וועלען קיינמאל ניט קלעקען צו דעקען וואס זי קען פערספענדען, דאן וואס גיכער א סוף אלץ בעסער.

איבערהויפט דארפען שטודירט ווערען די כאראקטערע. קורץ, אלעס וואס קען איבערצייגען איין מענשען אויב ער וועט קענען אב־פיהרען א וועלט מיט׳ן צווייטען.

ווען מען איבערצייגט זיך, אז דאס וועט ניט זיין קיין גליקלי־כעס צוזאמענלעבען, דאן, וואס שנעלער, אלץ בעסער.

צווישען מאנכע פעלקער גלויבט מען, אז אבלעגען א שידוך, איז ניט גוט, עס איז ניט גליקליך. אפילו צווישען אונז אידען גלויבט מען אויך אזוי. א פאקט איז עס אבער, אז עס איז בעסער צו אבצור־לעגען צעהן שידוכים איידער איין גט.

די דייטשען זאגען אפילו א ווערטעל, אז „דאס וואס ליעבט זיך, נעקט זיך", דאס הייסט, „יענע וואס ליעבען זיך קריעגען זיך".

עס מוז ניט אמת זיין.

עס איז אמת, אז יענע וואס ליעבען זיך, קענען זיך א מאל קריעגען; אבער עס איז דורכאוים ניט אמת, אז יענע וואס ליעבען זיך, זיינען א מאל חבר.

מענשען וואס ליעבען זיך, הארמאניערען אויך, דא ליעגט דער סוד פון ליעבע, הארמאניע.

דאן בעהויפטעט מען ווידער, אז ווען מען קריעגט זיך פאר דער חתונה, דאן ליעבט מען זיך שטארק נאך דער חתונה.

דאס איז ווידער א פאלשער בעגריעף.

מיר ווילען דא ניט בעריהרען יענע הויכע, פלאמענדע און פלאקערענדע ראמאנטישע ליעבע. ניט פון יענער קענען מיר יעצט רעדען. אבער מענשען, וואס בעשליעסען אבצופיהרען זייער וועלט, מוזען האבען אידעען און געדאנקען. איבער וועלכע מען שטימט איין;

זיי מוזען האָבען מאַניערען און האַנדלונגען, וואָס זאָלען נעדולדעט ווערען פון איינעם צום צווייטען.

אויב זיי זיינען פערלאָבט פאָרמעל, עפענטליך, אָדער ניט פאָר־מעל בסוד, בלייבט זיך גלייך. אין פאַל נאָך עטליכע וואָכען צייט, ווען זיי זעהען אַז זייערע רעליגיעזע, געזעלשאַפטליכע און אַנדערע מיינונגען שטימען ניט און ביי דער ניט שטימונג רופט זי אַרויס צאַנקערייען און רייסערייען, דאַן איז געקומען די צייט צו בעגרייפען, אַז אַזעלכע צוויי כאַראַקטערע, וועלען ניט קענען אָבפיהרען אַ שותפות דאָס גאַנצע לעבען.

מיר גיבען צו, אַז מען דאַרף זיך ניט איילען; נאָר פּרובירען נאָך אַ וואָך און נאָך אַ וואָך. מען מוז זיך פריהער אַליין איבערצייי־גען, אַז מען איז ניט אין ספק. דאַן, ווען די קריעגעריי, צאַנקעריי און שטרייט זעטצען פאָרט, דאַרף די פערלאָבונג אויפגעלעזט ווערען.

ביי אונז אידען האָט מען זיך נוהג געווען, אָבצושיקען די תנאים. דאָס איז געטהאָן געוואָרען רוהיג, שטיל, אָהן ויכוחים, און דער אַקט זעלבסט איז געווען גענוג צו איבערצייגען דעם צווייטען צד, אַז אַלעס איז שוין פאַראיבער.

מיר זעהען ניט איין, וואַרום, דאָ, ביי אונז אין אַמעריקאַ, זאָל דאָס אויך ניט זיין קיין גוטער מנהג. אָבשיקען די תנאים בעצייי־כענט אַז די שותפות איז אויפגעלעזט.

אָבער דאָ איז אַנדערש, און, אין מאַנכע פעלע, זעהר ניט ציי־וויליזירט. ווייל די אויפלעזונג ווערט דער רעזולטאַט פון אַן איינ־פאַכען אונאַנגענעהמען וואָרט־שטרייט.

דאָס איז ניט נעטהיג.

לאָמיר אָננעהמען, אַז אַ מיידעל האָט איינגעזעהען, דאָס איהר חתן איז פאַר איהר ניט פּאַסענד, און זי האָט בעשלאָסען מיט איהם מעהר ניט צו פערקעהרען. דאַן איז עס העכסט ציוויליזירט, איהם דאָס אַלעס צו לאָזען וויסען דורך אַ בריעף פער פּאָסט, מאַנכע טהוען עס דורך אַ שליח מיוחד.

נעבען בריעף ווערען בייגעלעגט אַלע ווערטהפאָלע און ניט ווערטהפאָלע פּרעזענטען וואָס ער האָט געגעבען.

דער בריעף לויטעט אונגעפעהר אַזוי:

ווערטהער הערר : —

עס טהוט מיר זעהר לייד אייך דאָס מיטצוטהיילען, דאָס צו־ליעב געוויסע אורזאכען געפין איך פאר נויטהווענדיג אויפצולעזען אונזער פערלאָבונג און דאָס פון היינט אָן זיינען מיר צוויי פרעמדע מענשען. איך שיק אייך צוריק אייערע פרעזענטען.

אכטונגספאָל.

עס זיינען דאָ מאנכע מיידלאך, וואָס טהוען אזעלכע זאכען ניט מיט דער אבזיכט אָבצולעגען דעם שידוך, נאָר אום מעהר אויפצורעגען דעם יונגען מאַן און „פּרובירען דעם גראד פון זיין ליעבע".

דערפאר, ערקלעהרען מיר, אז אַ יונגער מאַן, נאָך דעם ווי ער ערהאַלט אזאַ בריעף ווי אָנגעצייגט, צוזאַמען מיט זיינע פּרעזענטען, און ער געהט ווייטער זוכען זיך איבערצובעטען מיט זיין כלה, איז ער ענטוועדער בעזויפען מיט ליעבע, אָדער ער איז ניט קיין עהרענ־מאַן.

אזאַ האנדלונג פון אַ מיידעל זאָל זיין גאַנץ גענוג צו מאַכען אַ פאָלשטענדיגען סוף.

דער יונגער מאַן וויעדער מוז זיין מעהר דעליקאַט. ער דאַרף ניט שרייבען קיין בריעף צו דער כלה וואָס געפעהלט איהם ניט. ער דאַרף, דורך אַ פריינד אָדער אַ גוטען בעקאַנטען, לאָזען וויסען דער מיידעל, אז זיי זיינען ניט קיין פּאָארל און איידער אַן אונגליקליכע הייראַטה, איז שוין בעסער אַ גליקליכע פערלאָבונגס אויפלעזונג.

עהרענמענער לאָזען ניט מאַכען דעם איינדרוק, אז דיעזע האנד־לונג איז ניט פון זייער זייט, זאָנדערן פון דער זייט פון מיידעל. דערפאַר, אויב דער מאַן האָט עפּעס אַ פּרעזענט פון מיידעל, שיקט ער עס ניט צוריק, זאָנדערן „ער בעהאַלט דאָס אַלס אַן אָנדענקונג".

דאָס מיידעל וואָס האָט אזוי געהאַנדעלט, ווי מיר האָבען אָנגע־צייגט, האָט קיין רעכט, נאָכהער, צו פערברייטען אירגענד וועלכע נאַכריכט איבער די חסרונות וואָס זי האָט אויסגעפונען אויף איהר געוועזענעם חתן. ער איז שוין אַ ווילד־פרעמדער און זי האָט מיט איהם קיין שום פערקעהר, אַלס אַ פרעמדער מעג ער האָבען וואָס פיר אַ חסרונות ער וויל, איבערהויפּט, קען עס מעגליך זיין, אז דיעזע חסרונות, זאָלען זיין ביי אַנדערע מעלות.

זי מעג בעגעגענען דעם יונגען מאַן, און, ווען ער בעגריסט זי,

זאָל זי איהם ענטפערן מיט דער זעלבער האַלטונג פונקט ווי זי וואָלט געווען זיינע אַ ווייטע בעקאַנטע.

עטיקעטע פאָדערט אויך, אַז זיי זאָלען ניט רעדען אונטער פיער אויגען. דאָס מוזען ביידע פערשטעהען און אויסמיידען, עס זאָל ניט דאַרפען קומען דערצו.

ווייטער פאָדערט די עטיקעטע, אַז אין פאַל ווען איינער קומט עפּעס פּרעגען אויף דעם צוריקגעוויזענעם אָדער אויף דער צוריק־געוויזענע, זאָל זיין נאָר ליב און רוהם. דאָס מינדעסטע אונצערטלי־כע וואָרט וועגען אַזאַ פּערזאָן, ווערט בעטראַכט אַלס גראָב און אונ־ציוויליזירט.

---

# די געגענזייטיגע בענעהמונג פון חתן־כלה

די פפליכט פון זיין אויפריכטיג איינער מיט'ן אַנדערען. — סודות פון דער פערגאַנגענהייט. — זאַכען וואָס מען דאַרף דערצעהלען און זאַכען וואָס מען דאַרף פערשווייגען. — רעליגיעזע געזינונגען.

---

פערלאָבטע דאַרפען האָבען אין זינען, דאָס אַבוואָהל עס איז בע־סער און לייכטער אָבצולעגען אַ שידוך ווי גט'ן זיך, פון דעסטוועגען דאַרף זיין דער ענטשלוס פעסט, אַז זיי ווילען אַבלעבען זייער וועלט צוזאַמען.

דאָך דאַרף קיינמאָל ניט פערגעסען ווערען, אַז מען איז דאָך נאָר חתן כלה און ניט מאַן און ווייב. דאָס בעדייטעט גאַנץ איינפאַך, ווייט אין קערפּער, אָבער נאָהענט אין גייסט.

דער „והיו לבשר אחד" פאַנגט נאָר אַן נאָכדעם ווי דער „הרי את" איז געזאָגט געוואָרען. ביז דאַמאָלס אָבער זיינען זיי פעראייניגט אין זייערע גייסטער, אין זייערע נשמות, און זיי זאָלען מאַכען אַלע פאָרבערייטונגען צו דער גרויסער אויפגאַבע אין לעבען.

פאַר אַלעמען קומט אויפריכטיגקייט. איינער דאַרף דעם צווייטען בעטראַכטען פאַר זיין אייביגען פריינד און לעבענס־קאָמפּאַניאָן,

און אזעלכע מענשען זאָלען האָבען איין געדאַנקען, איין דעה, און ניט זוכען צו בעטריעגען איינער דעם צווייטען.

מיר מוזען דאָ אויפמערקזאם מאכען וואָס מיר מיינען.

מאנכע חתנים ווערען פערלאָבט און מאכען דעם פאַלשען איינ־דרוק אויף זייערע כלות, אז זיי פערדיענען תרפ"ט אלפים א וואָך, און האָבען ששפ"ט אלפים אין די בייגק אָדער אין געשעפטען. עס איז געגוג שלעכט, ווען מען לאָזט פריהער פערברייטען אזא שלעכטען איינדרוק, אָבער עס איז נאָך פיעל ערגער, ווען, זייענדיג פערלאָבט, לאָזט מען איבער דעם זעלבען איינדרוק ווען ער איז ניט אמת.

איז עס א וואונדער, ווען מען הייראטהעט, און די פרוי וויל לעבען לויט די גרויסע איינקינפטע ?

די סקאנדאלען און שטרייטיגקייטען נאכהער, זיינען ניט צום בעשרייבען.

אויב א מיידעל איז ניט צופריעדען מיט דעם חתן'ס וואהרע איינקינפטע און פאָדערט צוויי אָדער דריי מאָל אזוי פיעל, זאָגסט וויל זיט ניט הייראטהען, איז א סך בעסער שוין צו מאכען א סוף און ניט געהען ווייטער.

דאָס זעלבע איז פון דעם אנדערן צד. מאנכע יונגע לייט קריע־גען צוגעזאָגט פערשיעדענע גליקען פאר די תנאים. נאטירליך, אויב דאָס מיידעל ווייס דערפון, זאָל זי באלד דערצעהלען דעם יונגען מאן, ווי פיעל אמת עס איז ; אָפט מאָל אָבער האָבען מיידלעך, פאר דער פערלאָבונג, קיין געלעגענהייט צו וויסען און רעדען וועגען אזעל־כע זאכען, אָבער נאָך דער פערלאָבונג, איז עס איהר פפליכט צו דערצעהלען דעם חתן געגוי און דייטליך וואָס ער קען ערוואַרטען.

און אויב ער זאָגט, אז ביי איהם איז דער עיקר דער נדן מיט די צוגעזאָגטע גליקען, איז בעסער באלד צו זאָגען „זיי געזונד".

יונגע לייט איבערהויפט ביי אונז אין דער נייער וועלט, קומען אָפט אהער פון אייראפא אָדער גאָר פון אן אנדער שטאָדט, ענט־ווערער גרושים אָדער אלמנים. קען זיין, אז די כלה וועט קיינמאָל ניט ערפאהרען דאריבער, אָבער זיין הייליגסטע פפליכט איז איהר מיטצוטהיילען, אז ער איז שוין געווען א פערהייראטער מאן. מען פערשפאָרט שפעטערדיגע צרות. און אויב א מיידעל קען ניט ער־

טראָגען דיזע איינפאַכקייט, איז בעסער מיט איהר ניט צו הייראַטען.

עהנליכעס זאָל געשעהען פון דער כלה'ס צד. אויב זי איז געווען א גרושה אָדער איין אַלמנה און זי קען אפילו הייראַטהען מען זאָל דאריבער ניט וויסען, זאָל זי דאָס ניט פערשווייגען. בעסער א פריהעריגער קליינער רוגז, איידער א שפּעטערדיגער אייביגער פאָר־וואורף.

יעצט קומען מיר צום וויכטיגסטען פּונקט.

עס זיינען פאראַנען יונגע לייט און יונגע מיידלעך, וואָס האָבען קיינמאָל ניט געהאַט קיין ערנסטע בעקאַנטשאַפט מיט יעמאַנדען, ביז דער זיווג איז געקומען. פון יענע האָבען מיר ניט וואָס צו ריידען. דאַגעגען אָבער, דער גרעסטער טהייל פון היינטיגער וועלט, בע־שטעהט פון יונגע מענשען, וואָס האָבען פערקעהרט מיט אַנדערע געשלעכטער גאַנץ אינטים. מען האָט זיך געהאַלזט, געקושט, גע־ליעבט, געהאָפט, געמיינט, געברויכט, נאָר — עס איז גאָר ניט גע־וואָרען.

פרויענצימער, ווי געוועהנליך, פלוידערן ניט פאר זייערע חתנים, אָדער שפּעטערע מענער, וועגען אַזעלכע בעקאַנטשאַפטען, און דאָס איז א גאַנץ גוטע זאַך, דאָך שאַדעט ניט, צו דערמאָהנען, אז מען איז געווען מיט דעם און מיט דעם „אביסעל אינטים", אָבער ניט גע־פעהרליך פערליעבט. דאָס וואָלט מען אויך ניט בעדאַרפט זאָגען, אָבער עס זיינען פאראַנען מענער, וועלכע ערפאַהרען שפּעטער פון אַזעלכע בעקאַנטשאַפטען און שטעלען זיך פאָר „גאָט ווייס וואָס עס איז געשעהען". אום צו פערהיטען אַן אייפערזיכטיגען אויסברוך, איז בעסער פריהער צו זיין מעהר אָדער ווייניגער אויפריכטיג.

אָבער, מיר דערמאָהנען דאָ נאָך א מאָל, אז עס איז אבסאָ־לוט ניט נעטהיג צו דערצעהלען אַלערליי איינצעלהייטען. מאַנכע נאַררישע פרויען מיינען, אז דערצעהלענדיג ווי שטאַרק און ווי היים זיי זיינען געליעבט געוואָרען, וועלען זיי ארויסרופען נאָך מעהר ליעבע ביים חתן. אָבער דאָס איז פאַלש. קיינער האָט ניט ליעב קיין ברויט פון וועלכען א צווייטער האָט געביסען מיט זיינע צייהן.

אין אמת'ן זיינען אַזעלכע אנגעלעגענהייטען א שטרענגע פּריי־וואַט זאַך, וואָס איז לחלוטין ניט נוגע דעם חתן, כל זמן עס איז גע־

שעהען ניט אין דער צייט ווען ער איז געווען אין חשבון. עהרענ־האפטע מענער ווילען אליין גאר ניט וויסען דערפון. ליידער אבער זיינען דא עהרענהאפטע מענער זעהר ווענינ, און אום צו פערהיטען שפעטערע אונצופריעדענהייט מיט פראטעסט איז בעסער פריהער מיטצוטהיילען אזוי פיעל, אז עס זאל הייסען, אז מען האלט ניט קיין סודות.

מיט מאנכע מענער איז די שילדערונג פון זייער „ליעבע־צייט" איינפאך א סקאנדאל. זיי רעכענען, אז א מאן מעג אלעס; אז איהם איז קיין זאך פערבאטען, און די כלה וויים שוין סיי־ווי־סיי פון זיין פערגאנגענהייט. נאר, אום צו זיין כלומר'שט אופריכטיג, דערצעהלט ער איבער זיין פריהעריגעס לעבען, און שילדערענדיג דיעזעס לעבען, צושפיעלט זיך זיין פאנטאזיע.

דער ריינער, טרוקענער אמת, פון מאנכע מענער'ס פערגאנגענ־הייט, איז אויך זעהר אונאנגענעם, נאר ווען זיי הייבען אן צו בעפוטצען און נאך צו טראכטען ליעגענס, דאן איז עס גאר עקעל־האפט.

אזא מאן קען זיך גאר ניט פארשטעלען וואס פאר אן עקעל און אבשיי ער רופט ארוים ביי דער ריינער פרויען־זעעלע פאר וועל־כע ער שילדערט זיין עקעלהאפטע קאריערע. זי ווערט רויט און בלאס פאר חרפה און פאר בושה, און ניט זעלטען ווערט אוים שידוך. אויב זי הייראטה אפילו יא מיט איהם, האט זי אימער אן עקעל צו איהם און זי קען עס איהם קיינמאל ניט פארצייהען.

מענער זאלען וואס וועניגער דערצעהלען פון זייער פערגאנגענ־הייט. עס איז גאנץ גענוג ווי פיעל די כלה פערדעכטיגט, זיין אייגענע שילדערונג איז ניט נעטהיג, אויסער ווען עס האנדעלט זיך אום א וויכטיגער לעבענס פראגע.

יעצט נאך עפעס:

עס זיינען דא קרענקליכע מענשען, אויף וועלכע מען זעהט עס ניט אן. נאר ווען זיי הייראטהען און לעבען מיט א צווייטען, ווייזט זיך ארוים זייער קראנקהייט.

אויסער וואס מאנכע האבען געפעהרליכע קראנקהייטען, בע־זיטצען א טהייל שוואכע לונגען, א שוואכעס הארץ, א קרענקליכען

מאַגען, עפּילעפּטישע אַנפּעללע (חולי נופלים) און עהנליכעס. אזעל־כע קראנקהייטען, אויב מען רעכענט זיי פאר ערנסט, זאָלען ניט פער־שוויעגען ווערען. מען מוז זיי ענטדעקען פאר דער חתונה.

א וויכטיגע ראָלע שפּיעלען רעליגיעזע און ניט רעליגיעזע איבער־צייגונגען.

חתן כלה, זאָלען אימער, גאנץ דייטליך, פריהער בעשליעסען, ווי זיי ווילען זיך פיהרען, אָדער ווי זיי בעשליעסען זיך צו פיהרען אין הויז. ביי אונז אידען שפּיעלט א גרויסע ראָלע כשרות, מילה ביי זכרים, דאן די ערציהונג פון די קינדער.

אזעלכע זאכען טהאָר מען ניט איבערלאָזען אויף שפּעטער.

מאנכער יונגער מאן און מאנכעס מיידעל, איז גאנץ גלייכגיל־טיג צו שבת, קידוש הבדלה, סוכה און מזוזה, תפילין און דאוונען, אָבער ווען עס קומט צו די עיקרים פון אידישקייט, ווי געהען ימים נוראים אין שוהל, האלטען מילכיגס מיט פליישיגס, מילה און אזוי ווייטער, דאן ווילען זיי דערפון ניט אָבטרעטען. ביי אנדערע ווידער איז עס א פּרינציפּ גאָר ניט מקיים צו זיין וואס עס איז נוגע רעליגיאָן.

ווען מען איז חתן כלה, אין דער פערלאָבונגס־צייט זאָל מען זיך איינפערשטעהען.

אמאָל גיט איינער נאָך דעם צווייטען. אמאָל גיט איינער אי־בער דעם צווייטען די פיהרונג. אמאָל איבערצייגט איינער דעם צווייטען.

אזוי אָדער אזוי, מען מוז זיך פריהער גענוי אויסרעדען און קומען צו א בעשטימטען בעשלוס, זאָנסט פאָלגען שפּעטער גרויסע צרות. און ווען ביידע צדדים זיינען איינגעשפּארט, איינער וויל זיך ניט אונטערגעבען צום צווייטען, זאָל מען ניט זאָגען, אז די צייט וועט עס אויסגלייכען, דאָס איז א גרויסער טעות. מען מוז דאָס באַלד אויס־גלייכען, ווייל שפּעטער וועט עס זיין ענטוועדער שווערער, אָדער גאָר אונמעגליך צום בעשליעסען.

# צווישען תנאים און חתונה

**אַ הערליכע פּעריאָדע אין מענשען'ס לעבען. — זאָלאָ'ס עצה צו אַ חתן. — אויפפיהרונג פון חתן־כלה אין געגענוואַרט פון פרעמדע און אין דרויסען. — ווי אָפט דאַרף אַ חתן בעזוכען זיין כלה? — די עטיקעטע פון פּרעזענטען. — ווי פיעל צייט דאַרף זיך ציהען פון די תנאים ביז צו דער חתונה?**

---

ווען אַלעס איז כשר וישר, ווען חתן כלה האָבען קיין אורזאַכע צו בערייהען, ווען זיי זיינען צופריעדען מיט אַנאַנדער און דער הי־מעל איז קלאָהר, דאַן פאָלגט די זיסעסטע לעבענס און ליעבעס צייט פון אַ גליקליכער יוגענד.

פּונקט ווי אַ מענש האָט לאַנג, לאַנג צו געדענקען זיין גליקליכע קינדהייט (אויב זי איז נאָר געווען אַ גליקליכע,) גראַדע אַזוי האָט מען צו געדענקען די הערליכע פערלאָבונגס פּעריאָדע. ווער עס פער־ברענגט ניט דיעזע פּעריאָדע איז אַ נאַר. אָבער גליק און גענוס זיי־נען נאָר אַנגענעהם ווען מען נעהמט זיי אין דער מאָאס; וואָס צופיעל, וואָס איז אונפּאַסענד, איז איבעריג און ניט שעהן.

מיר האָבען שוין איין מאָל דערמאָהנט, אַז חתן כלה דאַרפען זיין איין נשמה אָבער נאָך ניט איין קערפּער. אויס רעספּעקט פאַר דער וועלט, דאַרף דאָס געהיט און געאַכטעט ווערען.

מיר ווילען אייך דאָ ברענגען אַן אויסצוג פון זאָלאָ'ס אַ ראָ־מאַן, וואָס אַן עלטערער ברודער זאָגט אָן זיין איינגערן:

„הער מיך אויס, פערגעס קיינמאָל ניט, אַז זי איז דיין כלה. — דיין כלה און ניט מעהר. אין דער געגענוואַרט פון פרעמדע זאָל דיין קוש זיין דער קוש פון אַ ברודער, דער קוש פון אַ נאָהענטען פריינד, ניט מעהר. צווישען פיער אויגען מעגסטו מוסיף זיין נאָך אַ קוש, אָבער האַלט דאָס פייער מעססיג, עס זאָל קיינמאָל ניט אריבערשטיי־גען דעם ברודער און נאָהענטען פריינד. בעטראַכט זי פאַר אַ הייליג־טהום, וואָס דו דאַרפסט ניט פערשוועכען, און — ווען דו ליעבסט זי אויפריכטיג, וועסטו פערשטעהען מיינע ווערטער".

אין דיעזען פאראגראף ליעגט א וועלט מיט פסיכאָלאָגיע און שאַרפזינן.

אמת, חתן כלה זיינען בעשטימט אָבצופיהרען די וועלט. אָבער זיי הייסען בלויז חתן כלה און ניט מאַן און ווייב. זאָנסט וואָלטען די תנאים אויף געווען די חופה־צייט. און כל זמן די חופה־צייט איז נאָך ניט געקומען, דאַרפען זיי זיין געליעבטע, בלויז געליעבטע, און ניט מעהר.

זיי מעגען האָבען א צערטליכען האַנד־דרוק צווישען זיך. מאַנכע געהען מיט דער עטיקעטע אַזוי ווייט, אז אין דער געגענוואַרט פון פרעמדע, אָדער אפילו פון דער פאמיליע, זאָל מעהר ניט ערלויבט זיין ווי דער האַנד־דרוק. אָבער כל זמן מען מעג קושען א שוועסטער און א מוטער אין דער געגענוואַרט פון פרעמדע, ווארום זאָל מען ניט טהאָ־רען קושען א כלה?

זאָם איז אַלזאָ פעסטגעשטעלט, אז דער קוש איז ערלויבט. אָבער ווי זאָגט זאָלא? „צווישען פיער אויגען מעגסטו מוסיף זיין א קוש, אָבער האַלט דאָס פייער מעססיג, עס זאָל קיינמאָל ניט אריבערשטייגען דיין ברודער און דיין נאָהענטען פריינד".

חתן כלה מעגען שפּאַציערען, אליין, אין א פּובליק גארטען, אפילו ביי נאַכט, אָבער קיינמאָל ניט דאָרט וואו מענשען געהען ניט: וואו עס איז אָבגעשלאָסען און אליין. חתן כלה מעגען פערברענגען אליין אין א צימער, וואו א טהיר איז אָפען און יעדער מעג אריינקומען, אָבער קיינמאָל הינטער שלאָס און ריגעל.

די כלה דאַרף קיינמאָל ניט געהען אליין, בעזוכען דעם חתן'ס הויז, מיט אויסנאַהם ווען עס געהט מיט א מיטגליעד פון איהר פאַ־מיליע, מוטער, שוועסטער אָדער ברודער. דער בעזוך טהאָר קיינמאָל ניט זיין דירעקט צום חתן, זאָנדערן ער מוז האָבען אן אנדערן אנהאַנג. דיעזע רעגעל גילט נאָר אונטער נאָרמאַלע צושטענדען, בעת דער חתן איז קראַנק, ערלויבט מען זיך איהם אליין צו בעזוכען.

דער חתן דאַרף בעזוכען זיין כלה. אויב ער וואָהנט אין אן אנדער שטאָדט, זיינען די פאַרשריפטען ניט נעטהיג; און אין שטאָדט, דאַר־פען די בעזוכען זיין בעשרענקט.

דריי מאָל א וואָך ווערט גערעכענט פאַר גענוג. דיעזע דריי מאָל דאַרפען אויך איינגעטהיילט ווערען, איינמאָל אָלס אַלגעמיינער בעזוך

פאר דער גאנצער פאמיליע, און מען פערבלייבט ביז אבענד מיט דער פ מיליע. דאס צווייטע מאל נעהמען די כלה אויף א שפאציער. דאס דריטע מאל יי נעהמען אין א טהעאטער אדער א באלל.

דער בעזוך, ווי געווענליך, פאנגט אן אום זיעבען אוהר אבענדס און ענדיגט זיך אום צעהן אוהר, ניט שפעטער.

דאס שליעסט אויס, נאטירליך, די ספעציעלע איינלאדונגען פון דער כלה׳ס פאמיליע.

גרויסע קיישהייט אדער צניעות, מוז אויסגעאיבט ווערען, ווען א חתן נעהמט ארוים זיין כלה צום ים, אדער צו א טייך, זיך באדען, קיינע צו נאהענטע בעריהרונג זאלען פארקומען.

די כלה מוז טראגען א באדע־אנצוג וואס זאל בעדעקען יעדען אפענעם טהייל פון איהר קערפער, איינשליעסענדיג די פיס מיט די הענד. אויף די פיס דארף זי טראגען זאקען מיט שיך און אויף די הענד האנדשוה.

דעם חתן׳ס אנצוג דארף איינשליעסען זאקען.

עס איז בעטראכט פאר װאולגאר צו עסען אין א באדע־אנצוג. דערפאר, זאל מען זיך ניט ערלויבען צו עסען, ביז מען איז צוריק פא־סענד אנגעצויגען.

מיר האבען שוין איינמאל דערמאהנט דעם פערלאבונגס־רינג. אבער אויסער דעם, קומען נאך פרעזענטען.

אמת, מען קען זיך טאקי ליעב האבען אהן פרעזענטען, אבער א מתנה דריקט דאך אויס א געוויסע נאהענטע פריינדשאפט, סימ־פאטהיע און אכטונג.

יענע וואס זיינען רייך, קענען אלעס אויספיהרען. די ארימע אבער דארפען בשום אופן זיך ניט רואינירען אבי נאכצוקומען דער מאדע.

אין דער מתנה דארף קיינמאל ניט ליעגען דער ווערטה פון פרייז זאנדערן ווי דאס ווערט איבערגעבען.

עס ווערט דערצעהלט, אז א גרעפין האט א מאל געליעבט אן ארעמען יונגען מאן, ער האט זי אויך גערעכענט פאר ארעם. איינמאל האט ער בעשלאסען פאר איהר צו קויפען א פרעזענט. ער האט אבער בלויז פערמאגט א האלבען גילדען. פאר דיעזען האלבען גילדען האט ער געקויפט א זילבערנעם רינגעל מיט א שווארצען פראסטען שטיינ־דעל. דאס רינגעל איז אבער געווען אזוי הן׳עוודיג און אזוי אויפ־

ריכטיג איבערררייכט, דאָס די גרעפין האָט עס קיינמאָל ניט אויסגע־טהאָן פון איהר פינגער, און ווי לאַנג זי האָט געלעבט, האָט זי בע־הויפּטעט, אז דאָס איז ביי איהר דאָס שעהנסטע און דאָס טהייערסטע אין דער וועלט.

די מתנה מעג ניט זיין קאָסטבאר, זי מעג זיין ביליג, אָבער מיט געשמאַק.

די רייכע כאָפּען אָפּטמאָל אריבער די מאָאָס און קויפען אָן, פאר פיעל געלד, אומגעלומפּערטע זאכען, א מתנה פאר א כלה זאָל בעשטעהען אין א קליינע שפּילקע, זי מעג זיין ווי קאָסטבאר, אבי ניט משונה'דיג גרויס און אומגעלומפּערט. דאָס זעלבע זאָל זיין מיט א זייגערל, קליין, קונסט־ארבייט און עס זאָל בעזיטצען אן ערשטע קלאָסע ווערק. א בראָנזעלעט זאָל קיינמאָל ניט זיין מאססיוו, זאָנ־דערן וואָס וועניגער גאָלד. בעסער א „געפלייטעטער" קונסט־גע־ארבייטעטער בראָנזעלעט, ווי א גראָבער גאָלד־ און דיאמאנטען קייט. עהנליכעס איז מיט א האָאר קעמעלע און א רינגעל. א פלעשעלע גוטען פּארפיום, איינינע פיינע האַנד־טיכלעך, גוטע סטענגעס, זיינען ער־לויבט צו געבען כל זמן זיי בעשטעהען פון עפּעס אן אויסנאַהמע. גע־וועהנליכעס אין דיעזער בעציהונג זאָל קיינמאָל ניט געגעבען ווערען.

א גאַנץ רייכע כלה און אויך זאָ־וואָס פאר א כלה, זאָל איינגענ־הענדיג אויסארבייטען פאר'ן חתן א האַלז־טיכעל, דאָס איז דער טהיי־ערסטער פּרעזענט. זי קען איהם פּרעזענטירען מיט א פּאָאר מאַנ־זשעטען־קנעפּ, קונסט־ארבייט. מאַנכע ערלויבען זיך אויך אויסצו־ארבייטען א וועסט פאר'ן חתן. א טהייל ארבייטען אויס א זייגער־קייטעלע, מעהר ניט.

דער ארעמאַן וואָס מיינט, אז אָהן מתנות געהט עס ניט, געהט אָפּט צו ווייט און ער רואינירט זיך דאדורך. דאָס איז אן אונפּער־צייהליכער פעהלער.

דער בעסטער אויסדרוק, פון פערטרויען, פון ליעבע און פון איבערגעבענהייט, זאָל זיין, אין א וואַהרען אויסטויש פון געדאַנקען און א פעראייניגונג פוןביידע קעשענעס ווענען שפּאָרזאַמקייט און עקאָנאָמיע.

א מתנה זאָל געגעבען ווערען פון צייט צו צייט, וואָס זאָל ניט

בעשטעהען אין ווערטה פון געלד, זאַנדערן אין דעם אויסדרוק פון דער איבערגעבענער פריינדשאַפט.

ציערונג פאר׳ן רייכען מעג זיך זיין א מאָדע, פאר׳ן אָרעמאן איז עס א רואינע.

יעצט קומען מיר צו דער צייט ווען די חתונה דארף געשעהען.

עס אזי ניט נעטהיג צו מאכען היינט תנאים אָדער א פערלאָבונג און הייראטהען נעכסטע וואָך. אזא איילעניש איז איבערפליסיג. אָבער זיך פערלאָבען היינט און חתונה האָבען מיט דריי יאָהר שפעטער, מיט צוויי יאָהר שפעטער, אָדער אפילו מיט א יאָהר שפעטער, איז צו לאַנג, צו פיעל.

אמת, עקאָנאָמישע צושטענדע צווינגען אָפט אזוי לאַנג צו ווארטען. אָבער מיר גלויבען ניט, אז עקאָנאָמישע צושטענדען קענען און דארפען אָבהאלטען צוויי ליעבענדע הערצער פון פעראייניגונג. אין דער ליעבע (פערגעסט ניט, מיר מיינען נאָך ניט יענע ברענענדע, פלאַקערנדע ליעבע) הערשט מעהר פערטרויען ווי אויסרעכנונג. מענשען וואָס רעכענען אויס ביז צום לעצטען סענט וויפיעל זיי בעדערפען, און ווען עס פעהלט עפּעס צום חשבון ווארט מען נאָך א יאָהר, — אזעלכע מענשען דארפען ניט הייראטהען, עס איז צו א קאַלטע אויסרעכענונג וואָס פאסט ניט פאר דער ווארעמקייט וואָס איז נעטהיג אין דער עקזיסטענץ פון צוויי מענשען, וועלכע בעשליעסען אבצופיהרען א וועלט.

אונטער נאָרמאַלע אומשטענדען פערשטעהען מיר, אז דער יונגער מאַן, וואָס ווערט פערלאָבט פאר א מיידעל, קען ער מאכען א לעבען פאר איהר און פאר זיך. נאַטירליך ערוואַרטעט מען די פאַמיליע זאָל גרעסער ווערען און מען זאָל מעהר געברויכען. דערפאר אָבער ערוואַרטעט מען אויך צו האָבען מעהר ענעגיע, אויסדויער און פלייס, וואָס וועלען העלפען צו דעם וואָס די פאמיליע וועט בעדארפען.

אזעלכע מענשען, וואָס האָבען ניט קיין בעשטימטע, פּאָזיטיווע איינקינפטע, קענען קיינמאָל ניט זיין צו זיכער מיט דער צוקונפט און מיט דעם היינט. עס איז די שפעקולאציאָן צו וועלכער יעדער געזונדער און נאָרמאַלער מענש גיט זיך אונטער. עס דארף געלינגען. אויף אונגליקען רעכענט מען ניט.

צו וועלכען צוועק אלזא זאל מען ווארטען יאהרען לאנג?

ווען מען איז וואהלהאבענד, איז דאך אוודאי קיין רייד ניט, אז מען האט ניט אויף וואס צו ווארטען.

די פאסענדע צייט פון דער פערלאבונג ביז דער חתונה, דארף זיין פון 8 וואכען ביז 8 מאנאט.

אכט וואכען איז ניט צו ווענינ און אכט מאנאט זאל זיין די לענגסטע צייט, אם פאסענדסטען ווערט בעטראכט, ווען די האכצייט קומט פאר מיט פינף מאנאט נאך דער פערלאבונג.

ווען מען ווערט פערלאבט אין שפעטען פריהלינג, זאל זיין די האכצייט אין פריהען הערבסט. א פערלאבונג אין הערבסט, זאל זיך ענדיגען מיט א האכצייט אין פריהלינג. א פערלאבונג אין שפעטען הערבסט זאל זיך אויך ענדיגען אין פריהלינג. א פערלאבונג אין שפעטען זומער, זאל זיך ענדיגען מיט א האכצייט אין מיטען ווינ־טער.

נאטירליך איז עס ניט קיין פערברעכען צו הייראטהען אין מיטען זומער, אבער, ווי געוועהנליך, מיידעט מען דאס אויס, מען הייראַ־טעט, ווי געוועהנליך, ווען די בלעטער פאנגען אן צו בליהען ביז די בלעטער פאנגען אן צו בייטען די קאלירען פון היטץ און אלטקייט. מען הייראטעט ווידער, ווען מען קעהרט צוריק פון די זומער וואקאנ־צען. דער גאנצער ווינטער איז איבערהויפט א פאסענדע צייט פאר האכצייטען.

מאנכע יונגע מענשען האבען א טבע צו מאכען אן אינפארמעלע פערלאבונג, דאס הייסט, ווי מען רופט ביי אונז אין אמעריקא, „מען נעהט מיט א יונגען מאן". מען האט ניט געשריעבען קיין תנאים, מען האט ניט געמאכט קיינע בעדינגונגען, נאר „מען נעהט זיך גלאט אזוי".

נעשטיצט דארויף „נעהט מען זיך גלאט אזוי" יאהרען לאנג.

אין דער ווירקליכקייט איז עס א פערלאבונג, ווייל די יונגע מענשען האנדלען ווי פערלאבטע, נאר מען נאררט בלויז די אויסענ־וועלט.

דאס איז א גרויסער חסרון וואס דארף פערמיעדען ווערען.

ממה־נפשך, איז דער יונגער מאן פאסענד צו זיין דער חתן, און

איז דאָס מיידעל פּאסענד צו זיין די כלה, דאן איז „געהען צוזאמען", דאָס הייסט, זיך בעקענען, גאנץ גענוג א מאָנאט, צוויי, דריי דאָס העכסטע. נאָכדעם זאָל פאָלגען א פערלאָבונג.

אָהן א פערלאָבונג, „גלאט אזוי געהען צוזאמען", הייסט, אז איינער פון די צדדים ווארפט זיך אן אויף'ן צווייטען, אָדער איינער שעהמט זיך מיט'ן צווייטען.

אַזעלכע האנדלונגען פיהרען ניט צו גוטעס. איבערהויפּט פערשטערען דיעזע האנדלונגען די צוויי מענשען אויף יאָהרען, און דאן ערשט ענדיגט זיך עס אָפט מיט גאָר ניט, אָדער מיט א געצוואונגענער הייראטה, וואָס האט טרויעריגע רעזולטאטען.

די פערלאָבונגס־צייט איז, ווי געזאָגט, איינע פון די זיכערסטע און אנגענעהמסטע פעריאָדען אין לעבען פון יונגע מענשען. אָבער די פערלאָבונגס־צייט איז אונגעפעהר ווי גוטער, אַלטער וויין, פון וועלכען מען דארף טרינקען אביסעל אום צו האָבען פערגניגען, נאָר ווען מען טרינקט א סך שאדעט עס.

מיר זאָגען ניט, אז מען מוז, אונבעדינגט, מאכען א פאָרמעלע תנאים, מיט א גרויסער צערעמאָניע. אביסעלע פאָרמע און אביסעלע צערעמאָניע זיינען אָבער נעטהיג און אנגענעהם, דאָס ביסעלע פאָרמע זאָל זיין, אז די נאָהענטסטע פריינד זאָלען וויסען פון די אבזיכטען, און דאָס ביסעלע צערעמאָניע זאָל געשעהען אין דעם, וואָס חתן־כלה זאָלען זיך, געגענזייטיג, בעשענקען מיט פרעזענטען; זאָלען זיי זיין די אונבעדייטענדסטע, אָבער זיי זאָלען עפּעס בעצייכענען. דאן זאָל מען ניט ווארטען מעהר ווי די אויבען־פאָרגעשריעבענע צייט פאר דער האָכצייט.

# די צערעמאָניע פון דער חתונה

## ווי די אָרימע זוכען צו איבערשטייגען די רייכע אין פוץ, גלאַנץ און פערשווענדעריי. — פערשיעדענע צערעמאָניעס און שמחות. — פראַקטישע פלענער פאר שעהנע און פראַקטישע חתונות.

עס איז איינגעפיהרט אין דער גאַנצער וועלט, ביי אַלע מענשען, צו פייערן אַ חתונה מיט צערעמאָניע. זאָל די צערעמאָניע זיין אַלט, ניט לויט דעם גייסט פון דער צייט, אָבער זי איז שעהן. פיעלע, פיעלע מענשען קענען קיינמאָל ניט פערגעסען דעם הייליגען איינדרוק פון דיעזער שעהנער צערעמאָניע.

דערפאַר, איז עס גאַנץ שעהן, צו פייערן אַן אנגענעהמע חתונה. אָבער וואָס הייסט אַן אנגענעהמע חתונה?

ביי די רייכע, ביי יענע וואָס האָבען געלערענט און פערשטעהען אַלע פאָרשריפטען פון עטיקעטע, ווערט קיינמאָל ניט פערמישט חתונה־צערעמאָניע מיט פערשיעדענע אַנדערע זאַכען ווי עמפפאַנג (רעספּשאָן) און באַלל.

רעליגיעזע מענשען קאָנצענטרירען די גאַנצע צערעמאָניע אויף דעם מאָמענט וואָס די רעליגיאָן גיט אָב פאר דער פעראייניגונג פון די צוויי מענשען. די קירכע אָדער דער טעמפּעל, ווערען דעקאָרירט מיט פרישע בלומען; בלומען ווערען בעשפּרייט אויף דער ערד, בלומען בעציערען די חופּה, בלומען ווארפען זיך אין אויג איבעראַל. דער כלה'ס קלייד בעצייכענט די אונשולד און דעם פריהלינג צוזאַמען.

דער מאָמענט ווערט געמאַכט אַזוי ערנסט און אַזוי הייליג ווי נאָר מעגליך.

עהנליכעס קומט פאָר זאָגאר ביי פריידענקער, וועלכע ליעבען זיך פערהייראטהען דורך פריוואַט מענשען, אַלס ביישפּיעל האָבען מיר פאָאָרלעך וואָס הייראטהען אין אמעריקאַ ביי אַ פאָרשטעהער פון דער „עטהיקעל קאַלטשור", און די צערעמאָניע קומט פאָר אין אַ פריוואַט הויז, אָדער אפילו, ווען בלויז אַ ריכטער איז דער בעל מסדר קידושין.

ווען דאָס איז פאָראיבער, האָט זיך אַלעס געענדיגט.

די צוויי פערהייראטעטע מענשען פאָהרען שנעל אָב אויף זייער האָניג־מאָנאַט און די פריינד און בעקאַנטע געהען אהיים.

ווען זיי קומען צוריק, מאַכט מען אמאָל א רעסעפּשאָן, אמאָל א באָלל, אמאָל ביידע צוזאמען און א מאָל גאָר ניט.

בערעכענענדיג וואָס אַזא הייראטה, ביי רייכע, בעטרעפט, איז עס, פערהעלטניסמעסיג, ניט קיין הונדערטער טהייל וואָס דער אָרעמאַן גיט אוים.

דאָס טרויעריגסטע איז, וואָס די חתונה, געפייערט ביי אָרעמע לייט, און אויך ביי מיטעל־קלאַסע מענשען, איז אָפטמאָל זעהר א לעכערליכע, ווייל דאָס איז א פערמישונג פון חתונה, רעסעפּשאָן און באָלל; ביי די לעצטע צוויי זיינען גאָר די חתן־כלה ניטאָ.

מיר וועלען אייך געבען א ביישפּיעל פון א חתונה געפייערט פון דער זאָגענאַנטער מיטעל־קלאַסע.

די כלה קריעגט א קלייד וואָס קאָסט 250 דאָלאַר. ווייל עס קאָסט 250 דאָלאַר, האָט עס אַזוי פיעל איבריגעס אויף זיך, אז עס קומט אַרוים זעהר נאַריש און לעכערליך. אנשטאט צו טראָגען אַן איינפאַכעס קרענצעל פון לעבעדיגע בלומען, טראָגט זי עפּעס א גע־קינסטעלטען קראַנץ וואָס קאָסט פון 25 ביז 75 דאָלאַר.

די חתונה ווערט געגעבען אין א האָלל, וואוהין מען לאַדעט פון 150 ביז טויזענד געסט. פאַר אַלע פאַרבערייטעט מען א „קייטערד סאפּער". מען בעשטעלט קערידזשעס און טעקסי־קעבס.

דעם שרייבער פון דיזע ציילען איז פערזענליך בעקאַנט, אז א ניו־יאָרקער דאַון־טאַונער אידישער סוחר האָט געמאַכט אַזא חתונה און עס האָט איהם געקאָסט גענויע 4000 דאָלאַר.

די אַנוועזענדע מענשען מיט געשמאַק, האָבען אַלע איינגעשטימט, אז עס איז געווען א נאַרישע, אומגעלומפּערטע און איבריגע פער־שווענדעריי.

דער געגאָנטער איד אָבער, אויסערדעם וואָס ער איז געווען נאַ־ריש, האָט עס איהם ניט געשאַדט, ווייל ער האָט גענוג געלד. דאָס טרויעריגסטע דערביי איז, וואָס די אָרעמע קלאַסע טאַנצט נאָך אַזעלכען.

איהר וועט אָפט בעגעגענען געוועהנליכע קליינע געשעפטס־לייט, אָדער גאָר אַרבייטער, וועלכע מאַכען עהנליכע חתונות. נאַטירליך

קענען זיי ניט שפּענדען קיין 4000 דאָלאַר, אָבער זיי ספּענדען גענוג צו מאַכען חוזק פון זיך און זיך רואינירען אויף שפּעטער.

מייסטענטהיילס רעכענען, אַז דאָס איז איינפאַך אַ מין „איג־וועסטמענט", דאָס הייסט, מען מאַכט אַ געשעפט: מען גיט אויס 500 דאָלאַר אויף אַ חתונה און מען קריעגט אריין פאר טויזענד אָדער גאָר צוויי טויזענד דאָלאַר פּרעזענטען.

אַלע וואָס האָבען דאָס פּראָבירט, האָבען אויסגעפונען, אַז זיי האָ־בען געהאַט אַ גרויסען טעות. זעלטען ווען אַז מען קריעגט פּרעזענטען פאר דער סומע, וואָס מען האָט אויסגעגעבען אויף דער חתונה. דאַן זעהט אויס די גאַנצע געשיכטע ווי אַ מיאוסע שנאָרעריי.

אָט דאָ ליעגט דאָס טרויעריגע. די געלאַדענע געסט ווייסען אויס־דריקליך, אַז מען האָט זיי ניט גערופען דערפאַר, ווייל מען וויל זיי צוטהיילען כבוד און פערגניגען, נאָר ווייל מען וויל אַ פּרעזענט.

מאַנכע מיטגליעדער פון אַ פאַמיליע און אנדערע גוטע בעקאַנטע, וועמעס עקאָנאָמישע צושטענדען זיינען ניט אמבעסטען, און זיי קע־נען ניט קויפען קיין פּרעזענטען, פיהלען זיך זעהר אונבעקוועם ווען מען לאַדעט זיי. זיי ווייסען, אַז אָהן אַ פּרעזענט, איז עס אַ בע־ליידיגונג, אַ שאַנדע, און דערפאַר זיטצען זיי אָפט אין דער היים.

דאַן קומען די פּרעזענטען זעלבסט. דריי אָדער פיער מענשען קויפען איינס און דאַסזעלבע, דאָס הייסט, אַביסעל גלאָז־ווארג. דאָס גלאָז־ווארג פון אַלע פיער פערזאָנען קען קאָסטען צעהן דאָלאַר, עס האָט ווערטה בלויז דריי און דאָס יונגע פּאָאַר פאַלק דאַרף עס גאָר ניט, ווייל די עלטערן האָבען זיי שוין לאַנג געגעבען דאָס נעטהיגע גלאָז־ווארג. דערווייל רעכענט מען אויס, אַז דער האָלל, די מוזיק און דער קייטערד סאַפּער האָט געקאָסט ניט ווייניגער ווי 12 דאָלאַר, מען האָט אַלזאָ צוגעלעגט צו די פיער געלאַדענע געסט 9 דאָלאַר.

אין געוויסע פעלע קריעגט מען אַזוי פיעלע ביליגע און געשמאַק־לאָזע פּרעזענטען, דאָס די, נאַר־וואָס פערהייראַטהעטע, שעהמען זיך ענטוועדער מיט דיעזע מתנות, אָדער זיי פערקויפען זיי עמיצען פאר אַ קלייניגקייט.

ווי מען מערקט זיך אַלזאָ, איז דיעזע ארט חתונה אַ שלעכטעס געשעפט פון ביידע צדדים, אי פון די וואָס מאַכען די חתונה, אי פון יענע וואָס ווערען געלאַדען. ביידע זיינען ניט צופריעדען.

א שעהנע און איינדרוקספאָלע חתונה קען געמאַכט ווערען אויף פערשיעדענע אופנים.

פאר אלעמען קומט די צערעמאָניע. זאָל דיעזע זיין אין א שוהל, טעמפעל אָדער פריוואט, מאַכט ניט אויס. מען לאַדעט אהין די קרובים און אינטימסטע פריינד. ווען די הייראטהס־צערעמאָניע איז פאַראיבער, איז אלעס פאַראיבער. דאָס הייסט, דאַן געהט זיך יעדער אהיים. מען מעג מאַכען א סאַפּער פאר'ן ענגען קרייז פון דער פאַמיליע, ווען עס בעטהייליגען זיך פון אכט ביז צוואנציג מענשען, און פאזיטיוו נישט מעהר.

מענשען וואָס ווילען ניט מאַכען קיין אויסערגעוועהנליכעס אויפזעהען אפילו מיט דער חתונה־צערעמאָניע, געהען אוועק צו א רב, לאַזען זיך געבען חופה־וקדושין און דאַן מאַכט מען א קליינעם רעסעפּשאַן אין הויז פון דער כלה'ס עלטערן.

אנדערע ווידער האָבען א חתונה און א באַלל צוזאמען. וואו מען איז שוין אלעס יוצא. דאָס הייסט, מען לאַדעט איין וויפיעלע געסט מען וויל, וועלכע פערבלייבען, אין א האַלל, געדונגען צו דיעזען צוועק, אי ביי דער צערעמאָניע, אי ביי א באַלל.

ווי געוועהנליך לאַדעט מען איין דיעזע געסט אויף צוויי א זייגער נאָכמיטאָג, און מען בעצייכענט, אז די הייראטהס־צערעמאָניע וועט זיין אום 3.30 נ. מ.

צוויי א זייגער נאָכמיטאָג, האָט שוין יעדער גענעסען זיין מיטאָג. מען ערוואַרטעט אלזאָ מעהר קיינע געדעקטע טישען. אין דער זעלבער צייט אָבער, האָט מען אָנגעגרייט ערפרישונגען, ווי סאָדא, לעקאָך און קענדי. עס הייסט, אז דאָס איז ספעציעל פאר די דאַמען. די מענער, אויב זיי ווילען קענען זיי אויך פערזוכען עפּעס דערפון, אָבער, מען פערשטעהט, אז די מענער האָבען א בעזונדערעס צימער זיך צו ערהאָלען און רויכערן עפּעס.

ווען די צערעמאָניע איז פאַראיבער, בלייבען איבער חתן־כלה מיט'ן עולם און מען טאַנצט ביז זיעבען אָדער אכט א זייגער אָבענד, און אלעס ווערט געשלאָסען.

יעדער געהט זיך אלזאָ ענטוועדער אהיים אָדער אין א רעסטאָראַנט עסען סאַפּער.

מען שפּאַרט דערמיט איין וועניגסטענס פינף הונדערט אָדער זעקס הונדערט דאָלאַר פאַר אַ קייטערד סאַפּער.

נאָך עפּעס מוזען מיר דאָ בעמערקען, און דאָס איז וועגען דער מוזיק.

גאַנצע, גרויסע קאַפּעליעס, ווי אין אַ טהעאַטער, זיינען אונ־פּאַסענד. פון פיער ביז זעקס מוזיקער איז די והותר. דיזע דאַרפען נאָר האָבען אַן אויסגעשטעלטען פּראָגראַם וואָס צו שפּיעלען, דאָס איז גאַנץ געגוג.

אַזעלכע חתונות קומען פאָר ביי גאַנץ רייכע פאַמיליעס. ווען מען רעכענט אויס, קאָסטען זיי בעדייטענד ביליגער ווי אַן אָרעמע חתונה.

יעצט קומען די פּרעזענטען וואָס מען גיט ביי אַזעלכע געלעגענ־הייטען. מען איז זיך נוהג, אַז אַ פּרעזענט גיט נור אַ גאַנץ נאָהענ־טער פריינד אָדער זעהר אינטימער בעקאַנטער. אַ פּרעזענט מוז זיין עפּעס סובסטאַנציעל, דאָס הייסט, פון אַ בעדייטענדען ווערטה. פון האַלב־פרעמדע, אָדער גלאַט אַזוי געלאַדענע, ערוואַרטעט מען קיינע פּרעזענטען. דאַן, איז אַ ביליגע זאַך, אַ געשמאַקלאָזע זאַך, איינפאַך אַ בעליידיגונג.

ווען די אָרעמע, אָדער אַפילו מיטעל־קלאַסע, זאָל ווירקליך וועלען נאָכטאַנצען די מאָדע, דאַן וואָלטען זיי זיך איינגעשפּאַרט אַ היבשע ביסעל געלד, אויסער דעם וואָלטען זיי געהאַט וועניגער שברת־הלב און קרענקונג.

---

## פּפליכטען פון מחותנים און האַנדלונגען פון פריידענקער

**די אָפיציעלע פערטרעטער פון אַ חתונה. — אַ פעראייניגונג פון אַ פריידענקער מיט אַ רעליגיעזען. — ווי זאָל מען האַנד־לען? — פערשיעדענע „וועדדינג אַניווערזאַרים"**.

---

יעדע חתונה מוז האָבען אַן אָפיציעלען פערטרעטער, און קיין בעסערע, אין דיזען פאַך, קען ניט זיין ווי די עלטערן פון דער כלה,

וועלכע, ווי געוועהנליך, מאכען די חתונה. זיי דארפען אלעם פער־וואלטען און עמפפאנגען די געסט. זיי דארפען זעהען אלעס זאל צו־געהען אין ארדנונג, און, איבערהויפט, קיינעמ׳ס כבוד זאל ניט אונ־געהערט ווערען.

ווען זיי זיינען די פיהרער און פערוואלטער, איז עס, זעלבסט־פערשטענדליך, אז זיי דארפען אויך אימער זיין די ערשטע אויפ׳ן פלאטץ און זעהען, אז אלעס ווערט דורכגעפיהרט ווי זיי האבען גע־מאכט דעם פראגראם.

אויב די עלטערן פון דעם חתן זיינען פון דער זעלבער נאכבאר־שאפט און קענען, אונגעפעהר, דיזעלבע געסט, דאן, איז זייער פפליכט, אויך צו ערשיינען זעהר פריה צו דער חתונה, און אנבאטען זייער דיענסט צו העלפען עמפפאנגען די געסט און העלפען צו דער געפאדערטער ארדנונג.

א טאנטע, אן אנקעל, אויב געווינשט פון די מחותנים, קענען זיך אויך בעטהייליגען ביי אזא עובדא. חתן כלה ווידער, האבען דער־מיט לחלוטין ניט וואס צו טהאן. זיי דארפען זיין אונגעפעהר ווי פאסיווע געסט און טהאן וואס מען הייסט זיי.

די כלה, זעלבסטפערשטענדליך, איז אויפ׳ן פלאטץ. אויב די הייראטהס־צערעמאניע דארף זיין אום צוויי אוהר נאכמיטאג, דאן זאל דער חתן אנקומען מיט צוויי שטונדען פריהער, אויסער ווען די מחותנים לאדען איהם צום טיש, ווען ער דארף ערשיינען נאך פריהער.

דער חתן דארף ניט זיין דער אלער־ערשטער, אבער ער דארף ניט קומען צוזאמען מיט אלע געסט.

א וויכטיגע פראגע ערשיינט ווען מען פעראייניגט א פריידענ־קער מיט א רעליגיעזען צוזאמען.

לאמיר אננעהמען, אז ער איז א פאלשטענדיגער פריידענקער, און די כלה — ניין, עס איז ניט גוט ער זאל א פאלשטענדיגער פריידענקער זיין און זי א פאלשטענדיגע רעליגיעזע. עס איז באלד אזוי שלעכט, ווי אז צוויי פערשיעדענע רעליגיאנען ווילען זיך פעראיי־ניגען. אבער לאמיר אננעהמען, אז ער איז פריי, פרינציפעל פריי, און זי קימערט זיך ניט, אדער זי איז טאקי ערצויגען געווארען רע־ליגיעז, נאר עס מאכט ביי איהר ניט אויס אהן רעליגיאן. פון דעסט־

ווענגן אָבער האָט זי אַ געוויסענס געפיהל פאר אידישקייט בכלל, ובפרט פאר די געפיהלען פון איהרע עלטערן.

זי האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אז מען קען נאָר הייראטהען אָהן רעליגיעזער צערעמאָניע. דער געדאנק אליין איז פאר איהר נאָך מעהר ווי אַן איבעררראשונג.

וואָס זאָל זי טהאָן ?

עס איז קיין ספק, אז זי דאַרף נאָכפאָלגען דעם וואונש פון איהרע עלטערן. עס איז קיין צווייפעל, אז אַנדערש האַנדלען וואָלט זי אַוועקגעריסען פון איהרע בעסטע פריינדע אין דער וועלט.

אָבער וואָס זאָל ער טהאָן ? ווי זאָל האַנדלען דער פרינציפיעלער פריידענקער ?

דער מאַן, ווענען עס ליעבט אַ פּרויענצימער, קען אויספיהרען זעהר פיעל. ער קען זאָגאר צוברעכען יעדע פעסטונג פון פאָטער־און־מוטער־ליעבע, וועלכע רינגלען ארום זיין כלה ; ער קען איבערהאַקען יעדע פערבינדונג וואָס זי האָט געהאָט מיט איהרע פאַמיליע.

ער קען עס ? מעג ער עס אָבער טהאָן ? דאַרף ער עס אָבער טהאָן ?

עס איז בלויז דאָ איין וועג : און דיעזער איז, צו בעוועגען די עלטערן און די כלה זיי זאָלען דענקען ווי ער. דאָס איז איהם ערלויבט. נאָר אַזוי ווי דאָס איז אָפּט אַן אומזיסטע ארבייט, האָט ער אַלץ אַ רעכט צו טהאָן ווי זיינע פּרינציפּען דיקטירען איהם ?

ווען ער זאָל הייראטהען מיט דער צערעמאָניע וואָס אַנדערע האַלטען פאר הייליג, וועט דאָס לחלוטין גאָר ניט שאַדען זיינע פּרינציפּען ; דאַגעגען אָבער, ווען ער זאָל הייראטהען ווי ער אליין וויל, וועט ער אונגליקליך מאַכען אַזוי פיעלע מענשען ארום זיך איינשליסענדיג יענע, מיט וועלכער ער דאַרף אָבפיהרען די וועלט.

איבערהויפּט פרעגט זיך דאָ : פון וועלכער זייט קענען מיר ערוואַרטען די טאָלעראַנץ, פון דער רעליגיעזער אָדער פרייזיניגער זייט ?

רעליגיאָן און טאָלעראַנץ געהען זעלטען האַנד אין האַנד, פרייזינן און טאָלעראַנץ זאָלען אימער געהען האַנד אין האַנד. דער פרייזיניגער וואָס טהוט עס ניט, וואָס געהט טראַצ'ן יענעמ'ס געפיהלען, אַזאַ פרייזיניגער איז איינפאַך אַן ענגער פאַנאַטיקער.

פון דער אַנדערער זייט ווידער, דאַרפען די רעליגיעזע עלטערן

זעהען, ווי ווייט מעגליך, ניט אַנצולעגען צו פיעל רעליגיעזע לאַסט אויף זייער ניט־רעליגיעזען איידעם. זאָל עס זיין גענוג ווען ער איז מקדש זייער טאָכטער כדת משה וישראל, די שבע ברכות, צערעמאָ־ניעס און אַנדערע נעטהיגע זאכען, זאָל מען אויף איהם ניט אויפ־צווינגען.

רעדענדיג וועגען חתונה, געפינען מיר עס פאַר נעטהיג שוין צו דערמאָהנען די פערשיעדענע „וועדדינג אַניווערזאַריס”, אָדער חתונות־ווידערהאָלונגען, צו פייערן דעם יום־טוב פון דער ערשטער חתונה.

ביי מאַנכע מענשען, וואו די ליעבע ברענט אימער און דאָס גליק שפּיעלט ביי דער זייט; ביי מענשען וואָס האָבען אַ מין פערזענלי־כען מאַגנעטיזמוס צו מאַכען אַ סך פריינד און בעקאַנטע — ביי אַזעלכע מענשען פייערט מען יעדעס יאָהר דעם יום־החתונה.

אָבער דיעזע זיינען אויסנאַהמען. ווי געוועהנליך זיינען בעקאַנט דיעזע הויפּט „וועדדינג אַנניווערזאַריעס”, די הילצערנע, פינף יעה־ריגע; די בלעכענע, צעהן יעהריגע; די זילבערנע, פינף און צוואַנציג יעהריגע, און די גאָלדענע פופציג יעהריגע.

די הילצערנע חתונה איז איינפאַך אַ צייט פון מונטערקייט, פרעה־ליכקייט און אַמוזירונג.

די געלאַדענע געסט ברענגען מיט הילצערנע פּרעזענטען, נאַטיר־ליך, ניט פון קיין גרויסען ווערטה. מאַנכע געסט, זיך וועלענדיג פאַר־שטעלען, זוכען זיי אויף קאָסטבאַרע האָלץ־שניטצערייען און ברענגען צו אַזאַ חתונה. ווי געוועהנליך אָבער, איז דאָס ניט נעטהיג. אַ טהייל געסט ברענגען מיט אַ הילצערנעם לעפעל, אַ הילצערנעם גאָפּעל, אַ מולטערל, אַ שוועבעלע־האַלטער און אַזוי ווייטער. די הויפּט זאַך ביי אַזאַ חתונה, איז דער גוטער ווילען און דאָס יונגע קאָכענדע בלוט וואָס קומט זיך בעטהייליגען. דען, מען איז זיך נוהג, צו רופען צו אַזאַ שמחה, בלויז יונגע מענשען. נאַטירליך, זיינען די עלטערע ניט אויסגעשלאָסען, אָבער די יונגע זיינען די הויפּט געסט.

ביי אַ הילצערנע חתונה מאַכט מען ניט קיין רעגולערען סאַפּער. מען גיט נאָר אַ צוביים, וועלכער בעשטעהט פון טרוקענע זאכען. אויף די טישען געפינען זיך אָבער משקאות און פרוכטען.

די בלעכענע חתונה איז אונגעפעהר אַזוי ווי די הילצערנע, מיט

אויסנאהמע, וואָס מען ברענגט בלעכענע כלים. עס איז נאָך אימער די יוגענד וואָס איז זיך משמח.

אַבוואָהל מיר האָבען ערקלעהרט, אַז די פּרעזענטען בעשטעהען פון הילצערנע אָדער בלעכענע כלים, פון דעסטוועגען איז עס גאַנץ פּאַסענד, ווען אַ גאַנץ נאָהענטער פריינד גיט עפּעס אַ ווערטהפאָלע מתנה. די מתנה, ווי געוועהנליך, זיינען פאַר דער פרוי. דער מאַן קויפט אויך דער פרוי אַ מתנה. די עלטערן פוןביידע, אי פון מאַן, אי פון דער פרוי, קויפען עפּעס אַ געשאַנק פאַר'ן הויז.

די וויכטיגסטע נאָך דער חתונה, איז די זילבערנע האָכצייט, געפייערט צו די פינף און צוואַנציג יאָהר פערהייראַטעטעס לעבען.

דאָס איז בעטראַכט פאַר דער גליקליכסטער און ערנסטער צייט פון אַ מענשען'ס לעבען. די געלאַדענע געסט זיינען די מענשען וואָס שטעהען אין די מיטעלע יאָהרען פון לעבען; אַלע דיעזע מענשען זיינען, ווי געוועהנליך, די פונדאַמענטען פון דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפט. זיי זיינען אָבער אין דער צייט פון אונאַבהענגיגקייט און זעלבסטשטענדיגקייט.

פאַר אַזאַ געלעגענהייט ווערט געמאַכט אַ גאַנץ רעגעלמעסיגער אָבענד מיט אַ פאָלשטענדיגען סאַפּער. דאָס אַלעס זאָל שטאַטפינדען אין הויז פון דעם פּאָאַר פאָלק, נאָר אויב דער פּלאַטץ איז ניט גרויס גענוג, דאַן זאָל מען נעהמען אַ פּלאַטץ אין אַ קאַפּעע אָדער רעסטאָראַנט, אָבער עס מוז זיין פּריוואַט.

ביי אַ זילבערנע חתונה האָט מען מוזיק, וואָס שפּיעלט געוועהלטע זאַכען נאָך אַ פּראָגראַם, טאַנצען איז ניט אין דער מאָדע, נאָר די יונגע קינדער, וואָס פערשטעהען נאָך ניט אַזוי פיעל דעם ערנסט פון לעבען, טהיילען זיך אָפּ און טאַנצען.

די עלטערע בלייבען אַרום די טישען, עסען לאַנגזאַם, טרינקען, און דאַן פאָלגען פאָרטרעגע.

פריהער רעדט דער „חתן", זיין רעדע דאַרף זיך בעשרענקען אויף צוויי זאַכען; אַ ריקבליק אויף זיינע פינף און צוואַנציג יאָהר פערהייראַטעטעס לעבען, גליק און אונגליק אין דיעזען לעבען, און אַ לעבהאַפטע שילדערונג איבער די מיטגעפיהלען און מיטאַרבייטונג פון זיין פרוי, דורך דיעזער צייט. ערנסט, פיהלענד און צו דער זאַך דאַרף

זיין דיזע רעדע, און זיך שליעסען מיט א טיעפען דאנק פאר די אנ־וועזענדע פריינד.

נאך דעם קומט די עלטערן פון די „חתן כלה" דאס רעכט צו רעדען; ווען ניט זאל עס איבערגעהען צו די עלטערע אנוועזענדע.

פרעזענטען, ווי געוועהנליך, זיינען זילבער, און בעשטעהען פון מעסער, לעפעל, גאפלען, שיסלען, בעכער'ס און עהנליכעס אלץ פון זילבער.

די גאלדענע חתונה איז די פופציג יעהריגע האכצייט.

עס איז ווי מען זאגט, א חתונה פון אלטע לייט; בעסער גע־זאגט, פון א זיידען מיט א באבען.

ווען די אלטעטשקע האבען דערלעבט צו זיין צוזאמען און אונאב־העגגיג אין זייער אייגענעם הויז, דאן איז עס ווי דער אנפאנג פון א גליקליכען שלום־אקט פון א גליקליך־ענדיגענדער דראמע.

די גאלדענע האכצייט ווערט אויסשליעסליך געפייערט אין הויז פון די „חתן כלה". עס ווערט געגעבען א רעגעלמעסיגער סאפער מיט וויין. די געסט זיינען במעט דורכאויס עלטערע מענשען, מיט אויס־נאהמע פון די אייגענע קינדער און זעהר נאהענטע פריינד.

רעדעס ווערען אפגעהאלטען פון זייטיגע מענשען, ניט פון „חתן". קיין מוזיק.

די פרעזענטען בעשטעהען פון גאלד. ווען מען איז ניט אימשטאנ־דע צו געבען גאלד, גיט מען, ווי געוועהנליך, געגאלדעטע זאכען.

די אנוועזענדע געסט בא‌נעהמען זיך אזוי רוהיג אז דאס איז א פאלשטענדיגעס קאנטראסט צו דער הילצערנער און בלעכענער האכצייט, ווען אלעס איז א רוישיג און שטירמיש.

עס איז דא נאך איין חתונה, און דיעזע איז די דיאמאנטענע חתונה. ליידער ווערט זי אזוי זעלטען געפייערט, ווייל „חתן כלה" זיינען דאמאלס אלט אונגעפעהר צו הונדערט יאהר. דאס איז די האכצייט וואס ווערט געפראוועט מיט פינף און זיעבציג יאהר נאך דער ערשטער חתונה צווישען דעם זעלביגען פאאר פאלק.

ווי געוועהנליך ווערט אזא האכצייט פעראנשטאלטעט פון די קינדער אדער קינדס־קינדער. די אלטע עלטערן גיבען בלויז זייער גע־גענווארט און ניט מעהר.

די פעראנשטאלטונג קומט אויס פריה, לאמיר זאגען, אנפאנ־

גענדיג מיט א זעקס א זייגער אבענד און ענדיגט זיך צעהן א זייגער אבענדס.

עס איז ניט קיין שמחה פאר אויסווערטיגע געסט, נאר סטריקט פאר אייגענע. איין גרויסער טיש זאל פעראייניגען די גאנצע פא־מיליע, וואס זיטצען אויסגעזעטצט ארום די גליקליכע „חתן כלה".

רעדעס ווערען געהאלטען פון די אינגסטע פערהייראטעטע מיט־גליעדער פון דער פאמיליע, און עס איז בלויז א מונטערע פאמיליען־פעראייניגונג.

מיר מוזען דא בעמערקען, אז אלע דיעזע אויסגערעכענטע חתונות ווערען נור געפייערט ביי די ערשטע מאן און ווייב, אדער ביי דער פרוי וואס זי האט קיין אנדערן מאן ניט געהאט,

לאמיר ערקלעהרען. אויב א מאן האט חתונה געהאט צו צוואנ־ציג יאהר און זיך גע'גט, אדער די פרוי איז איהם געשטארבען, און דאן האט ער חתונה געהאט צו דרייסיג און די צווייטע פרוי לעבט, פייערט ער זיין הילצערנע חתונה צו פינף און דרייסיג, זיין בלעכענע צו פיערציג, זיין זילבערנע צו פינף און פופציג, זיין גאלדענע צו אכטציג און אזוי ווייטער.

בעסער געזאגט, הייסט עס, אז ער פייערט די אלע חתונות מיט דער פרוי וואס ער וואהנט די גאנצע צייט. אדער זי פייערט אלע דיעזע חתונות מיט דעם מאן וואס זי וואהנט די גאנצע צייט.

---

# מאן און פרוי

**וואס א מאן דארף זיין צו זיין פרוי און וואס זי דארף זיין צו איהם. — זייערע רעכטע און פריווילעגיען. — פארשריפ־טען צו פערהיטען דעם שלום בית. — זאכען אין וועלכע דער מאן דארף פאלגען זיין פרוי.**

---

וואס איז א מאן צו דער פרוי און א פרוי צום מאן?

א מאן זאל זיין דער פרוי'ס טאטע, מאמע, ברודער, פריינד, גע־ליעבטער, חבר און מאן!

א פרוי זאָל זיין צום מאַן זיין מאַמע, זיין שוועסטער, זיין פריינ־דין, זיין געליעבטע און פרוי!

דאָס אַלעס וואָס מיר האָבען געזאָגט, זיינען אָבער ניט מעהר ווי ווערטער. מען מוז ערקלערען זייער ווירקליכקייט אין לעבען.

ווען אַן אונשולדיגעס מיידעל פערלאָזט איהרע עלטערן'ס הויז, איז איהר ערשטער שריט אזא שמערצהאַפטער, אַז עס שיינט איהר, דאָס זי פערלירט א גאַנצע וועלט. ווי שטאַרק זי זאָל ליעבען איהר מאַן, קען זי זיך אַלץ ניט טרייסטען אזוי גיך אויף דעם שריט וואָס זי האָט געמאַכט. זי פערלירט, בוכשטעבליך, א טאַטען מיט א מאַ־מען, און דאָס מוז ערזעטצט ווערען דורך דעם מאַן, ער זאָל זיין איהר טאַטע און מאַמע צוזאַמען.

דאַן קומט דער ברודער. א מיידעל האָט אימער ליעב א ברודער. ער איז שטאַרק, יונג, מעכטיג און ליעבענסווירדיג מיט א בעזאָנדערער צערטליכקייט. אָט דיעזער ברודער איז א בעשיצער און א פערטהיי־דיגער. דער מאַן זאָל דאָס אַלעס ווערען פאַר זיין פרוי.

ער מוז זיין איהר אונפעראינטערעסירטער פריינד, איהר קאַמע־ראַד. דאָס מאַכט איהם פאַר א טהייל פון איהר לעבען, פון איהר גאַנצע עקזיסטענץ.

דאַן קומט דער געליעבטער.

דער געליעבטער איז יענער, וועלכער האָט זי צום ערשטען מאָל ערבליקט און געביינקט נאָך איהר געגענוואַרט; וועלכער איז געווען גליקליך זי צו זעהען; וועלכער האָט אויסגעדריקט אין זיין יעדער מינע צופריעדענהייט פון איהר געגענוואַרט. זיין צערטליכער קוש, זיין צערטליכע אומאַרמונג און זיין וואַרעמער האַנד־דרוק, דאַרף אי־מער עקזיסטירען.

צו ענדע קומט דער מאַן מיט זיינע צאָהלרייכע פליכטען.

ער איז איהר מאַן און פאַלגליך, דער איינציגער וואָס דאַרף זאָרגען פאַר אַלע איהרע בעדירפניסע אין לעבען. זי האָט מעהר קיי־נעם ניט, וואָס זאָל אויף איהר אכטונג געבען אויסער איהם, און דערפאַר זאָל ער זיין טריי צו דיעזען פערטרויען.

די יונגע פרוי זאָל וויסען, אַז יעדער מאַן האָט ניט געהאַט קיין צערטליכערע נשמה אין דער וועלט ווי א מאַמע. אָט דיעזע מאַמע האָט איהר מאַן פערלאָרען און איז געגאַנגען צו זיין פרוי. וואָס א

מענש פערליערט, דאָס פעהלט איהם, אויב ער איז געוואָהנט געוואָרען דערצו, די מאַמע פעהלט איהם געוויס. זי זאָל דיעזע צערטליכקייט ערזעטצען מיט מוטערליכער צערטליכקייט און אויפמערקזאַמקייט.

א מאַן׳ס שוועסטער איז אָפטמאָל אַן אייביגע זיסע עראינערונג. די פרוי זאָל עס ווערען פאר איהר מאַן. זי זאָל אויך ווערען זיין פריינדין, אָט, אונגעפעהר ווי יענע פריינדין, וואָס האָט פערשטאַנען ווי צו אינטערעסירען זיין גייסט.

דאָס העכסטע אין דער וועלט בעשטעהט פון פערבלייבען זיין געליעבטע.

א געליעבטע מאַכט זיך ניט צודרינגליך, אָבער זי איז אימער אינטערעסאנט פאר׳ן געליעבטען. אָט דיעזע אינטערעסע זאָל קיינמאָל ניט אונטערבראָכען ווערען, זי זאָל זיך עראינערן אַן אַלעס וואָס איז פאר איהר געווען אמאָל אינטערעסאנט און דאָס בעשטענדיג האַלטען פריש.

די לעצטע שורה איז, זי דארף זיין זיין פרוי.

וואָס פאר א וועלט מיט געדאנקען עס ליעגט אין דיעזער פראַזע! פערנינפטיגע פרויען פערשטעהען און בעגרייפען די פולע בעדייטונג, נאַרישע פרויען, ליידער, קען מען גאָר ניט אויסלערנען.

עס איז ניטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס א פרוי קען ניט אויספיהרען ביי איהר מאַן, ווען זי בעגרייפט ווי ארומצוגעהען מיט איהם. א פרוי קען מאַכען פון איהר מאַן אַלעס וואָס זי וויל, ווען זי פערשטעהט ווי צו האַנדלען מיט איהם.

זי דארף נאָר ניט פערגעסען, אַז מאַן און ווייב זיינען איין ליב, און דיעזער ליב טאָר קיינמאָל ניט צוטהיילט ווערען דורך אונפאַסענדער אויפפיהרונג אָדער אונפאַסענדע האַלטונג.

דער גאַנצער שלום־בית הייננט אָב דערפון.

מאַן און פרוי האָבען רעכטע צוזאַמען און רעכטע בעזונדער.

מיר וועלען פריהער בעטראַכטען די רעכטע פון מאַן.

אין דער וואהרהייט געשפּראָכען, זאָלען די מענער־רעכטע ניט זיין גרעסער ווי די פרויען־רעכטע, ווייל זייער לעבען בעשטעהט פון א שותפות מיט גלייכע פריווילעגיען. ליידער אָבער איז דער מאַן, דער פערדיענער און ברויט־געבער, דער בעל־הבית.

מיר וועלען דאָ געבען א ביישפּיעל פון די געזעטצליכע רעכטע,

אין וועלכע עס שפּיגעלען זיך אימער אָב די געזעלשאַפטליכע. א מאַן קען ניט פערקויפען זיין ריעל־עסטייט אָהן דער אונטערשריפט פון זיין פרוי. איז דאָס דערפאַר ווייל זי איז א גלייכער בעל־הבית מיט איהם? ניין, עס איז נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט א רעכט איינצומאַהנען איהר דאַורי־ראַיט, נדן, אָדער כתובה־געלד. מעהר ווי צו דער כתובה האָט זי קיין רעכט ניט. א סימן האָבען מיר, אַז אין פאַל פון א גט, ווען זי ברעכט דעם קאָנטראַקט, לאָמיר אָננעהמען, דורך עובר זיין אויף די מאָראַל, דאַן פערלירט זי אַלע רעכטע צום מאַן'ס אייגענטהום, אפילו ווען זי האָט געאַרבייט גלייך מיט איהם דאַרויף. דאַגעגען ווידער, ווען ער האָט עובר געווען אויף די מאָראַל, קען זי העכטענס פערלאַנגען איהר כתובה־געלד און הוצאות צום לעבען, זאָנסט געהערט אַלעס צו איהם.

אין דעם, ווי געזאָגט, שפּיעגעלט זיך אָב אויך דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען צווישען מאַן און ווייב. ער האָט אַלע רעכטע, און זי זעהר וועניג.

אָבער די וועלט שטעהט ניט אויף איין אָרט, און די מאַניערען, אָדער עטיקעטע, האָט געשאַפען געוויסע אָפענע טויערן, ווי אויך געוויסע גרענעצען פאַר די פערשיעדענע רעכטע פון מאַן און ווייב.

שטרענג געשפּראָכען, זאָל דער מאַן ניט געהען אין קיין פּלאַטץ וואוהין די פרוי טאָר ניט געהען, וואָס עס איז אונהייליג פאַר איהר, איז אויך אונהייליג פאַר איהם. עס זיינען ניטאָ און עס זאָלען ניט זיין קיין צווייערליי וועלטען פאַר מאַן און ווייב בעזונדער. זיי מוזען ביידע טהיילען זייערע פערגניגענס און אַמוזירונגען.

ליידער אָבער איז דאָס א גרויסער פערלאַנג. נאָר דער עכטער עהרענמאַן, דער וואהרער ליעבענדער מאַן, דער ביישפּיעל פון אַנשטאַנד, האַנדעלט אַזוי, אָבער פאַר יענעם דאַרף מען קיינע פאָרשריפטען, ער איז סיי־ווי־סיי א מאָדעל זעלבסט פון וועלכען אַנדערע זאָלען לערנען.

די רעדע איז דאָ וועגען אַזעלכען, וואָס מוז איינגעהאַלטען ווערען ווערען דורך די רעגלען פון עטיקעטע.

א מאַן קען אַריינגעהען אין א מענער־קלוב, אבענד, און דאָרט איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך, ביז 9 א זייגער. פון דאַן אָן און ווייטער, מוז ער זיין ביי זיך אין הויז.

דער מאַן דאַרף ניעמאָלס פערברענגען אין פאָרמעלער פרויען־געזעלשאַפט אָהן דער אנוועזענהייט פון זיין פרוי.

ווען א מאַן וויים, אַז זיין פרוי האָט פאַר איהם פאַרבערייטעט מיטאָג אָדער סאַפּער, זאָל ער זיין פּינקטליך און גענוי אין דער היים. קיין אנדערע איינלאַדונג קען און מעג ערזעטצען וואָס זיין פרוי האָט פאָרבערייטעט. מיט אויסנאַהמע פון נעטהיגע און שטרענגע געשעפטען, זאָל קיין אנדערע זאַך איהם ענטשולדיגען פון ניט אַהיים קומען. אויך דאַרף ער, אין צייט, לאָזען וויסען זיין פרוי, אַז זי זאָל אויף איהם ניט ווארטען.

אין געזעלשאַפט, צווישען פרעמדע מענשען, זאָל זיין פרוי זיין די איינציגע דאַמע מיט וועלכער ער פערקעהרט, אויסער, ווען עס איז דאַ פאַמיליע און נאָהענטע בעקאַנטע, און מען וועקסעלט זיך אָב אין געשפּרעך.

ווען עס זיינען דאַ געסט אין הויז, איז דער מאַן־גאַסט דער גאַסט פון דעם מאַן און דער פרוי־גאַסט, דער גאַסט פון דער פרוי. פון דעסטוועגען קען מען זיין אויפמערקזאַם פון ביידע זייטען.

מענער ערלויבען זיך אַמאָל אוועקצוגעהען אויף א גאַנצער נאַכט. עס איז א גרויסער חסרון. נאָר היינט־וועלטיגע געשעפטס־לייט זאָגען, אַז אַזאַ מין אַמוזירונג ביי א קאָרטען־טיש אָדער שאַך־שפּיעל, גיט זיי ערנייערטע ענערגיע. ווי די זאַך איז, זאָל דאָס קיין מאַן טהאָן, ביז ער האָט עס ניט ערקלעהרט פאַר זיין פרוי און זי האָט איינגעשטימט. דאַן זאָל זי אויך גענוי וויסען וואו ער איז, כדי, ווען נעטהיג איז איהם צו קענען דערגרייכען.

א מאַן׳ס פערמעגען, געזעטצליך, איז זיין אייגענטהום. דאָך האָט קיין מאַן א רעכט „צוזוצעהלען" זיין פרוי דעם גראָשען אין טאַש אריין. דאָס קען נאָר געשעהען דאַמאָלס, ווען די פרוי איז אַן אויסעראָרענטליכע פערשווענדערין, און פון אַזעלכע אויסנאַהמס־פעללע רעדען מיר ניט.

אויב דער מאַן לעבט פון א געוויסען געהאַלט, דאַרף ער זיך איבערלאָזען גענוג פאַר זיינע אייגענע פערזענליכע הוצאות און דאָס איבעריגע איבערגעבען זיין ווייב. זי זאָל אימער זיין די אַלגעמיינע פערוואַלטערין פון הויז.

קיין מענש האָט אַ רעכט צו פרעגען זיין ווייב אויף חשבון, כל זמן ער בעמערקט קיין אויסעראָרענטליכקייט אין איהר פיהרונג.

דער פרוי'ס פפליכטען זיינען פיעלפאַכיגער.

די פרוי דאַרף וויסען, אז עס נאָך ניט געבוירען געוואָרען קיין מאַן, וואָס זאָל ניט זיין אייפערזיכטיג. און עס איז נאָך ניט גע־בוירען געוואָרען קיין פרוי וועמעס האַנדלונג עס ווערען ניט קרי־טיקירט.

זי מוז דאָ אַלזאָ אימער יוצא זיין, אי פאַר'ן מאַן, אי פאַר דער וועלט.

די פרוי דאַרף קיינמאָל ניט רעדען מיט קיין פרעמדען מאַן אַב־זיכטליך אונטער פיער אויגען. פאַר אַלעמען מוז אין גאַנצען פער־שווינדען יענע אַנדערע פריינדליכקייט צו מענער וואָס זי האָט גע־וויעזען פאַר דער חתונה. זי מוז צייגען פיעל מעהר רוה, בעשיי־דענהייט און געלאַסענהייט.

דאָס דאַרף זיין ביי זיך אין הויז, אין אַ פובליק פלאַטץ און אין אַ פרעמדעס הויז.

און וועהרענד אַ מאַן האָט אַ רעכט צו געהן ערגעץ און פער־בלייבען ביז צו געוויסע אַבענד־שטונדען ניט אָנגעפרעגט, זאָל דאָס קיין פרוי ניט טהאָן, וועניגסטענס ניט ביז נאָך די ערשטע פינף יאָהר פערהייראַטעטעס לעבען.

די פרוי דאַרף ניט האָבען קיין פריינד אָדער פריינדין, אונ־בעקאַנט צו איהר מאַן. זי דאַרף קיין פריינד אָדער פריינדין ניט עמפפאַנגען אין איהר הויז, אָהן דער איינשטימונג פון איהר מאַן, אָדער זיי גאָר ניט עמפפאַנגען, ווען איהר מאַן שטימט ניט איין.

דאָס אַלעס וואָס מיר רעכענען דאָ אויס, אַלס פאָרשריפטען פאַר דער פרוי, איז, ווייל דער מאַן איז די אייפערזיכטיגסטע בריאה אין דער וועלט. עס איז קיין אונטערשיעד אויב ער איז פון הויכ־געבילדעטע קלאַסע, אָדער פון גאַנץ געוועהנליכען שטאַנד.

וועה צו דער פרוי, וועלכע האָט ארויסגערופען ביים מאַן פער־דאַכט. וואויל צו דער פרוי, וואָס קען האַלטען דעם מאַן'ס גייסט אין אַ רוהיגען צושטאַנד.

נאָטהווענדיגקייט אָדער בעדירפניסע, ארבייטען זיך אויס אין זאָגנאַנטע עטיקעטע רעגעלען.

ווייל דער מאַן איז אייפערזיכטיג, דערפאַר זאָל די פרוי אַזוי האַנדלען, אַז ער זאָל דיעזע אייפערזוכט ניט דאַרפען אַרויסווייזען.

דאָס בעוואָהרענט דעם פריעדען פון דער פאַמיליע און דאָס גליק פון מאַן און ווייב.

עס זיינען דאָ פרויען, וואָס האָבען ניט די מינדעסטע אהנונג פון ביזנעס, געשעפטען. אָבער זיי האָבען ליעב דער מאַן זאָל זיי דערצעהלען וואָס פאַר אַ געשעפטען ער מאַכט. אַ מאַן וויל אויך זיין פרוי זאָל וויסען וואָס ער טהוט, אָבער ניט אַלע פרויען האָבען געדולד דאָס אויסצוהערען.

דערפאַר, ווען דער מאַן דערצעהלט איהר אייניגע מאָל איבער זיינע געשעפטען און ער זעהט אין איהר קיין אינערליכע אינטערעסע, איז עס מעהר ניט ווי רעכט, אַז ער זאָל מעהר ניט האָבען צו טהון מיט איהר אין אַזאַ ענין.

די פרוי זאָל עס דאַמאָלס ניט בעטראַכטען פאַר אַן עולה, וואָס דער מאַן פערטרויעט זיך ניט אויף איהר, אַ פרוי זאָל בעגרייפען, אַז כל זמן זי איז אַליין ניט פעראינטערעסירט אין אַזעלכע זאַכען, דאַן זאָל זי ניט פאָדערען צו וויסען, וואָס עס טהוט זיך ביי איהם אין קרעמעל, פונקט ווי ער דאַרף ניט וויסען וואָס עס טהוט זיך ביי איהר אין טעפּעל.

פרויען ווידער, וואָס פערשטעהען יאָ געשעפטען און זיינען אין דעם שטאַרק פעראינטערעסירט; פרויען וואָס ווייסען איבער אַלע מסחרים פון זייערע מענער, זאָלען קיינמאָל ניט אויפטרעטען מיט גבורה און זאָגען: „איך וויל אַזוי!"

ווי געוועהנליך איז דער מאַן, וואָס איז אַריינגעטהאָן אין ביז־נעס, מעהר געשעפטס־מאַן ווי די פרוי. נאָר ווען זי בעגרייפט, אַז טראָטץ דעם בעגעהט ער אַ פעהלער, זאָל זי צו איהם צוגעהען מיט גוטען. עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס אַ פרוי קען ניט אויספיה־רען ביים מאַן מיט גוטען, מיט געדולד און מיט אַרגומענטען.

דער מאַן ווידער, אין אַזאַ פאַל, דאַרף זיך גוט איינהערען צו די טענות פון דער פרוי, און אפילו ווען זי האָט נאָר פופציג פּראָ־צענט רעכט. דאַרף ער זי אויך פאָלגען.

איבערהויפּט זאָל אַ מאַן כמעט אימער פאָלגען זיין פרוי, ווען זי הייסט איהם ניט געהען אין שותפות מיט קרובים און גוטע ברידער.

אין די גרויסע שטעדט, וואו מענער זיינען מייסטענטהיילס בעשעפטיגט אין אָפיסעס, האלט מען, היינטיגע צייטען, מייד־לעך אלס סטענאָגראַפקעס, בוכהאלטערינס, אָדער אזוי ביי אנדע־רע ארבייטען. פונקט ווי דער מאַן האָט אַ רעכט צו זיין אימער איי־פערזיכטיג, אזוי האָט די פרוי אויך אַ רעכט אַ מאָל צו זיין איי־פערזיכטיג. ווען איהר געפעהלט ניט אזא אָנגעשטעלטע אין איהר מאַן'ס אָפיס, זאָל ער, אוים רעספּעקט צו איהר וואונש, באלד ער־פילען איהר פערלאנג און פערמיידען אונאנגענעהמע סצענעס וואָס קענען נאָכפאָלגען.

ווען אַ מאַן זאָגט, אז איהם געפעהלען ניט געוויסע חבר'טעס, וואָס זיין פרוי האָט, דאַרף די פרוי ניט פיעל קלעהרען, און דיעזע חבר'טעס באלד אויפגעבען.

עלטערן זיינען אַ גרויסע זאך, מען קען זיך ניט קויפען קיין אנדערן טאַטען און קיין אנדערע מאַמע. אָבער טהייערער פון אַלעס אין דער וועלט, איז די גליקליכע פאַמיליע. עלטערן, דעם מאַן'ס אָדער דער פרוי'ס, זיינען אָפט אַ שטערונג אין דער פאַמיליע. עס איז יעצט ניט די פראגע פון רעכט אָדער אונרעכט, נאָר פון גליק און פריעדען.

אויב דער מאַן בעהויפּטעט, אז די שוויעגער וואָס וואָהנט ביי איהם, מאַכט איהם ניט גליקליך, דאַן איז עס די פפליכט פון דער טאָכטער צו זעהען, אז איהר מאַמע זאָל וואָהנען ערגעץ אנדערש. נאַטירליך, דאַרף מען די מאַמען ניט ארויסוואַרפען, נאָר עס קאָסט אימער ביליגער צו בעצאָהלען פאַר דער מאַמע'ס לאָזשיע און באָארד, ווי צו האָבען דעם מאַן'ס אייביגע פאָרווירפע.

עהנליכעס דאַרף זיין פון דעם מאַן'ס זייט, ווען זיין פרוי איז ניט צופריעדען מיט זיין פאַמיליע.

שווער און שוויעגער זיינען זעהר גוטע קרובים ווען זיי וואָהנען פון ווייטענס.

יעדע מאַמע שטעלט זיך פאָר, אז איהר זוהן איז דער בעסטער יחסן און תכשיט אין דער וועלט ; און קיין פרוי איז ווערטה צו זיין זיין לעבענס-בעגלייטערין. יעדע מאַמע וואָס האָט אַ טאָכטער שטעלט זיך פאָר, אז קיין בעסערעס אין דער וועלט ווי איהר טאָכ־

טער איז, געפינט מען נישט, און וואס דער אידעם זאל ניט טהאן, איז ער ניט יוצא, ניט פאר דער טאכטער און ניט פאר איהר.

מילא, אז דיעזע מיינונגען ווערען נאך אויסגעדריקט פון דער ווייטען, איז ניט אזוי געפעהרליך, אבער פון דער נאהענט, זיינען זיי איינפאך אונערטרעגליך.

עס איז א גרויסע עטהישע פראגע, דאס ווען א מאן, א פריידענקער, הייראטהעט א פרוי א רעליגיעזע, וואס פאר א קיך זאל זי דארפען פיהרען, ווען ער וויל ניט קיין מילכיגס און פלייישיגס, אדער גאר קיין כשרות. אין אזא פאל דארף דער מאן וויסען, אז זיין פרינציפ פערביעטעט איהם ניט צו עסען קיין כשרות, ווערהענד איהר פרינציפ פערביעטעט איהר צו עסען טרפות. די קיך מוז אלזא זיך פיהרען ווי זי וויל.

עהנליכעס איז אויך אין פאל ווען זי איז פריי און ער איז רעליגיעז. אויך דאן זאל די קיך זיין א כשר'ע.

דאס הייסט, וואס עס שאדעט איינעם ניט צו זיינע פרינציפיעלע איבערצייגונגען, זאל ער אימער נאכגעבען דעם צווייטען, ווען עס האנדעלט זיך אום פרינציפ.

עס זיינען פאראן מענשען, וואס זיינען די גוטסקייט און העפליכקייט זעלבסט צו פרעמדע. מען קען זיי איבעראל אלס גוטע און עדעלע ברואים, נאר ביי זיך און פאר זיך, פאר די אייגענע זיינען זיי שלעכט און גראב.

מאנכע מענער זיינען די עדעלסטע אין זייער העפליכקייט צו א דאמע. ווען עס האנדעלט זיך אום איינער צו העלפען און אונטערשטיטצען, האבען זיי אן אפענע האנד, אבער צו זייערע אייגענע פרויען זיינען זיי ברוטאל און גיעבען זיי אפט ניט גענוג וואס זיי בענעטהיגען.

דאס צייגט אן דעם כאראקטער פון א פאלשען מענשען, וועלכען מען טהאר ניט טרויען.

אן עהרענמאן שולדעט זיין ערשטע העפליכקייט זיין אייגענער פרוי. דאן פאלגען אנדערע. אן עהרענמאן דארף פריהער זעהען זיין הויז זאט, דאן קלעהרען וועגען אנדערע.

א געוואלטיגע גרויסע ראלע שפיעלט די בענעהמונג פון דער פרוי אין איהר אייגענעם הויז.

די פרוי וואָס פערוואַנדעלט איהר הויז אין אַ פּאַלאַץ, איז אַליין אַ קעניגין, און זי מאַכט אויך דער מאַן ער זאָל זי רעספּעקטירען אַלס קעניגין.

עס איז אַ פאַקט, אַז גרויסע און בעריהמטע שעהנהייטען, וואָס האָבען געהייראַטהעט מיט זייערע מענער, וועלכע האָבען זיך פערליעבט אין זיי, האָבען ניט לאַנג געקענט אָנהאַלטען זייער גליק. דאַנעגען ווייניגער אַנדערע, כמעט גאָר קיין שעהנע, האָבען אָבגעפיהרט אַ גליקליכע וועלט מיט רעספּעקטאַבלע מענער.

ווארום איז דאָס ?

גאַנץ איינפאַך, די שעהנע פרוי ציהט נאָר אָן דעם מאַן אויף אַ קורצע צייט, אויב אַלעס ארום איז ניט שעהן.

אויב אַלעס ארום איהר איז ניט שעהן, דאַן ווערט די גרעסטע שעהנהייט אַ מיאוס'קייט. אויב אַלעס ארום איהר איז שעהן, דאַן ווערט די מיאוס'קייט אַ שעהנהייט.

די הויז מוז זיין זויבער און ריין; דער טיש פיין גערעקט און דער מיטאָג זאָל ארויסשמעקען פון דער קיך. די פרוי אָנגעצויגען אין אַ שעהנע קאָך־קלייד מיט אַ ווייסער שירצע. ווייזט דעמאָלס דעם מאַן, וועלכער זאָל ניט זיין גליקליך. אויב עס געפינט זיך יאַ אַזאַ מאַן, דאַן איז ער אַן אויסנאַהמע, נאָר דער דורכשניטליכער מאַן, איז גליקליך און צופריעדען מיט אַזאַ ערשיינונג.

זויבערקייט און ווירטהשאַפט אין אַ הויז, זיינען די קרוינען פון דער פאַמיליע.

מאַנכע פויללענצערישע מענער זיינען שוין דאדורך געוואָרען פלייסיג. מאַנכע טויגעניכטסען האָבען דאדורך ערוואַכט צו די גרעסטע טהעטיגקייטען.

עס איז קיין אונטערשיעד ווי לאַנג מען איז פערהייראַטהעט, די אנקונפט פון דעם מאַן זאָל אימער זיין בעטראַכט פונקט ווי די אנקונפט פון דעם חתן.

און יעדע פרוי גערענקט, אַז ווען דער חתן האָט בעדאַרפט קומען, האָט מען פאַר איהם צוגעראַמט דאָס הויז, גערעקט אַ פיינעם טיש און אַליין איז מען געווען ריין אָנגעטהאָן.

---

# אייפערזוכט

**אייפערזוכט א רעזולטאט פון ליעבע. — פערשיעדענע זאָר־טען אייפערזוכט. — פון וואנען שטאמען א בעזונדערע מאָראל פאר מענער און א בעזונדערע מאָראל פאר פרוי־ען ? — די גרעסטע פעראנטווארטליכקייט ליעגט אויף דער פרוי.**

---

פונקט ווי עס זיינען דא פערשיעדענע גראדען ליעבעס, אקו־ראט אזוי געפינען זיך פערשיעדענע גראדען אייפערזוכט.

איין זאך איז זיכער : אייפערזוכט איז א רעזולטאט פון ליעבע.

אייפערזוכט איז עפעס אונגעפעהר ווי א געליעבטעס שפיעל־כעל ביי א קינד, וואס וויל ניט, אז אן אנדערעס קינד זאל עס בעריהרען.

אין דער זעלבער צייט, דארף מען ניט פערגעסען, אז איי־פערזוכט איז אויך אימער דער רעזולטאט פון מיסטרויען, אדער ווען איין צד קען זיך ניט פערלאזען אויפ'ן צווייטען ; בעסער גע־זאגט, ווען איין צד איז ניט איבערצייגט, אז דער צווייטער צד איז געטריי און אויפריכטיג.

ווען צוויי מענשען ליעבען זיך גלייך און טרויען זיך גלייך ; ווען צוויי מענשען האבען אפענע הערצער און אפענע נשמות איינער פאר'ן צווייטען, דאן איז דארט מעהר קיין רייד ניטא פאר קיין אייפערזוכט.

אייפערזוכט, ווי געזאגט, פאנגט נאר אן דארט, ווען איין צד, אדערביידע צדדים האבען אורזאכע ניט צו געטרויען איינער דעם צווייטען.

מיר בעהויפטען אלזא, אז אייפערזוכט איז ניטא דארט וואו די ליעבע איז פאלקאמען פוןביידע זייטען ; גראדע אזוי איז ניטא קיין אייפערזוכט, ווען דער האס איז פאלקאמען אפילו פון איין זייט. דאס הייסט, אויב צוויי האסען איינער דעם צווייטען, דאן האט סאי־ווי־סאי אויפגעהערט יעדע שפור פון אייפערזוכט. וויע־

דער, ווען איינער אליין האסט, דאן איז ביי דעם איינעם שוין קיין אייפערזוכט ניטא.

יעצט ווידער צוריק צום אייפערזוכט.

ווען א מאן איז אייפערזיכטיג איבער זיין פרוי, דאן איז עס א פאקט, אז ער ליעבט זי און געטרויעט זי ניט.

דאס זעלבע איז אויך פערקעהרט, ווען די פרוי איז אייפער־זיכטיג איבער׳ן מאן ; זי ליעבט איהם און טרויעט איהם ניט.

ביי דער אייפערזוכט געגען פרויען, מעג מען, מיט זיכער־הייט, בעצייכענען ניינציג פראצענט פאר פאלש ; דאס הייסט, אייפערזוכט וואס קומט בלויז דורך אונבעגרינדליכען פערדאכט.

אבער אונבעגרינדעטער פערדאכט זעלבסט האט אויך א גרונד.

צום ביישפיעל : די פרוי איז, פון א נאטירליכען לעבהאפ־טען טעמפעראמענט. אזעלכע פרויען זיינען, זעהר אפט, שטארק ריידעוודיג און רעדענדיג, זיינען זיי ניט מבחין צו ווען זיי רייד־דען ; צו פרויען אדער צו מענער. אין זייערע בענעהמונגען זיינען זיי אויך אויסערארענטליך פריינדליך צו סאי־וועמען. דער מאן וויע־דער איז ענטוועדער פון א פערקעהרטען טעמפעראמענט, אדער ער איז גלאט אזוי א מאן, וואס רעכענט, אז אפילו זיין פרוי׳ס פריינד־ליכעם שמייכעל איז אויך זיינער.

א מיליאן גערדאנקען שוועבען דורך אין זיין געהירען און ער שאפט בילדער מיט סצענען, פון וועלכע זיין פרוי האט גאר קיינ־מאל ניט גע׳חלום׳ט.

דיזע בילדער און סצענען ווערען יעדעס מאל אלץ מעהר בולט און זיי שטעהען איהם פאר פאר די אויגען וואו ער געפינט זיך, אי־בערהויפט ווען ער איז ניט אין דער היים.

דאס איז אויך אפטמאל די אורזאכע וואס א מאן קומט אהיים, און איז וויטהענד אהן א פאר וואס. ער קומט ניט אהיים ווען מען ערווארטעט איהם, נאר ווען די אייפערזוכט טרייבט איהם. ער רעדט ניט קיין ווארט דאריבער, ער שווייגט איבער זיינע מאר־טערענדע גערדאנקען, אבער יעדעס מאל ברעכט אויס זיין וואוטה ווי א פייער שפייענדיגער בארג.

ווען מיר רעדען יעצט פון רעכט, דאן מוזען מיר זאגען, אז די פרוי האט געווים א רעכט אויף איהר נאטירליכען און אונשולדי־

נען לעבהאפטען טעמפעראמענט. אין פאמיליען־לעבען מוז מען אבער פיעלע מאל פערבוינגען דאס רעכט און זיך אונטערוואַרפען דער עטי־קעטע, וואס אין דער שליסעל פון פריערען.

א פערהייראטהעטעטע פרוי מוז וויסען, אז איהרע פריהעריגע פרייע בענעהמונגען און האנדלונגען, ווי אונשולדיג זיי זאלען נאך זיין, מוזען זיי אויפהערען נאך דער חתונה.

די עטיקעטע פאדערט, אז א פערהייראטעטע פרוי זאל ניט שטיפען, לאכען, אדער זיך אפילו בלויז פערטיעפען אין געשפרע־כען מיט פרעמדע מענער. זי מוז אבער געדענקען, אז דאס קען ניט נאר ארויסרופען אייפערזוכט, גיפטיגען אייפערזוכט, ביי איהר איינענעם מאן; זאנדערן אויך ארויסרופען פערדעכטיגע געדאנקען ביי פרעמדע מענער. מענער האבען פיינד צו זעהען א לעבהאפטע פרוי און דענקען גוטעס איבער איהר. די איינציגע לעבהאפטיגקייט א מאן האט ליעב אין א פרוי, איז נאר ווען זי איז זיינע. זאנסט בעטראכט ער זי פאר דער ערגסטע.

ניט ווייט פון דיעזער טבע איז אויך די פרוי. זי רעכענט, אז דער מאן איז אויסשליעסליך איהרער און קיין אנדערע פרוי האט ניט קיין רעכט איבער איהם. דער מאן פון א לעבהאפטער דיספא־זיציאן רופט אויך ארוים אייפערזוכט ביי זיין פרוי.

אין דערזעלבער צייט אבער, טראכט די פרוי ווייניגער איבער וועגען איהר מאן, ווי דער מאן וועגען דער פרוי. די פרוי הייראטה און בעשליעסט זאפארט, אז איהר מאן דארף זיין אבוועזענד פון איהר א היבשע צייט אין מעת־לעת, און זי בעשליעסט אז ער דארף זיין אנשטענדיג אבוואהל זי איז ניט דערביי. גאנץ שטארקערע אור־זאכען מוזען בעוועגען די פרוי צו ווערען אייפערזיכטיג.

יעדענפאלס אבער, זאל דער מאן וויסען, אז ער האט אויך א גרענעץ. זיין האלטונג נעגען איבער פרעמדע פרויען זאל זיין א בעשיידענע.

מיר קעהרען צוריק צו דער פרוי און צו איהרע אידעען און האל־טונגען אין אזא בעציהונג.

מאראל, אייגענטליך, איז א רעלאטיווער בעגריף; בעז־סער געזאגט, עס איז אן עפעס ווי איינער פאסט עס אויף. דער־פאר איז מאראל ווייט ניט אזא וואהרהייט ווי די מאטהעמאטיק.

צוויי מאָל צוויי איז פיער איבעראַל, אין אַלע לענדער און אין אַלע שפּראַכען. די מאָראַל איז אָבער ניט די זעלבע איבעראַל און אפילו ניט אין די מענשליכע שפּראַכען.

אין געוויסער ערטער, ביי די שוואַרצע, פון איסט אפריקא, איז עס גאַנץ מאָראַליש, ווען א גאַסט קומט, אז דער בעל הבית זאָל איהם מכבד זיין מיט זיינער א פרוי אויף א נאַכט אָדער צוויי. קיינער וועט חלילה ניט אויפוואַרפען דער פרוי, אז זי איז דערפאַר אונמאָראַליש, און קיינער וועט ניט זאָגען דעם מאַן, אז ער האַנ־דעלט ניט ריכטיג. פערקעהרט, אזא הויז ווערט בעצייכענט אַלס א צענטער פון העפליכער הכנסת־אורחים.

אין יאַפּאַן, איבערהויפּט אין די גרויסע שטעדט, איז עס גאָר קיין עולה ניט, ווען א מיידעל פערקעהרט מיט א פרעמדען מאַן פאַר דער חתונה. נאָך דער חתונה אָבער, מוז זי זיין סטריקט אין איהר אויפפיהרונג. אין פאַריז ווידער, איז עס פונקט פערקעהרט. ביז צו דער חתונה דאַרף א מיידעל זיך שטאַרק היטען, נאָך דער חתונה איז עס כמעט אין דער מאָדע צו האָבען א געליעבטען הינטער דעם מאַן׳ס פּלייצעס.

אַלזאָ, ווי געזאָגט, איז מאָראַל א מין אויפפיהרונג פון מענ־שען ווי דער בעגריעף ווערט געמאַכט און רעגולירט.

אין אונזערע מדינות, ווי די פעראייניגטע־שטאַאטען און אַלע אַנדערע אַנגלאָ־זאַקסישע, גערמאַנישע און סלאַווישע לענדער, לויט די רעגעלען פון מאָראַל, אז די פרוי איז די פרוי פון איין מאַן, ניט פון צוויי אָדער מעהרערע אין דער זעלבער צייט.

דער מאַן, על־פּי־יושר, האָט ניט מעהר רעכט, אין דיעזער בעציהונג, ווי די פרוי. אָבער רעכט און אויפגעפּאַסטע מאָראַל זיי־נען צוויי פערשיעדענע צושטענדען.

מאָראַל איז, אונגעפעהר, ווי א מנהג; דערפאַר זאָגט מען, כמעט ביי אַלע פעלקער, אז „א מנהג ברעכט א דין”. עס מעג זאָ־גאַר זיין פערשריעבען אין שטראָף־געזעטץ־בוך אַלס א פערברעכען צו טהאָן א געוויסע זאַך, נאָר ווען עס ווערט אָבער א מנהג, דאַן האָט דער דין קיין ווערטה.

טהעאָרעטיש זאָל א מאַן ניט פערקעהרען מעהר ווי מיט דער פרוי, וואָס ער איז פערהייראַטעט. אין פּראַקטישען לעבען אָבער

איז עס ניט אזוי. מענער ערלויבען זיך אלערליי פרייהייטען און אי־בערטרעטען די געזעץ פון מאראל, און די וועלט קוקט אויף דעם גלייכגילטיג.

אין א היבשע ביסעל ציוויליזירטע לענדער קען דער מאן קלא־גען זיין פרוי אויף א שיידונג פאר עובר זיין אויף די מאראל, דא־גענגען אבער די פרוי קען פאר אזא זאך ניט פערקלאגען דעם מאן אויף א שיידונג, סיידען זי ווייזט אויף אויך פערנאכלעסיגונג. און אפילו דארט, וואו די פרוי האט דאס זעלבע רעכט פאר'ן געזעטץ, ווי דער מאן, קריעגט זי זעלטען ארויס א שיידונג בלויז פאר דיעזען איינציגען פערברעכען.

דאס אלעס בעווייזט, אז דער מאן האט מעהר פרייהייט אין דיעזער בעציהונג ווי די פרוי, און די מענשען האבען איינגעפיהרט צוויי־ערליי מאראליטעטען, איינע פאר'ן מאן און דאס צווייטע פאר דער פרוי.

מאדאם שארלאט גרעניער, א פראנצויזישע דאמע און א שריי־בערין איבער „מאראל אין דער הייראטה", זאגט פאלגענדע ווערטער:

„מענער זיינען, בטבע, פאליגאמיסטען, דער מאן וואס האט נאר איין פרוי, איז ניט גאנץ נארמאל. די נאטור זעלבסט האט איהם בעשאפען צו זיין א פאליגאמיסט. אבער דאס מאדערנע גע־זעלשאפטליכע און פאמיליען־לעבען מאכט פאליגאמי אן אונ־מעגליכקייט, אן אונגליק. דערפאר זאל די פרוי זיין גאנץ צו־פריעדען, ווען דער מאן הייראטה בלויז זי געזעטצליך, ווען ער אנערקענט בלויז זי, געזעטצליך, אלס זיין פרוי, ווען איהרע קינ־דער זיינען די איינציגע געזעטצליכע. זאנסט זאל זי זיך ניט בע־קימערן וואו זיי געהען און קומען, כל זמן ער איז מאן, פאטער און בעל־הבית."

און פון דיעזער מיינונג זיינען א היבשע ביסעל פרויען פון די ציוויליזירטעסטע לענדער.

יעצט הערט ווייטער וואס די בעקאנטע דאמע זאגט מכח דער פרוי און איהר מאראליטעט:

„קיין פרוי פון אונזערע געגענדען איז א פאליאנדריסטין בטבע. זי קען ניט און דארף ניט האבען מעהר ווי איין מאן, אבער דאס איז נאך ווענינ, א פרוי קען זיך גאנץ גוט בעגעהען מיט א טהייל פון

אַ מאַן. מיר, פרויען, האָבען געלעבט טויזענדער און טויזענדער יאָהרען אין פּאָליגאַמישע הייראַטהען. אויב דאָס איז ניט געווען קיין נאַטירליכע זאַך, דאַן איז עס ביי אונז אויס געוואָהנהייט, געוואָרען אַ צווייטע נאַטור".

ווי דיעזע דאַמע מיינט אַלזאָ, מעג דער מאַן זיין אַ פּאָליגאַמיסט, (אָבי ניט אָפיציעל), ווייל דאָס איז זיין נאַטור. די פרוי טהאָר ניט האָבען מעהר ווי איין מאַן, ווייל זי דאַרף איהם ניט. פערקעהרט זי דאַרף זיך צופריעדען שטעלען זאָגאר מיט אַ טהייל פון אַ מאַן.

מיר זיינען דורכאויס ניט איינשטימיג מיט דיעזער דאַמע'ס טהעאָריע. מיר האָבען ציטירט איהרע מיינונגען אום צו צייגען דורך וועלכע אויפפאַסונגען איז ענטשטאַנדען די מאַן־און־ווייב מאָראַל.

מעדיציניש און מענשליך, דאַרף אַ מאַן ניט האָבען מעהר ווי איין פרוי. די נאַטור האָט קיינמאָל ניט בעאַבזיכטיגט עס זאָל עקזיסטירען פּאָליגאַמיע. די פּאָליגאַמיע איז אייגענטליך נאָר ענשטאַנדען דערפון, וואָס דער מאַן איז געווען דער שטאַרקערער און מען האָט געמוזט פאַר איהם שרייבען אַ קאַפּיטעל פון „וראית אשה בשביה".

אין זיינע רויבער־ציגע האָט דער מאַן צוגענומען פרויען, שעהנע פרויען, און ער האָט דאָס בעטראַכט פאַר אַ גרויסען „ספּאָרט" ווי אריינצונעהמען אין זיין האַרעם. דערפון איז געוואָרען די פּאָליגאַמיע. ער האָט עס נאַכהער געמאַכט פאַר אַ נויטהווענדיגקייט.

היינט, ווען דיעזער „ספּאָרט" האָט אויפגעהערט, האָבען מיר איינגעזעהען, אַז דאָס איז ווייט, ווייט ניט מעהר קיין נויטהווענדיגקייט.

אָבער, מיר ניט, דיר ניט, אויסצורייסען אַלטע געוואָהנהייטען און מנהגים, איז ניט זעהר גרינג. דערפאַר איז פערבליעבען אַ מין ספּעציעלע, אָבער פאַלשע מאָראַל, פאַר'ן מאַן.

אין אמת'ן, איז עס אַ שעהן, אַ מאָראַליש, אַז דער מאַן זאָל ניט איבערטרעטען די גרענעצען פון אַנשטענדיגקייט.

די פרוי ווידער, האָט לחלוטין קיין רעכט צו מאַכען אירגענד אַ שריט, וועלכע זאָל ווידערשפּרעכען אַ איהר נאַטור, אַ די אויפּגעפּאַסטע מאָראַל.

עס איז גאנץ געגוג מיאוס און פערברעכעריש, צו בעטריגען א פרוי הינטער די פּלייצעס, עס איז אָבער נאָך מעהר מיאוס און פערברעכעריש צו בעטריגען א מאַן הינטער די פּלייצעס.

נאָך אַלעמען, מוז מען צוגעבען, אז דער מאַן ברענגט קיינמאָל ניט אהיים די פּרוכט פון זיין גע'גנב'עטע ליעבע. די פרוי וויעדער קען דאָס יא טהאָן.

יעדער מאַן טרויעט זיין פרוי, און, ווען ער לעבט מיט איהר אין פריעדען און ליעבע, וועט ער שווערען פאַר איהר עהרליכקייט. מיר צווייפלען אויב עס זיינען דאָ דריי פּראָצענט פרויען, וואָס וועלען שווערען פאר זייערע מענער'ס מאָראלישע עהרליכקייט.

די פרוי אַלזאָ מיסברויכט, אין דיעזער בעציהונג, א גרעסערעס פערטרויען, אויב זי טרעט איבער די גרענעצען פון מאָראַל.

א פרוי האָט פּונקט אזא רעכט ניט צו ליעב האָבען איהר מאַן און ליעבען אַן אנדערען, גראדע ווי א מאַן האָט א רעכט ניט צו ליעבען זיין פרוי און ליעבען אַן אנדערע. אָבער דיעזער ניט־ליעבען און יא־ליעבען, מוז זיין עפענטליך, פריי, ניט בעהאַלטען. דאָס הייסט, זי זאָל זיך שיידען פון איהר מאַן, אוועקגעהען פון איהם, און געהען צו יענעם וואָס זי ליעבט.

קיין מענש שאדעט זיך אזוי פיעל און רואינירט זיך אליין, ווי א פרוי וואָס בעטריגט איהר מאַן הינטערוויילעכס. בעסער געזאָגט אַלע געהיימע ליעבעס פון א פרוי זיינען פאר איהר שעדליך. דער מאַן זעלבסט, מיט וועמען זי פיהרט די געהיימע ליעבע, פערדאמט זי.

עס איז ניטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס מען וועט ניט פערצייהען א פרוי, אויסער איהר געהיימע און ניט ערלויבטע ליעבע.

דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס די ערשטע פערדאַמער פאר א פרוי, זיינען איהרע אייגענע שוועסטער. דאָס הייסט, די פרויען זעלבסט האָבען אקצעפּטירט דיעזע מאָראַל, און די פרויען דאַרפען זי היטען.

אום צו עקזיסטירען אין א מאָראלישער געזעלשאַפט, זאָלען איהרע מיטגליעדער היטען איהרע רעגעלען און מנהגים. די פרוי זאָל, אין דיעזער בעציהונג, זיין די פּינקטליכסטע.

# שוואנגערשאפט

**דער נאטירליכער געפיהל פון בושה. — דאס רעכט פון א שוואנ־גערע פרוי אין געזעלשאפט. — כבודה בת מלך פנימה. — קליידונג פאר א שוואנגערע פרוי.**

---

שוואנגערשאפט איז א נאטירליכער פראצעס. דאס איז אמת. ווייל עס איז נאטירליך, זאגען מאנכע, אז מען דארף זיך ניט שעה־מען דערמיט. אבער, עס איז אויך אמת, אז ניט אלעס וואס איז נאטירליך קען בעטריעבען ווערען אין דער עפענטליכקייט.

ניט נאר ביי מענשען, זאנדערן אויך ביי מאנכע חיות, ציהט זיך צוריק, דאס ווייבליכע געשלעכט, אין איינזאמקייט וועהרענד דער צייט פון דער הויכער שוואנגערשאפט.

אזוי שנעל ווי די פרוי ווייס, אז זי איז שוואנגער, זאל זי אויפ־פאסען איבער'ן מאמענט, ביז זי געפינט אויס, אז די שוואנגערשאפט פאנגט אן זיך ארויסצוזעהען.

ביז דאמאלס איז ניט נעטהיג זי זאל צייגען, דורך ווארט אדער האנדלונג, אז זי איז א שוואנגערע פרוי.

נאטירליך, רעדען מיר דא ניט פון דעם היגיענישען שטאנד־פונקט.

מאנכע פרויען קענען טראגען א קארסעט זאגאר ביז צום פינפ־טען און זעקסטען מאנאט. אויב דאס שאדעט נאר ניט איהר געזונד־הייט און אויב זי קען ערפאלגרייך בעהאלטען איהר שוואנגערשאפט, דאן איז עס איהר זאך. וואס מיר ווילען דא בעצייכענען, איז די זיכטבארע שוואנגערע פרוי אין דער געזעלשאפט.

אלזא, ווי געזאגט, כל־זמן די שוואנגערשאפט זעהט זיך ניט אן, איז עס דער פרוי'ס פריווילעגיע צו געהען איבעראל און מיטמא־כען דאס לעבען ווי געוועהנליך. קוים איז די שוואנגערשאפט צום דערקענען, דאן — איז די בעסטע זאך צו זיטצען אין הויז. כבודה בת מלך פנימה.

עס זיינען דא פרויען, וואס אין זייער שוואנגערשאפט קריגען זיי פלעקען אויפ'ן פנים. אפילו אין דער צייט ווען פאודערן איז ניט

געוועז אין דער מאָדע, האָט מען זיך גוהג געוועז צו פערדעקען דיעזע פלעקען מיט א פיינעם רייז פאודער. רוזש זאָל אויסגעמיעדען ווערען אפילו יעצט, ווען מען בעדיענט זיך מיט רוזש.

דאָס הויז, די צוריקגעצויגענהייט, איז די בעסטע זאך. די שוואנגערע פרוי בענעטהיגט בעקוועמליכקייט, און זי קען דיעזע אין ערגיץ ניט קריעגען אזוי גוט, ווי אין הויז.

אין הויז זעלבסט, מוז זי אָבער אויך האָבען פאסענדע קליידער, וועלכע זאָלען ענטשפּרעכען אי די בעקוועמליכקייט, אי די פאסיג־קייט.

דער קאָרסעט, זעלבסטפערשטענדליך, פאלט ארונטער. אָבער דער קערפּער זאָל געוויס ניט דערלאָזען ווערען אין לויזקייט. די מאָ־דערנע באנדאזשען־ארבייט האָט אונצעהליגע גארטלען און לייב־דעד־קען, וואָס האלטען, איבערהויפּט, דעם מיטעלען טהייל קערפּער, אין אָרדנונג.

אפילו היגיעניש איז עס ניט נעטהיג צו לאָזען דעם קערפּער אין א נאכהענגענדען צושטאנד.

דאַן קומען די קליידער.

די פריהעריגע קליידער פּאסען ניט. עס מוזען געמאכט ווערען נייע, ספּעציעל פאר דער שוואנגערשאפט. אָבער דיעזע אלע קליי־דער מוזען טראָגען דעם כאראקטער פון א נעגליזשע. די אורזאכע איז געמליך פאָלגענדע: ריכטיג פאסענדע קליידער קען מען, אין אזא צייט, ניט אנטהון. קליידער וואָס זאָלען זיין פאסענד און פּאסען ניט, זיינען איינפאך אונפאסיג.

וואָס עס זאָל ניט געמאכט ווערען, מוז האָבען די נעגליזשע פּאָרמע.

דאָן קומט דאָס אויבערקלייד אָדער דער מאנטעל. עס מוז זיין נאָך א ספּעציעלען שניט און אויך זיין נעגליזשע.

ווי מיר האָבען שוין דערמאהנט, איז דער בעסטער פּלאטץ פאר א שוואנגערע פרוי, דאָס הויז. דאָך גיעבען אויסנאהמען, אמאָל א בעזוך, און אמאָל א שפּאציר.

דער בעזוך פון א שוואנגערע פרוי איז אויסשליעסליך נאָר אין קרייז פון דער פאמיליע, און מייסטענטהיילס נאָכמיטאג. ניעמאָלס אין דער פריה, זעלטען אבענד.

עס ווערען בעזוכט אייגענע עלטערן אזוי אָפט ווי מען קען; שוויגער־עלטערן בעדייטענד ווענינער, שוועסטער און ברידער אויך אונגעפעהר ווי שוויגער־עלטערן.

די שוואנגערע פרוי זאָל ערווארטען בעזוך ביי זיך אין הויז, און זי זאָל עמפּפאנגען די מיטגליעדער פון איהר אייגענער פאמיליע און זעהר אינטימע פריינד.

מען פיהרט זיך אויף אין מאנכע געזעלשאפטען, אז מענער, זאָגאר אינטימע פריינד, (אויסער פון דער נאָהענטער פאמיליע,) קר־מען ניט בעזוכען קיין שוואנגערע פרוי ווען זיי קומען יא, עמפּפאנגט זיי ניט די שוואנגערע פרוי.

דאָס קלייד און דער מאנטעל צום אויסגאנג זאָלען ניט זיין פון קיין גאנץ טונקעלע פארב, אָבער אויך ניט פון קיין גאנץ ליכטיגער. ברוינע פארבען זיינען אם פאסענדסטען.

עס זאָל געַנוג זיין דער שפּאציר צו די מיטגליעדער פון דער פאמיליע, אָבער מען ערלויבט זיך אביסעל מעהר. אין דער געזעל־שאפט פון מאַן, אָדער אין דער געזעלשאפט פון א מיטגליעד פון דער פאמיליע שפּאצירט מען אין אבענד דורך שטילע גאסען.

אויף אזעלכע שפּאציר־גענג, אויב דאָס איז ניט ווייט פון הויז, ערלויבט מען זיך ארויסצוגעהען אָהן א הוט. דער הוט, איבערהויפּט פאר א הויך־שוואנגערע פרוי, איז אונפּאסענד. דערפאר געהט מען ניט שפּאצירען צו ווייט, כדי מען זאָל זיך ניט דארפען אָנטהון קיין שפּאציר־קליידער.

מיר האָבען פריהער דערמאהנט, אז ווען א פרוי וואָס פאנגט אַן צו שוואנגערן, און איהר צושטאנד ווייזט זיך נאָך ניט ארויס, מעג זי מיטמאכען און פיהרען איהר געוועהנליכעס לעבען ווי פריהער. דאָך דארף אָבער די שוואנגערע פרוי ניט פערגעסען, אז אזא געזעלשאפט־ליכע פיהרונג פאָדערט אויך די „אבדיענונג”, דאָס הייסט, ווען מען געהט צו יענעם אויף א טאנץ און א שפּעטען סאפּער, דאן מוז מען דאָס אמאָל ערווידערן מיט עהנליכעס. אויב מען שפּירט זיך ניט אימשטאנדע נאָכצוקומען, דאן זאָל מען ניט געהען, אום מען זאָל ניט דארפען קומען אין פערלעגענהייט.

עס איז א גרויסע פראגע, אויב שוואנגערע פרויען דארפען ביי־וואָהנען די חתונות פון אייגענע, זעהר נאָהענטע קרובים.

אין קרייז פון אייגענע, שאדעט ניט צו ערשיינען אין פאסענדען נעגליזשע, אבער ווען פרעמדע זיינען אנוועזענד, איז דאס ניט מעהר שעהן.

דערפאר איז מען זיך נוהג, אז מען געהט צו קיינע עפענטליכע צערעמאניען פון האכצייט, נאר צו דעם פריוואט רעסעפשאן אין דער צייט ווען נאר אייגענע זיינען דא, אדער ווען מען קען ערשייגען אויף א קורצע צייט און דאן אוועקגעהען.

ווי דער לעזער מערקט זיך ביז יעצט, זיינען דאס נאר רעגעלען פון עטיקעטע פאר וואהלהאבענדע פרויען, פאר אזעלכע וואס קענען נאכקומען די פאדערונגען פון מאניערען און אנערקענטע געזעלשאפט־ליכע מנהגים. פאר ארעמע און אונפערמעגליכע, מוז לײדער זיין א גאנץ אנדערער שולחן־עורך.

אין אונזער געזעלשאפט זיינען דא שוואנגערע פרויען, וואס זיינען געצוואונגען, אפטמאל, זאגאר צו געהען ארבייטען אין א שאפ ביז צום לעצטען אויגענבליק.

אין ארעמקייט אדער רייכקייט, האט די נאטור איינגעריכטעט, אז יעדער מענש האט זיין פערגניגען און זיין גייסטעס־געגענוואַרט.

א פרוי וואס איז ניט שוואנגער, איז, ווי געוועהנליך, מונ־טערער און פרעהליכער ווי אן אנדערע. די שוואנגערע פרוי, סיי ארעם סיי רייך, אין אין א גאנץ אנדערער שטימונג. די ארבייטער פרוי, וואס מוז ארבייטען אין שאפ, וואס מוז ארבייטען אין הויז, עמפפאנגען יעדען, רעדען מיט אלעמען און געהען אין גאס אום צו בעזארגען דאס הויז, — אזא פרוי דארף שפיעלען די ראלע פון א צוריקגעצויגענע פערזאן און אננעהמען א ספעציעלע רעספעקטאבלע האלטונג.

מיר גלויבען, אז אפילו צווישען די ארעמע, קען מען ענטוועד־דער זיך מאכען א נייעם קלייד, אין א נעגליזשע־פארמע, אדער איבער־נייהען אן אלטעס כדי די קערפער־ליניען פון דער שוואנגערשאפט זא־לען ניט זיין צו בולט.

אזעלכע פרויען, וואס מוזען קומען אפט אין גאס און אין פרעמ־דער געזעלשאפט, מוזען, נאטירליך, טראגען א הוט אומעטום און איבעראל, אזא פרוי זאל אויפפאסען, אז איהר הוט מעג זיין ווי ארעם, זאל ער אבער זיין שווארץ, אדער לכל הפחות, בלוי אדער

ברוין. עס מעג זיין א שווארצער פעדער, אבער קיינע בלומען פון קיין מין.

ארעמקייט איז ביטער, ארעמקייט איז שרעקליך, אבער נעט, ריין, זויבער און אנציהענד, קען מען זיין אין אירגענד א שטאנד.

---

## קינדער ערציהונג

**רייגליכקייט. — קינדער שפיעלע. — עטיקעטע צווישען עלטערן און קינדער. — לערנען זאגען דעם אמת. — זאל מען געבען געלד צו קליינע קינדער?**

---

איינע פון די שעהנסטע, איינע פון די ערהאבענסטע און איינע פון די הייליגסטע געשענק פון דער נאטור צום מענשען איז — די ליעבע צו קינדער. „אונזערע קינדער זיינען אונז טהייער, ווי די אויגען אין קאפ", איז אן אלטער, אימער נייער שפרוך, אן עוויגע וואהרהייט. וואס טהוען דען עלטערן ניט פאר זייערע קינדער? וואס זיינען זיי דען ניט בערייט צו טהאן פאר זייערע קינדער? — קינדער זיינען אונזער פרייד אין אונזערע אינגערע יאהרען, אונזער שטאלץ אין די מיטעלע יאהרען און אונזער טרייסט אויף דער עלטער.

וואס איז דער העכסטער וואונש, דאס הייסעסטע פערלאנגען פון עלטערן? — אז זייערע קינדער זאלען ווערן מענשען, גוטע מענשען, געשעצטע און געאכטעטע מענשען. ווי ערהאבען שעהן האט עס אויסגעדריקט די ביבעל: „יאמרו כל רואיהם, זרע ברך ד׳," ווער עס וועט זיי זעהן, וועט זאגען: „דאס זיינען פון גאט געבענשטע קינדער".

ווי אזוי דערגרייכט מען אבער דיעזעס ציעל? ווי אזוי מאכט מען קינדער פאר מענשען? — דורך ערציעהונג און בילדונג.

ערציעהונג און בילדונג זיינען צוויי גאנץ פערשיעדענע זאכען. בילדונג הייסט געבען דעם קינד א געוויסע סומע פון קענען און וויסען, וועלכע זיינען נאטהווענדיג אין דעם לעבען פון א ציוויליזירטער גע־

זעלשאַפט. ערציעהונג הייסט, ענטוויקלען די נאַטירליכע פעהיג־קייטען פון אַ קינד, אויסבילדען זיין כאַראַקטער, איהם לערנען, ווי זיך אויפצופיהרען אין דער היים, אין דער שולע און צווישען מענ־שען ווי צו ווערן אַ מענש. בילדונג גיט די שולע, דער לעהרער, דער פּראָפעסאָר, — די וועלט. ערציהונג גיט די היים, די עלטערן, בע־זאָנדערס די מוטער. בילדונג קען מען זיך ערווערבען אין די שפּעטע־רע, זאָגאר אין די עלטערע יאָהרען. ערציעהונג מוז דאָס קינד בע־קומען, ווען עס הייבט נור אָן צו געהן און צו רעדען.

דער פראַנצויזישער געלערנטער זשאַן זשאַק רוססאָ שרייבט: „ווען זאָלען עלטערן אָנהויבען צו ערציעהען זייערע קינדער? צעהן יאָהר פריי־הער, איידער די קינדער ווערן געבאָרען". ער מיינט דערמיט, אַז עלטערן אַליין דאַרפען זיין גוט ערצויגען אום צו געבען זייערע קינדער אַ גוטע ערציעהונג. ווען יונגע לייט הייראַטהען, דאַרפען זיי אָנהויבען צו לערנען און צו פערשטעהן, ווי אַזוי צו ערציעהען זייערע קינדער. ווען אַ יונגע פרוי פיהלט אַז זי דאַרף ווערן מוטער, דאַרף זי שוין טראַכטען און לערנען, ווי אַזוי צו ערציעהען איהר קינד.

דאָס ניי־געבאָרענע קינד איז אַ בלאַנק, אַ ווייסער בויגען פּאַפּיער, אויף וועלכען מען קען אָנשרייבען, וואָס מען וויל. מען קען אויף איהם אויסמאָלען אַ שעהנע ראָזע און מען קען אויף איהם מאַכען אַ העסליכען, שווארצען קלעקס־קאָפּ, טאַלאַנט, געניאַליטעט און בעזאָנ־דערע פעהיגקייטען איז אַ געשענק פון דער נאַטור, עלטערן קענען אָבער מאַכען פון זייער קינד אַ העפליכען, אנשטענדיגען און גוטען מענשען.

מיר ווילען אָנהייבען פון ר י י נ ל י כ ק י י ט, ווייל דאָס איז דער אנפאַנג פון ערציעהונג גאַנץ קליינע קינדער.

* * *

רייינליכקייט איז דאָס ערשטע, שטרענגע געזעץ פון דער נאַטור און פון קינדער ערציעהונג. מען מוז געוועהנען דאָס קינד צו ליעבען רייינליכקייט און זיך צו פערהאַלטען ריין און זויבער. איך האָב אַמאָל בעטראַכט מיט שטוינען און פערוואונדערונג אַ קינד פון 2 יאָהר, וועלכעס איז געווען אַזוי ערצויגען, אַז עס פלעגט ניט קענען פער־טראָגען אַן אונרייינליכקייט. עס האָט נאָך ניט געקענט גוט געהן און

צופעליגער ווייזע האָט עס אריינגעשטעקט זיין קליינעס הענטעלע אין א שפיי שיעסעלע. עס האָט באַלד אָנגעהויבען צו וויינען און צו רופען, מען זאָל איהם אָפּוואשען און אָפּריינינגען דאָס הענטעלע. די מוטער האָט עס געלערנט צו זיין ריין און זויבער פון דער ערשטער צייט, ווען עס האָט אָנגעהויבען צו קריעכען און צו רעדען. איך האָב מיר שוין געקענט מאכען א בעגריעף, ווי ריין און ווי זויבער דיעזעס קינד וועט זיך פערהאַלטען, ווען עס וועט געהן אין די שולע און ווען עס וועט ווערן א מענש.

עלטערע קינדער לויפען ארום אויף דער גאס, שפּיעלען זיך, קייקלען זיך אין זאמד אָדער אין גראָז און זיי מוזען זיך אויסשמיערן און בעשמוצען זייערע הענד, זייערע געזיכטער און זייערע קליידער. א קינד, וועלכעס איז ערצויגען צו ריינליכקייט, וויים שוין דעם נוּצען און דעם געברויך פון וואסער און זייף. עס וואשט זיך אליין אָדער עס בעט די מוטער, זי זאָל איהם אָפּוואשען און אָפּריינינגען.

דער ענגלענדער זאָגט: „קלינלינעס איז גאָדלינעס", ריינליכקייט איז געטליכקייט, און דאָס איז גאַנץ ריכטיג. ריינליכקייט איז געזונד און געזונדהייט איז געטליכקייט. קערפּערליכע ריינליכקייט פיהרט צו גייסטיגע ריינליכקייט. א קינד, וועלכעס קען ניט פערטראָגען שמוץ אויף זיין קערפּער און אויף זיינע קליידער, קען ניט דערטראָגען שמוציגע ווערטער און א שמוציגעס בענעהמען.

ק י נ ד ע ר ש פּ י ע ל ע. דאָס שפּיעל איז דאָס לעבען פון דעם קינד. אין דעם שפּיעל ענטוויקעלט דאָס קינד זיין פאַנטאַזיע און זיינע פעהיגקייטען. אין דעם קינדער שפּיעל לערנט עס דענקען אויף קינדער אַרט. ווען א קליין אינגעלע רייט אויף א שטעקען און שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס איז א פערד, דענקט עס שוין. ווען א קליין מיידעלע מאכט זיך א פּופּע פון א טאַשענטוך אָדער פון א שמאַטקעלע, דענקט עס שוין. עס רעדט צו דער פּופּע, עס ווייזט ארויס ליעבע, צאָרן, פערדרוס צו דער פּופּע, — עס דענקט. זיין פאַנטאַזיע אַרבייטעט. עס הייבט שוין אָן נאָכצואהמען, נאָכצומאכען דעם ערוואקסענעם.

קינדער שפּיעלע זיינען אַלזאָ א נאָטהווענדיגקייט, אָבער עלטערן דארפען אכטונג געבען אויף דיעזע קינדער שפּיעלע ווען דאָס שפּיעל ווערט צו ווילד, דאַרף מען עס איינהאַלטען און ערקלעהרען דעם קינד

מיט גוטען, אז דאָס טויג ניט, דאָס פּאַסט ניט, אַזוי דאַרף אַ גוטעס קינד ניט טהאָן. ווען עס העלפט ניט מיט גוטען, מוז מען עס איינ־האַלטען מיט בייזען, מיט שטרענגע, בעפעהלענדע רייד, אָבער ניט מיט שטראָפען אָדער מיט שלאַגען. ווען דאָס קליינע קינד ווערט גע־וואוינט צו געהאָרכען און אויסצופאָלגען דאָס שטרענגע וואָרט פון זיינע עלטערן: „דאָס זאָלסט דו ניט טהאָן!" אָדער „דאָס דאַרפסט דו ניט טהאָן!" וועט עס שוין אימער פאָלגען און געהאָרכען זיינע עלטערן. די עלטערן מוזען אָבער אליין זיין פעסט און שטרענג, ניט לויניש, ניט היינט פערביטען, און מאָרגען ערלויבען. ניט היינט זאָגען, יא, און מאָרגען, ניין. עלטערען דאַרפען זיין פאַר קינדער די העכסטע אויטאָריטעט. זיי דאַרפען קענען איינהאַלטען די פאַנ־טאַזיע, דעם ווילען פון דעם קינד, איהם לערנען זיך צו בעהערשען.

קינדער האָבען ליעב צו אַקערן, צו זייען און צו פלאַנצען. ווען מען קען עס אויספיהרען, ווען די קינדער קענען זיך שפּיעלען אין דער פרייער לופט און זיך איינרערען, אַז זיי זעען און פלאַנצען, איז עס דאָס בעסטע, געזונדעסטע און ניצליכסטע קינדער־שפּיעל, וועלכעס קען נור זיין.

קינדער האָבען ליעב זיך צו שפּיעלען אין זאַמד, צו בויען און צו מאַכען אַלערליי זאַכען פון זאַמד. נאָך דעם שפּיעל פון זעען און פלאַנ־צען אין אַ גאַרטען איז עס דאָס בעסטע און ניצליכסטע שפּיעל. די פאַנ־טאַזיע פון דעם קינד אַרבייטעט מעהר ביי דיעזען שפּיעל, ווי ביי אַלע אַנדערע. דאָס קינד בויט אויס הייזער, פּאַלאַצען, טורעמס, און עס מאַכט בערג און טהאַלען. עס לערנט די ערשטע, איינפאַכסטע גע־זעצע פון סימעטריע, פון אָרדנונג און פון שעהנהייט. געזונד איז אַזאַ שפּיעל נור מיט פייכטען זאַמד ביים מעער אָדער לעבען אַ טייך פון ריינעם וואַסער.

קינדער, וועלכע קענען זיך שפּיעלען אין אַ גאַרטען אָדער מיט זאַמד, דאַרפען גאָר קיין שפּיעל־צייג. די נאַטור אַליין גיט זיי איהרע בעסטע שפּיעלצייג, און די עלטערן דאַרפען קוים זיך אַריינמישען אין אַזאַ קינדער־שפּיעל.

דאָס קינד פון דער גרויסער שטאָדט קען זיך אָבער ניט פערשאַ־פען אַזאַ שפּיעל און אַזאַ קינדער פערגניגען. עס מוז זיך שפּיעלען מיט קונסט־זאַכען, מיט פערדלעך, וועגעלעך, פּופּען (דאָללס) און נאָכ־

מאכען די ערוואקסענע מענשען : ארומלויפען אין די גאסען, שלאגען זיך, שפיעלען זיך און נאכקרימען זיך. דא מוזען שוין די עלטערן דאפעלט אכטונג געבען אויף דעם קינד. ערשטענס, לערנען דאס קינד ארדנונג. די פערדלעך, וועגעלעך, ביקסלעך און פופען זאלען ליעגען אין א געוויסען ארט. דאס קינד דארף זיך געוועהנען זיי צו האלטען אין א געוויסער ארדנונג און אין א געוויסען פלאטץ. ווען דאס גאנץ קלונע קינד האלט זיינע פערדעלאך און דאללס אין א גע־וויסער ארדנונג, וועט ער שפעטער האלטען זיינע שול ביכער און זיינע שול מאטריעאלען אין א געוויסען פלאטץ און אין א געוויסער ארדנונג, און ווען ער וועט גרויס ווערען וועט ער האלטען זיינע ביכער, זיינע שריפטען, זיינע אינסטרומענטען און זיינע געשעפ־טען אין א שטרענגער ארדנונג. צווייטענס, עלטערן מוזען שטרענג אכטונג געבען מיט ועמען זייערע קינדער שפיעלען זיך אויף דער גאס, און מיט גוטען אדער מיט בייזען זיי דערוויטערן פון א שלעכטע גע־זעלשאפט.

קינדער האבען ליעב צו מאהלען און צו צייכענען. עלטערן דאר־פען בעשאפען זייערע קינדער די מעגליכקייט צו צייכענען : זיי געבען טאפעלן, פאפיער, בליי־שטיפטען און אלע נעטהיגע מאטריא־לען דערפון, אבער זיך גוט צוקוקען וואס דאס קינד מאהלט. בעמערקט מען אין זיי טאלאנט צום צייכענען, דארף מען ענטוויקלען דיעזען טאלאנט, אויפשפאכנען, אויפוועקען דיעזע פעהיגקייט. גע־פינט מען, אז דאס קינד האט קיין טאלאנט דערצו, זאל מען איהם ניט שטערען. עס איז דאך א בעשעפטיגונג און יעדעס קינד דארף זיין בעשעפטיגט.

מאדאם דע סענאר, א געלערענטע פראנצויזישע פרוי, פלעגט ארויסנעהמען די ביכער פון איהר ביכערשראנק, זיי צו־ווארפען אויף'ן פוס־באדען (פלאאר) און הייסען איהרע קליינע קינדער, זיי אויפ־הייבען און צוריק שטעלען יעדען בוך אויף זיין ארט. זי פלעגט דער־מיט ערציעלען צוויי זאכען. ערשטענס, האבען די קינדער זיך געלעהרענט ארדנונג : צוריק צו שטעלען יעדעס בוך אויף זיין באסענדען ארט, גרויסע ביכער לעבען גרויסע, קליינע ביכער לעבען קליינע, ביכער מיט א רויטען איינבאנד לעבען ביכער מיט א רויטען איינבאנד. די קינדער האבען נאך ניט געקענט לעזען. זיי

פלענען אויפשטעלען די ביכער נאָך זייער גרויס און נאָך דער פארב פון זייער איינבאנד. דאָס קינד האָט דערביי געלעהרענט אָרדנונג און האַרמאָניע. צווייטענס, איז עס געווען אַ בעשעפטיגונג, אַ סאָרט שפּיעל. די קינדער האָבען זיך ניט געלאַנגווײלט, זיי האָבען געוואוסט אַז זיי האָבען צו טהאָן אַ וויכטיגע ארבייט.

מאַדאַם סעגאר איז געווען אַ רייכע פרוי און זי פלעגט עס טהאָן נאָר אום ווינטער, אין שלעכטען וועטער, ווען די קינדער מוזען זיי־צען אין דער היים. דאָס קען אָבער אויך טהאָן יעדע מוטער, זאָ־גאר די אָרימסטע. זי קען געפינען אַזא סאָרט בעשעפטיגונג פאר איהרע קינדער. לאָמיר זאָגען, צו־וואַרפען קליינינקייטען און היי־סען די קינדער צוריק שטעלען אָדער צוריק לעגען יעדע זאַך אויף איהר אָרט.

## עלטערן און קינדער.

אזוי ווי די עלטערן זיינען די העכסטע אויטאָריטעט פאר זייערע קינדער, איז עס זייער שטרענגסטע פפליכט זיך ארויס צו ווייזען אַלס ווירדיג צו זיין אַן אויטאָריטעט. זיי דאַרפען קיין מאָל ניט ווײ־זען פאר זייערע קינדער די טרויעריגע זייט פון לעבען. זיי דאַר־פען קיין מאָל ניט ווייזען פאר זייערע קינדער, אַז זיי, די עלטערן, זיינען עפּעס ניט צופריעדען איינער מיט'ן אַנדערען. זיי דאַרפען קיין מאָל ניט זאָגען אַ ניט פּאַסענדעס וואָרט, ווען די קינדער קענען עס הערען. זיי דאַרפען זיין אַ מוסטער, אַ פאָרבילד, פאר זייערע קינדער. דאָס קינד דאַרף זעהען נאָר פרעהליכע געזיכטער, נאָר פריינדליכע מינען און נאָר אַנשטענדיגעס בענעהמען.

דאָס לעבען קען אַ מאָל צווינגען פאָטער און מוטער, זיי זאָלען זיך קריעגען, זיי זאָלען זיך זאָגען אוּאַננעהמליכקייטען, קינדער דאַרפען עס אָבער ניט זעהען און ניט הערען. זיי דאַרפען גאָר ניט וויסען, אַז צווישען פאָטער און מוטער זיינען פאָרגעקומען אונאַנ־נעהמליכקייטען.

## ערציהונג צור וואַהרהייט.

אַ קינד דאַרף געוואָהנט ווערען צו זאָגען די וואַהרהייט. ווען עלטערן בעמערקען, אַז זייערע קינדער הייבען אָן צו זאָגען ליגען,

דארפען זיי זיך גוט צוקוקען צו זיי. אייניגע קינדער זאָגען א ליגען, ווייל זיי האָבען עס זיך איינגערעדט, ווייל זיי האָבען א שטאַרקע פאַנטאַזיע, וועלכע מאַהלט זיי אויס זאַכען, וועלכע זיינען ניט גע־שטויגען און ניט געפלויגען. אַזעלכע קינדער וואַקסען אָפט אויס אַלס גרויסע דיכטער און בעריהמטע ראָמאַנען שרייבער. זייער פאַנ־טאַזיע האָט זיי שוין אין די קינדער יאָהרען אויסגעמאָהלט זאַכען, וועלכע האָבען גאָר ניט פּאַסירט מיט זיי. די עלטערן דאַרפען זיי אויספרעגען, פון וואַנען זיי ווייסען דאָס, וואָס זיי האָבען דער־צעהלט, וואו און ווען זיי האָבען עס געזעהען און געהערט, און זיי ווייזען און בעווייזען, אַז זיי האָבען עס אויסגעטראַכט. דאָס וועט זיי גאָר ניט שאַדען שפּעטער, ווען זיי וועלען אויסוואַקסען און ווערען דיכטער. אים געגענטהייל, דאָס וועט זיי ברענגען נוטצען. זיי וועלען שוין אין דער קינדהייט לעהרנען איינצוצאַמען, איינצו־ציגלען זייער פאַנטאַזיע.

פיעלע קינדער זאָגען א ליגען, ווייל עס פּאַסט זיי אַזוי, ווייל זיי דענקען, אַז דאָס וועט זיי ברענגען נוטצען. אַזעלכע קינדער דאַרף מען בעשטראָפען פאַר יעדע אונוואַהרהייט. ליגען זאָגען איז דער ערשטער שריט צו פערדאָרבענהייט. קוים געוועהנט זיך א קינד צו זאָגען א ליגען און עס געפינט, אַז דאָס ברענגט איהם נוטצען, וועט עס זיך שוין ערלויבען צו נעהמען עפּעס אָהן דעם וויסען פון זיי־נע עלטערן און ענדליך וועט עס ווערען א גנב. וואָס עלטערע מענ־שען טהוען, ווי אַזוי זיי פיהרען זיך אויף, איז זייער זאַך, קינ־דער מוזען זאָגען נאָר וואַהרהייט. זיי מוזען זיין ריין, אַנשטענדיג, וויים פון פערשטעלען זיך און זאָגען אונוואַהרהייטען.

עס איז טרויעריג צו זאָגען, אַז עס זיינען דאָ עלטערן, וועל־כע קוועלען אָן און זיינען העכסט צופריעדען, ווען זייער קינד זאָגט א ליגען. זיי מיינען, אַז דאָס איז א חכמה. זייער קינד איז „סמאַרט", ווי דער ענגלענדער רופט עס. זיי ווייסען ניט, אַז א ליגען פערדאַרבט דעם כאַראַקטער. זיי ווייסען ניט, אַז שפּעטער וועלען זיי, די עלטערן, אַליין ליידען פון דיעזע שלעכטער געוואָהנ־הייט.

א קינד מוז ערצויגען ווערען צור וואַהרהייט. עלטערן דאַרפען זיך ניט ערלויבען צו זאָגען אַן אונוואַהרהייט אין דער געגענוואַרט

פון זייערע קינדער. „תפארת בנים אבותם", די ציערונג פון קינדער דארפען זיין זייערע עלטערן, זאגט שלמה המלך. די קינדער זאלען קענען א מאל זאגען מיט שטאלץ: „איך האב קיין מאל ניט גע־הערט מיין פאטער און מיין מוטער זאגען א ליגען".

## קינדער און געלד.

„זאל מען געבען קליינע קינדער געלד, זיי זאלען אליין זיך עפעס קויפען?" דיעזע פראגע איז געשטעלט געווארען אויף א פער־זאמלונג פון פעדאגאגען אין דייטשלאנד. עס איז א זעהר וויכטיגע פראגע פאר עלטערן, וועלכע ווילען געבען זייערע קינדער א גוטע ערציהונג. דער אנטווארט דארויף איז געווען, אז זאלאנג קינדער געהען ניט אין א שוהלע, זאל מען זיי קיין געלד געבען. די מוטער זאל האבען אין שטוב אלערליי זיסיגקייטען: פריכטע, צוקער־ווערק און דערגלייכען און זיי געבען די קינדער, ווען זיי פערדיענען עס, אלס בעלאהנונג פאר א גוטע אויפפיהרונג, אדער אין געווי־סע צייטען פון דעם טאג, ווי נאך אן עסען אדער צווישען איין עסען און דעם אנדערען. ווען דאס קינד געהט אבער אין א שוהלע און עס מוז דארט בלייבען אייניגע שטונדען, זאל מען איהם געבען קליין געלד, עס זאל קענען זיך עפעס קויפען.

אין אמעריקא איז מען ערשט ניט לאנג אויפמערקזאם געווארען אויף די געלד פראגע פאר די קינדער. מען האט געפרעגט הונדערט קינדער, וואס וועט איהר טהאן, ווען מען וועט אייך געבען א דא־לאר? אייניגע קינדער האבען געענטפערט, אז זיי וועלען זיך קוי־פען קליידער, אנדערע — זיי וועלען זיך קויפען שפיעלצייג, וויע־דער אנדערע, זיי וועלען זיך קויפען נאשערייען. פינף קינדער פון דיעזע הונדערט האבען געענטפערט. זיי וועלען אוועקגעבען דעם דאלאר אויף צדקה (טשאריטי).

מען וויל יעצט איינפיהרען אין די פאלקס שוהלען א בעזאנ־דערע לעהרע, ווי אזוי צו שפארען געלד, „האו טו סייוו מאני", מיט אנדערע ווערטער, דאס קינד זאל זיך לעהרנען עקאנאמיע אין לעבען. ניט פערשווענדען און פערספענדען זיין געלד אויף זאכען, וועלכע עס דארף ניט.

דאָס קענען עלטערן טהאָן זעהר לייכט, זיי קענען זייערע קליינע קינדער געבען געלד, אָבער זיי לעהרנען צו שפּאָרען, צו זאַמלען, צו עקאָנאָמירען. עס איז אַ געוואָהנהייט און אַ זעהר שלעכטע געוואָהנ־הייט, אויסצוגעבען דאָס גאַנצע געלד, וואָס מען האָט. מען קען עס לעהרנען דאָס קינד זעהר לייכט. איך גלויב, אַז די היים, די עלטערן, קענען אין דיעזער בעציהונג מעהר אויפטהאָן, ווי די שוהלע.

אם בעסטען איז עס, ווען עלטערן גיבען זיך די מיה, אַז די קינדער זאָלען פערדיענען דאָס געלד, וואָס מען גיט זיי. עס זאָל ניט הייסען, אַז מען שענקט זיי, זאָנדערן אַז זיי האָבען עס פער־דיענט. מיט אַ פּאָאר יאָהר צוריק איז אין אַ גרויסע ענגלישע צייַ־טונג געווען געדרוקט פאָלגענדע קינדער געשיכטע. אַ בעוואוסטער ניו יאָרקער דאָקטאָר איז פערביי געגאַנגען אום ווינטער פאר אַ הויז אין דער פינפטער עווענוּ און האָט געזעהען, ווי אַ אינגעלע פון זעכס — זיעבען יאָהר, גוט און ווארם געקליידעט, האָט געשאַרט דעם שנעע פאר דעם הויז. דאָס האָט איהם געוואונדערט, ווייל ער האָט געקענט דעם פאָטער פון דעם אינגעלע אלס אַ זעהר רייכער און אַ העכסט געבילדעטער מאַן. ער האָט געפרעגט דאָס אינגעלע: „צו וואָס טהוסטו דאָס?“ — דאָס קינד האָט געענט־פערט: „מיין פאָטער האָט מיר צוגעזאָגט צו געבען פינף סענט, ווען איך וועל אָפּרייניגען דעם שנעע פון די טרעפּ“. דער דאָקטאָר האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט ביי דער ערשטער, בעס־טער געלעגענהייט געפרעגט דעם פאָטער פון דעם קינד, ווי קומט עס, וואָס ער הייסט זיין קינד שאַרען שנעע? — „איך טהו עס אויס צוויי אורזאַכען“, האָט דער פאָטער געענטפערט. „ערשטענס, איך גע־פין, אַז שאַרען שנעע, ווען מען איז גוט און ווארים אנגעטהאָן, איז אַ גוטע גימנאַסטיק, אַ גוטע קערפּערליכע איבונג פאַר אַ קינד. עס ארבייטעט, עס אטהעמט די פרישע, ריינע לופט און עס עסט דערנאָך מיט אַפּעטיט. צווייטענס, איך ניעב קיין מאָל ניט מיינע קינדער געלד אלס אַ געשאַנק. זיי מוזען עס פערדיענען. לאָז דאָס קינד וויסען, אַז מען מוז ארבייטען אום צו פערדיענען געלד“. — דאָס האָט געענטפערט אַ מיליאָנער און אַ העכסט געבילדעטער מאַן.

## העפליכקייט און עטיקעטע.

**פון קינדוווייז** אָן דאַרף דאָס קינד געוועהנט ווערען צו אַ שטרענגע עטיקעטע. ווען עס שטעהט אויף אין דער פריה, דאַרף עס זאָגען זיינע עלטערן : „גוט מאָרגען !". ווען עס געהט צו בעט, דאַרף עס זאָגען זיינע עלטערן : „גוטע נאכט !" דאָס איז אַ העפליכקייטס גערוס און מוז שטרענג בעאָבאַכטעט ווערען. אויך פרעמדע מענשען וועלכע קומען צו זיינע עלטערן, דאַרף דאָס קינד באַגריסען אָדער ענטפערן אויף זייער גרוס.

אַ קינד דאַרף קענען זיין פּלאַטץ ביים טיש און זיך פערהאַלטען רוהיג און אנשטענדיג ביים עסען. די עטיקעטע ביים טיש מוז בעאַכטעט און אָבגעהיט ווערען זעהר שטרענג, דאָס קינד מוז העפליך בעטען, ווען עס פערלאַנגט עפּעס און עס מוז דאנקען, ווען מען גיט איהם דאָס, וואָס ער פערלאַנגט.

עס איז קוים נעטהיג צו זאָגען אַז אַ קינד דאַרף אָבהיטען אַ שטרענגע רייניליכקייט ביים עסען. ניט פערגיעסען די זופּ אָדער אַנדערע שיטערע שפּייזען. עס דאַרף זיך לערנען, ווי צו געברויכען לעפעל, גאָפּעל און אַ סערוויעטע (נעפּקין), זיך צו ענטשולדיגען ווען עס האָט געמאַכט אַ פעהלער.

ווען פרעמדע מענשען זיינען ביים טיש, דאַרפען קינדער שווייגען אָדער ענטפערן נאָר, ווען מען פרעגט זיי עפּעס.

איך וואָלט ניט געהייסען מיטנעהמען קינדער אויף האָכציימען, בעללער און טהעאַטערע. אַזעלכע פּלעצער זיינען ניט פאַר קינדער. מען קען אויף זיי ניט אַכטונג געבען און זיי לעהרנען אין אַזאַ פּלאַטץ ניכטס גוטעס. עס איז רעכט טרויעריג צו זעהען, ווי קליינע קינדער פיהרען זיך אויף אויף אַ חתונה. זיי שטאָפּען זיך אָן מיט זיסע זאַכען און, ליידער, ניט זעלטען גיט מען זיי אויך גייסטיגע געטרענק. איך האָב עס, ליידער, געזעהען אויף חתונות אין ניו יאָרק און מיין האַרץ האָט געבלוטעט. עלטערן, וועלכע פערשטעהען ניט, ווי אַזוי צו ערציהען זייערע קינדער, זאָלען בעסער זיצען אין דער היים און ניט שלעפּען זייערע אונשולדיגע קינדער „אום צו עסען לעקעך".

עס איז זעהר גוט צו פיהרען קינדער אין א שוהל, בעזאָנדערס ווען א גוטער חזן דאווענט. דער געזאַנג מאכט א גוטען איינדרוק אויף א קינד. מען דארף אָבער ניט פערגעסען, אז א קינד ווערט אונגעדולדיג, עס קען ניט אויסהאַלטען א צו לאַנגע זיצונג. עס איז מעהר אַלס גענוג צו האַלטען א קינד אין א שוהל א האַלבע שטונ־דע און ניט מעהר ווי א שטונדע. דאַן מוז דאָס קינד געהן זיך שפּיעלען.



# דריטער טהייל

## פערשיעדענע ארטיקלען.

# די שיידונג

**צוליעב וואָס מען האָט איינגעפיהרט די שיידונג. — אורזאַ־כען וואָס פיהרען צו שיידונג און צוליעב וועלכע עס איז אַ פפליכט זיך צו שיידען. — די פרייע שיידונג. —**

---

מיר ווייסען ניט אויב קריסטענטהום שטאַמט אָב אין גאַנצען פון דער הינדוס רעליגיאָן. איין זאַך זיינען מיר אָבער זיכער, אַז די ניט־ערלויבטע שיידונג צווישען מאַן און ווייב, וואָס דער רוימישער קאַ־טאָליציזמוס האַלט איבערהויפּט, איז אַ מנהג פון די הינדוסען.

איידער ענגלאַנד האָט בעזיעגט אינדיען און אויך אַ היבשע צייט נאָכדעם, איז עס געווען אַ געזעטץ, וואָס מען האָט אויך דורכ־געפיהרט, אַז ווען אַ מאַן איז געשטאָרבען האָט מען ענטוועדער פער־ברענט זיין קערפּער צוזאַמען מיט דער לעבעדיגער פרוי, אָדער זיי ביידע בעגראָבען צוזאַמען.

די אידעע פון יענע אַלטע פאַנאַטיקער איז געווען, אַז די פרוי אַליין, אינדיווידועל, איז גאָר ניט, נאָר זי איז בעשאַפען גע־וואָרען ספּעציעל פאַר'ן מאַן.

מען דערצעהלט אַזוי: לכתחילה האָט גאָט געוואָלט, אַז דער מאַן זאָל זיין אַלעס, דאָס הייסט, אַ טאַטע, אַ מאַמע. אָבער גאָט האָט בערעכענט, אַז דאָס וועט פאַר'ן מאַן זיין אַ ביסעל צו שווער. דערפאַר האָט ער פאַר איהם בעשאַפען אַ פרוי, וואָס זאָל פערשפּאָרען דעם מאַן די מיה פון שוואַנגערן, זייגען און ערציהען אַ קינד. מיט איינעם וואָרט, די פרוי איז לחלוטין גאָר ניט נעטהיג, נאָר זי איז דאָ אום איהם דעם הערר און הערשער צו פערזיסען די וועלט.

אויך ניט שלעכט, אָבער עס געהט נאָך ווייטער. אַ מאַן איז גאָר ניט צוגעבונדען צו קיין פרוי. ער איז ניט קיינעם'ס זיווג. אָבער די פרוי האָט אַ בעשטימטען זיווג פון וועמעס וועגען זי איז בעשאַפען געוואָרען.

אויב זי האָט געהייראַטה, דאַן איז זי איהר מאַן'ס אייגענ־טהום. און בלויז איהר מאַן'ס. אין פאַל ער וויל פון איהר לויז ווע־רען, האָט ער דאָסזעלבע רעכט דאָס צו טהאָן, פונקט ווי אַז ער וויל לויז ווערען פון זיינעם אַ הונד. אַ הונד, געוועהנליך, דער־שיעסט מען, נאָר אַ ווייב איז אַלס ארבייטעריין ניטצליכער און זי בלייבט דעם מאַן'ס שקלאַפין ; זי זייעט, אַקערט, וואשט, קאָכט, באַקט און גיט אכטונג אויפ'ן מאַן'ס קינדער פון אַנדערע ווייבער.

מיט איינעם וואָרט, איהר ווילען און פערזענליכקייט זיינען טוידט ; דער מאַן איז אַלעס.

ווען דער מאַן האָט זי געהאַלטען אַלס פרוי ביז אין זיין טוידט, דאַן דאַרף זי אַלס פרוי ניט צוריק בלייבען. זי מוז איהם בעגלייטען אויך אויף יענער וועלט.

פון איהר זעלבסט, זי זאָל ניט זיין צופריעדען, זי זאָל זיך קענען שיידען פון איהר מאַן, איז גאָר אָבגערעדט.

אַ פרוי אין אינדיען קען קיינמאָל ניט דערמאָהנען איהר מאַן'ס נאָמען, פונקט ווי מען טהאָר ניט דערמאָהנען גאָט'ס נאָמען, עס איז איהר אויך פערבאָטען צו דערמאָהנען איהר זוהן'ס נאָמען. ווען זי וויל, למשל, רופען איהר זוהן, דאַן זאָגט זי : „קינד, דיין פאָטער'ס שקלאַפין וויל דיר עפּעס זאָגען".

מיט דער ערשיינונג פון קריסטענטהום, האָט עס געהייסען, אַז די פרוי האָט אָנגענומען אַ העכערע שטעלונג ווי פריהער, ווייל יו־דענטהום, אויף וועמעס שוים קריסטענטהום איז געבוירען געוואָרען, האָט ניט געהאַט אַזוי פיעל אויסנאַהמס געזעטצע געגען דער פרוי. דערפאַר האָט קריסטענטהום אויסגעמישט אַ אידישע לעהרע מיט אַן אינדישען מנהג. אין דער תורה שטעהט : „והיו לבשר אחד", זיי זאָלען זיין איין פלייש ; על כן, לויט קריסטענטהום, האָט גאָט צוזאַמענגעבראַכט דאָס פּאָאַר פאָלק, און קיין מענש האָט אַ רעכט זיי צו שיידען.

אָבוואָהל קריסטענטהום מאַכט כלומר'שט קיין אונטערשיעד צווי־שען מאַן און ווייב, דאָס הייסט, אַז ביידע טהאָרען זיך ניט שיידען, פון דעסטוועגען וויים מען, אַז די לאַסט ליעגט אויף איהר מעהר ווי אויף איהם. אויב ער וויל ניט וואָהנען מיט זיין פרוי, דאַן געהט ער אוועק פון איהר און געפינט אַן אַנדערע. זיין עהרע ווערט דורך

דעם ניט פערפלעקט. זי וויעדער, ווען זי טהוט עס, בעצייכענט מען זי פאר אַזאָ האנדלונג מיט דעם נאָמען פּראָסטיטוטקע.

דערפאר זאָגען ערפאהרענע מענשען, אז איידער צו לעבען אונגליקליך פערהייראטעט, איז בעסער א שיידונג.

ווען צוויי מענשען געהען הייראטהען, האָבען זיי ווי געוועהנליך, די בעסטע אויסזיכטען. עס קען אָבער פּאסירען, אַז זייערע כאראקטערע זאָלען ניט שטימען, אַז זייערע טעמפּעראמענטען זאָלען זיך ניט אויסגלייכען, און אַ פּאָרטזעטצונג צו עקזיסטירען צוזאמען, איז אן אונגליק פארביידען.

אָט דערפאר דארף זיין די שיידונג.

אָבער פונקט ווי מען דארף זיך ניט איילען צו דער הייראטה, אזוי דארף מען הונדערט מאָל מעהר, איבערלעגען איידער מען ענטשליעסט זיך צו אַ שיידונג.

פון מאן וועלען מיר שפּעטער רעדען, נאָר פריהער וועלען מיר בעטראַכטען די פרוי.

די פרוי האָט אַלעס צו פערליערען דורך אַ שיידונג.

א פרוי מעג זיין ווי שעהן, ווי רעכט, ווי גוט, הייסט זי, נאָך אַ שיידונג, ווי אַ פערבראַקירטע סחורה, ווי אַ סחורה פון א קלענערן ווערטה. זי מוז אַלזאָ גוט עפענען איהרע אויגען איידער זי געהט מאַכען אזאָ שריט.

די דורכשניטליכע יונגע פרוי, באַלד נאָך דער הייראַטה, איז זי ניט צופריעדען מיט איהר מאַן. דער מאַן, וועלכער איז פריהער געזעסען נעבען איהר און פערגעטערט זאָגאר איהרע טריט, הויבט אָן צו ווערען קיהלער, געלאַסענער און זוכט צערשטרייאונג אויך ערגיץ אַנדערש. מיר מיינען ניט דוקא דעם אויסגעלאַסענעם מאַן, נאָר גראַדע דעם אַנשטענדיגען און זויבערן. דער מאַן וואָס איז שוין קיהלער און בערוהיגט נאָך דעם ערשטען גערויש פון דער ליעבע, געהט אויסזוכען זיינע אַמאָליגע פריינד און בעקאַנטע פערברענגט צווישען זיי און געפינט אַמוזירונג אין זייער מיטע. זי געהט ניט אין ערגיץ; איהר פעהלט אַלזאָ אוים וואָס ער האָט פון איהר אַוועקגענומען און קיין אַנדערער האָט ערזעטצט, עס פאָלגט באַלד דער זעהר קריטישער מאָמענט.

פרויען וואָס האָבען ניט קיין איבערלעגונג און קענען זיך זעלבסט ניט בעהערשען, בעגעהען אָפטמאָל אין אזא צייט דעם גרעסטען פעה־לער פון זייער לעבען; זיי פאַנגען אן צו שפּיעלען די ראָלע פון בערויבטע און בעטראָגענע און ווייזען דאָס ארויס דורך קריעגעריי, צאַנקעריי און דורך א שעדליכען ברוגז. דיעזע האַנדלונגען טרייבען דעם אונגעדולדיגען מאַן צו פערצווייפלונג. ער זוכט אויף, אויסער גוטע ברידער, אויך גוטע שוועסטער, און דאַן איז, אין ניינציג פּראָצענט הייראַטהען, די טראַגעדיע פון דער פאַמיליע.

די פרוי מיט שכל און איבערלעגונג, קרענקט זיך טאַקי, אָבער זי ווייזט עס ניט ארויס, זי לאָזט דעם מאַן געהן, כל זמן זי וויים, אז וואוהין ער געהט, שטעהט ניט פאַר קיין געפאהר, די־זעלבע שכל'דיגע פרוי ווייעדער, ברענגט איהם צוריק דורך איהר טאַקט, דורך איהר צערטליכקייט, און אויך דורך דער פערגרעסע־רונג פון דער פאַמיליע, און דאָס הויז, די היים, ווערט אינטערע־סאַנטער פאַר'ן מאַן, ווי די פרעמד.

אָבער ניט אַלע פרויען, ליידער, האָבען שכל און געדולד, און ניט אַלע מענער, ליידער, געהען נאָך דער חתונה, אויף אונשעדליכע פּלעצער.

אויב עס ווייזט זיך ארויס, אז דער מאַן האָט גענומען א קרומ־מען וועג, פערנאַכלעסיגט זיין פרוי מיט אַלעמען און געפינט זיין פערגניגען ערגיץ אַנדערש, דאַן איז צייט, אזוי שנעל ווי מעגליך, צו מאַכען א סוף.

לאָמיר נאָר זיין גענויער און דייטליכער ביי דיעזען העכסט וויכ־טיגען פּונקט.

ווען א מאַן צייגט דורך זיינע האַנדלונגען, אז ער ליעבט ניט זיין פרוי, אז זי קימערט איהם ניט, אז זיין ליעבע געפינט ער אין די אָרעמס פון אן אנדער פרוי; ווען די פרוי זעהט איין, אז זי האָט ניט צו ערוואַרטען קיין בעסערעס, דאַן איז עס איהר ערשטע און העכסטע פּפליכט זאָפאָרט צו מאַכען א סוף. אמת, זי פערליערט זעהר פיעל דערביי, אָבער וואָס ווייטער זי וועט זיין צוגעבונדען צו אזא מאַן, וועט זי אַלץ מעהר פערליערען.

עהנליכעס איז אויך דער געגענטהייל. דאָס הייסט, ווען א

מאַן בעמערקט (וואָס איז זעהר זעלטען). אז זיין פרוי קימערט זיך ניט אום איהם און איהר ליעבע ווערט אוועקגעגעבען אן אנדערען.

אָבער דאָס איז ניט די איינציגע אורזאכע וואָס קען פיהרען צו דער שיידונג פון א מאַן און ווייב.

אין ערשטען רויש פון דער ליעבע זעהען מענשען זעלטען איינער דעם צווייטענס חסרונות. נאָכדעם פאַנגען זיך אָן ארוים צו זעהען אזעלכע זאכען איינער אין צווייטען, וואָס זיי האָבען פריהער אפילו ניט גע'חלומ'ט.

א פרוי, ווי געוועהנליך, זוכט צו פערשווייגען, פערגלעטען און ניט ווערען אויפמערקזאַם. דאָס איז, מייסטענטהיילס, דער פאַל ווען עס קומען קינדער, צוליעב קינדער האָט ניט נאָר איין פרוי מקריב געווען איהר לעבען.

דער מאַן וויעדער איז זעלטען אזא ליידענדער. קינדער אָדער ניט קינדער, ווען עס קוועטשט איהם, שרייט ער אוים. דער מאַן האָט אי ווענינער געדולד, אי ווענינער טאָלעראַנץ.

אין דער זעלבער צייט האָבען מיר בייגעוואָהנט, אז אזעלכע „בייסערייען”, ווי מאַנכע רופען עס, געהען פאַראיבער מיט דער צייט און עס ענטשטאַלטעט זיך א געוויסעס פערשטענדנים צווישען די פּאָאר פאָלק. די טעמפּעראַמענטען פוןביידע ווערען אַלץ שאַרפער און שפּיטציגער, דאַן איז עס די העכסטע צייט צו טראַכטען, אז א שיידונג איז פיעל פערנינפטיגער.

אן ערנסטע אורזאַכע פאר א שיידונג איז ניט האָבען קיין קינדער.

די נאַטור האָט איינגעאָרדענט די הייראַטה צו איין צוועק: קיום המין, אָדער פאָרטפּלאַנצונג. איהר קענט די נאַטור ניט נאַרען, וואָס זי וויל, וואָס זי בעצוועקט, דאָס מוז זי האָבען. ווען קיין קינדער קומען ניט, קען די איידעלסטע ליעבע קאַליע ווערען, די העכסטע ראָמאַנטיק ווערט פערדאָרבען.

די אורזאַכען פאר ניט האָבען קיין קינדער זיינען פיעלפאַך און פערשיעדען. מיר וועלען אויסרעכענען בלויז איינינע.

מענער זיינען זעלטען אזוי ריין צו דער חתונה ווי פרויענצימער. דורך דער אונריינקייט קומען פערשיעדענע אבשייליכע קראַנקהייטען, וואָס פערדארבען דעם זאמען פון דעם מאַן. צווישען 100 עקרים צווי־

שען מענער, געפינען זיך איבער 60 וואָס האָבען געליטען פון גע־שלעכטליכע קראנקהייטען פאר דער חתונה.

ווען א יונגע פרוי הייראטה און האָט קיין קינדער ניט, דאן איז עס ניט מעהר ווי רעכט, אז ביידע זאָלען בעזוכען אן ארצט א ספּע־ציאַליסט און אויסגעפינען די אורזאכע, אויב ער איז ווירקליך דער שולדיגער, דאן, וואָס שנעלער די שיידונג, אלץ בעסער פאר דער פרוי זי איז נאָך פאָלקאָמען בערעכטיגט צו אזא שיידונג, ווייל איהר אונשולד איז ניט מחויב צו ליידען דורך זיין אויסגעלאסענהייט. מיט אויסנאהמע, נאטירליך, ווען זי בעשליעסט צו טהיילען זיין שיקזאל. מיר ווארנען אָבער אזא פרוי, אז אין פאַל זי שפּירט דעם שטארקען וואונש פאר מוטערשאפט, דאן, זאָל זי האנדלען שנעל און ניט מאכען קיינע קאָמפּראָמיסען.

עס זיינען דאָ מענער, וועלכע האָבען כמעט אין גאנצען פער־לוירען זייער מענליכקייט, אָדער זיי זיינען געבוירען געוואָרען מיט נאטור־פעהלערס. עס איז נאריש פאר דעם אנדערן געזונדען און פאָל־קאָמענעם צד זיך צו אָפּפערן אויף'ן מזבח פון א צווייטענ'ס אונ־גליק.

קינדער זיינען דער תמצית פון פאמיליען־לעבען. אויב איין צד איז יא פעהיג צו האָבען קינדער און דער צווייטער ניט, דאן זאָל דער פעהיגער זוכען זיין רעכט.

אין די אַלטעגליכע מיספערשטענדניסע פון פאמיליען־לעבען ליעגען אמאָל גאנץ אונבעדייטענדע קליינע סבות, וואָס קענען אבגע־שאפט ווערען נאָך א קאַלטער איבערלעגונג און נאָך א רוהיגען ישוב הדעת.

איידער מיר געהען פאַרשרייבען די מעגליכע רפואה צו אזא מכה, וועלען מיר פריהער רעדען פון א רעגעל.

אין דער רעגעל, זאָלען מאן און פרוי זיין זעהר אָפט, אָדער אי־מער צוזאמען.

פיעלע, פיעלע פרויען האָבען נעראטעוועט זייער פאמיליען־לע־בען פון א קאטאסטראָפע, דערפאר וואָס זיי האָבען זיך איינגע־שפּארט צו בעגלייטען זייערע מענער אויף די נסיעות וואָס זיי האָבען געמאכט.

עס איז דאָ אן אלטע רעגעל, אז מען דארף א מאן ניט ארויס־

לאָזען פון אויג. ער דארף ניט האָבען קיין געלעגענהייט צו טראַכטען און דענקען איבער אַנדערע. די אנוועזענהייט פון זיין פרוי, זאָל איהם אימער פערהיטען פון פאסטקעס.

אבער דיזעלבע רעגעל דארף אויך אָנגעווענדעט ווערען פון דעם מאַן צו דער פרוי. עס זיינען דאָ מענער, וואָס זאָגען צו זייערע פרויען: „ווילסט פאָהרען אין קאונטרי? זעהר שעהן, אָבער איך וויל אויך פאָהרען. יעצט האָב איך קיין צייט ניט, ווארט אַלזאָ ביז מיר וועלען קענען פאָהרען צוזאַמען".

גרויסע ליידען ווערען דאדורך פערשפּאָרט.

אָבער אין אַלע רעגעלען זיינען דאָ אויסנאַהמען.

מאַנכע מאָל פאסירט עס, וואָס מאַן און ווייב זיינען געווען צו־פיעל צוזאַמען און עס האָט געפאָלגט אַ רעאַקציאָן אין זייער ליעבע, זיי זיינען זיך פשוט נמאס געוואָרען. עס פאָלגט דאַן אַ שטרייט און אַ צאַנקעריי, וואָסביידע קענען ניט פערשטעהען און בעגרייפען. פרעמדע, וואָס מישען זיך אריין, קענען עס ניט פערשטעהען. די בעטרעפענדע פּערזאָנען, מאַן און ווייב, שפּירען בלויז אַ מין אבשטוי־סונג איינער צו אַנאַנדער און וואָלטען וועלען פטור ווערען פון זיך זעלבסט.

אמאָל זיינען עס ניט ביידע וואָס שפּירען די אבשטויסונג; עס איז בלויז איין צד.

אַזוי אָדער אַזוי, אין אזא פאל זאָל מען זיך ניט איילען מיט דער שיידונג אויף אימער. עס זאָל איינטרעטען אַ טעמפּאָרערע אָדער פּראָוויזאָרישע שיידונג.

מאַן און ווייב זאָלען זיך אבטהיילען פון אנאַנדער אויף איניגע וואָכען אָדער אויף איניגע חדשים. וועהרענד דיזער צייט זאָל מען זיך כמעט גאָר ניט בעגעגענען, און דאַן זאָל מען זעהען אויב די גע־פיהלען ענדערן זיך.

אין פיעלע פעלע פערשווינדעט די אבשטויסונג און זיי קעהרען וויעדער צוריק צו לעבען מיט אַנאַנדער.

איינע פון די ערגסטע עראייגניסע אין פאַמיליען־לעבען, איז די פערליעבונג. דאָס הייסט, ווען אַ פערהייראַטעטער מאַן פון אַ פרוי מיט קינדער, האָט זיך פערליעבט אין אַן אַנדערע פרוי, אָדער

ווען א פערהייראטע פרוי פון א מאן מיט קינדער, האט זיך פער־ליעבט אין אן אנדערן מאן.

אויבערפלעכליך, זאגען מיר, אז יעדער מענש האט א רעכט בעסער צו ליעבען ווי ער האט געליעבט, און בעסער צו לעבען ווי ער לעבט. אבער אין דיעזע פעלע פאדערט עס גראדע פארזיכטיג־קייט.

די ליעבע פון א פערהייראטען מאן צו א פרעמדע פרוי און א פערהייראטע פרוי צו א פרעמדען מאן איז אין 99 פעלע פון 100 ניט מעהר ווי בליטץ וואס שוועבט פארביי, א ליידענשאפט וואס קיהלט זיך אב זעהר שנעל און עס ענדיגט זיך מיט א ביטערע חרטה, שמערצ־ליכע גייסטיגע יסורים און שאנדע אויפ'ן גאנצען לעבען. אט דא ניט לאנג (אין 1912 ווען דיעזע צייל‍ען ווערען געשריעבען) האט א יונגע פרוי פון א ניו־יארקער מיליאנער, פערלאזען איהר געבילדעטען מאן, דעם אריסטאקראט, און איז געגאנגען וואהנען מיט אן איינפאכען ארבייטער, א פלאמבער, אין וועלכען זי האט זיך פערליעבט. די צייטונגען האבען דיעזע פאסירונג געשילדערט אלס ראמאן וואס פא־סירט זעלטען אין פראקטישען לעבען. דאס לעבען פון די פאאר פער־ליעבטע, די אריסטאקראטקע און דער ארבייטער, איז בעזונגען גע־ווארען אלס אן אידיליע. עס האט אבער ניט לאנג גענומען און די פרוי האט זיך געבעטען צוריק צו איהר ערשטען מאן. און ווען יענער האט זיך ענטזאגט איהר צוריק צו נעהמען האט זי איינגערעדט איהר געליעבטען צו באגעהן זעלבסטמארד מיט איהר צוזאמען, אום צו פערניכטען יעדען שפור פון זייער אונבערעכענטען שריט.

שיידען דארף מען זיך ווען מען זעהט אז קיין פריעדען קען ניט זיין, אז די שטונדען פון קריעג זיינען מעהר ווי די שטונדען פון פריעדען. אין אזא פאל ווען מען זעהט אז קיין שלום בית קען ניט זיין איז בעסער צו שיידען זיך ווען עס זיינען דא אפילו קינדער, דען די קריעגערייען צווישען פאטער און מוטער זיינען גיפט פאר די קינדער.

נאטירליך א שיידונגס אבמאך אין אזא פאל דארף אויך בעזארגען די קינדער.

דער בעסטער וועג איז, אז איידער א שיידונג קומט פאר זאל מען די זאך איבערגעבען צו צוויי אדער דריי גוטע פריינד, אזעלכע

מענשען וואָס זאָלען קענען אורטהיילען אונפּארטייאיש און קאַלט־בלוטיג. און דיעזע פריינד זאָלען אויסהערען די טענות פוןביידע צדדים און אורטהיילען אויב זיי דארפען זיך שיידען, און אויף וועלכע קאָנדיציאָנען.

דיעזע פריינד קענען אמאָל ראטהען א שיידונגס־פּראָבע, אויב עס איז דאָ א האָפנונג אז די פּאָאר פּאָלק קענען ווייטער לעבען גליק־ליך און אין פריעדען.

---

# טרויער

## טרויער ביי ווילדע. — דער שטילער טרויער פון ציוויליזירטע מענשען. — די פּיקניקס אויף אידישע לויות. — עטיקעטע פון נחום אבלים. — קליידונג אין צייט פון טרויער. — ווי לאנג דויערט די צייט פון טרויער ?

---

ניט אומזיסט בעהויפּטעט מען, אז די ציוויליזאציאָן פון מענ־שען דערקענט מען ביי די געבורטען, חתונות און בעגרעבנים, אָדער ביי דער גלאָקע.

די גלאָקע, ביי די קריסטען, קלינגט אין די דריי וויכטיגסטע פּעריאָדען פון א מענשענס לעבען : געבורט, חתונה און טויט. אויב די בעטהייליגטע מענשען קענען דאמאלס קאָנטראָלירען זייערע גע־פיהלען, דאַן רופט מען זיי ציוויליזירטע, ווען ניט . . .

אָבער לאָמיר אייך דערצעהלען ווי מען איז זיך נוהג ביי די ווילדע ווען איינער שטארבט.

אין באָרנעאָ, ווען איינער שטארבט אין דער פאמיליע, איז עס א מצוה, אז יעדער נאָהענטער קרוב זאָל אריינלעגען דעם קאָפּ אין בלאָטע, זיך דערנאָך אויסשמירען דאָס פּנים און שרייען — שרייען אַזוי יעמערליך און אזוי לאנג, ביז ער, אָדער זי, פאַלט חלשות.

באלזאק, דער גרויסער פראנצויזישער קינסטלער, שילדערט, אין איינעם פון זיינע ראָמאַנען, א מוטער, א גרעפין, א הויכציוויליזיר־טע דאמע, וואָס האָט געהאט איין־איינציגע טאָכטער. די טאָכטער

איז געלעגען קראנק, אויף לונגענענטצינדונג, אכט טעג. ווערהענד דיעזער צייט, האָט די אָרעמע מוטער ניט גערוהט. דאן איז געקור־מען דער טויט און בעפרייט די ליידענדע. די מוטער איז געשטאַנען ביי יציאת נשמה, און ווען דער ארצט האָט ערקלערט, אז אלעס איז פאראיבער, האָט די מוטער געגעבען אַ לייכטען געשריי: „אָה גאָט!" זי איז דאן צוגעפאלען צו דער טויטער און אָבגעפּרעסט אַ קוס אויף איהרע ליפּען. ניט מעהר. די סצענע איז געווען כמעט אין גאנצען אַ שטילע, אָבער אַזוי ריהרענד, דאָס אַלע אנוועזענדע האָבען געוויינט, נאָר אין דער שטיל, נאָר עס האָט אויסגעזעהען, אַז זייערע אויגען ווילען גאָר ניט אויפהערען צו גיסען מיט טרעהרען.

מיר רעדען דאָ איבערהויפּט איבער אונזערע אידען.

פאר אלעמען ווילען מיר דערצעהלען, אַז ביי אונז אידען הערשט זעהר אַ מיאוסע טבע, דאָס ווען איינער שטאַרבט ברעכט אוים אַזא שטירמישעס און ווילדעס געוויין, אַז אויף זייטיגע מענשען מאַכט עס איינפאַך אַן אונאנגענעהמען איינדרוק, גלייך ווי אומגעלומפּערטע ברואים האָבען זיך פון ערגיץ וואו אָבגעריסען און שרייען.

דאן קומט די לויה.

ריינער, אויפריכטיגער און וואהרער טרויער, ווי מיר האָבען שוין געוויעזען, דריקט זיך ניט אוים אין ווילדע געוויינען און געשרייען.

די בעגלייטער פון דעם טויטען זאָלען, פאר אלעמען, געהען אָנגעטהאָן אנשטענדיג, עס פאָדערט ניט קיין חתונה בגדים, אָבער שווארצע קליידער, ריינע און זויבערע, זיינען אַ כבוד אי פאר דעם טויטען, אי פאר די לעבעדיגע.

שעהן איז אַז די קרובים זאָלען נאכפאהרען אין קערידזשעס. צום מענשליכען געבראָכענעם הארץ איז זעלטען דאָ אַ מאָמענטאַלע רפואה, אָבער זיכער איז עס, אַז אין שרייען און געוואלטעווען איז אויך קיין תרופה ניטאָ.

נאָך מעהר, זייטיגע מענשען ווערען גאָר ניט געריהרט פון אַזעלכע סצענעס און עס מאַכט אויף זיי, כמעט אימער, אַ געגען־ווירקונג.

אַ טרעהר אין דער שטיל און אַ פערוויינטער אויג אָהן קולות, איז דער אויפריכטיגסטער טרויער.

ביי אונז אידען אָבער, ליידער, זעהען אוים די קרובים פון אַ

טויטען זיך צו פּערוועטען ווער עס קען וועמען אריבערשרייען, און ווער עס שרייט העכער, הרי זה משובח.

עס מאכט יעצט קיין אונטערשיעד ווען מיר האָבען דאָס אויס־געלערענט און פון וועמען מיר האָבען עס אויסגעלערענט. יעדענפאלס איז עס מיאוס.

אין דיעזען לאנד, איבערהויפּט, איז עס איינפאך ווילד, אומ־געלומפּערט. אונזערע שכנים, די היגע קריסטען, זיינען זיך אזוי ניט נוהג. ביי זיי איז אלעס רוהיג שעהן, אנשטענדיג און איינפאך ריהרענד.

ווי אונאנגענעהם די ווילדע טרויער־סצענעס זאָל ניט זיין, ווערען זיי נאָך עקעלהאפטער ווען מען בעטראכט דעם קאָנטראסט.

דאכט זיך מען שרייט און מען ליארמט, די נשמה איז פער־שמאכט און דאָס הארץ איז געבראָכען, פון דעסטוועגען פערגעסט מען ניט מיטצונעהמען צדה לדרך, און ווען מען קומט אויף די קער־רידזשעס, אביסעל אין מיטען וועג, פערגעסט מען פּלוצלונג אן אלעמען און מען הייבט אָן צו עסען.

ווי אבשייליך, ווי מיאוס דאָס איז!

אויב איינעמ'ס הארץ איז טאקי באמת פערביטערט, דאן איז אונמעגליך צו עסען. פון דער אנדערער זייט ווידער, ווען עס ווילט זיך עסען, דאן זאָל מען, אין אזא מאָמענט, האָבען אין זינען די אויסענוועלט. מען דארף זיך אנעסען פריהער אָדער נאָכדעם, ווען מען פאָהרט אין א וואגען, וואָס בעגלייט א טויטען, קען מען ניט מאכען דעם פּלאטץ פאר א סעודה־סטאַציאָן.

נאָך דעם ווי דער טויטער ווערט געבראכט צו זיין רוהע איז מען זיך נוהג, אז זייטיגע מענשען לאדען איין די הויפּט אבלים אין א דער־בייאיגען רעסטאָראנט און מען דערלאנגט זיי ערפרישונגען. אונטער דיעזע ערפרישונגען פערשטעהט מען, ווי געוועהנליך, עפּעס קאלטעס צום טרינקען אום זומער און עפּעס ווארעמעס צו טרינקען אום ווינטער. אין דערזעלבער צייט בעמיהט מען זיך אויך איינצורעדען די אבלים, זיי זאָלען נעהמען עפּעס צום עסען.

דאָרט, אין רעסטאָראנט, איז דער איינציגער פּלאטץ דערפאר, און אימער, ווען אלעס איז שוין פאָראיבער.

פריהער עסען איז א פערשוועכונג, עסען אויף די קערירזשעס, איז פשוט שענדליך.

ביי אונז אידען איז מען זיך נוהג צו זיטצען שבעה. דאן איז די צייט צו קומען מנחם אבל זיין.

מען קומט, ווי געוועהנליך, פון נאכמיטאג אן ביז 9 א זייגער ביינאכט. די מנחמי האבלים זאלען טראגען, ניט קיין טרויער, אבער אויסמיידען אלערליי רוישיגע קאלירען. איינפאכע אנציגע, אהן פרעטענזיעס, זיינען די בעסטע אי פאר מענער, אי פאר פרויען.

ביים אריינקומען זאל מען זאגען : „וואס מאכט איהר ?" אדער, אין ענגליש : „האו דו יו דו ?" דאן זאל מען זיך אוועקזעטצען און פערוויקלען געשפרעכען וואס זאלען האבען די טענדענץ אבצו־ווענדען די אבלים פון טרויער. אויב דער טרויער איז צו גרויס, צו שרעקליך און ריהרענד, איז די בעסטע זאך צו בלייבען זיטצען שטיל אויף אזוי לאנג, ווי מען פערשטעהט, אז די אנוועזענהייט איז אנגענעהם, און דאן אוועקגעהען שטיל מיט א פראסטען : „זייט מיר געזונד".

טרויער נאך א טויטען האלט אן, ווי געוועהנליך, א יאהר. דאס איז די לענגסטע צייט. אבער ניט נאך אלע קרובים איז דאס די רעגעל.

נאך עלטערן איז עס א יאהר ; נאך שוועסטער און ברידער, זעקס מאנאט ; נאך א זעהר נאהענטע מוהמע אדער פעטער דריי מאנאט.

מענשען וואס ווילען שטרענג נאכקומען דער עטיקעטע, מאכען זיי קיין איינציגע שמחות וועהרענד דער טרויער־צייט. קינדער האבען ניט חתונה וועהרענד דעם יאהר פון די עלטערן'ס טויט, עהנליכעס טהוט מען אין דער טרויער־צייט פון די איבריגע קרובים.

דאך מאכט מען אויסנאהמען.

פערלאבטע יונגע מענשען, ווען זיי האבען אבגעלעגט די חתונה אויף א געוויסע צייט און ווען דאס קומט אפילו אויס וועהרענד דעם טרויער, שטערט מען ניט די חתונה, אויסער ווען דאס איז אין ערשטען מאנאט נאך'ן טויט פון קרוב.

מען לאזט פאראיבער געהען דעם ערשטען מאנאט, אדער, ווי מען רופט עס ביי אידען, „שלושים".

דער „שלושים" פון טרויער, איז ניט קיין אידישער מנהג, דאס־

זעלבע איז געווען איינגעפיהרט ביי די אלטע גריכען און רוימער, אז מען האט ניט געמאכט קיין חתונות אין די ערשטע דרייסיג טעג נאך'ן טויט פון א ליעבען קרוב.

אבער אין דיעזער אויסנאהמע איז דא נאך אן אויסנאהמע: מאנכע מאל איז עס דער וואונש פון דעם שטארבענדען פאטער אדער מוטער, אז די הייראטה פון זייער קינד זאל זאפארט שטאטפינדען. אזא וואונש פון שטארבענע עלטערן ווערט רעספעקטירט און מען פאלגט עס נאך זאגאר אויף'ן אנדערן טאג נאך קבורה.

אזא חתונה אבער זאל ניט געפייערט ווערען מיט קיין אויסער־ארענטליכער פאמפ און פרייד.

מען איז זיך נוהג, אז מען פיהרט דורך בלויז די הייראטהס־צערעמאניע; מען ערלויבט קיין מוזיק און קיינע סעודות.

דאס איז, ווען די חתונה ווערט געפייערט אין „שלושים”. נאך „שלושים” קען מען זיך שוין ערלויבען אביסעל פעסטליכקייט, אבער מען דארף קיינמאל ניט פערגעסען, אז אויף אלעמען מוז ליעגען דער שטעמפעל פון טרויער. דיעזע ניט־גאנצע פרייד זאל זיך אנזעהען ביז דאס טרויער־יאהר איז אין גאנצען פאראיבער.

נאך די אלע אויסגערעכענטע קרובים, טראגט דער מאן און די פרוי, וועהרענד דער גאנצער טרויער־צייט, א שווארצען באנד אויף דער האנד. דער מאן טראגט אמאל דעם טרויער־צייכען אויף'ן הוט, אויך אין דער פארמע פון א שווארצען באנד.

אין דעם ערשטען מאנאט נאך'ן טויט פון א געליעבטען קרוב, טראגט מען שווארצע קליידער. דאן קען מען אויסטהאן דיעזע שווארצע קליידער און טראגען אנדערע, אלטעגליכע, אבער ניט קיין קאלירטע קליידער.

נאך'ן טויט פון א מאן טראגט די אלמנה שווארצע קליידער און א שווארצען שלייער דאס גאנצע יאהר. זי בעטהייליגט זיך ניט ביי קיינע שמחות וואו עס איז דא מוזיק.

עהנליכעס זאל דער מאן טהון נאך זיין פרוי, דאס הייסט, טראגען א שווארצען באנד אויף'ן ארעם דאס גאנצע יאהר און ניט בעטהייליגען זיך אין קיין חתונות, בעלער און טהעאטער. איידער דאס יאהר געהט פאראיבער, זאל ניט די פרוי די אלמנה, און ניט

דער מאַן דער אלמן, רעדען מיט יעמאַנדען וועגען אַ צוקינפטיגער פעראייניגונג.

ביים טויט פון אַ קינד עלטער ווי אַ יאָהר, האלט אַן דער טרויער דריי מאָנאט; עלטער פון 5 יאָהר, 6 מאָנאט; עלטער פון 10 יאָהר, אַ יאָהר.

אין דערזעלבער צייט אָבער, מעגען עלטערן, וואָס זיינען אין אירגענד אַ טרויער, בעטהייליגען זיך ביי דער חתונה פון זייערע קינדער.

זיי מעגען אויסטהון, פאַלשטענדיג, זייער טרויער, אָבער ניט טאַנצען און ניט ווייזען קיין שמחה, צו וואָס זיי וואָלטען געווען בערעכטיגט, ווען זיי וואָלטען ניט געווען אין טרויער.

דער שווארצער אנצוג פאר'ן מאַן און דאָס שווארצע קלייד פאר דער פרוי, איז דער בעסטער צייכען פון טרויער, אָבער, מען דארף ניט פערגעסען, אז אום צו פערפאָלקאָמענען דיעזען צייכען פון טרויער, מוז דער הוט זיין שווארץ, דאָס האלז־טוך שווארץ, די האנד־שוה שווארץ, און זאָגאר די העמדער־קנעפלעך זאָלען זיין שווארץ.

דאָס איז, ווי געוועהנליך, דער אנצוג, אין וועלכען מען בעגלייטעט דעם טויטען צו אייביגער רוה. ווען דאָס איז פאָראיבער, מעג מען טראגען בלויז דעם שווארצען אנצוג. דאָס הייסט, אויסשליעסען די שווארצע העמדער־קנעפּ און שווארצע האנד־שוה.

עס איז אַ מנהג און אַ פאָרמע, צו געהען בעזוכען די קברים פון די טויטע קרובים. אין אזא צייט איז עס פאסענד (אויב עס איז נאָר אין דער טרויער־צייט,) צו טראָגען דעמזעלבען אנצוג ווי ביי דער לויה און מיטנעהמען פרישע בלומען, וועלכע מען לעגט אוועק אויפ'ן קבר.

ניט פיעלע ווייסען, וועלכע בלומען עס זיינען פאסענד פאר אזא צייט. דערפאר איז עס אמבעסטען, ווען מען געהט אריין אין בלומען־סטאָר, זאָל מען זאגען וואָס מען פערלאנגט און פאר וועלכער געלעגענהייט.

בלומען וואָס שטימען ניט מיט'ן כאראקטער פון דער געלעגענהייט, זיינען איינפאך אַ בעליידיגונג.

די מאָדע, פון ניט בענייען קיין קליידער וועהרענד דער צייט פון טרויער־יאָהר, איז ארויס פון דער מאָדע.

פערקעהרט, ערשט דאמאלס בעשטעלט מען זיך ספּעציעלע קליידער וואָס זאָלען פּאסען פאר דער אונערוואַרטעטער צייט.

שווארצע קליידער זיינען זעהר שעהן און איינדרוקספאָל, כל־זמן זיי זיינען ניי און פריש; קוים זיינען זיי אלט און אבגעבלאַקירט, זיינען זיי מיאוס, העסליך. דערפאר זאָל מען זעהען אויפּפּאסען, אז דיעזע קליידער זאָלען אימער זיין זויבער, אויסגעפּרעסט און טראָגען דעם ריכטיגען גלאַנץ.

## טעלעפאָן העפליכקייט

**צוויי מענשליכע קאָנטראַסטען. — די צרות פון „סענטראַל". — „נאָמבער פּליעז!" — פריינדליכקייט און העפליכקייט דער גרונד פּרינציפּ. — אַנדערע כללים פון טעלעפאָן עטיקעטע.**

עס איז איינע פון די מערקווירדיגע מענשליכע קאָנטראַסטען, דאָס מענשען וועלכע זיינען זעהר העפליך אין א געשפּרעך, ווען זיי ריידען פּנים אל פּנים, איינער אין געגענוואַרט פון דעם אַנדערען, — אָט די זעלבע מענשען ווערען אזוי אונהעפליך ווען זיי ריידען דורכ'ן טעלעפאָן. זיי פערגעסען זייערע מאַניערען, זייער שטאַטעק און בענעהמען זיך זעהר גראָב. זיי פערגעסען זיך אז א געשפּרעך אויפ'ן טעלעפאָן איז א געשפּרעך מיט א מענשען און אז א גראָב וואָרט, אָדער אויסדרוק געהט איבער דורכ'ן טעלעפאָן גראַדע ווי פון מויל צום אויער.

קיין אנשטענדיגער מענש וואָלט זיך צושרייען אויף א מיידעל וואָס אַרבייט אין זיין אייגענעם אָפּיס, ובפרט נאָך אויף איינע וואָס אַרבייט אין א פרעמדענס אָפּיס מיט אַזעלכע אויסדריקע ווי „וואַט'ס דהי מעטטער וויטה יו?" אָדער „העי, גיוו מי מאַי נאָמבער!" ער וואָלט זיכער ערקלעהרט געוואָרען אלס א גראָבער יונג אָהן די מינדעסטע ברעקל העפליכקייט. און דאָך זיינען דאָ פיעלע ביזנעס לייט וואָס צושרייען זיך אויף „סענטראַל" מיט אַזעלכע אויסדריקע ווי מיר האָבען דאָ געבראַכט און אויך נאָך ערגערע. זיי ווילען ניט וויסען אז „סענטראַל" עס הייסט די מיידעל וואָס זיצט אין סענטראַל אָפּיס איז ניט מעהר ווי א מענש, און ביי דער גרויסער אַנ־

שטרענגונג אונטער וועלכע זי ארבייט שטונדען לאנג איז גאר ניט קיין וואונדער וואס זי מאכט א טעות א מאל אין א נאווינע. דאן דארף מען געדענקען דער טעלעפאן איז ניט מעהר ווי א מאשין וואס איז אויסגעזעצט צו פערשיעדענע וועטערען און אנדערע סבות, און עס קען אמאל אויך עטוואס קאליע ווערען. א מענש מיט געפיהל, מיט איינזעהעניש דארף פערשטעהען אז עס איז ניט שעהן צו פערליערען די געדולד צוליעב א טעות וואס איז אונפערמיידליך. ווען דער וואס רעדט דורכ'ן טעלעפאן וועט האבען אין זינען אז ער רעדט דאס ניט צו א מאשין נאר צו א מענשען פערזענליך, דאן וועט ער זיין מעהר פארזיכטיג אין זיין שפראך און אין זיין האלטונג.

עס איז א מאל געווען א מאדע אין ניו יארק אז ווען איינער האט גענומען דעם „רעסיווער" צום אויער איז ער גלייך בעגריסט געווארען פון סענטראל מיט א פריינדליכען „העללאו". יעצט איז דער „העללאו" אבגעשאפט געווארען, אום צו שפארען צייט וואהרשיינליך, און סענטראל געהט גלייך „צו ביזנעס" פרעגענדיג, „נאמבער, פליהז", עס הייסט : ביטע זאגט דעם נומער וואס איהר פערלאנגט. מיר וועלען ניט קריטיקירען די טעלעפאן קאמפאניעס וואס זי האט אבגעשאפט אזא שעהנעם מנהג מסתמא האט זי איהרע גרינדע אויף דעם. אפשר איז דאס פון אונזער טובה ווענען. אלזא, איהר זאגט דעם נומער וואס איהר פערלאנגט און סענטראל מאכט פאר אייך די פערלאנגטע „קאנעקשאן".

איהר ווארט געדולדיג ווי א דזשענטלמאן. עס נעהמט ניט לאנג און עס הערט זיך א שטימע „פון דער אנדער זייט". עס איז אייער פפליכט גלייך צו זאגען אייער נאמען און אויך זאגען מיט וועמען איהר ווילט ריידען, עס הייסט אויב איהר ווילט ריידען נאר מיט א בעשטימטע פערזאן וואס געפינט זיך אין דעם זעלבען ארט וואו דער טעלעפאן איז. איהר זאגט : „דהים איז מיסטער בארנעט סילווערווערמאן. אי וואוד לאיק טו ספיק טו מיסטער לואיס גאלדשאטץ". (דאס איז מיסטער בארנעט סילווערמאן, איך וואלט וועלען ריידען מיט מיסטער לואיס גאלדשאטץ). אויב ער איז גראדע צו יענער צייט ניטא אין אפיס אדער אין דער הויז וואוהין איהר טעלעפאנירט איהם, קענט איהר פרעגען ביי די פערזאן וואס רעדט צו אייך פון יענער הויז, אדער פון יענעם אפיס, אויב עס איז מעגליך איבערצונעהמען פאר

נאָלד־שאַטץ א „מעססעדזש״, איהם עפּעס אָנצוזאָגען אין אייער נאָמען. קיין ציוויליזירטער מענש וועט ענטזאָגען אזא טובה, אפילו א ווילד פּרעמדען. דאָס איז איינע פון יענע העפליכקייטען וואָס זיינען דער גרונד פּרינציפּ פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען ביי מענשען.

די גאַנצע צייט וואָס איהר האַלט דעם טעלעפאָן אין האַנד זאָל אייער שטימע זיין בעטאָנט מיט פריינדליכקייט און העפליכקייט.

האַלט אין זינען אז דורך שרייען וועט מען אייער שטימע ניט הערען בעסער. אדרבה, שרייען הויך איז א פעהלער פאר׳ן טעלעפאָן.

זאָל אייער אויסשפּראַכע זיין דייטליך. רעדט געלאַסען און רעדט ארוים יעדען וואָרט שאַרף. דאָס העלפט בעסער אז מען זאָל אייך הערען.

געברויכט ניט אזעלכע אויסרופען ווי „העי״ „האָ״ אָדער עהנ־ליכעס. אויב איהר האָט ניט געהערט א וואָרט און איהר ווילט מען זאָל אייך דאָס איבערזאָגען, זאָגט, „ביטע, איך האָב אייך ניט גוט געהערט״, אָדער אין ענגליש „בעג פּאַרדאָן, אי דידנ׳ט קוואיט וועל היר יו״.

אויב איהר רעדט צו א פּערזאָן וואָס איז עלטער פון אייך, אָדער שטעהט העכער פון אייך דאַן געהט גלייך צום עיקר, אָהן הקדמות. אויב עס איז א אינגערע פּערזאָן, אָדער קלענער פון אייך אין געזעלשאַפטליכען ראַנג, דאַן קענט איהר אָנפאַנגען מיט א פריינד־ליכען „האַו־דו־יו־דו״, וואָס מאַכט איהר, און נאָכדעם איבער־געהן צום עיקר, צו „ביזנעס״.

---

## אויף וויזיטען

**מאַכען אַן אַפּאָינטמענט. — קומען פּינקטליך צו דער צייט. — עטיקעטע פאַר א פאַרשפּעטיגטען. — ווי אָפט דאַרף מען בעזוכען א פריינד ? — א פירוש אויף אַן איינלאַדונג. — ווי לאַנג דאַרף מען א גאַסט פערבלייבען. — מיט וואָס איז מען מכבד ?**

---

„הוקר רגליך מבית רעיך״, זיי ניט קיין צו אָפטער גאַסט אין דיין פריינד׳ס הויז האָט געזאָגט דער קלוגער אידישער מלך. הפנים

אז אפילו אין זיינע צייטען האָט מען געליטען פון צו אָפטע געסט, פון נודניקעס וואָס קומען אריין אין הויז און אין געשעפט צו יעדער צייט, ווען זיי ווילען דולען אַ קאָפּ און שטערען די ארבייט, אָדער די רוהע.

קיין אנשטענדיגער מאַן אָדער פרוי וועט מאכען אַ בעזוך צו אַ פריינד אָהן אַ בעשטעלונג, אַן אַפּאָינטמענט אויף אַ בעשטימטען טאָג, אָדער שטונדע, אויסגעשלאָסען זיינען אַזעלכע וויזיטען ווי בעזוכען אַ קראַנקען, אָדער איינעם וואָס איז אין טרויער, אָדער ווען עס איז אַ וויזיט וואָס קען ניט וואַרטען, וואָס קען ניט אָבגעלייגט ווערען. אויסער אַזעלכע אויסנאַהמס פעלע איז אימער שעהנער, אנשטענדי־גער, און אויך בעקוועמער צו בעשטימען פריהער אַ צייט דורך אַ בריעף, אָדער דורך דעם טעלעפאָן. דאַן ווייסט איהר אַז יענער ער־וואַרטעט אייך, איהר זייט איהם ניט צו לאַסט און אויך קיין שטערונג.

ווען איהר מאַכט אַן אַפּאָינטמענט, סאַי עס איז אַ פריינדליכער בעזוך, סאַי עס איז אַ בעזוך צוליעב געשעפט, דאַרפט איהר האָבען אין זינען אַז עס ליעגט אויף אייך אַ פפליכט צו קומען צו דער צייט. אויב איהר זעהט אַז איהר קענט ניט קומען צו דער צייט איז אייער פפליכט צו לאָזען וויסען פאָראויס אַז איהר וועט ענטוועדער קומען שפּעטער, אָדער ניט קענען האַלטען אייער אַפּאָינטמענט.

עס איז בעסער, פיעל אנשטענדיגער בעצייטענס צו ברעכען אַן אַפּאָינטמענט איידער צו קומען זעהר שפּעט.

עס איז אָנגענומען געוואָרען אַז ווען אַ גאַסט איז געלאַדען צו אַ מאָלצייט און ער קומט ניט צו דער בעשטימטער צייט וואַרט מען אויף איהם צוואַנציג מינוטען, אָבער ניט מעהר. ער מעג זאָגאר זיין ווי גרוים און וויכטיג.

דער בעשעפטיגטער מוז זיך אימער ענטשולדיגען פאַר דער וויר־טהין, אָבער ניט פאַר די געסט. דער וואָס ענטשולדיגט זיך אויך פאַר די געסט איבערטרייבט זיין העפליכקייט און ברענגט די אַנדערע געסט אין פערלעגענהייט. דען, ווירקליך, וואָס איז ער זיי שולדיג? ער איז שולדיג נאָר דעם הויז ווירטה, אָדער צו דער ווירטהין.

יעצט קומט די פראַגע „ווי אָפט דאַרף מען בעזוכען אַ פריינד?”

דאַכט זיך אַ פריינד איז אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך, און אין דעם זיינען קיינע הכמות ניטאָ. פונדעסטוועגען דאַרף מען וויסען ווען יאָ,

און ווען ניט. און אויב מען וויים עס ניט, פאַלט מען אַ מאָל יענעם צו־לאַסט, און מען מאַכט זיך לעכערליך.

די בעסטע זאַך אין דער וועלט איז אַ מאָל שלעכט, און די ערגס־טע זאַך איז אַ מאָל גוט. עס ווענדעט זיך ווען זי פּאַסט זיך און ווען ניט. בעזוכען אַ פריינד איז אַ גאַנץ גוטע זאַך, איהר פערברענגט אַ ביסעל צייט, און איהר מאַכט אייער פריינד'ס הויז אינטערעסאַנט. אויב אָבער איהר קומט צו יענעם אָדער איהר געהט אַוועק ניט אין דער ריכטיגער צייט, ווערט איהר לאַנגווייליג און איהר פאַלט אייער פריינד צו לאַסט.

איהר ווייסט געוויס פון פריינד וועלכע קומען צו אייך ווען איהר ווינשט זיי ניט. און געהען ניט אַוועק ווען איהר ווינשט עס יאָ. פּרובירט אָבער אַ בלעטער טהאָן אייער זכרון, און זעהט אויב איהר טהוט נישט דאָס זעלבע, אויב איהר געהט ניט ווען איהר זייט איבריג.

עס איז וואָהר אַז איהר געהט צו בעזוך נור דאָרט וואו מען פער־לאַנגט אייך. געוויס, איהר וועט דאָך ניט אַריינפאַלען אין אַ ווילד פרעמדע הויז. אָבער די לייטע וואָס לאַדען אייך איין פערלאַנגען אייך אַ מאָל גאָר ניט, און ווען יאָ, פערלאַנגען זיי אויך ניט אַלע מאָל.

איהר טרעפט זיך מיט אַ לאַנדסמאַן, פעראיינס ברודער, אָדער אַזוי אַ בעקאַנטען, ער רעדט מיט אייך עטליכע מינוטען, און ביים געזעגנען, לאַדעט ער אייך איין צו זיך אין הויז. עס קען זיין אַז ער מיינט עס טאַקי, עס איז אָבער אויך מעגליך אַז ער זאָגט עס בלויז אוים העפליכקייט. ער דענקט אַז ווען ער וועט אייך ניט איינלאַדען, וועט איהר זיך געפינען בעליידיגט, וועהרענד איהר דענקט אַז ער מיינט עס ערנסט און ער וועט זיין ברוגז ווען איהר וועט ניט קומען. איהר געהט, און איהר פאַלט צו לאַסט.

עס קען אָבער אויך מעגליך זיין אַז ווען ער לאַדעט אייך איין, מיינט ער עס ערנסט, נור ווען איהר קומט, טהוט איהם לייד פאַר דער גאַנצער געשיכטע. און ער קוקט אויף אייך קרום. ווען ער האָט אייך איינגעלאַדען, האָט ער געדענקט אַז ווען איהר וועט קומען וועט זיין זעהר אינטערעסאַנט און ער וועט זיין צופריעדען, עס לאָזט זיך אָבער אוים אַז איהר קומט פּונקט דאַן ווען ער וויל געהן שלאָפען, ווען ער האָט אַ וויכטיגע ארבייט צו טהאָן, ווען ער ערוואַרטעט אַ

מענשען פון וועלכען ער וויל ניט איהר זאָלט וויסען, אָדער ווען ער האַלט אין מיטען זיך קריעגען מיט דער ווייב.

ער גיט אייך טאַקי אָב דעם ברייטען „האַללאָו", ער גיט אייך אַ שעהנע אויפנאַהמע, און מאַכט אייך פאַרווירפע וואָרום איהר זייט ביז יעצט ניט געקומען, אָבער אין הארצען טראַכט ער זיך „צו מיינע צרות קעהר ער מיר". „ווער האָט נאָך איהם געשיקט ?" און „הלוואי וואָלט ער יעצט אויך ניט געקומען."

אַ מאָל קומט איהר צו אייער פריינד און איהר זייט ווירקליך אַ גוטער גאַסט. איהר זיצט אָבער דאָרט אַ לענגערע צייט, און יענעם ווערט נמאס, ער ווינשט איהר זאָלט שוין אַוועקגעהען, אָבער איהר מערקט עס ניט, און זיצט אַלץ. נאַטירליך, ווען איהר הויבט זיך אויף אַוועקצוגעהען, האַלט מען אייך צוריק, און מען זאָגט „וואָס איילט איהר זיך, זיצט נאָך אַ ביסעל", אָבער מען מיינט עס ניט.

ווען איהר ווילט אַלזאָ אייער פריינד ניט פאַלען צו לאַסט, מוזט איהר אייערע בעזוכע זעהר קאָנטראָלירען. איהר מוזט געהן וואָס וועניגער, קומען אין דער ריכטיגער צייט, און ניט זיטצען צו לאַנג.

דאָס אַלעס איז ניט זעהר שווער דורכצופיהרען, איהר דאַרפט נור בענוטצען אייער פערשטאַנד, און שטודירען דעם מענש וועמען איהר ווילט בעזוכען.

די מענשען זיינען אַ מערקווירדיגע געהיימנים. אויפ'ן פנים אָדער נאָך דער מינע וואָס ער מאַכט קענט איהר איהם קיין מאָל ניט אורטהיילען. זאָגען און מיינען זיינען צוויי ווידערשפּריכע אין לעבען.

ווען אייער פריינד לאַדעט אייך איין איהר זאָלט איהם קומען בעזוכען, איז נאָך ניט געדרונגען אַז ער מיינט עס. קוקט איהם גוט אין די אויגען אַריין, בעפאָר איהר פערשפּרעכט איהם צו קומען. טראַכט נאָר גוט איבער די אומשטענדען אונטער וועלכע ער האָט אייך איינגעלאַדען, בעפאָר איהר בעשליסט זיך צו געהן, און ווען איהר געהט שוין, זייט זעהר פאָרזיכטיג.

עס איז נאָך ניט גענוג וואָס ער גיט אייך אָב דעם ברייטען „האַללאָו", איהר פערשטעהט דאָך ביי זיך גאַנץ גוט וואָס דאָס מיינט. איהר ווייסט דאָך פון ערפאַהרונג אז צו אייך קומט אויך אַ מאָל אַ גאַסט ווען איהר ווינשט איהם ניט, פונדעסטוועגען נעהמט איהר איהם

זעהר שעהן אויף, טאָ ווארום זאָל ביי יענעם אויך ניט זיין דאָס־זעלבע?

אייך בלייבט דארום זיך ניט צו פערלאָזען אויף יענעמס פריינד־ליכע אויפנאַהמע, נור אויף אייער אייגענעם פערשטאַנד. גיט זיך אַ קוק אַרום אין שטוב, בעטראַכט פאָרשענד אייער פריינד'ס בענעה־מונג, און, אויב איהר בעמערקט, אז ער איז אונגעדולדיג, אז ער מאַכט זיך בלויז העפליך, אָדער אז דער ווירטה אָדער ווירטהין זיינען אויפגערעגט, דאַן ווייסט אַז איהר זייט יעצט ניט ווילקאָמען, אַז איהר שטערט יענעם אין אירגענד וואָס, און וואָס שנעלער איהר וועט זיך אָבגעזעגענען, אַלץ בעסער וועט איהר טהאָן.

נאַטירליך קען עס צוגעהן זעהר העפליך. יענער דאַרף ניט וויסען ווארום איהר געהט אַוועק אַזוי שנעל, אָבער איהר דאַרפט עס טהאָן. אויב איהר וועט זיך אפילו אַ מאָל אָבנאַרען וועט איהר אַלץ גאָר ניט פערליערען, ווייל וואָס וויי ניגער מען זיצט, איז מען אַלץ חשוב'ער.

נור אפילו ווען איהר זייט זיכער, אַז איהר זייט אַ ווילקאָמענער גאַסט, דאַרפט איהר אויך ניט זיצען צו לאַנג, אום ניט צו פערדארבען אייער וויכטיגקייט. ווען איהר זיצט צו לאַנג, מוזט איהר פאַלען צור לאַסט, און עס איז דארום בעסער איהר זאָלט פערלאָזען וואָס פריהער.

עס מאַכט ניט אוים וואָס יענער קריוודעט זיך ווארום איהר געהט אַוועק אַזוי שנעל, ער מוז עס טהאָן אוים העפליכקייט. איהר דאַרפט אָבער אויך זיין העפליך געגוג, און איהם ניט מיעד מאַכען.

די פראַגע, מיט וואָס נעהמט מען אויף אַ גאַסט? איז זעהר אַ וויכטיגע.

אויב דער גאַסט איז ניט געלאַדען אין אַ צייט ווען מען עסט מיטאג אָדער אבענד ברויט, דאַרף מען דאָך איהם שטעלען כיבוד. איז דאָך די פראַגע: מיט וואָס איז מען מכבד אַ פריינד וואָס קומט צו בעזוך.

וויין אָדער שנאַפּס איז זעהר ניט פּאַסענד צו דערלאַנגען, איבער־הויפּט ווען עס איז בייטאָג. ווען אַ מאַן בעזוכט זיין פריינד, ניט אין דעם קרייז פון דער פאַמיליע, און ביידע האָבען חשק „צו נעהמען אַ קאַפּעלע״, איז דאָס זייער זאַך. עס איז אָבער ניט שעהן אָנצובאָ־

טען שנאַפּס אָדער ווייַן, ווען איינער קומט מיט זיין פרוי, און ווער רעדט נאָך אויב ער קומט מיט זיינע קינדער.

קינדער טהאָרען איבערהויפּט ניט זיין דערביי ווען מען טרינקט אַלקאָהאָלישע געטרענקע. עס איז זעהר א שלעכטער ביישפּיעל פאַר זיי.

דער בעסטער כיבוד איז א טאַסע טהעע. צו דעם קען קומען א זעהר לייכטע געבעקס, טרוקענע טערטליך, אָדער פרוכטען. ווען דער וויזיט איז א זאָרט געזעלשאַפטליכער צוזאַמענקומען צו וועלכען עס ווערען געלאַדען מעהר ווי א פּאָאַר מענשען, און דער וויזיט פער־ציהט זיך, איז פּאַסענד צו סערווירען סענדוויטשעס און לעמאָנאַדע, און אמאָל אויך אייסעס. איבערהויפּט ווען אזא געזעלשאַפטליכער צוזאַמענקונפט קומט פאָר ביינאַכט, אין דער פאָרמע פון א „פּארטי", אָדער רעסעפּשאָן.

וואָס ווייניגער כיבוד איז אַלץ שעהנער. א פריינדליכער בעזוך איז ניט א באַנקעט און א פּאַרלאָר איז ניט קיין רעסטאָראַן וואו מאהל־צייטען ווערען סערווירט צו יעדער צייט און אין אַלע שטונדען, טאָג און נאַכט.

מיט איין וואָרט א וויזיט איז זעהר א דעליקאַטנע זאַך, און אי דער בעל הבית, אי דער גאַסט דאַרפען ביידע האַנדלען מיט טאַקט אום ניט צו בעלעסטיגען זייער געגענזייטיגע פריינדשאַפט.

---

# לשון הרע

## וואָס יונגע לייט ריידען צווישען זיך און וואָס זיי דאַרפען ניט ריידען.

---

אין דעם קאַפּיטעל איבער די קונסט פון ריידען, קאָנווערזאַציאָן, האָבען מיר שוין בעמערקט ווי ניט שעהן עס איז צו ריידען גראָבע רייד, נבול פה, און מאַכען ציניש וויצען. מיר ווילען אָבער א בע־זונדער קאַפּיטעל ווידמען צו יונגע לייט וואָס האָבען ליעב צו ריידען וועגען מיידלעך אויף זעהר ניט אן עדלען אופן, פעראונרייניגען זייער

רעפּוטאַציע, דורך ליגנערשע בעריהמערייען. איז אַמאָל אַ יונגען מאַן געלונגען אַ קוס צו טהאָן אַ מיידעל, מיט אָדער געגען איהר ווילען, וועט ער זיך שוין ניט פוילען זיך צו בעריהמען מיט גרעסערע פּריוי־הייטען, אום נור צו שפּיעלען די ראָלע פון אַ העלד אין די אויגען פון זיינע חברים.

„אַ מיידעל איז ווי אַ האַנדטוך, יעדערער ווישט זיך אָן דעם אָב".

אַזוי זאָגט איין אַלטעס אידישעס ווערטעל און דאָס איז אַ גרוי־סער אמת. דער נאָמען פון אַ אידישע מיידעל איז הפקר. ווער עס וויל לייגט אויף דעם ארויף אַ ביסעל שמוץ.

פיעלע יונגע לייט האָבען אַ מיאוס'ע געוואָהנהייט צו ריידען אויף מיידלאַך זאַכען וואָס זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען.

קיין יונגער מאַן בערעכענט זיך גאָר ניט אַז מיט זיין איין וואָרט קען ער רואינירען דעם נאָמען פון אַן אונשולדיגע העכסט אַנשטענדיגע מיידעל.

ווען אַ מיידעל ערלויבט אַ יונגען מאַן צו זיין מיט איהר אַ ביסעל פאַמיליאַר, היימיש, טהוט זי דאָס מייסטענטהיילס ווייל זי בעזיצט צופיעל צוטרויען אין די אויסזיכטען פון מענער. אָבער די יונגע לייט וואָס זיינען פיעל־וועניג פערדאָרבען נעהמען דאָס אָן אַלס אַ צייכען פון לייכטזינן, פון צולאָזענהייט.

באַים האָבען אַ טבע צו בלאָפען ווען עס קומט צו ריידען וועגען אַ מיידעל. זיי האָבען זיך ליעב פאַרצושטעלען אַלס „העלדען", וואָס בעזיגען די גאַנצע פרויען וועלט. איהר וועט אָפט הערען יונגע לייט בעריהמען זיך, אַז מיט דיעזע מיידעל איז ער אַ גאַנצער מחותן, יענע וויל ער ניט אַן אַנדערע שטאַרבט נאָך איהם אַוועק, ער איז זיך אָבער מיישב.

עס איז אמת אַז מאַנכע מיידלעך האָבען אויך אַ טבע צו בלאָפען אַזוי וועגען באַים, אָבער באַים קען דאָס ניט שאַדען, אַזוי איז שוין איינגעפיהרט געוואָרען אין דער וועלט, אַז צו אַ באַי קלעבט זיך קיין זאַך ניט. אַ מיידעל איז אָבער אַ האַנדטוך. עס קלעבט זיך צו איהר יעדע לשון הרע.

ווען אַ יונגער מאַן וועט זעהן אַ בעקאַנטע מיידעל שטעהן אין גאַס און ריידען מיט אַ יונגען מאַן, וועט ער באַלד טראַכטען „אהא !" און דיעזער „אהא" בעדייטעט זעהר פיעל.

ווער רעדט נאָך ווען ער וועט הערען די מיידעל לאַכען, וועהרענד זי שטעהט מיט דעם יונגען מאַן און רעדט. דאַן וועט ער זיך מיט דעם טראַכטען אַליין ניט צופרידען שטעלען. ער וועט שוין פּלוידערען פון דעם צו זיינע פריינדע, למשל אזוי:

„מיסס סאָ־ענד־סאָ איז אַ פיינע חברה'טע."

„זי איז דאַכט זיך אַ שטילע מיידעלע, אָבער שטילע וואַסער גראָבט טיעף."

„מיסס סאָ־ענד־סאָ האָט ניט פיינד אַ יונגען מאַן. זי איז אַ טהייערע פויגעל."

וויפיעל בעליידיגונג, וויפיעל בלאָטע עס ווערט אָפּטמאָל ארויפגעוואָרפען אויף דעם נאָמען פון אַ מיידעל אין די נאַרישע ווערטער „זי איז אַ טהייערע חברה'טע", „זי איז אַ פויגעל" — און דאָס זיינען ווערטער וואָס ווערען קאַלטבלוטיג ארויסגערעדט פון פיעלע יונגע לייט.

עס איז אַ פערברעכען, עס איז לשון הרע און די ערגסטע לשון הרע דערצו.

די וועלט נעהמט אָן שלעכטעס אויף מענשען אָהנע פיעל נאָכצופאָרשען אויב עס איז דאָ אַ גרונד צו גלויבען אויף דעם. ווען עס געהט עפּעס אַ קלאַנג וועגען אַ מיידעל אָדער וועגען אַ פרוי, ווילען דאָס אַלע גלויבען, ווען אפילו עס זיינען דאָ בעווייזע געגען די קלאַנגען.

ניט נור מיידלעך זיינען די אָפּפערס פון נאַרישע בייזע צינגער, נור אָפילו פערהייראַטהע פרויען.

איין וואָרט וואָס ווערט אַרויסגעלאָזען דורך רשעות אָדער דורך אונפאָרזיכטיגקייט איז אימשטאַנדע צו רואינירען די רעפּוטאַציע פון אַן עהרליכע פרוי און מוטער און ארויפלייגען די שאַנדע אויך אויף איהרע קינדער.

און אין דעם זיינען אויך מייסטענטהיילס שולדיג די יונגע לייט וואָס בערימען זיך וועגען זייערע „מיסעסן" און פרעמדע מיסעסען. אָדער זיי מאַכען פאַלשע רעכנונגען ווען זיי זעהען אַ פערהייראַטהע פרוי ריידען פריינדליך מיט אַ פרעמדען יונגען מאַן.

ניט וואו מען זעהט צוויי מענשען פון פערשיעדענע געשלעכטער ריידען פריינדליך דאַרף מען טראַכטען פון אַ ליעבע. ליעבען ליעבט

מען בלויז איינמאָל, פריינדשאפט און זאָגאר ברודערשאפט קען מען פיהלען צו פיעלע פערזאָנען.

נור דער וואס איז פערדאָרבען קענען איהם אריינקומען פערדאָר־בענע מחשבות וועגען אנדערע.

מענשען וואס זייער אייגענער געוויסען איז אונריין, קענען ניט זעהן קלאָרע מאָטיוון אפילו אין גאַנץ געוועהנליכע זאכען.

יונגער מאַן! האָט אייך א מיידעל אמאָל געשיינקט איהר צו־טרויען און זי האָט אייך ערלויבט איהר אומצוארמען, אָדער אפילו געבען א קוס, דארפט איהר בעזיטצען גענוג עהרען־געפיהל און פון דעם ניט בעריהמען זיך און ניט מאכען א מיידעל'ס נאָמען הפקר אין די מיילער פון אייערע „גוטע ברידער", די „וואוילע יונגען", וואס האָ־בען מעהר חוצפה ווי פערשטאַנד.

עס קען זיין אז די מיידעל וואס האָט אייך ערלויבט אזא פרייהייט האָט זיך זעהר ערניעדריגט, אָבער זי האָט דאָך ניט געוואוסט וואס איהר זייט און אז איהר וועט פאר איהר פריינדליכקייט בעצאָהלען מיט לשון הרע.

---

## זאַכען וואס איהר דארפט געדענקען

### קורצע כללים וועגען עטיקעטע. גרויסע קליינינקייטען וואס יעדער מענש וואס קומט צווישען לייטען דארף זיך איינ־שטודירען און זיי אָבהיטען.

---

ווען איינער רעדט פאר אייך אוים זיין ביטער הארץ, צייגט זיך ניט גלייכגילטיג אפילו ווען איהר קענט מיט איהם ניט סימפאטהי־זירען, דען דאס קען איהם נאָך וועה טהאָן.

---

ווען איהר טרעפט זיך מיט אייער שונא ביי א פריינד אין הויז לעגט אוועק אלע קריוודעס אן א זייט און בענעהמט זיך העפליך געגען איינאנדער.

---

ווען מען רופט אייך אוועק אין מיטען שרייבען פארגעסט ניט צו

פערשטעקען דעם טינטער. דען איהר ווייסט ניט וואס פאר א נאכ־לעסיגער מענש עס קען צו אייער שרייבטיש צוגעהן און אנמאכען א חורבן אין אייער ארבייט.

---

ווען איהרווערט פאר איינעם פארגעשטעלט מיט דעם צוועק צו בעטען פון איהם א געפאלען, דארפט איהר נ'יט ערווארטען אז ער זאל זיך לאזען צו אייך דערקענען נאכדעם ווי אייער אנגעלעגענהייט איז געענדיגט.

---

זייט פינקטליך אין צייט. מאנכע מענשען זיינען אין דעם פונקט זעהר אבגעלאזען. זיי האבען ניט קיין בעשטימטע צייט צו עסען, קיין בעשטימטע צייט צו שלאפען, און רעדען זיי אב זיך מיט עמיצען צו טרעפען אדער עמיצען צו בעזוכען וועלען זיי קיינמאל ניט קומען אין צייט.

---

עס איז זעהר גראב צו בעגריסען א בעקאנטען מיט א קלאפ אין פלייצע אדער א שטורך אין זייט. מען מעג זיין ווי בעפריינדעט.

---

ווען מען קומט אייך מבקר חולה זיין ווען איהר זייט קראנק, דארפט איהר אבצאהלען מיט א וויזיט אזוי שנעל ווי אייער געזונד ערלויבט עס אייך.

---

ווען אייער פריינד איז געווארען א יורד און איהר ווילט איהם ארויסווייזען אייער פריינדשאפט דורך א בעזוך, טהוט ניט אן קיין צו טהייערע מלבושים.

---

עס איז גראב צו זיצען אויף א שטוהל מיט'ן רוקען א צווייטען אין פנים.

---

ווען איהר זעהט א דאמע געהן אליין און זי נויטהיגט זיך אין דער הילף פון א דזשענטלמאן, קומט איהר זאפארט צו הילף. זי וועט פאר־שטעהן אז איהר טהוט עס אוים העפליכקייט און וועט עס ניט נעהמען פאר אומגוט.

---

יונגע לייט דארפען אויסמיידען גראבע געשפרעכען צווישען זיך. דורך א שארפער אנצוהערעניש קען עס איינער לייכט פערהיטען. צום ביישפיעל. איינער האט געוואלט פאר זיינע חברים דערצעהלען עפעס א שמוציגען וויץ, און ער האט געפרעגט: „זיינען דא פארהאנען לײדיעס ערגעץ אין דער נאהענט?" „ניין", האט זיך איינער ארויס־געכאפט, „אבער עס זיינען דא דזשענטללייט". די אנצוהערעניש האט געווירקט.

---

לאכט ניט פון אייער אייגענעם וויץ. זאלען עס אנדערע טהאן. און זוכט ניט מיט אייער געשפרעך צו ציעלען אויף יעמאנדען.

---

אין געשעפט ענטפערט אויף אלץ וואס מען פרעגט אייך, אפילו ווען איהר קענט דערפון קיין נוצען ניט האבען. סוף כל סוף וועט איהר דורך דעם געווינען, ווייל איהר וועט קריגען א נאמען פאר א פריינדליכען מענשען.

---

ווען איהר קומט אריין אין א צימער און די טהיר איז געווען אפען דארפט איהר זי ניט פערמאכען. איז געווען פערמאכט — פערמאכט זי אויך.

---

רעדט ניט צו פיעל אין אן אנגרייפענדען טאן, דענקענדיג אז מען וועט אייך בעוואונדערן פאר אייער אפענהערציגקייט און מוטה. „וואס אויף דער לונג דאס אויף דער צונג", זאגט דזשערראלד, „איז א לוקסוס וואס האט שוין ניט איינעם רואינירט".

---

אויף א באלל אדער פערוויילונג דארף דער ווירטה אויסמאר־קירן אז ביים טאנצען זאל קיינער ניט אויסענבלייבען אהן א פאארל, כדי קיינער זאל זיך ניט פיהלען בעליידיגט.

---

ווען איהר טהוט עפעס, טהוט עס רוהיג, אהן איילע. לארד טשעסטערפילד, דער העפליכסטער מענש אין איירעפא, האט גע־זאגט: „ווער עס איילט זיך, דער ווייזט, אז די זאך וואס ער טהוט איז צו גרויס פאר איהם".

---

ענטזאגט קיינמאל ניט אנצונעהמען אן ענטשולדיגונג. בלויז איינגהערצינע מענשען טהוען עס. און ווען איהר דארפט זיך ענט־שולדיגען פאר עמיצען, טהוט עס אהן צעגערן.

---

צו דיספוטירען וועגען רעליגיאן איז נאריש. אויף דער וועלט זיינען דא פופצעהן הונדערט מיליאן מענשען, וואס רעדען איבער דריי טויזענד שפראכען און גלויבען אין טויזענדע פערשידענע אמונות. עס איז דעריבער קלאר אז עס איז אונמעגליך אז אלע זאלען קענען הארמאנירען אין אמונה־זאכען.

---

ווען איהר טרעפט עטליכע פריינד מיט אמאל, בעגריסט ניט איינעם ווארעמער און איינעם קעלטער, דאס טהוען אונערצויגענע מענשען.

---

ווערט ניט אונרוהיג און איילט זיך ניט צו געהן, ווען אייער פריינד, מיט וועמען איהר זייט געקומען, וויל נאך פערבלייבען לענ־גער. בלייבט רוהיג צו יעדער צייט און אין יעדען ארט.

---

ווען איהר קומט מבקר חולה זיין א קראנקען, פרעגט זיך ניט נאך, וואס פאר א רפואות ער נעהמט, און ערקלעהרט ניט אז איהר צווייפעלט צו זיי קענען דעם חולה העלפען. זאגט אויך ניט אז איהר ווייסט פון א בעסערן דאקטאר. איבערהויפט גיעט ניט אייערע איי־גענע רפואות, דען איהר זייט ניט געקומען אלס א דאקטאר נור אלס א בעזוכער.

---

ווען ביי אייך זיצען פריינד זאלט איהר קיינמאל ניט קוקען אויפ׳ן זייגער. זיי וועלען דענקען אז איהר זייט גערן זיי זאלען שוין אוועק־געהן.

---

מאכט ניט אויס די צייהן, קראצט ניט אייער קאפ, שנייצט ניט די נאז און רייניגט ניט די נעגעל ווען איהר זיצט צווישען מענשען.

---

ווען איינער מאכט א גרייז, פערריכט איהם ניט פאר אלעמען אין די אויגען. אויך ווען ער גיעט ניט איבער א זאך פינקטליך.

---

א געליהענעם בוך זאלט איהר קיינמאל ניט אוועקלייהען. ווען איהר שיקט איהם אב צום אייגענטהימער שיקט מיט א פאאר ציילען מיט א דאנק.

---

זייט ניט צו פיעל „פאני־בראט" מיט איינעם וואס איהר האט זיך ניט לאנג בעקאנט. אויך היט זיך, ניט צו רופען מענשען ביים ערשטען נאמען. מאנכע מענשען ווילען עס ניט ליידען.

---

פרעגט קיינעם ניט ווי אלט ער איז, סיידען ער איז נאך יונג. מאנכע מענער און פרויען זיינען צו עמפפינדליך אין דעם פרט. צו זיינען זיי גערעכט אדער ניט איז אן אנדער פראגע, אבער זיי האבען א רעכט צו האלטען זייער עלטער בסוד.

---

געהט ניט דורך צווישען צוויי מענשען וואס רעדען צוזאמען. אויך דארפט איהר ניט פערכאפען יענעמס ארט ווען ער הויבט זיך אויף, סיידען איהר זעהט אז ער האט מעהר ניט בדעה זיך צו זעצען.

---

א ליידי וועט ניט א קלאפ טהאן א יונגען־מאן מיט איהר נאז־טיכעל, אדער טרעפען מיט איהר פאכער, אדער זיך אנלעגען אויף זיין אקסעל, אדער איהם גלעטען מיט'ן האנד איבער'ן פלייצע.

---

זוכט ניט צו זיין בעדיענסטליך צו א דאמע וואס האט שוין א קאוואליער.

---

ביי א פערוויילונג דארף דערווירטה זיין דער צערעמאניען־מייס־טער. בלויז ער האט א רעכט צו אויפרופען פיר טאסטען אדער צו זינגען.

---

אין עדלער געזעלשאפט וויים מען ניט פון צונעמענישען.

---

וועז מען דערצעהלט א שפאס לאכט ניט ביז איהר הערט דעם סוף.

---

קומט ניט צווישען מענשען וועז עס הערט זיך ביי אייך פון מויל ציבעלע אָדער קנאָבל. מעהרסטע מענשען קענען עס ניט ליידען. טאַבאַק איז אויך ניט אזא גרויסע מעלה.

---

עסט ניט אויף אינגאַנצען פון אייער טעלער. און ווישט זי ניט אויס מיט ברויט. אויך וועז איהר עסט סוף דארפט איהר די טעלער ניט לאָזען לעדיג.

---

ביי א באָלל דארף א ליידי ניט בעלעסטיגען א יונגען מאַן צו־צוהאַלטען איהרע האַנדשיך, איהר פאַכער און איהרע בלומען בשעת זי טאַנצט, סיידען ער איז איהר מאַן אָדער איהר ברודער.

---

לעגט ניט אוועק אייער האַנד אויפ'ן רוקען פון א שטוהל אויף וועלכען עס זיצט א דאַמע.

---

וועז די בעדיענטע אין א האָטעל זיינען ניט העפליך, בעקלאַגט זיך פאַר'ן ווירטה. וועז איהר גיעט אַן אָרדער צו א דיענער רעדט צו איהם אין א העפליכען טאָן.

---

אויסצובלאָזען סופ אָדער אריינגיסען טהעע אָדער קאַפע אין א שאָל צו אויסקיהלען, איז מען זיך ניט נוהג אין פיינער געזעלשאַפט.

---

מאַכט ניט צו שנעל קיין בעקאַנטשאַפטען.

---

וועז איהר האָט איינעם געטראָפען ביי אייער פריינד אין הויז הייסט עס נאָך ניט אַז איהר זייט מיט איהם בעקאַנט.

---

קינדער דארפען קיינמאָל ניט פערנעהמען די בעסטע שטוהלען אָדער פּלעצער. א קינד דארף זיך ניט זעצען איידער די עלטערע מענשען האָבען זיך צוזעצט.

---

מען דאַרף ניט בעזוכען אַ דאַמע אין דער צייט ווען זי איז פאַר־נומען מיט דער הויזווירטהשאַפט. אַ דאַמע דאַרף בעזוכען אַ מאַן אין זיין אָפפיס נור אין געשעפטס־אַנגעלעגענהייטען.

---

פרעגט זיך ניט נאָך ביי יענעם וועגען זיינע פּערזענליכע אַנ־געלעגענהייטען.

---

עס איז ניט שעהן אַז מאַן און ווייב אָדער חתן־כלה זאָלען טאַנ־צען דעם גאַנצען אָבענד נור צוזאַמען.

---

ווען איהר שרייבט אַ טרויסט־בריעף דאַרף ער זיין קורץ. איהר דאַרפט די ליידענדע ניט ראַטהען זיך צו בויגען צום ווילען פון הימעל.

---

אַ דזשענטעלמאַן דאַרף איבערלאָזען אין האָלל זיין רעגענשירם, קאַלאָשען, מאַנטעל, שטאָק און הוט. ווען דער בעזוך איז אַ פּאַר־מעלער טאָר ער ניט געדויערן מעהר ווי צעהן ביז פופצעהן מינוט.

---

צו אַריבערקוקען איבער יענעמס אַקסעל איז גראָב. עס איז אויך ניט שעהן צו אַריינקוקען אין אייער שכנ'ס צייטונג אין קאַר אָדער אין באַהן.

---

ביכער, בלומען, מוזיק און קאָנפעקטען זיינען די איינציגע זאַכען וואָס מענער און דאַמען, וואָס זיינען ניט קיין קרובים, מעגען זיך גע־בען אַלס מתנות.

---

דאַמען דאַרפען ניט האָבען די געוואָהנהייט צו פערלעגען די הענד איינס אויפ'ן אַנדערן.

---

עס איז גראָב צו פערשרייבען אַ נעבאָרגטען בוך מיט אַ בליי־פעדער.

---

# בילדונג די שענהסטע ציערונג אין געזעלשאפט

## וואס איז בילדונג ? — ווארום עלטערען ווערען ענטוישט פון געבילדעטע קינדער. — צעהן כללים. — קאראקטער בילדונג איז די הויפטזאך.

---

רבי חנינא בן־דוסא אומר : כל שמעשיו מרבים מחכמתו, חכמתו מתקימת ; וכל שחכמתו מרבה ממעשיו אין חכמתו מתקימת. (פרקי אבות, ג׳.)

עס איז די פפליכט פון יעדען יונגען מאן, פון יעדע יונגע מיידעל זיך צו בילדען.

אפילו עלטערע מענשען זיינען פון דעם ניט פטור. עס איז קיינמאל צו שפעט זיך צו לערנען.

מענשען וואס ווילען קומען אין געזעלשאפט דארפען וויסען אז מאניערען אהן בילדונג איז ווי א צילינדער הוט אויף דעם קאפ פון א פערד. דער פערד ווערט פון דעם קיין דזשענטלמאן, נור ער בלייבט א פערד.

ווי פיעל נור א מענש האט די מעגליכקייט זאל ער זיך בילדען. אפילו דער וואס לעזט קיין אנדער שפראך ווי אידיש קען זיך פערשאפען א העכערע גראד בילדונג ווען ער זאל זיך נעהמען צו לעזען פלייסיג אלע גוטע ביכער וואס זיינען דא אין אידיש.

אבער וואס איז בילדונג ? וועלכע לעהרען און וויסענשאפטען געהען אונטער דאס ווארט בילדונג.

אויף דעם ווען מיר זיך בעמיהען צו געבען דא א תשובה.

איין אלטער איד, א בכבוד׳ער בעל הבית, האט זיך פאר דעם שרייבער בעקלאגט מיט דיעזע ווערטער :

זאגט מיר, איך בעט אייך, וואס שרייבט איהר אימער „בילדונג, בילדונג, אידען דארפען זיך בילדען !״ איך האב א מאל אויך שטארק געגלויבט אין בילדונג, און ווייל פאר מיר איז שוין געווען צו שפעט זיך צו בילדען, האב איך אוועקגעגעבען מיינע קינדער צו בילדען. זיי האבען מיר אבגעקאסט אן אייגענס מיט געלד. מיין

גאַנצען פערמעגען האָב איך אויף זיי פערשווענדעט — און וואָס איז דער סוף ?"

דאָ האָט דער אַלטער איד ארויסגעלאָזען אַ לאַנגען זיפץ, און נאָכדעם האָט ער ווייטער געזאָגט :

„איך האָב איין זוהן אַ דאָקטאָר, דער אַנדערער איז אַ לאָיער און מיין טאָכטער איז אַ לעהרערין אין סקוהל. איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, (דאָ האָט דער אַלטער אָנגעהויבען צו רעדען זעהר שטיל) איך האָב זעהר ווענינ נחת פון זיי. געבילדעטע קינדער האַלטען זיך פאַר גאַנצע אריסטאָקראַטען און זיי דערוויטערען זיך פון מיר און עס געהען אַ מאָל אריבער עטליכע מאָנאַטען דאָס זיי קומען מיך אַפילו ניט זעהען. דאַגעגען האָב איך איין זוהן אַ גראָסערי מאַן, ער איז ניט רייך און ארבייט נעבעך שווער און ביטער, אָבער אַזאַ טרייען זוהן איז אין דער וועלט ניט צו געפינען. עס געהט ניט אריבער אַ טאָג דאָס ער זאָל ניט אריינלויפען כאָטש אויף אַ פּאָאָר מינוטען, און פרעגען טאַטע מאַמע וואָס זיי מאַכען. איך האָב אויך נאָך אַ טאָכטער. אין סקוהל איז זי געגאַנגען זעהר שלעכט. זי איז פערהייראטה צו אַ סיילסמאַן און איך האָב פון איהר נחת — צוויי אייניקלאך אזוי ווי גאָלד, ווי בריליאַנטען. מיין גאַנצער פערגעניגען איז צו פערברייננען ביי איהר אַ שבת, אָדער אזוי אַן אבענד".

ער האָט זיך אַ מינוט אָבגערוהט און נאָכדעם האָט ער פאָרטגעזעצט :

„וואָס האָב איך געהאַט פון מיינע קינדער ? די בילדונג האָט זיי פון מיר אָבגעפרעמדט. זיי קוקען אויף מיר ווי אויף אַ מענשען פון אַן אָבגעלעבטער וועלט. זיי שעהמען זיך פּשוט מיט מיר. איך פרעג : איז דאָס בילדונג ? אָט אַזוי פיהרט איבער בילדונג אַ מענשען'ס כאַראַקטער אַז ער וויל זיין אייגענע טאַטע מאַמע ניט קענען ? מיין טאָכטער די לעהרערין איז די עלטערע, זי איז שוין נאָהענט צו שלושים און קען זיך אַלץ קיין שדוך ניט צופּאַסען. טעג און נעכט גיט זי אָפּ פאַר סאָסייעטיס און קלאָבס, און ווען איהר מאַמע איז געווען קראַנק האָט זי קוים געפונען צייט זי צו בעזוכען, אַי, עס איז אַ שאַנדע צו דערצעהלען. זי וואָהנט אין אַ באָרדינג הויז ביי אַ קריסט. וואָס וואָלט איהר דאַכצעך פעהלען ביי מיר ? איך וואָלט דאָך זי געהאַלטען ווי אַן אויג אין קאָפּ ! יעצט פרעג איך אייך

ווידער וואו איז די בילדונג און וואס פאר א גוטעס ברענגט די בילדונג ?"...

די פראגע פון דעם אלטען פאטער וועלען מיר בעאנטווארטען דא אין דיזען בוך און דאס וועט זיין אן אנטווארט צו אנדערע פא־טערס, וואס ליידען אזוי ווי ער.

בילדונג איז יא א גוטע זאך, אבער די וועלט פערשטעהט לײדער ניט וואס ריכטיגע בילדונג איז. די „שבע חכמות", די אלע וויסענ־שאפטען וואס מען לעהרענט אין הויכע שוהלען און אוניווערזיטעטען קענען דעם מענשען ניט מאכען איידעלער, פיינער אדער עהרליכער. מאטהעמאטיק, כימיע, פיזיק און שפראכען קענטעניסע קענען ניט בילדען א מענשען'ס כאראקטער. און כאראקטער־בילדונג קען מען נאר בעקומען דורך א מאראל ערציהונג אין דער יוגענד. עלטערען מאכען א גרויסען טעות ווען זיי מיינען אז אין די הויכע שוהלען און אוניווערזיטעטען לעהרענט מען מענשען צו זיין מענשליך. דארט לעהרענט מען נאר טרוקענע וויסענשאפטען און ווי צו בעהאלטען די געדאנקען אין פרעמדע שפראכען.

די עלטערען דארפען זיך ניט פערלאזען אין גאנצען אויף די קאלעדזשעס און אוניווערזיטעטען. און אויב זיי ווילען אז זייערע קינדער זאלען זיין אויך גוט, א חוץ וואס זיי זיינען קלוג, זאלען די עלטערען זעהען בעזארגען אז די קינדער זאלען האבען א גוטע מאראלע ערציהונג צו הויז. נאך ווען זיי זיינען קינדער דארף מען זיי בעקאנט מאכען מיט דעם וואס איז רעכט און וואס איז אונרעכט, וואס איז שעהן און וואס איז אונווירדיג. נאך אין זייער יוגענד דארף מען זיי געוואוינען צו האבען רעספעקט פאר עלטערע, מיט־לייד פאר שוואכערע און ליעבע פאר קרובים, בעקאנטע און אלע מענשען.

סאקראטעס האט געזאגט: „יענע וועלכע בעזארגען אז זייערע קינדער זאלען זיין גוט אב, אבער פערנאכלעסיגען צו פערבעסערען זייער מאראל יענע טהוען אזוי ווי די וואס קארמענען זייערע פערד מיט כל טוב אבער לעהרנען זיי קיינמאל ווי צו געהן אין שפאן".

און דאס וואס סאקראטעס האט געזאגט מיט 2,400 יאהר צו־ריק האט די מענשהייט ערשט אנגעהויבען צו פערשטעהען. די וועלט האט יעצט אנגעהויבען ביסלעכוויז איינצוזעהען אז זיי האבען ניט

פערשטאנען דעם ריכטיגען צוועק פון בילדונג, און אז די בילדונג פון כאראקטער איז זעהר שטארק פערנאכלעסיגט געווארען. די בעוועגונג פאר א מאראלע בילדונג וואקסט און ווערט שטארקער פון טאג צו טאג.

די בילדונג וואס מען בעקומט פון לעהרנען וויסענשאפט איז נאך קיין פאלקאמענע בילדונג. די אויסבעסערונג פון דעם כאראקטער און די ענטוויקלונג פון אלע שעהנע געפיהלען און זיטען דאס איז די הויפט בילדונג. אט דיזען געדאנק וועל איך פאר אייך אויסלייגען אין פאלגענדע צעהן פאראגראפען, וועלכע זיינען צוזאמענגעשטעלט לויט די ביכער פון פערשיעדענע דענקער:

1. יעדער מענש האט צוויי זארטען בילדונג: די וואס ער בעקומט פון אנדערע און די וואס ער גיט זיך אליין.

2. בילדונג בעשטעהט אין ענטוויקלען די פעהיגקייט צו לעהרנען און צו אונטערשיידען פון גוט ביז שלעכט.

3. דער מאן מיט בילדונג זוכט צו טהאן זיין חלק ארבייט אין דער וועלט, און קען ניט זיצען לעדיג וויסענדיג אז ער קען עפעס אויפטהאן גוטעס.

4. בילדונג גיט אונז די מעגליכקייט צו קריעגען די בעסטע רעזולטאטען פון דער ארבייט וואס מיר טהוען פאר זיך און פאר אנדערע.

5. א גרויסער געבילדעטער מאן איז דער וועמעס קערפער און חושים פאלגען דאס וואס זיין פערשטאנד הייסט.

6. דער העכסטער צוועק פון בילדונג און קולטור איז גייסטיג אויפצוהויבען דעם מענשען, צו ענטוויקלען אין איהם די איידעלסטע געפיהלען, אזוי אז ער זאל זיין ניט נאר קלוג און וויסענשאפטליך אבער אויך גוט־הערציג, טאלעראנט, סימפאטיש און זאל ליעבען זיין קרוב, זיין פריינד און יעדען מענשען ווי זיך אליין.

7. די הויפט ארבייט פון בילדונג איז ארויסצורופען אין דעם מענשען די מאכט צו דענקען, די קראפט זיך צו בעהערשען און דעם חשק צו טהאן גוטע זאכען.

8. דורך בילדונג קענט איהר ניט נור פערבעסערען אייער אייגענע לאגע, אבער אויך די לאגע פון אייער פאמיליע, אייער שטאדט, אייער לאנד און די גאנצע וועלט.

9. בילדונג דארף זיך ניט ענדיגען ווען איהר פערלאָזט די סקוהל אָדער דעם קאלעדזש. די בילדונג פון כאראקטער הערט קיינמאָל ניט אויף.

10. לויט דעם ווי א מענש בענוצט זיך מיט זיין בילדונג קען מען ארויסזעהען זיין כאראקטער.

עלטערען וועלען קיינמאָל ניט חרטה האָבען אויף דעם וואָס זיי האָבען זייערע קינדער געלאָזט בילדען ווען זיי וועלען איינזעהען אז די קינדער האָבען טאקע גענאָסען אן אמת'ע בילדונג און די בילדונג האָט זיי ווירקליך געמאַכט פאר מעהר מענש, מעהר בעלי רחמים און מעהר בעלי צדקה. געדענקט אז בילדונג הערט ניט אויף מיט ענדיגען סקוהל אָדער קאלעדזש. די בילדונג פון כאראקטער איז א לעהרע אויפ'ן גאנצען לעבען.

## העפליכקייט צווישען פריינד

**פאַמיליאַריטעט ברענגט צו פעראַכטונג. — צו פיעל „גוט־ברו־דערשאפט" ברענגט צו שנאה. — גראָבע רייד „בדרך חיבה".**

אפילו צווישען פריינד, חברים, אייגענע גוטע ברידער דארף מען זיין העפליך.

„פאַמיליאַריטי ברידס קאָנטעמפט", זאָגט אן ענגליש שפריכ־וואָרט. עס מיינט אז פאמיליאַריטעט ברענגט צו פעראַכטונג. מענ־שען וואָס ערלויבען זיך צו זיין צו פאמיליאַר, ווערען אונהעפליך און פון דעם גראָב. גראָבע בעהאנדלונג פיהרט שוין צו שנאה.

רעספעקט, געגענזייטיגע העפליכקייט איז די בעסטע שמירה אָב־צוהיטען פריינדשאַפט.

— גוט מאָרגען, לומפ.

— גוט מאָרגען טרעמפ, אהא דו לעבסט נאָך ?

— געוויס לעב איך, ניט פאר דיר געדאכט, פייקער !

— איך בין א פייקער ? אה, דו גנב איינער !

— האסט זיך בעליידיגט ? איך האב דיך אין — — — — —
— און איך האב דיך טיעף אין דער ערד.
— געה צו אלל די שווארץ יאהר ! לאמיר בעסער טרינקען א גלעזעל טהעע.
— אלל רייט. מיר זאלען דערלעבען טרינקען אויף דיין חתונה.
— גיכער אויף דיין לויה !

אט דיעזען געשפרעך האב איך ניט לאנג געהערט פון צוויי יונגע לייט, ניט אין א סאלון און ניט אין א פלאטץ פאר געמבלער, נאר אין א העכסט אנשטענדיגען קלאב. די יונגע לייטע האבען זיך ניט גע־קריעגט, נאר די גראבע בעליידיגונגען וואס זיי האבען אויסגעטהיילט איינע די אנדערע, איז געווען בלשון חיבה, א מין פאמיליאריטעט, און געזאגט געווארען אין גוט־ברודערשאפטליכען טאן.

איך וויל זאגען דיעזע יונגע לייט און נאך פיעלע אנדערע יונגע לייט, אז אזא שפראכע איז גראב, געמיין און בארבאריש. ווען איינער פון זיי בעמיהט זיך אריבער צו שטייגען דעם אנדערען אין שימפפעריי און קללות, אבוואהל פון שפאס וועגען, ברענגט עס צו שלעכטע רעזולטאטען. מען פערליערט איינער פאר דעם אנדערען דעם רעספעקט און די בעסטע פריינד קענען א מאל דורך אזא געגענ־זייטיגען בענעהמען זיך, ווערען די גרעסטע שונאים.

פאמיליאריטעט, צופיעל העפליכקייט, פיהרט צו פעראכטונג. אזוי איז דאס טאקע אין דער ווירקליכקייט, פריהער ווערט פערלארען דער רעספעקט און נאכדעם אויך די פריינדשאפט. א גראבער אויס־דרוק טרעפט א מאל אין דעם ציעל, עס ריהרט אן א שמערצליכע וואונד, א בעהאלטענעם וועהטהאג, און פון דעם קומט ארויס די גרעסטע שנאה.

ווען מען ווערט געוואהנט צו גראבע רייד איז עס שווער נאכ־דעם זיך פון דעם אבצוגעוואהנען. ניט ווילענדיג רעדט זיך ארויס אזעלכע ווערטער פאר פערזאנען, פאר וועלכע מען דארף זיך היטען.

ניט נאר יונגע לייט, נאר אפילו מאנכע עלטערע, סאלידע מענשען זאלצען אונטער זייער געשפרעך מיט אזעלכע ווערטער ווי: יאלד, פארך, מאמזשוק, כיטרער גנב, טרעמפ. אדער זיי גע־ברויכען אזעלכע פראזען ווי: „ברעך דיר דעם קאפ, איך פייף דיר אן, איך הער דיך אין טראק" און עהנליכעס. איך האב איינמאל גע־

הערט ווי צוויי לאַנדסלייטע האָבען זיך „אַרומגעכאַפּט" איינער דעם אַנדערען מיט אַזעלכע ליעבליכע בעגריסונגען. איינער האָט אויסגערופען :

„דאַכצעך אַ לאַנדסמאַן ! אַ כאָלערע זאָל דיך כאַפּען. שוין 5 יאָהר אַז איך האָב דיך ניט געזעהען".

און דער אַנדערער האָט געענטפערט :

„אַ שווארץ יאָהר זאָל דיך צונעהמען. איך האָב דיך קוים דערקענט ! ווי פּיהלסט דו עפּעס, ברודער־לעבען, ווי געהט עס דיר, אַ נכפה אויף דיר !"

עס זיינען דאָ אויך אַמעריקאַניזירטע גראָבהייטען, וואָס מאַנכע יונגע לייט לעהרנען זיך אָב פון דעם פּראָסטען קלאַס אַמעריקאַנער, אָדער ריכטיגער געזאָגט איירישע. פּיעל מאָל וועט איהר הערען פון אידישע יונגע לייט וועלכע שווערען זיך מיט „האָלי דשי !" אָדער פלוכען „גאָד דעם איט !" און מיינען אַז דאָס איז מעשה יענקי.

שווערען און פלוכען איז ניט אַמעריקאַניש, ניט מענשליך, ניט אַנשטענדיג, און אידיש געווים ניט.

נאָך אַ מיאוס'ע געוואָהנהייט איז דאָ ביי אַ סך יונגע לייט צו געבען איינע די אַנדערע „שטעכווערטליך". יעדער זוכט צו חכמה'ענען זיך אויף דעם אַנדערענס פּעהלערען, צו בעליידיגען יענעם מיט אַ שפּאַס, אָדער מיט אַ וויטץ וואָס טרעפט ווי אַ גיפטיגע קול. דאָס איז זעהר אַ שלעכטע געוואָהנהייט, אַ געמיינע געוואָהנהייט, און צייגט ארויס אַ גראָבען כאַראַקטער, איין אונציוויליזירטע פּערזאָן— אַ פּרא אדם.

די בעסטע און נאָהענטסטע פריינדע דאַרפען היטען דעם רעספּעקט איינער פאַר דעם אַנדערען, העפליכקייט העלפּט צו פערשטאַרקען פריינדשאַפט, עס ערוועקט איידעלערע געפיהלען צווישען מענשען, עס מאַכט די פריינדשאַפט פיעל אַנגענעהמער און דויערהאַפטער.

יונגע לייט ! זייט העפליך איינער מיט דעם אַנדערען. געוואָהנט זיך ניט איין צו זאָגען „דו", סיידען צו איין אַלטען יוגענד פריינד. בעגריסט איינער דעם אַנדערען אין אַ בכבוד'ען טאָן. שייקט הענד ווי מענשען און געוואָהנט זיך אָב פון דער גראָבער געוואָהנהייט ווי קלאַפּען אין פּלייצע אָדער אין רוקען. רעספּעקטירט אייער פריינד,

פאָדערט רעספעקט פון אייער פריינד פאַר אייך, ווען איהר וועט רעס־פעקטירען איינע די אַנדערע וועט די וועלט פאַר אייך אויך האָבען רעספעקט.

# נבול פה

## דער אונשולדיגער צווישען די וואוילע יונגען. — רוצחים וואָס מערדערען די אונשולד. —

אין דעם פאָריגען ארטיקעל האָבען מיר בעשפראָכען די מיאוס'ע געוואָהנהייט פון מאַנכע יונגע לייט צו געברויכען גראָבע רייד; יעצט ווילען מיר בעשפרעכען גאַנץ אַנדערע רייד, וואָס זיינען ניט נאָר גראָב און געמיין, נאָר אויך געפעהרליך.

אין אַ קאפע הויז האָט דער שרייבער געזעהען פינף יונגע לייט, אין עלטער פון 20 ביז 30, און אין זייער קאָמפּאַני האָט זיך געפונען אַ יונגער בחור'ל פון אַ יאָהר 16. די עלטערע האָבען איינע די אַנדערע אַמוזירט מיט ציניש׳ע ערצעהלונגען, עקעלהאַפטע געשיכטען, גראָבע וויטצען, וואָס מען קען נאָר הערען אין אַ רוסישע קאַזאַרמע. זיי האָבען דערצעהלט פון פערהייראַטהע פרויען און מיידלאַך וואָס זיי האָבען בעקעהרט צו זייער ווילדע ליידענשאַפט מיט אַלערליי שמד'שטיק. דער יונגער בחור'ל האָט זיך צוגעהערט, צייטענווייז פלעגט אַ רויטקייט בעדעקען זיין געזיכט. ער איז נאָך ניט געווען פערדאָרבען. זיין אונשולד האָט פּראָטעסטירט. און דאָס האָט די יונגע לייט, די „וואוילע יונגען", אונטערגעגעבען מעהר חשק צו רייצען דעם איינגעל און אויפקאָכען זיין אונשולדיגע בלוט.

בנאמנות קען מען שווערען, אז די וואוילע יונגען האָבען דערצעהלט ליגענס, שענדליכע בלאָפס! אַלע מיאוס'ע ערצעהלונגען וואָס זיי האָבען געהערט פון אַנדערע צולאַזענע חברה, האָבען זיי דאָס איבערגעלעגט אויף זיך, כלומר'שט זיי זיינען די העלדען און מיט זיי אַליין האָט די זאַכע געטראָפען.

ווען דער יונגער איינגעל פלעגט ניט אַזוי שטאַרק לאַכען פון זיי־

ערע אויסגעלאסענע המצאות, פלעגען די עלטערע איהם נעהמען „לעהרנען שכל” און איהם מוסר'ען אז ער זאל קיין „יאלד” ניט זיין.

וואס איז דער סוף פון אזא אונשולדיגען אינגעל ווען ער פאלט אריין צווישען אזעלכע פערדארבענע חברה־לייט? די קלאהרקייט פון זיין מח ווערט בעצויגען מיט א וואלקען פון אונרייניגע געדאנקען, אין הארצען הויבט איהם אן צו שלאגען א פרעמדער פולס, און אין זיינע אדערען הויבט זיך אן צו פיהלען איין אונרייניגער פייער, וואס ברענט און קוועלט זיין אונשולדיגע נשמה.

ער האט א שטארקען קאמפף מיט זיך אליין, אבער טאג טעג־ליך פיהלט ער זיך שוואכער. ביי נאכט ווערט איהם פערוואגעלט דער שלאף פון די אויגען. ער שטעהט אויף א מיעדער, א געבראָ־כענער, מיט אונקלאהרע רעיונות. א גאנצען טאג געהט ער ארום א פער'חלום'טער. זיינע אויגען ווערען טונקעל און ער זעהט ניט מעהר די ליכטיגע וועלט אין איהר פולער העללער פראכט ווי א מאל. דען וואס פאר א חן האט די וועלט אהן אונשולד? יענע איידעלע סימפאטיע און הויכער רעספעקט וואס דער אונשולדיגער פיהלט פאר דעם פרויען־געשלעכט, ווערט פערוואנדעלט אין א פערדארבענעם בעגעהר, א יצר הרע. ער זעהט ניט מעהר אין דער פרויענצימער די איידעלע שוועסטער, די טרייע פרוי, די ביז־צום־טוידט איבערגע־בענע מוטער. ניין, זי ווערט אין זיינע אויגען א מין בערוישענדער וויין צו לעשען א דורשט, א שטיק פלייש צו זעטיגען איין אונריי־נעם הונגער. אלעס איז פערלארען ווען די אונשולד איז פערלארען. דער יונגער באי געהט נאך ווייטער און ווייטער אין דעם וועג פון דער־נער און ער זעהט ניט, אז דער מלאך המות געהט איהם ענטקעגען.

דער שעהנער פרעכטיגער בוים וועלכען דער בעשעפער האט גע־פלאנצט אין זיין שעהנעם לעבעדיגען גארטען צו וואכסען און צו בלי־העז און צו טראגען געזונדע פירות, הויבט אן צו דארען און צו פער־דארבען ווערען פאר דער צייט. די ווארצלען און די צווייגען טרי־קענען, די שעהנע בליהונגען וועלקען, די פרוכטען פאלען צו דער ערד איידער זיי ווערען צייטיג און דער שעהנער בלום ווערט פערוויס־טעט און פערניכטעט גאר אין א קורצער צייט, נאך אין זיין יוגענד. דער משל איז קלאהר און דייטליך. האדם עץ השדה. דיעזער בוים איז דער מענש!

ווער קען אויסצעהלען די פיעלע יונגע אָפּפּערס וואָס זיינען גע־פּאַלען אַלס קרבן דורך די „וואוילע יונגען", עלטערע באַנדיטען וואָס האָבען זיי פערפיהרט צו זינד אַזוי ווי ירבעם בן נבט, דער זינדיגער וואָס האָט געזוכט צו פערשלעפּען אַנדערע מענשען אין זיין איינענער בלאָטע.

די וועלט בעשטראָפט מערדער וואָס טוידטען אַ מענשען, אָבער יענע רוצחים וואָס טוידטען אַ נשמה מיט אַ קערפּער צוזאַמען לאָזט די וועלט ארומגעהן פריי.

היט זיך פון די „וואוילע יונגען".

# זאָל אַ פרוי זיך פּוצען?

**פּאַרב און פּוידער. — די קאָרסעטען פראַגע. — די ערקלעהרונגען פון אַ פרוי וואָס איז ניט שעהן. — פרויען וואָס האָבען פיינד פּוטץ. — די ערצעהלונג פון אַ פערהייראַטהען מאַן. זאָל אַ פרוי זיך פּוצען?**

די פראַגע איז: מעג אַ פרוי געברויכען קינסטליכע מיטלען אום אויסצוזעהען שעהנער?

די תשובה איז: ניט זי מעג, נאָר זי דאַרף, זי מוז, עס איז איהר פּפליכט אויסצוזעהען שעהנער און צו העלפען די נאַטור, דאָרט וואו די נאַטור האָט ניט בעוויעזען צו זיין פאָלקאָמען איז די פּפליכט פון דער פרוי צו פערדעקען די פעהלערען פון דער נאַטור.

נאַטירליך, אַלעס דאַרף זיין מיט אַ מאָאָס. פּאַרב, פּוידער זיינען גוט ווען מען געברויכט זיי מיט פערשטאַנד און איבערלייגונג, זיי פערוואַנדלען אָבער דער פרוי אין אַ סטראַשידלע ווען מען געברויכט זיי צופיעל. דאָך, פיעלע פרויען בעפּאַרבען זיך און בעפּודערען זיך אַז זיי זעהען אויס ווי אָבגעקאַכעלט. זיי ווייסען אַז דאָס מאַכט זיי ניט שעהנער, אָבער זיי ווייסען אַז דערמיט רייסען זיי אויף די אויגען פון מענער:

„איך וועל אייך ערקלעהרען", האָט איינמאָל געזאָגט צום שריי־

בער א יונגע ווייבעל פון דעם זארט. „איך בין ניט שעהן, דאס מוז איך צוגעבען. איך בין אבער א פרוי און דארשט נאך אויפמערקזאמ־קייט. ווען איך קלייד מיר זיך אוים איינפאך, אפילו נעט, און לאז מיין פנים אונבעריהרט, קוקט זיך אויף מיר קיינער ניט אום. ווען אבער איך פארב זיך אן גוט, זשאלעווע ניט קיין פודער, און דערצו טהו איך אן א הוט וואס איז דריי מאל אזוי גרוים ווי איך דארף האבען, און פלעכט אוים מיינע האאר אין א גאנץ אונגעוועהנ־ליכען שטייגער, דאן וואלט איהר זעהען ווי די מענער לאזען פון מיר די אויגען ניט אראפ. איך וויים אז איך זעה דאן אוים מיאוס'ער, איך מוז אליין לאכען ווען איך גיעב א קוק אויף זיך אין שפיעגעל, אבער די מענער געפעהלט עס. קום איך אריין אין א קאר, אדער אין א רעסטאראן, אדער אין א טהעאטער, נעהמען זיי פון מיר די אויגען ניט אראב. און דאס געפעהלט זעהר מיין מאן. ווען א ווייב קען געפעהלען זיין פרעמדע מענשען מוז דאך א מאן דענקען אז זי איז ווירקליך שעהן".

איך האב ערווארטעט צו זעהען א שמייכעל אויף דער פרוי'ס ליפען בעת, זי האט דאס גערעדט, אבער זי האט ניט געשמייכעלט. זי איז געווען ערנסט.

אבער, ניט אלע פרויען וואס פוצען זיך אזוי זיינען אזוי אפענ־הערציג וועגען זייערע אבזיכטען.

אויב נאר מיט א מאאס זיינען אלע שעהנהייטס מיטלען א ברכה פאר דער פרוי. ווען צוליעב זארג אדער קראנקהייט האט א פרוי פערלארען א טהייל פון איהר שעהנסטע ציערונג — איהרע האאר — טא ווארום זאל זי זיך ניט העלפען מיט א ביסעל פרעמדע האאר? עס איז איהר פפליכט אויסצוזעהען שעהן, ניט נאר פאר איהר מאן אליין, נאר פאר דער גאנצער וועלט. שעהנע פרויען זיי־נען ווי בלומען אויף דער וועלט. זיי בעלאנגען צו איינעם, אבער אלע האבען ליעב אויף זיי צו קוקען און זיי צו בעוואונדערען. דען וואס וואלט די וועלט געווען אהן דיעזע בלומען? האט א פרוי פערלארען איהר פרישען קאליר, איז דאס געווים ניט איהר שולד. זי האט וואהרשיינליך די נאטירליכע פארב פון איהרע באקען געבראכט אלם קרבן פאר א קינד, אדער מעהר ווי איין קינד. עס איז קיין פער־ברעכען ווען זי בענוצט א קינסטליכען מיטעל וואס גיט איהרע באקען

אַ פריהשקייט, אַ נייעם לעבען. פרויען האָבען געברויכט שעהנהייטס מיטלען נאָך מיט טויזענדער יאָהרען צוריק. זיי זיינען געבוירען מיט דיעזען חשק אויסצובעסערען די נאַטור. אַ קאָרסעט, ווען עס איז נאָר דער ריכטיגער, גוט געמאַכט, פון גוטען שטאָף און וועלכער דריקט ניט צופיעל, איז זאָגאר געזונד צו טראָגען, אַ חוץ וואָס ער גלייכט אוים דעם קערפער, מאַכט די פרוי אויסזעהען שלאַנקער, בעסער פאָרמירט, און גיט איהר צו אַ גרויסען מאָאס חן. עס זיינען דאָ יעצט קאָרסעטען וועלכע זיינען געמאַכט אויף ווימענשאַפט־ליכע פרינציפען, בעקאַנט אַלס „קאַמאַן סענס” קאָרסעטען. עס זיינען דאָ זאָגאר אַזעלכע ספּעציעלע קאָרסעטען פאַר שוואַנגערע פרויען וועל־כע זיי קענען טראָגען אָהן די מינדעסטע געפאַהר.

מיט פערפומע דארף זיך אַ פרוי היטען. עס איז בעסער אויצו־קומען אָהן דעם. אָבער ווען זי מוז געברויכען פערפומע זאָל עס זיין פון זעהר אַ דעליקאַטען זאָרט, אַזאַ וואָס שפּאַרט ניט אין נאָז. שטאַרקע פערפומע איז וואולגאַר און מאַכט אַ שלעכטען איינדרוק אויף מענשען.

די פרוי, אָדער די מיידעל וואָס בעריהמט זיך אַז זי געברויכט ניט קיין שעהנהייטס מיטלען איז ענטוועדער נאַטירליך שעהן, אָדער נאַריש.

אַ פרוי וואָס האָט רעספּעקט פאַר זיך, דארף היטען איהר שעהנ־הייט, און דאָרט וואו זי קען ניט אָבהיטען, זאָל זי זיך ניט שרע־קען פאַר אַ ביסעל פוידער.

פרישע לופט, הויז אַרבייט און אַ גוטע וואַנע העלפט צו פער־היטען די יוגענדליכע שעהנהייט. און פון אַלע מיטלען איז הויז אַר־בייט די שעהנסטע.

עס זיינען דאָ פרויען וואָס בעת זיי טהוען אַ ביסעל אַרבייט איז אַ שרעק אויף זיי אַ קוק צו טהאָן ; די האָאר צו־וואָרפען און פול מיט שטויב און פעדערען, די קליידער צופליקט און פול מיט פלע־קען, דער בוזים אָפען און עס זעהט זיך אַרוים אַ ניט געוואַשענע האַלז. אַ פרוי אין דיעזען צושטאַנד קען קיינמאָל אָנהאַלטען די ליעבע פון אַ מאַן.

אָבער עס זיינען דאָ פרויען וואָס זעהען אוים ביי דער אַרבייט שעהן און חנ'עוודיג גראַדע אַזוי ווי זיי גלענצען אין געזעלשאַפט. די

האָר פון קאָפּ אין בעסטען אָרדנונג און ארומגעבונדען מיט א ריינעם טוך אָלס בעשיצונג געגען שטויב; איבער די קליידער א גרויסער פּארטוך מיט ארבעל וועלכע נעהמט ארום דעם גאנצען קערפּער; אויף די הענד אַן אַלטע פּאָאר האנדשוה וועלכע בעשיטצען די הענד. עס זיינען דאָ פרויען וואָס טראָגען ראָבער האנדשוה ווען זיי וואשען געשיר. דיעזע האנדשוה זיינען שטארק, קאָסטען ניט פיעל, זיי בעשיטצען די הענד, און האלטען די פינגער אין בעסטען אָרדנונג.

יעדע פרוי זאָל האָבען אין זינען אז א מאַן איז א מאַן, און ער וויל אז זיין פרוי זאָל זיך צייגען ריין און שעהן. די פרוי וואָס רעדט זיך איין אז איהר מאַן קעהרט ניט פאר פוץ, אז ער ליעבט איהר אזוי ווי זי איז, פאר איהר טרייהייט, פאר איהר אָרענטליכקייט,— א פרוי וואָס דענקט אזוי איז א נאַר.

מיר וועלען דיעזען קאַפּיטעל ענדיגען מיט אַן ערצעהלונג וואָס מיר האָבען געהאַט פון אַן אינטעליגענטע אידישע ווייבעל.

„ווען איך בין געוועזן א יונגע מיידעל, א יאָהר פערצעהן, אָדער פופצעהן", דערצעהלט די ווייבעל, „האָט אין דער הויז וואו איך האָב געוואָהנט געטראָפען אז א ווייבעל האָט אוועקגעוואָרפען איהר מאַן און איז אנטלאָפען מיט א איטאליענישען בארבער. די ווייבעל איז געוועזן זעהר א שעהנע, אָבער זי האָט געהאַט זעהר א געמיינעם קאראַקטער. זי האָט בעהאנדעלט איהר מאַן ווי א קינד, זי פלעגט איהם געבען קאלטעס עסענס, און שלעכט געקאָכט דערצו, און זי פלעגט איהם ניט צייגען א ברעקעל ליעבע. און דאָך צו דעם גרויסען וואונדער פון אלע שכנים — האָט דער מאַן געפיהלט זעהר אונגליקליך וואָס ער האָט איהר פערלאָרען און ער האָט שטארק גע־בענקט נאָך איהר. אזוי ווי דער מאַן פלעגט אָפט אריינקומען צו מיינע עלטערען אין הויז, און ער איז געוועזן ביי אונז ווי אַן אייגענער מענש, האָב איך איהם גאַנץ אָפען געפרעגט: „וואָרום זאָלט איהר די זאַך נעהמען צום הארצען? איהר דארפט זיך פרעהען וואָס איהר זייט פּטור געוואָרען פון איהר". דער מאַן האָט מיר דאַרויף גאַנץ פריינדליך געענטפערט: „הער צו, מיידעלע, ביזט יעצט נאָך גאָר א יונג קינד און עס שאדט ניט אז דו זאָלסט לעהרנען א לעסאָן. עס איז אמת אז מיין פרוי האָט מיך שלעכט בעהאנדעלט, אָבער זי האָט מיר פערשאפט זעהר פיעל גליק. זי איז געוועזן א פרוי וואָס

האָט אימער געזוכט אויסצוזעהען שעהן, ניט גראָדע פאַר לייטען אין געזעלשאַפט נאָר פאַר מיר אין דער היים אויך. יעדען מאָל וואָס איך פלעג קומען אַ היים פלעג איך זי געפינען אַזוי ווי אַ פרישע בלום, צוגעפוצט אין איהר בעסטענס, נעט און זויבער. עס האָט מיר געמאַכט פריידע בלויז צו קוקען אויף איהר און איך האָב איהר מוחל געוועזן פאַר דעם וואָס דער עסען איז געוועזן קאַלט און קאַרג. אין געזעלשאַפט פלעגט זי זיין מיין שטאָלץ. אַלעס האָב איך איהר מוחל געוועזן פאַר דעם וואָס זי האָט זיך אימער געהאַלטען נעט און אין בעסטען אָרדנונג. און דארום זאָג איך דיר, מיידעלע, אַז דו וועסט אַ מאָל ווערען גרויס, חתונה האָבען און זיין די פרוי פון אַ מאַן, זאָלסטו האָבען אין זינען אַז אַ מאַן וועט זעהר פיעל פערצייהען אַ פרוי וואָס האַלט אויף איהר יוגענד און איהר שעהנהייט, און קליידעט זיך מיט גוטען געשמאַק. געדענק עס און דו וועסט מיך דערמאָהנען צו גוטען".

מיר גלויבען אַז דיזע ערצעהלונג רעדט מעהר ווי הונדערטע אַרטיקלען.

---

# „מעשען" אָדער „פלוירטען"

## דריי זיידענע יונגע לייט. — טשעפּען זיך צו פרעמדע פרויען אַלס אַ „ספּאָרט". — די שטראָף פון אַ „מעשער".

---

„מעשען", אָדער פלוירטען, איז זעהר ניט אַנשטענדיג, און דאָך זיינען דאָ פיעלע מענער וועלכע האַלטען זיך גאַנץ אַנשטענדיג אין געזעלשאַפט, נור זיי ערלויבען זיך אַ „טשעפּע טהאָן" מיט אַן אונבעקאַנטער ווייבעל, אָדער מיידעל וואָס ציהט צו זייער אויפמערקזאַמקייט אין אַ קאַר אָדער אין גאַס.

זיי מיינען אַז ווייל קיינער פון זייערע בעקאַנטע זעהט זיי ניט, איז מעגליך אַז קיינער וועט זיך דערוויסען, און אַז מען כאַפּט איהם ניט ביי דער האַנד איז דאָך דער גנב אַן אָרענטליכער מענש.

יעדער מענש האָט אַ רעכט צו קוקען אויף אַ שעהנער פרוי, (אפילו ווען זי איז ניט זעהר שעהן) און זי בעוואונדערען. ער דאַרף

אָבער קוקען ווי א דזשענטלמאַן, אזוי קוקען אז עס זאָל איהר ניט מאַכען אונבעקוועם, איהר פערשעהמען, אָדער אָנשרעקען. ווינקען מיט די אויגען, שמייכלען אונאויפהערליך אין פנים אריין, מאַכען אַלערליי תנועות און צוציהען איהר אויפמערקזאמקייט איז שוין א פערברעכען. ווער רעדט שוין פון נאָכגעהן און ריידען צו א פרוי אָדער א מיידעל געגען איהר ווילען.

געהענדיג איינמאָל דורך בראָדוויי האָבען מיר געזעהן יונגע לייט, דריי זיידענע יונגע לייט און מיר האָבען געהאַט א געלעגענהייט צו זעהן זייער שלעכטע, סקאַנדאַליעזע אויפפיהרונג. אין איסט בראָדוויי, גרענד סטריט, אָדער קאַנעל סטריט וואָלטען זיי ניט געוואגט דאָס צו טהאָן. אין בראָדוויי זיינען זיי אָבער געווען זיכער, זיי האָבען געמיינט אז קיינער קען זיי ניט.

זיי זיינען ארויס „ספּאָרטעווען"

ווי נור זיי האָבען בעמערקט א יונגע פרויענצימער האָבען זיי צו איהר געמאַכט חנ'דלעך, זיך פערנייגט און מאַנכעס מאָל אראָב־גענומען דעם הוט מיט א פרעכען אָנצוהערעניס. זיי האָבען ניט גע־שוינט אַנשטענדיגע באַלעבאַטישע פרויען און אויך 15, 16 יעהריגע אונשולדיגע מיידלעך.

זיי האָבען דאָס גערעכענט פאַר א „ספּאָרט", „מעשען" אָדער „פלוירטען" רופען דאָס די חברה־לייט. עס איז ביי זיי געווען פאַר־רעכענט פאַר א פערגעניגען צו בעליידיגען די אונשולד פון פרויען, פון מוטערס און שוועסטער.

די אַנשטענדיגע פרויען האָבען ענטוועדער זיי צוגעוואָרפען א בליק פון פעראַכטונג, אָדער זיך געמאַכט ווי ניט זעהענדיג. עס האָבען זיך אויך געפונען פרויען וואָס האָבען זיך אָבגעשטעלט צו ריידען מיט די דריי יונגע לייט. מיין פנים האָט מיר געפלאַמט פאַר שאַנדע צו זעהען מיט וועמען די יונגע לייט שטעהען און ריידען אין דער אָפענער גאַס, זיך ניט קימערענדיג פאַר די מיינונג פון די פאַר־בייגעהענדע.

אָט דיעזע דריי יונגע מענשען שפּיעלען געווים די ראָלע פון זיי־דענע יונגע לייט, קינדער פון פיינע עלטערען וואָס שפּיעלען א שעהנע ראָליע. זיי האָבען מוטערס וואָס זיינען א מוסטער פון אידישע פרויען און שוועסטער וואָס זיינען בעוואוסט פאַר זייער בעשיידענהייט, גוטס־

קייט און אָרענטליכקייט. אָך, ווען די מאַמעס און די שוועסטער וואָלטען זעהען דיעזע יונגע לייט, ווי זיי פיהרען זיך אויף אין מיטען גאַס !

איך גלויב אז ווען איינער פון דיעזע יונגע לייט וואָלט געזעהן אַ פרעמדען מענשען בעליידיגען אויף אַזאַ אופן זיין מוטער אָדער שוועס־טער, וואָלט ער גלייך אויף איהם ארויפגעפאַלען מיט זיין שפּאַציער שטעקעל, אָדער מיט די פויסטען און וואָלט יענעם גוט צובראָכען די ביינער. וואָס וואָלטען געזאָגט די זעלבע יונגע לייט ווען אַ מאַן פון די פרויען, אָדער אַ ברודער פון די שוועסטער וועלכע זיי האָבען בע־ליידיגט אין גאַס, וואָלט זיי געזעהען און וואָלט זיך מיט זיי אָב־רעכנען אויף אַזאַ ארט ?

בעליידיגען אַ פרוי הייסט ניט גראַדע ריידען צו איהר אונאַנ־שטענדיגע ווערטער. מען קען בעליידיגען מיט אַ בליק, מיט אַ נייג, מיט אַ וואונק.

איך האָב געזעהן ווי דיעזע דריי יונגע לייט זיינען נאָכגעגאַנגען אַ יונגע מיידעל, צווישען 17 און 18, וועלכע איז געגאַנגען שנעל, אָהן אַ הוט, די האָאר אַ ביסעל צו־וואָרפען און די אויגען אַ ביסעל צומישט. ווען די מיידעל האָט דערזעהען ווי די יונגע לייט געהען איהר נאָך, האָט זי געמאַכט שנעלע שריט. די יונגע לייט האָבען אָנגעהויבען געהען נאָך שנעלער. זיי האָבען געמיינט אַז די מיידעל קאָקעטירט מיט זיי. די מיידעל איז אריינגעלאָפען אין אַ זייטיגער סטריט און זיך קוים אריינגעכאַפּט אין אַ הויז. די יונגע לייט זיינען געבליעבען שטעהן ביי'ם הויז אַ היבשע ווייל און זיינען אַוועק ענט־טוישט. מיר וואָלטען שווערען אַז די מיידעל איז געלאָפען פון אַן אַפּטייק נעהמען אַ רפואה פאַר אַ קראַנקען טאַטען, אָדער אַ קראַנקע מאַמען און זי האָט קיין צייט געהאַט אָנצוטהאָן אַ הוט. מיר האָבען זי אַליין געזעהען ארויסגעהענדיג פון איין אַפּטייק מיט אַ פלעשעל אין האַנד. אָבער די צולאָזענע יונגע לייט אין זייער בלינדע ווילדקייט האָבען דאָס ניט געזעהען. זיי האָבען געמיינט אַז דער צופאַל האָט זיי צוגעשיקט אַ קרבן.

מיר האָבען געזעהען ווי זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט נעבען אַ פרוי וואָס איז געשטאַנען אויף אַ קאָרנער און געוואַרט אויף אַ קאַר. זיי האָבען זיך ארום איהר ארומגעדרעהט, געהוסט, געוואונקען מיט

די אויגען, עס איז געווען א חרפה אנצוקוקען. די פרוי איז אויך געווען קיין יונגע. זי האט וואהרשיינליך געהאט קינדער אזוי אלט ווי די דריי יונגע לייט. זי האט זיך געפיהלט זעהר ניט בעקוועם און האט זיך געשראקען. ענדליך האט זי בעמערקט אויף דער אנדער זייט א פאליסמאן. זי האט געמאכט א פאאר שריט צו דער זייט וואו דער פאליסמאן איז פערביינעגאנגען. ווען די דריי חברה־לייט האבען דאס דערזעהן האבען זיי זיך אבגעטראגען אין א זייטיגע געסעל, אנט־לאפען ווי פייגלינגע.

דאן האבען מיר זיי פערלארען פון אויג.

דיעזע שענדליכע אויפפיהרונג פון „מעשען" ווערט פראקטיצירט פון א סך יונגע לייט, וועלכע מיינען אז דאס איז א שעהנע ספארט.

מיר ווייסען פון א פאל, ווי א יונגער מאן האט איינמאל בע־קומען א מיאוס'ען פסק. ער איז געגאנגען דורך הענרי סטריט. ארום 12 אוהר ביינאכט. א מיידעל איז פערבייגעגאנגען און האט צו איהם א לייכטען נייג געטהאן מיט'ן קאפ. דער יונגען מאן האט זיך אומ־געקעהרט איז נאכגעגאנגען די מיידעל פון הינטען, האט פאוואלינקע אונטערגעפייפט און „געסיקעט". די מיידעל האט זיך אומגעקעהרט, איז צו איהם צוגעלאפען און אויסגערופען מיט א פלאמענדען פנים:

„וואס איז דער מעהר מיט אייך? איהר דערקענט מיך ניט? איך בין מיסס סא־ענד־סא, די טאכטער פון רעוורענד סא־ענד־סא, מיר האבען זיך בעקאנט אויף אייער שוועסטער'ס חתונה. וואו מיין טאטע איז געווען דער מסדר קידושין".

דער יונגער מאן איז אנטלאפען. די מיידעל איז געווען בארעמ־הערציג און האט די געשיכטע קיינעם ניט דערצעהלט. דער יונגער מאן האט דאס אונז אליין דערצעהלט און געזאגט אז זייט דאן פיהרט ער זיך אויף אנשטענדיג. ער האט אונז ערלויבט דיעזען פאקט צו בע־שרייבען, אום עס זאל דיענען אלס א לעסאן פאר אנדערע.

עס איז איבריג צו פערשפרייטען זיך מיט א לאנגע מוסר־רעדע מיר האבען די פאקטען פארגעלעגט קלאהר און דייטליך.

יונגע לייט קוקט זיך צו אין דיעזען שפיעגעל און אויב איהר זעהט אין דעם זיך אליין, דאן ענדערט אייערע וועגען. ווערט אנ־שטענדיגער, בעליידיגט ניט די עהרע פון אייער שוועסטער!